STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03236

GESHLAYDER

Yisrael Kaplan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל קאפלאן

געשליידער

הוצאת "אילת" תל־אביב

ISRAEL KAPLAN

GESHLAIDER

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
עליזאַבעט און ווילי שאַר־פאַנד
ביים פאַראיין פון יִדישע ליטעראַטן
און זשורנאַליסטן אין ישראל.

©
ישראל קאַפּלאַן / געשליידער

Printed in Israel 1970

נדפס בישראל תש״ל
דפוס רויאל בע״מ, רמת השרון

מיינע נאָענטסטע און טייערסטע
און אומפאַרגעסלעכע
די קרבנות פון אונדזער
פאָלקס־חורבן תש״א־תש״ה
געהייליקט

אין ראַם פון דעם בוך האָט זיך געבעטן אַריינצונעמען אויך זאַכן וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער ערשטער צייט ווי דער מחבר איז אַרויס פון נאַצי־קלעם, נאָך יאָרן געשליידער פון לאַנד צו לאַנד דורך געטאָס, קאַצעטן און טויטן־מאַרש. לאָזט זיך נאָר דעם לייענער אַרויפנעמען אויפן זינען אַ שטימונג אַ דעמאָלטיקע ביי די לעבנגעבליבענע — וועט ער געוויס קוקן דורך אַ באַזונדער פריזמע אויף די יענע בלעטער אין דעם בוך.

א

שער־האריות

שקר והבל

אַ ספר אָן גרייזן

שער־האריות

אַקעגן דער מיזרח־חומה

— ברוך מציל ישראל וגואל ירושלים!

צווישן די פרומע ברכות וואָס רייסן זיך אַרויס פון מיילער און הערצער ביי די אַלט־ירושלימער, וואָס האָבן זיך געטראָפן אויף דעם הר־הזיתים אַקעגן דער חומה, ווערט אויפגענומען מיט אַ באַזונדער דערהער די ווערטער פון דעם גרויען, נידעריקן און ברייטפּלייציקן ייִדן מיטן רבנישן הדרת־פּנים. אין דער ברכה פון אָט דעם תלמיד־חכם האָבן די אַרומיקע טאָקע אַרויסגעפילט ממש די שימחה פון דעם נס גדול אין דער אָקערשטיקער מלחמה — די הצלה פון פאַרטיליקונג, און די גאַנצע ירושלים, די עיר־הקודש, איז אין ייִדישע הענט.

די ייִדן האָלטן זיך שוין צוזאַמען און גייען נאָך פּאַוואָליע דעם אַלטן רב. פון איבער דעם ברייטן און הויכן שטח ווינקען דאָ צו זיי יאָרן בענק־שאַפט פון יעדער זייט און ווינקל, זיי לאָזן זיך אָבער ניט ווייט מיט דעם נחל קידרון און עמק־יהושפט און האַלטן זיך ניט אָפּ ביי דעם קבר־זכריה און ביי די נאָך הייליקע מקומות. איצט זיינען די אויגן געווענדט צו דער מיזרח־חומה, צום הר־הבית, און די מיילער ריידן פון די נפלאות־הבורא, פון דעם פלוצעמדיקן בייט און דעם איבערגאַנג מחושך לאור גדול. דערמאָנט איינער דעם פריִערדיקן מצב־רוח, די שטימונג, אין דער שטוב פון דעם רב אַליין. אין יענע פינצטערע טעג, אַז דאָס לאַנד איז געווען אַרומגערינגלט און באַ־לעגערט פון די שונאים מיט מחנות־מחנות פון אַ חייל כבד, און מיט די מאוימדיקסטע כלי־מלחמה, און מיט דעם איין געשריי פון להשמיד להרוג ולאבד, עוקר זיין מן השורש די מדינת־ישראל מיטן גאַנצן ייִשוב — איז

ער, דער ייִד, געקומען צו דעם גרויסן תּלמיד־חכם און מופלג און זיך ממש געבעטן:

— רב דניאל, אַ וואָרט, זאָגט עפּעס!

האָט אָבער דער אַלטער נאָר געזיפֿצט, געשאָקלט פֿאַרטראַכט מיטן קאָפּ, געהויבן די אויגן און הענט צום הימל און געשעפּטשעט: „אַז יבקע כּשחר אורך‟, אויסברעכן וועט ווי דער פֿרימאָרגן דיין ליכט... „תּשועת השם כּהרף עין‟, די ישועה פֿון גאָט איז מיטן אויגנפּינטל... ניט געקאָנט שוין צוזען דעם צער פֿון דעם אורח ביי זיי אין שטוב, האָט דעמאָלט די רביצין, רב דניאלס ווייב, אַ מורמל געטאָן:

— מען לייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף דאָנערשטיק...

איצט שמייכלט שוין דאָ רב דניאל און האָט זיכער חרטה אויף זיין רוגז דעמאָלט אויף דער פֿרוי. ביים אים אין שטוב איז עס מיט אַן אָוונט פֿריִער געהאַט פֿאַרגעקומען אַן אַסיפֿה וועגן דעם מאָוימדיקן מצב און עס איז גערעדט געוואָרן וועגן גוזר זיין אַ תּענית־ציבור אויף דעם קומענדיקן דאָנערשטיק און וועגן די באַזונדערע תּפֿילות און סליחות, וואָס זאָלן געזאָגט ווערן אין דעם טאָג. דאַרף אַ ייִדענע זיך מישן און שוין אַרויסשיסן!.. היינט איז ער אַליין, דער אַלטער, שוין אויך ריידעוודיק:

— און טאַקע אויפֿן פֿינפֿטן טאָג נאָכן תּענית האָט געגעבן אַ שפּראָץ און איז אויפֿגעגאַנגען די ישועה... איתערותא דלתתא, איתערותא דלעילא; אַז עס איז געקומען די התעוררות דאָ ביי אונדז, האָט מען אויך פֿון אויבן, מן השמים, זיך מתעורר געווען. אויפֿן זיבעטן טאָג זיינען דאָך שוין אחינו בני ישׂראל געווען אין דער אַלטשטאָט, בין החומות, און מתפּלל געווען ביי דעם כּותל־מערבֿי!.. ייִדן, מיר גייען זיך איצט אַזוי און ריידן, און זעען גאָרניט אַז מיר שטייען ביי דעם שער־האַריות, אָט דער שער וואָס דורך אים האָבן זיך עס דאָ־איצט די גיבורי־ישׂראל אַריינגעבראָכן אין דער אַלטשטאָט אַריין און פֿאַרנומען!..

שעהן האָבן היינט די אַלט־ירושלימער געהאַט געשניטערט אויפֿן הר־הזיתים, וואָס איבער נייַנצן יאָר האָט דאָ אַ ייִד ניט געהאַט קיין דריסת־רגל. מבֿולבל זיינען זיי פֿון די אָרונטערגעריסענע מצבֿות און פֿון די צעטראָטענע און חרובֿע קבֿרים פֿון זייערע קרובֿים און פֿון צדיקים און גדולים. זיי צי־

טערן איבער ביי יעדן טראַט, היטן זיך פון שטעלן אַ פוס אויף נאָר אַ סימן קבר און זעען אויסצומיידן די וועגן און שאָסייען, וואָס די אַראַבער האָבן פאַר די לעצטע יאָרן דורכגעפירט אויף דעם שטח. איז גרויס זייער נחמה פון דעם שער־האריות ממש פאַר די אויגן. זיין צעשעדיקטער אויסזען דער־ציילט זיי אויך פון דעם געטראָפענעם פייער דורך די יידישע כוחות בעת זייער דורכברעכן זיך דאָ אין דער אַלטשטאָט אַריין... פאַלט איין אַ יידן מיט אַ רויט־צעפּאָטלטער לאַנגער באָרד צו דערמאָנען דאָ אַ וואָרט וועגן אָט דעם שַער, אַ וואָרט פון דעם פאַרשטאָרבענעם שטאָט־מגיד. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט דער אַלטער ירושלימער דרשן ניט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף דעם גירוש פון די בין־החומות, אויף דעם ווערן פאַרטריבן פון אַלטשטאָט, ווו ער איז געבוירן און צענדליקער־צענדליקער יאָרן געהאַלטן זיינע דרשות. מיט טרערן פלעגט ליאַרעמען דער אַלטער פון דער בימה אין דעם צוזאַ־מענגעקלאַפּטן בית־מדרשל פון זיין פאַרטריבענער עדה:

— אַז מיר זיינען געווען פרום, און די נשים זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן מיט אַרבל ביז די פינגער, זיינען מיר געזעסן אויך אין באַב־אַלחאַטאַ, אָט דער שער־האריות, און ממש לעבן דעם חצר המיקדש. און יעדער ירא־שמים וואָס פלעגט פאַרבייגיין די טויערן פון בית־המיקדש, פלעגט זיך קעגן זיי בוקן !.. האָבן אָבער יידן גענומען ווערן מאָדערנע, און די אַרבל ביי די נשים קירצער — האָט מען אונדז מן השמים אויך געקירצט דעם ווין־שטח, און אונדזער אָרט איז שוין געווען נאָר אין דעם רובע היהודי, אין דעם יידישן פערטל, ווי עס האָט געהייסן... ומוסר לא לקחו, ווי גאָרניט געלערנט, זיינען יידן אַוועק גאָר ווייט, מיט ציוניזם און חלוצים און שוין אויך אַ מדינה, און דער אַרבל פון די נשים איז דאָך דערגאַנגען ממש צו הפקרות — האָט מען אונדז, בעוונותינו הרבים, אַרויסגעטריבן אין גאַנצן פון גן־עדן, פון אַלט־שטאָט, און מיר בלאָנקען אַרום ווי אַבלים און נזופים מחוץ לחומה!

אין זיינע פלאַמיקע דרשות קעגן יעדער מאָדערנער השקפה, און קעגן נאָר אַן אָפּנייג פון אַן אַלטן מינהג, האָט דער אַרבל פון די פרויען געדינט ביי דעם מגיד אָפט ווי אַ מאָס אויף פעסטשטעלן די גאָטספאַרכטיקייט און צניעות ביי יידן. די ירושלימער ווייסן, אַז אָט דער דרשן איז אין זיינע פריס־טע יאָרן געווען קראַנק אויף די אויגן און פלעגט אָפט אַפילו פאַרלירן די

ראיה. ניט געקאָנט האָבן העלפן די גרעסטע דאָקטוירים. צום גליק איז אים צוגעפאַלן אַ פרומע עצה, ער זאָל מקבל זיין אויף זיך ניט צו קוקן אויף ווייבער — און זיין אויגנשיין האָט זיך גענומען קרעפטיקן... שוין עטלעכע יאָר נאָך דער פּטירה פון דעם אַלטן קנאי און מענטשן געדענקען נאָך גוט זיינע דרשות. ניט אַלע אָבער וואָס שטייען דאָ קוויקן זיך מיט דעם איבערגעזאָגטן ווערטל. ניט גאָר צופרידן איז אַ פּנים רב דניאל. איבער זיינע געדיכטע ברעמען גלאַנצן מיט חריפות די לויפיקע קנייטשן און דערציילן פון אַ הויכן שטערן אונטער די ברייטע ראַנדן פון פּליושענעם קאַפּעליוש. פאַלן לאָזט ער נאָר אַ קורצע באַמערקונג:

— די אַרבל פון אַן אישה פּאַסט זיך טאַקע שטענדיק צו זיין וואָס לענגער. אָבער מאריך זיין מיט אַ רעיון איז ניט אַלע מאָל אַזוי נייטיק; אָפט איז גאָר אַ מעלה גדולה אַז מען איז מיט אַ קליפּעלע מקצר...

וואָס דער רב האַלט עס דאָ פאַר איבעריק אין דעם מגידס מוסר — דאַרפן די מענטשן ניט פיל טראַכטן. רב דניאל איז גאָר אַ גרויסער למדן און מפורסם מיט זיינע ספרים. אַ מצוין איז ער שוין געווען אין די ישיבות פון ליטע, ווו ער איז געבוירן, און איז הויך געשטיגן אין דער סלאַבאָדקער ישיבה פון חברון. אין ירושלים איז ער אָבער געוואָרן אַ תלמיד מובהק פון הרב קוק, און געבליבן פון זיינע נאָכגייער. איז שוין קלאָר אַז ציונות איז ביי אים ניט קיין אַפּיקורסות, און ניט יעדער חלוץ איז ביי אים פּסול. און אַפּשיטא שוין אַז אים איז ניט ניחא צו הערן אַ וואָרט פון זילזול קעגן מדינת ישראל!.. דעם צער ממש אויף רב דניאלס פּנים מערקט דער וויסינקער ייִד מיט די לויטערע לעבעדיקע אויגן. ער האַלט זיך אַלץ לעבן רב, און זיינע רייד זיינען שוין מער בפירושע:

— איצט, ביי דער תשועה גדולה ופורקן, אַזאַ ישועה און דערלייז, און טאַקע דורך חיל־ישראל, איז גאָר ניט אַזוי רעכט און אַזוי קלוג איבערצוגעבן יעדן גנאַי־ווערטל וואָס איז געהאַט געפאַלן קעגן דער מדינה אין דעם געברויז פון גאָר אַנדערע טעג, און בפרט נאָך אַז דער דרשן איז שוין היינט אַ שוכן־עפר...

יעקב און דער לייב

ניט געאײַלט זײַנען אַלט־ירושלימער מיט אונטערגעבן זיך אין אַ וויכוח. אין זיך ווייס ער טאַקע, דער ייִד מיט דער רויטער באָרד, אַז איבעריק איז געווען זײַן אַרויספּאָר מיט דעם ווערטל וואָס דער אַלטער מגיד האָט אין אַ דרשה געהאַט געוואָרפן קעגן די ציונים און זייער מאָדערנעם פּיר. הײַנט, ביי דעם גרויסן נצחון פון מדינת ישראל; און דאָ, אויפן אָקערשט פּאַרנור־מענעם הר־הזיתים, און פאַר די אויגן די מיזרח־חומה פון ירושלים!.. האַלט זיך נאָך דער ייִד ביי דעם מגיד און ביי זײַנע רייד וועגן דעם שער־האריות — און גיט אַ קערעווע דעם שמועס אויף אַן אַנדער שטעל פון דער זעלבער דרשה:

— שער־האריות, באַב־אַלחאַטאַ... די צוויי נעמען פלעגט דער גרויסער דרשן ניט אַרויסלאָזן פון זײַן פּה קדוש, און זיי פלעגן זיך ביי אים מישן. אויך דער שער האָט ביי אים געהייסן באַב־אַלחאַטאַ. און טאַקע עד־היום רופן אַן אַ סך ייִדן, און גאָר אַ סך אַראַבער, אַט דעם שער מיט די לייבן — באַב־אַלחאַטאַ, דער טויער פון חטא... וואָס בעצם פאַר אַ סמיכות־הפּרשה האָבן דאָ לייבן מיט זינד?

די קשיה זײַנע פאַרשטאַרקט דער ייִד מיט ברייטע האַנט־באַוועגונגען און מיט זײַן דיקער הויכער שטים, וואָס ציט צו פאַרבייגייענדיקע. באַלד שטייט אויך מיט נייגער אַ קליינע גרופּע זעלנערס מיט רויטע קעפּקעס, וואָס גייען דאָ אַרום מיט זייערן אַן עלטסטן און שטעלן צוזאַמען פעסט די פּונקטן ווו זיי זײַנען דאָ געווען ביים דורכרייסן זיך צום שער און אַרײַנמאַרש אין אַלטשטאָט, און ווו די פאַרווונדעטע האָבן עס אַרײַנגעכאַפּט די קוילן, און ווו די אַנדערע זײַנען געפאַלן... רב דניאל שטייט צווישן זײַנע ייִדן און שאָקלט אונטער אויף זיי מיט זײַן גרויסן גרויען קאָפּ. אַ לייכטער שמייכל טראָגט זיך פון זײַנע דינע ליפּן און ער קוקט אין פּנים אַרײַן זײַנע ידידים מיט אַן אַנוווּנדער. ניט געריכט האָט ער זיך, הייסט עס, צו הערן פון יודעי־ספר אַזאַ פראַגע. דער שער מיט די לייבן פאַר די אויגן זײַנען אָבער ווי גוזר אויף אים, דעם טיפן חריף און בעל־פּילפּול, אַרונטערצולאָזן זיך אַ ווײַלע אין דברי־אגדה:

— אין מדרש, מדרש רבא ויצא, און אין די ביאורים דארט בפירוש... יעקב אָבינו טענהט צו לבנען, אַז פאַר די צוואַנציק יאָר געטריי פּיטערן זיינע שאָף, האָט ער אים געהאַט פאַרהיט פון יעדן שאָדן. „טרפה לא הבאתי אליך, אנוכי אחטנה“, קיין פאַרצוקטע האָב איך דיר ניט געבראַכט, דער חטא איז געפאַלן אויף מיר... געזינדיקט האָט דאָ יעקב קעגן לייב, ווערט דערקלערט אין מדרש. אין אָנבליק פון אַזאַ צדיק האָט דער פאַרצוקער, אויך אָט דער טורף, ניט דערוועגט זיך נענטערן צו דער סטאַדע; אַן אימה און פחד איז געפאַלן אַפילו אויף דעם מלך־החיות! זיינען פאַר די צוואַנציק יאָר אויס־געגאַנגען פון הונגער איין לייב נאָכן אַנדערן, גאַנצע פיר לייבן... גאָט איז דאָך אָבער דער מכין מזון לכל בריותיו, ער פאַרגרייט שפּייז פאַר אַלע זיינע באַשעפענישן, און די אַכילה פאַרן לייב איז געוויס פון השם־יתברך געווען באַשטימט פון אָט דער סטאַדע, פון לבנס שאָף. הייסט עס, אַז ער, יעקב, איז דאָ געווען דער מיכשול, דער שטער קעגן דעם סדר־העולם און די דרכי־הבורא. און כדי מכפּר צו זיין אויף אָט דעם חטא האָט עס יעקב אָנגעזאָגט אויסצוקריצן אויף דעם שער לעבן הר־הבית די פיר לייבן. זיינען די לייבן אויף דעם שער טאַקע פאַרבונדן מיט אַ חטא; שער־האריות און באַב־אַלחאַטאַ מיינען איין און דעם זעלבן שער, היינו הך.

די אַלט־ירושלימער, ווי זיי וואָלטן אויף זייער לעבן ניט געהאַט געווען ביי דעם שער. זייערע אויגן קאָנען זיך ניט אָנזעטיקן פון די לייבן מיט זייער פאָדערשטער אויסגעשטרעקטער לאַפּע, וואָס שלידערן מיט בראַנדז אין דער שטאַרקער זומערזון. זיי ציילן איין מאָל און נאָך אַ מאָל; צו צוויי פון יעדער זייט; טאַקע פיר לייבן!.. פון מתיקות שרייט אויס איינער:

— רב דניאל, ירושלים קלינגט מיט אייערע הפלאדיקע חילוקים אין די האַרבסטע סוגיות; איר זייט דאָך אויך דער בקי גדול אין מדרשים. אַזאַ מוראדיקער הסבר!

אַ צווייטער ייד גייט אין זיין התפעלות נאָך ווייטער און טיפער:

— יעקב אָבינו, די גדלות זיינע! אין זיין חשבון־הנפש פאַרגעסט ער אויך ניט דעם לייב; ניט גערוט האָט ער וועגן דער חיה־רעה און זיין חטא מפרסם געווען לדור־דורות. אַזאַ מדרגה!

ניט אַלע וואָס שטייען דערביי באַנעמען בשלימות די רייד פון דעם רב מיט זיינע מענטשן. אַנדערע פון די נייגעריקע האָבן זיך שוין ניט איין מאָל געהאַט אָנגעטראָפן אויף די ייִדן. אין די שבת־טעג, ביים פאַרבייפאָרן זייערע שכונות, לאָזן ניט אָט די און שטערן אַפילו מיט כּוח. אַ דאָקטער קוקט אָן דעם רויטן מיט דער צעפּאַטלטער באָרד און דערמאָנט זיך די דע־מאָנסטראַציע קעגן פּאַלמעסן מתים וואָס איז ניט לאַנג פאַרגעקומען לעבן זיין שפּיטאָל, און אָט דער איז עס געווען דער גאַנצער טאָנגעבער...

דער אָנפירער פון די זעלנערס וואַרפט בליקן אַלץ אויפן רב. פאַר זיינע אויגן אַ בית־מדרש אַ גרויסער אין שערי־חסד, אָט די לומדישע שכונה פון ירושלים. זומער אָן אָוונט גייט ער דאָרט איין מאָל צופעליק פאַרביי, און ער הערט אַ שרייעריי, אַ געאַמפּער. פון די פענצטער טראָגן זיך קולות קלינגעוו־דיקע און הייזעריקע, אַלטע און ייִנגערע, עקשנותדיקע און ווייניקער־איינגע־שפּאַרטע. האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אינעווייניק און זיך אָוועקגעזעצט ביי דער טיר אין אַ טונקעלן ווינקל. די קאַפּאָטעס אויסגעטאָן און אין הוילע טלית־קטנס, זיצן ייִדן אין דער חמימה ביי אָפענע גמרות פון ביידע זייטן אַ לאַנגן טיש — און קאָנען ניט צו רעכט קומען. איינער האָט נאָך ניט גע־ענדיקט זיין קשיה, שרייט אַריין אַ צווייטער, גאָר מיט אַ רוסישן צומיש: „פּשט ניע זנאַיעש, קשיה פּיטאַיעש; אַ מענטש ווייס ניט דעם פּשוטן פּשט, טאַנצט ער אַריין מיט אַ קשיה!..", און ער פּרייכט שוין אַרויס, דער ביי־סיקער בר־פּלוגתא, מיט זיינעם אַ פּירוש אין דער סוגיה וואָס ווערט דאָ געלערנט, אַ פּירוש אַ געדריידלטער און געקוועטשטער. בלייבט אים באַלד ניט שולדיק דער ערשטער, דער מַקשן, און שלאָגט אויף צוריק, און אויך אין אַ גראַם: „מיט אָן עם־הארצישן פּשט — איז אַלץ פאַרענטפערט און גלאַט. הערט נאָר אַ המצאה פון אַ קיילעכדיקן קאָפּ, כּולו קרום, כּולו סתּי־רה, אַז קיין ברעקל שכל־הישר!.." אין דער צעהיצטער פּלוגתא פאַלט איין נאָך איינעם, אַ דריטן, אָפּצופרעגן די קשיה פון ערשטן — מיט אַ צווייטער קשיה, גאָר אַ נייער. זיין אָפּשניט איז שוין באַזונדער האַרב. אַ שפּאַר פון אַלע זייטן מיט פעפּרדיקן דערווידער: „פּלוידער!.. אַ פלאַקסענער מוח... נעבעך געהאַט אַ שלעכטן מלמד".. און אָט איינער מיט אַ קוויטש: „אַ קשיה אַ פּאַדעשווע... טאַקע ווי אויסגעהאַמערט אויף אַ שוסטערשן קאַפּול"...

— בעט מחילה !.. אַזוי מבייש צו זיין !.. — מוסרן קולות דעם קוויטשי־קן, משמעות פאַרן אַנווינקען אַ מענטשן אויף ניט־געהויבענעם יחוס.

אַ לייכטער באַוועג און קאַפּשאַקל אויבן־אָן מאַכט אין איין אויגנבליק שטיל דעם עולם ביים טיש. דער רבי אַליין פון דער חברה ש"ס, וואָס איז דער פאַרזאָגער פון דעם בלאַט גמרא, איז זיך די גאַנצע צייט געזעסן ווי אַן אַ זייט, אַן אויער זיינס אַנגענייגט צו די קולות און קוויקט זיך מיט די מוחות וואָס שלייפן זיך, קלייבן פונאַנדער די סוגיה, טייטשן אַריין און גרונטעוועון זיך... און אָט זעט ער שוין — אַז גענוג. מיטן ריידן צעשאָקלען זיך אַלץ האַפּטיקער זיין דיקלעכער גוף און די שפּיציקע יאַרמלקע איבער דעם גרוי־סן קאָפּ מיטן הויכן שטערן. ער וואַרפט מיט מאמרים און מפרשים, ראשונים און אחרונים... און ווי נאָר געענדיקט, צעאָטעמען זיך אַזוי פריי די מענט־שן. אויסגעשעפּט ווי נאָך אַ האַרטער ביטערער שלאַכט, וואַקלען זיך קעפּ און זוכן אַן אָנשפּאַר אָן טיש, און די אויגן — שטראַלן מיט אַ הימלישער חדווה. אויסגעשריענע שטימען קוויקן זיך אַטחיהט:

— ויהי אור !.. ליכטיק און לויכטיק די סוגיה !.. רב דניאל, רב דניאל, די חריפות און בקיאות !.. פולע קעשענעס מיט תוספותן !..

שטייט איצט מיט זיינע חיילים דער אַנפירער אין דער ברענענדיקער זון ביי דעם שער־האריות. ער קוקט אויף דעם זעלבן רב דניאל און הערט דאָ זיין הסבר וועגן די לייבן און די מעשה מיט יעקבן. צופרידענע בליקן, מערקט ער, וואַרפן זיך פון די זייטיקע צוהערערס צום רב, און עטלעכע פון זיין גרופּע פינטלען קאָמפּלימענטיש צו אים, דעם אַנפירער, פאַר דעם קור־יאָז וואָס ער האָט זיי דאָ צוגעשאַרט... דערוועקט זיך באַלד אין אים דער מומחה אין היסטאָריע און געאָגראַפיע און אַרכעאָלאָגיע, אַחוץ אין טכסיסי־מלחמה — און עס רייסט זיך פון אים דאָ אַ וואָרט:

— דער אָ דורכגאַנג אין שטאָט אַריין האָט אַ מאָל געהייסן שער־השב־טים; דורך אים זאָלן עס האָבן די שבטים פון צפון עולה־רגל געווען קיין ירושלים... די איצטיקע חומה אַרום אַלטשטאָט איז אויפגעבויט דורך אַ טערקישן סולטאַן סך־הכול צוריק מיט אַ יאָר פיר הונדערט דרייסיק; און די לייבן אויף דעם שער, איז עפּעס אַ לעגענדע מיט אַ חלום פון דעם זעלבן סולטאַן... טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט אָט דער שער־האריות מיט אַ העלד

פון דער פרי־ביבלישער עפּאָכע, גאָר מיט יעקבן ?..

— יַעקב אָבינו, וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דעם אָרט ?.. — פאַר־לויפט מיט אַ תשובה די רויטע באָרד — אויף אָט דעם הר־המוריה איז שוין געווען דער זיידע פון יעקבן, אברהם אָבינו, און יצחק אָבינו, יעקבס טאַטע. דאָ איז דאָך געווען די עקדה !.. און דאָ האָט דאָך יעקב גענעכטיקט, און אין זיין חלום געזען דעם סולם מוצב ארצה, דעם לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל ; און גאָט האָט עס אים גע־זאָגט אַז דאָס אָרט איז געגעבן פאַר אים און זיינע קינדער ; און יעקב האָט פעסטגעשטעלט אַז דאָ איז דער בית־אלוקים און שער־השמים, דער טויער פון הימל און אָרט פון בית־המקדש, וואָס איז געוואָרן די געטלעכע היים פון אים מיט זיינע קינדער, — די בית־חיינו, דאָס האַרץ פון אונדזער קיום... אָדון, האָט שוין דער מקום יע אַ שייכות מיט אייער „העלד פון דער פרי־ביבלישער עפּאָכע" ?.. בעוונותינו הרבים איז די פראַגע דאָ גאָר אַן אַנדערע : וואָס פאַר אַ שייכות מיט דעם אָרט האָט אַזאַ כופר און אַן אַן־ביבלישער העלד ?

קאַלט און געדולדיק הערט אויס דער אָנפירער און שטיקט זיין איראָ־נישן שמייכל אין די פאַרקוועטשטע ליפּן און איינגעצויגענע באַקן. פון אַן אייגל טראָגט זיך אַ ווונק מיט אויטאָריטעט צו די מענטשן פון זיין גרופּע, און בליקן־בליקן זיינע לויפן איבער די קעפּ פון די בערדיקע ייִדן און שוועבן אַרויף, צו דעם הויכן מאַסיוו פון הר־הזיתים, צו דעם אוניווערסיטעט, אין די מידבר־הימלען... באַזאַכט נעמט ער ריידן :

— די שייכות צום תנך און צו דער ארץ־התנך ווערט ניט באַשטימט דווקא מיט איין מאָס. אַחוץ דער געטרייקייט צו יעדן שפּאַן פון אָט דעם באָדן, גרונטעוועט מיר זיך אין אונדזער גאַנצן עבר דאָ ; מיר שטודירן יעדן אות פון דעם ספר־הספרים, פאָרשן נאָך יעדן נאָמען וואָס ווערט אין אים דער־מאָנט, נאָך יעדן מקום, בעל־חי, צמח, כלי... ווער וויס עס ניט פון די מצדה־אויסגראָבונגען ? און בית־שערים, חצור ? און די מגילות גנוזות !

— אַוודאי — האַלט ניט אויס נאָך אַ ייִד און ער קוקט שוין אויף דעם אָנפירער מער מיט רחמים ווי מיט צאָרן — איר פאַלט דאָך כורעים פאַר אַן אויסגעגראָבענעם שטיינדל און שערבל, און פלאַפּלט נאָך אַז די וועלט

איז שוין אַלט מיליאָנען יאָרן; און נאָר אַ משונהדיקער בייז, איז ווידער אַ באַווייז אַז דער מענטש שטאַמט פון אַ מאַלפּע. טאַקע ווי די מאַלפּעס זיינען זיי, אַט די חכמים ונבונים; קרימען נאָך די אַלע סאָרטן ביבל־קריטיקערס, די משנאי השם, און מען פראַוועט אַ נייע בריאת־העולם!.. און אַט ערגעץ אין אַ הייל פאַרפוילטע פאַרמעטן פון עפּעס אַ כת; צאַלט מען אָפּ אוצרות פאַר דער מציאה, און מען לאָבט זיך שוין מיט שפּאָגל נייע „טעקסטן״ פון ביבל!

ואתם בני יעקב

מיט אַ קרום אויג אויך אויף רב דניאלן קוקט ניט איינער פון די אייגענע ייִדן וואָס שטייען מיט אים. ער שווייגט! אַ וואָרט האָט ער ניט געזאָגט דעם אָנפירער; ער מיט זיין שאַרפן מוח קען דאָך אַזאַ איינעם געבן די גאָר גע־העריקע תשובה, אַזוי ראַיעל צעקלאַפּן!.. איז שוין אָבער אַזוי געווען די התנהגות פון זיין רבין, הרב קוק, צו באַציִען זיך צו די כופרים און פושעי־יש־ראל ווי צו קינדער וואָס פאַרשטיפן זיך, און מיט געדולד און אהבה וואַרטן אויף זייער קומען צום שכל־הישר. גייען מיט דעם אַ דרך אויך די מעריצים זיינע, די „קוקאָווקעס״, און פישטשען נאָך מיט זייער אהבת־ישראל... גאָר אַנ־דערש באַנעמט רב דניאלס שוויגן דער וויסינקער ייִד וואָס קלאַמערט זיך אַזוי לעבן אים. ער, דער אַלטיטשקער, האָט אויך עגמת־נפש פון דעם וויכוח, וואָס האָט זיך דערקייקלט צו האַסטיקע און שטעכיקע רייד. כאַפּט ער זיך צו דעם גאָר פריִערדיקן שמועס, צו דער זעקסטאָגיקער מלחמה — און איז שוין אין התלהבות:

— אַזאַ נס! אַז מיר זיינען נאָך גאָרניט בכוח מרגיש צו זיין די גאולת־ירושלים, די גאַנצע שטאָט אונדזערע!.. אין דער עיר־הקודש בין איך דאָך געבוירן, און אַ לעבן אַלץ געהאַט געגאַנגען דורך דעם שער, דעם שער־האריות, און ניט איין מאָל מיט סכנות, פון די צוררים... היינט פּרי אָבער דורכ־געגאַנגען, גיט זיך מיר, אין טויער, אַ צי די האַנט צו דער וואַנט — און זוכט אַ מזוזה! געדענקט ווער, אַז אין דעם שער איז ווען געווען אַ מזוזה? די גויִים

וואָלטן עס דערלאָזן ?.. „על מזוזות ביתך ובשעריך‟, אַ מזוזה זאָל זיין אויף די ביישטידלען פון דיין הויז און אויף די טויערן דיינע; „דיינע‟, פסקנט דער דין, אַז די טויערן זיינען דיינע, אין דיין רשות. די האַנט אַליין האָט שוין היינט געגעבן דעם זאָג, אַז דער שער־האריות איז דיינער, אין ייִדישע הענט — איז דאָ אַ חיוב אין אַ מזוזה, און מ׳דאַרף אַ קוש טאָן!

— און טאַקע קובע זיין די מזוזה וואָס פריִער; אין אַזאַ רשות־הרבים איז דאָך דער מיכשול אין לשער! — גיט זיך אַ ווענד דער רויטער ייִד צו רב דניאלן, און לאָזט שוין ניט דורך דעם אָנפירער מיט זיינע מענטשן — זיי שמייכלען אונטער, די „אויפגעקלערטע‟. מעגן זיי זיך טאַקע גוט צוהערן. ביי אונדז אין ירושלים זיינען אין די בתי־אונגערן דאָ פאַר איין קורצער צייט געשטאָרבן פון האַרץ־אַטאַקעס דריי מענטשן, און נאָך גאַנץ יונגע. ביי אַזאַ פּורעניות וויסן די מאָדערנע נאָר פון מעדיצינישע דיאַגנאָזן, און מען פאַל־מעסט נאָך מער... אונדזערע ייִדן האָבן אָבער אויך אָן אַנדער תרופה, אַ מיטל טאַקע אַ גאַנץ אַלטער, אָבער שוין איין מאָל תכליתדיק; בדוק ומנוסה! דער עולם האָט גענומען זיך מפשפש זיין אין זייערע מעשים, איבערטראַכטן און אַקאָרשט גוט נאָכזוכן דעם חטא וואָס האָט עס גורם געווען דעם אומגליק. איז געקומען די ריי פון בודק זיין די מזוזות אויך אין די טויערן פון דער שכונה. ווייזט זיך אַרויס, אַז פון די זעקס טויערן זיינען אין פינף געווען די מזוזות פסולע; און גלייך אין דער ערשטער מזוזה האָט זיך דערזען אַ לאָך אין דער פרשה פון שמע ישראל, אין דעם וואָרט „לבבך‟!.. רב דניאל, איר ווייסט שוין זיכער טאָן וועגן אַ מזוזה אין דעם שער!

מיטן ווינטעלע פון איבער די בערגהייכן פילט רב דניאל אַז איצט שיקט זיך עס שוין צו לאָזן פאַלן אויך אַ מילד וואָרט. די קאָכיקע ווערטער, מערקט ער גוט, האָבן דאָ אַריינגעבראַכט די אַרומיקע גאָר אין אַ היטערקייט, און די מעשה מיט דער מזוזה קלינגט זיי אַ פּנים ניט מער ווי אַ ליצנות. און אָט רירן זיך שוין די זעלנערס צום גיין אונטער אַזעלכענע קנאותדיקע העוויות פון ניט איינעם פון די ייִדן דאָ מיט אים! בלוי צאַפּלען זיך די אָדערלעך אין דעם רבס בלאַסער האַנט וואָס ציט זיך באַטראַכט באָרד־אַרויף, פאַר־נעמט זיך לענג־אויס דעם וויטאָגדיקן פנים מיט די דורכדרינגענדיקע אויגן, הייבט דעם ראַנד פון פּליושענעם קאַפּעליוש און גלעט און דריקט דעם ברייַ־

טן שטערן. לאַנג קען שוין ניט רב דניאל איבערטראַכטן און איבערוועגן די ווערטער וואָס ער וויל דאָ זאָגן. הייבט ער אָן מיט אַ שטאַמל:

— אַ פּסול אין דעם לבבך פון שמע ישראל... גאַנץ אָפּט איז אויך ניט קיין קליינער פּגם אין לבבך, אין דעם ייִדנס האַרץ, וואָס האַלט נאָר אין זוכן אַ פּסול אין ישראל, אין יעדן אַנדערן, און אַפּשיטא שוין אין דעם כּלל ישראל. בפירוש, גאַרניט אַזוי כּשר... און מזוזות אין די טויערן פון אונדזער ירושלים וועלן זיכער זיין, און בפרט נאָך אין דעם שער, דעם שער־האריות — זה השער!.. און ייִדן וועלן די מזוזות קושן. און אויך אָט די וואָס שטייען דאָ מיט אונדז; און זייערע קינדער אַוודאי און אַוודאי. „ואתם בני יעקב לא כליתם”. זאָגט דער נביא, איר די קינדער פון יעקב וועט ניט פאַרלענדט ווערן...

אַ פּאָר לאַנגע מוסקלדיקע אָרעמס גיבן זיך אַ שטרעק־אויס צו רב דניאלן, נעמען אַריין אין זייערע ברייטע הענט זיינע ביידע עלנבויגנס, דריקן זיי און טרייסלען מיט הייס־שלאָגנדיקן פּולס... דער אָנפירער ציט ווייטער זיין וועג, בענטערט זיך מיט זיינע זעלנערס צום שער־האריות, ווייזט ווידער, דערמאָנט און רעדט פון זייער קאַמף דאָ אויף יעדן שפּאַן און פון זייער דורכבראָך דורך אָט דעם שער און פון זייער אַריינדרינג און באַצווינגען דעם גאַנצן שטח פון די בין־החומות מיט דעם מקום פון בית־המיקדש און דעם כּותל־מערבי!..

פאַרגאַפט קוקט רב דניאל. זיינע בליקן ציִנדן זיך איבער די אויסגעהאַקטע לייבן און איבער די מענטשן. דורכן שער לאָזן זיי זיך; ווי שטראָם זייענען אין גאַנג אויך די פאַרוווּנדטע!.. שטראַלט־אויף רב דניאל מיט ווידער אַ הסבר וועגן אָט דעם שער. שוין אָבער ניט פון אַ מאָל דערציילן די אַריות, די לייבן. מיט רמזים פייערדיקע בליצן זיי וועגן אָט די בני־יעקב.

שקר והבל

וואָס עלטער דאָס פערד

פון כל־טוב האָט רב משולם שדכן אין זיין קליין ביכעלע. ניט אומזיסט איז ער באַרימט פון גאולה ביז בית־ישראל, אָט אין די אַלטע פרומע שכונות פון ירושלים. בלעטעל פאַר בלעטל מישט ער שפּילעוודיק מיט זיינע דינע, בייגעוודיקע פינגער, פאַרגעלטע פון טאַבאַק, און לייענט אַרויס פאַר אפרים זרחן וועגן בתולות שטאַלטיקע, בליִענדיקע, וואָס לויכטן מיט זייער חן. און אָט איינע גאָר אַ יפת־תואר!... אַז דער בחור איז שוין פעסטער אַריינגעצויגן, גיט זיך אַ בייט מיט אַ מאָל ביים שדכן דער טאָן:

— שקר החן והבל היופי. נאַריש גאָר צו ריידן פון אַזעלכענע „מעלות" מיט אַ בן־תורה און ירא־שמים...

דאָס טאַנצנדיקע סיגאַרעטל ביי דעם יידן פאַרקוועטשט זיך צווישן די אָפּגערונדטע ליפּן און מיטן שטאַרקן צי נעמט זיין אויג לויפן געניט איבער דעם בלאַסן פּנים, געבויגענעם רוקן און אָפּגעלאָזענעם גאַנג פון דעם ישי־בה־בחור. די האַנט זיינע טוט אַ פאַל אויף דער באַמבלדיקער פּאה וואָס פלאַנטערט זיך אַוועק אויף אַרונטער מיט דער רויטער צעשויבערטער באָרד. דער סיגאַרעטן־רויך צעוואַרפט זיך איבער זיין קנייטשנדיקן שטערן און צעשוויצטן פליושענעם קאַפּעליוש, און מיט אַ טיפן מיש אין ביכעלע איז ער שוין ביי אַ בלעטל וויט־וויט:

— אָט האָב איך אַ בת־טובים, אַן אמתע צנועה!

— זאָל שוין דאָ מיינע איבערגיין — פלאַקערן ביים בחור די בעקעלעך און ער נעמט וויזן מיט אַלע פינגער אויף די איבערגעקערטע בלעטלעך — גיט מיר דאָ טאַקע פון די שקר־והבל...

„וואָס עלטער דאָס פערד, אַלץ שווערער אים נעמען פון שטאַל"... — שמייכלט רב משולם און סאַפּעט ביי יעדן טראָט אויף זיין צוריקוועגס. ווי זיי בריקעווען זיך, די פאַרזעסענע בחורים, ביי יעדן שידוך. תמיד זיינען זיי זיכער אַז מען וויל זיי פאַרנאַרן !.. קוים עס איז אים היינט געלונגען אַ רייד צו טאָן מיט דעם אפרים זרחן, וואָס מיידט בכלל אויס שדכנים און איז שוין שטאַרק איבער צוואַנציק. פון ישיבה, און אַזוי מענטשן, האָט מען עס אים געגנוג אונטערגעטריבן צו דעם שמועס. דאָס זאָל אָבער זיין וואָס ווייטער פון דער שכונה, איז באַלד געווען דעם בחורס תנאי. האָט ער אים געשלעפּט דורך די געסלעך פון שכונת הבוכאַרים, ווו מען קען זיי ביידן ניט און מען פאַרשטייט ניט זייער יִדיש. ביי רחוב שמואל הנביא האָט ער אים פאַרפירט אויף שטעגלעך, וואָס ליגן שוין ביי דער גרענעץ־ליניע און גרויס איז דאָרט די סכנה פון די אַראַבער.

און דאָך איז רב משולמען אַ וווּנדער, אַ חידוש גדול. דער אפרים זרח איז אַ ליטוואַק, און דאָ אין ירושלים לערנט ער אויך אין אַ ליטווישער ישי־בה, ווו די תלמידים גייען אָנגעטאָן געווייינטלעך קורץ, „אייראָפּעיִש". ער איז אָבער דאָרט פון די יחידים וואָס טראָגן דווקא אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש, און באָרד און פאות ווערן חלילה ניט אָנגערירט פון אַ שער — אַלץ ווי ביים אַלטן יִשוב. איז ער שוין געוויס ניט פון די וואָס קענען זיך בלאָ־יודעים אַריינכאַפּן אין אַ קינאָ, אַ טעאַטער, אָדער אַזוי קריכן אין מאָדערנע פאַרוויילונגס־ערטער... און דער בחור שמט טאַקע פאַר באמת אַ פרומען. די דביקות זיינע ביים דאַווענען ! ער וויס נאָר די גמרא, זאָגט מען אויף אים ; אין הוויות העולם זאָל ער האָבן אַ קנאַפּן מושג. אַחוץ די שבתים וואָס ער גייט אויך אַרויס צו דער מלחמת־מיצווה, קעגן די וואָס פאָרן אין רשות־הרבים און זיינען מחלל דעם הייליקן טאָג, זעט מען אים אין דער וואָכן כמעט ניט איבער די גאַסן. איז אים קשה דאָ צו פאַרשטיין, רב משול־מען : פון וואַנען גאָר די גאַנצע השגה ביי אַזאַ ווענן שיינקייט ? היינט דער טאָן זיינער ווי אַ מומחה, עפּעס מעשה חברה־מאַן !... דערצו איז ער אַ יתום אַ קיילעכדיקער פון פריִער יוגנט, און די קרובים אָרעמע, און אָן באַ־זונדערן יִחוס. וואָרפט זיך אויך אַזאַ ביי אַ שידוך, און טרעף אים צו אין ריידן !..

ניט געקענט באַנעמען וועגן אפרים זרחן האָבן אויך די ווייבער אין שכונה. פאַר נאַכט האָט זיך שוין דאָ געטראָגן אַ רייד פון איין שטיינטרעפּל צום אַנדערן, לענג־אויס די הייזער וואָס פלעכטן זיך איינס אין צווייטן און רופן זיך „וואַגאָנעס מיט שונאים”. אין די וואַגאָנעס קען מען זיך ניט נאָר אַריינקוקן איינערביים צווייטן און מען ווייס אַלץ וואָס ביי יענעם; אויך וועגן דעם שמועס מיטן שדכן, וואָס איז פאָרגעקומען העט וויט פון דאַנען. האָט זיך אַ ייִדענע צעקרעכצט:

— בן־גוריון!.. נאָר דער וואָס אין הימל ווייס, צו וואָס ער וועט נאָך דערפירן...

ניט ווייניק פון די ווייבער געדענקען נאָך די טערקישע הערשער, און גזירות איז מען אויסגעשטאַנען אויך פון די ענגלענדער. בן־גוריונס האָנט זעט מען אָבער אין זאַכן גאָר אָן אַ שיעור. לענגער האָט מען שוין אַפילו גע־האַט געהערט, אַז ער האָט פאַרלאָזן זיין שטול און איז אַוועק ערגעץ אין נגב. שפּעטער אַ ביסל האָט מען דערציילט, אַז ער איז צוריק אין ירושלים, און ווידער הערט מען אַז ער וועט שוין ניט זיין. אַנדערע ווילן אַפילו האָבן, אַז אין די נייע חוקים און גזירות שטעקט אויך אַ כּנסת, און אָן עיריה, אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג, און אַז אין דער מדינה פאַרנעמען זיך מיט געזעצן און פאַר־אָרדענונגען אויך נאָך שרים און פקידים מיט פאַרשיידענע נעמען און טיטלען. אין די אַלע מעשיות זיך פונאַנדערקלייבן, איז אָבער נאָר אָן עסק פאַר פּאָלי־טיקאַנטן מיט די פרייע קעפּ. די ווייבער פירן דאָ זייער חשבון:

— דעם חצר רייניקן הייסט שוין בן־גוריון יעדן טאָג, און די מיסט־קעסטלעך מוזן זיין פעסט צוגעדעקט, צוליב די מייז. די פּאָרציעס שמן אָבער האָט ער יענע וואָך שוין פאַרקלענערט, אפילו אויך פאַר דעם קינ־דער־צוטייל... און די מודדים וואָס ער האָט געשיקט און זיי דרייען זיך דאָ אַרום מיט די כּלים זייערע און מעסטן די געסלעך, — וועט שוין זיין מיסים אויף כּבישים... אין די חדרים באַפעלט ער שוין צו לערנען דיקדוק און חש־בון, בן־גוריון. דערפון הייבט זיך דאָך אָן!... האָבן מיר דערלעבט, אַז בחו־רימלעך פון גאולה און מאה־שערים ווייסן שוין כלומרשט ניט דעם וועג צו דער שכונה פון שערי־חסד; וויפל מאָל פאַרבלאָנדזשען זיי נעבעך גאָר דורך דעם וועלדל פון מצלבה. די שמעקעוודיקע לופט דאָרט און די פּאַר־

לעך מיט זייערע ליבקעס... און אָט אַזאַ אפרים זרח, וואָס דרייט אַזוי אַוועק די אויגן פון נשים און גייט ניט אויף זייער זייט, ער אויך איז שוין איינגע־שטודירט, אַז חתונה האָבן איז נאָר דורך אַ ראָמאַן!...

אַן אתרוג

מיט אפרים זרחן גופא האָט פּאַרפּירט אַ ברייטערן שמועס דער ראש־ישיבה, שוין געווען אַ שטיק נאָך מעריב. צעוואָרפן איבער דעם אויס־געליידיקטן ישיבה־זאַל, האָבן זיך נאָר בחורים יחידים געשאָקלט מיד איבער די גמרות און צוגעזונגען מיט טענער מאַטע און לעצטע. אפרים זרח האָט געזוכט אין מהרש״א און געפּרוווט אויך אַ בלעטער טאָן אין פּני יהושע, כדי נאָר ניט בלייבן שטעקן ענדע טאָג מיט אַ האַרבן תוספות. בעתן פּאַרטיפן זיך האָט איבער אַ קינבאַק זיינעם און האַלדז גענומען גיין אַ שטעכיקער און קיצלדיקער גלעט. אַ הייב אויף דעם קאָפּ, דערזעט ער איבער זיך די צעוואָק־סענע באָרד פון אַלטן רבין און זיינע געדיכטע ברעמען. באַלד איז ער טאַקע אַרויסגעהאָלפן געוואָרן מיט דעם תוספות. אַזוי קורץ און קלאָר האָט אים דער גרויסער תלמיד־חכם פּאַרענטפערט, און שוין זיך אַנידערגעזעצט מיט אַ ליבשאַפט לעבן אים. מענין לענין איז ער אַרויפגעקומען אויף די היינטיקע צייטן און מכוח די בחורים וואָס לאָזן זיך אויף מאָדערנע דרכים, די נאַרישע און סכנותדיקע. ביים קלייבן זיך אַ כלה, גייט גאָר אָן דער צד החיצוני, איר גוף, זי זאָל זיין אַ יפת־תואר.

— יופי... מ׳קלייבט עס אַן אתרוג ?.. ביי דער מיצווה פון ארבעה מינים אויף סוכות, איז אין דער תורה בפירוש אָנגעזאָגט : ולקחתם פרי עץ הדר ; נעמען זאָל מען אַ מהודר, אַ פּראַכט. און וואָס טוט טאַקע ניט דער ירא וחרד אויף קריגן דעם שיינעם אתרוג !

אין די וויטערדיקע רייד הערט שוין אויך אפרים זרח וועגן דער בת־טובים, וואָס דער שדכן האָט עס אים מרמז געווען. דאָס מיידל, ווייס ער, האָט מען שוין געהאַט געשדכנט ניט מיט איין ישיבה־בחור און עס קומט אַלץ ניט אַרויס, דער עיקר צוליב איר שטאַרק ניט־שיינעם אויסזען. די טאָכטער איז

זי פון דעם קאָוונער מגיד, וואָס וווינט שוין לענגער אין ירושלים און איז דאָ אַן עסקן ביי די רבנים־פּליטים. פּרוווט באַלד אפרים זרח זיין אַ חולק אויף דעם עצם קוק פון ראש־ישיבה:

— די גמרא זאָגט דאָך, אַז אישה נאה, אַ פרוי אַ שיינע, איז פון די גע־ציילטע זאַכן וואָס מרחיבין דעתו של אָדם, ברענגען דעם מענטשן צו אַ גו־טער שטימונג...

— אישה נאָה, וואָס חז״ל זאָגן, איז ביי דיר סתם אַ שיינע; פּשוט, יופי...

— קרעכצט אָפּ דער אַלטער און זיין גרויער קאָפּ צעשאָקלט זיך מיט אַ באַ־דויער איבער אפרים זרחן — ביסטו, הייסט עס, מער חכם פון שלמה המלך, דעם חכם מכל האדם, און וואָס האָט געהאַט ניסיון מיט אלף נשים. ער זאָגט בפירוש: שקר החן והבל היופי! און מ׳דערציילט דאָך טאַקע פון די היינטיקע נשים מיט זייערע קאָסמעטיקעס, וואָס דאָ זיינען זיי בלאָנדינעס און דאָ שוין ברונעטעס... הער נאָר אַן אָפּטייטש — קען זיך דער רבי ניט באַרויקן — אַז מען דאַרף גאָרניט זיין קיין גרויסער למדן צו וויסן, אַז דער „נאה" דאָ ביי אַ ווייב, מיינט שיינקייט אין מעשים טובים, אין מידות טובות. און אַזאַ איז זי געוויס, די בתולה, וואָס וועגן איר איז דאָ די רייד... די עלטערע בחורים, די משונהדיקע תפיסה זייערע אין ענין שידוכים!... ווי הייליק די רייד: עד עשרים שנה, ביז צוואַנציק יאָר, יושב הקדוש־ברוך־הוא ומצפה לאדם, קוקט זיך גאָט צו צום מענטשן און וואַרט, מתי ישא אישה, ווען וועט ער נעמען אַ ווייב; כיוון שהגיע עשרים ולא נשא, אַז ער איז צוואַנציק, און ניט גענומען, אומר, זאָגט הקדוש־ברוך־הוא: תיפח עצמותיו, אַ רוח אים אין די ביינער... טאָ וואָס איז שוין פון אַזוינע „עופּעלעך" צו דערוואַרטן!

אפרים זרח האָט שוין אָבער אַ פּנים אויסגעאַרבעט פאַר זיך זיינע פעס־טע כללים אין הילכות אַ שידוך. כאַפּט ער זיך אָן ביי די זעלבע רייד פון רבין און גייט אויך מיטן פּשטלדיקן וועג:

— אַן אתרוג, טאַקע אַן אתרוג... מען זוכט און מען קלייבט אַ וואָס שענערן, ווייל אין פּסוק ווערט געזאָגט: ולקחתם פרי עץ הדר. איז ביי חתונה האָבן זאָגט זיך אויך אין די פּסוקים: כי יקח איש אישה. ולקחתם, כי יקח;ביידע ווערטער פון זעלבן לשון. לאָזט זיך טאַקע דאָ אַרויסלער־נען אַ גזירה־שווה, מאַכן אַ פאַרגלייך: אָט ווי אַן אתרוג איז אַ מיצווה

זיך אויסצווזוכן אַ פּראַכט, אַ מהודר, אַזוי אויך אַן אישה... און מען קאָן דאָ אַפילו מאַכן אַ קל־וחומר. מה דאָך ביי אַן אתרוג, וואָס איז נאָר אויף די זיבן טעג סוכות, איז יופי אַ גרויסער עיקר, די שיינקייט, אַפשיטא שוין אַ ווייב, וואָס דער מענטש נעמט אויף דעם גאַנצן לעבן!..

— אפרים זרח, דו פלוידערסט, און דו פאַרקריכסט סתם אין ליצנות, אין הבל הבלים! — רעדט שוין דער אַלטער מיט קפּידה. באַלד אָבער גיבן אַ שטראַל זיינע אויגן מיט שמייכלדיקן איינפאַל — און שאַ, אַדרבה, טאַקע־טאַקע אַן אתרוג!.. ביים קלייבן אָט די פרי פאַרלאָזן זיך דאָך ניט די גרויסע מהדרין אויף זייער היילן אויג. מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז באַ־טראַכטן זיי פון אַלע זייטן און זוכן נאָר אַ פּגימה. קומט אַזאַ קונה אָנהייב אלול און נעמט מיט זיין גלאָז בראַקירן איין אתרוג נאָכן צווייטן, איז גרייט דער סוחר צו ווייזן אים נאָך און נאָך. צו סוכות איז דאָך נאָך ווייט און דער קונה האָט געננוג צייט אַרומצונישטערן אין אַנדערע פאַרקויפשטעלן. אויך אַרום ראש־השנה און אַפילו באַלד נאָך יום־כיפור מוז דער סוחר האָבן גע־דולד פאַר אָט די שטרענגע מבינים און בראַקירערס... ווי איז אָבער אַז ערב סוכות פאַרנאַכט, באַלד ליכטבענטשן, באַווייזט זיך אַ קונה מיט אַ פאַרגרע־סער־גלאָז? אָט איצט לייג אים פאַר די שענסטע אתרוגים זיך אויסצוקליי־בן... צום חוזק און שפּאָט איז דאָך אַזאַ איינער; און ער מוז זיך שוין פרייען מיט נאָר וואָס מען גיט אים אַריין... אפרים זרח, ביי דיר איז דאָך שוין אויך אָט־אָט די שקיעה; דער יונגיטשקער וואָס דו ביסט! טאָ וואָס איז דיין בריקעווען זיך און דאָס זוכן כל המעלות ביי אַ כלה?

איבערגעשפּאַרט און צעקלאַפּט, פּרווט זיך אפרים זרח נאָך אַרויס־העלפן:

— יעקב אבינו. ער האָט דאָך אַזוי פיל געדינט פאַר רחלען, ווייל זי איז געווען אַ יפת־תואר און יפת־מראה. און ווי חז״ל מאַכן אַ חשבון, איז ער שוין ביים ברונעם, בעת ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, געווען ווייט ניט יונג... און פון שיינע פרויען ווערט דערציילט אויף וויפל תנאים און אַמוראים...

— שוין ווידער אַ קרומע המצאה! — האַקט אָפּ בייז דער ראש־ישיבה — וואָס קאָנען מיר וויסן די כוונות פון יעקב אבינו, און אַפילו פון די חכמי־

התלמוד? אַט די פאַרגלייכונגען זיינען שוין פון די הייגטיקע: משה רבינו און יהושע בן־נון, עזרא און נחמיה און בן־גוריון!.. יעקב אבינו! די אַזוי דייטלעכע ווערטער אָבער פון דעם איש תם וויל מען שוין גאָרניט געדענקען. געוווּנטשן האָט ער זיך, יעקב, נאָר „לחם לאכול ובגד ללבוש", ברויט צום עסן און אַ בגד אָנצוטאָן. וואָס פאַרלאַנגען אָבער די בחורים פון ישיבה? אַ דירה ביי אַ שידוך, בראַקירן זיי שוין אויך מיט די בתי־וואַרשע. לחם הקלוקל הייסט ביי זיי דער אויסהאַלט וואָס קומט פון אַ כולל. דער זעלבער חוזק ווי ביי די ציוניסטן און אַנדערע כופרים, בעוונותינו הרבים. דערפאַר זיינען אָבער כשר בתכלית הכשרות די „גייסטלעכע" שטעלעס ביי דער מדינה, און פון אונדזער ישיבה האָבן מיר שוין אויך פּת־בּגניקעס...

פּת־בּג, ווייס אפרים זרח, הייסט אין תנ"ך מלוכישע ברויט, אָדער לע־קעריי פון קעניגליכן טיש. צילט עס דאָ דער רבי קעגן די וואָס גייען אויף די רבנישע שטעלעס ביי דער מדינה, ביי בן־גוריונען, וואָס די ראָשי־תיבות פון זיין נאָמען איז ב"ג... אפרים זרח אַליין טראַכט אָבער אויך ניט צו בלייבן לערנען אין אַ כולל און אויסקומען מיט דער אָרעמער קיצבה, — וואַרפט ער אַריין:

— אַ בחור איז וואָס אַנדערש, מיט אַ פאַמיליע איז שווער זיך דורכ־צולעבן...

— ניט אַזוינע רייד האָב איך פון דיר דערוואַרט!... — וויל שוין גאָר ניט הערן דער רבי — אַט די תירוצים און נאָך ענלעכע מעשיות זיינען אַ פועל־יוצא פון חולשה; בערג שווערקייטן וואַקסן דאָך באַלד אויס נאָר ביי אַ ניסיון אין לעבן. מען קען דעם יצר־הרע, אוי קען מען אים!.. עשירות זוכט מען. און ביי אַ שידוך צעהוליעט זיך גאָר דער שטן המרקד. דאָ האָט ער אַ גוטן מאַרק אָנצורייצן דעם יונגן מענטשן, דערוועקן אין אים אַ תאווה צו די תענוגות פון עולם־הזה... יאָ, די בחורים זוכן אויך באַלד עשירות. צניי־עות פון דער כלה, און פון וואָס פאַר אַ שטוב זי קומט אַרויס, גייט שוין גאָרניט אָן. ווי ניטאָ גאָר דער מאמר „לעולם ידבק אדם בטובים", אַ מענטש זאָל נעמען אַ פרוי נאָר פון אַ גוטער פאַמיליע. און רבי עקיבא! איזה עשיר, וואָס הייסט אַ רייכער, פרעגט דער גרויסער תנא, און ער ענטפערט: כל

שיש לו אישה נאה במעשים, דער וואָס האָט אַ פרוי אַ שיינע אין מעשים־טובים...

ניטאָ שוין קיין סימן פון קפדנות אין דעם אָנבליק פון ראש־ישיבה. אַ וואַרעמע איבערלייגטקייט שטראַלט פון זיין פּאַרמעט־פּנים; קלוג פינקלען די אויגן; און מיט דיביידע אַדערדיקע הענט דריקט ער ליבלעך אַ האַנט פון אפרים־זרחן. אַזוי צוגעלאָזן איז ער ממשיך:

— אַחוץ טאַקע די מעלות־טובות פון דער בתולה אַליין, שטאַמט דאָך איר גאַנצע משפחה פון גאונים און גדולים. דער טאַטע אַזאַ דרשן און איז מפורסם מיט זיין ספר „במתי ארץ". מגיד און רב איז ער געווען אין באַרימטע ליטווישע קהילות. אויך אין ירושלים איז ער אָנגעקומען. און וואָס שייך חיונה, ציט ער דאָך יניקה פון עטלעכע מקורות. ווער קאָנען זיינער אָן איידעם זיך פיין דורכלעבן, אויך אָן אַ כולל... דערצו נאָך איז דאָס מיידל ביי אים דאָס לעצטע קינד, און ער נעמט אַריין דעם באַשערטן צו זיך. און די דירה אַזאַ רחבות, און מיט זכיות ניט ווייניקער ווי אין די בתי־וואַרשע, וואָס פון וואַרשעווער כולל. ניט סתם ברויט און אַ ווינקל; דאָ איז אַ שידוך מיט אַזאַ אַריינקומעניש!.. דער קאָוונער מגיד קאָן פאַר זיין טאָכטער קריגן דעם אמתן למדן, און אַ ראוי לחופּה ביסטו שוין ניט פון היינט. טאָ וואָס איז מיט דיר די גדלות!..

אייגן ווינקל

לאַנג בלייבט אפרים זרח אויף זיין אָרט נאָך דעם שמועס מיטן ראש־ישיבה. ווערטער וואָס דער אַלטער האָט אַ וואָרף געטאָן ווי פון דער זייט, אגב אורחא, — דווקא די האָבן אים באַזונדער צערירט. דער זאָג וועגן ברויט און אַ ווינקל צעשאָקלט דעם בחור טיף דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן און פאַרטראָגט אים אַזש קיין ווילנע. אויף יידישער גאַס אין הויף פון רב לייב־לייזער האָט ער זיך געהאָדעוועט. פון זייער קעלערשטיבל דאָרט שיקט אים די מאַמע מיט אַ טעפּל ברענגען הערינג־ראָסל. ווי יעדן מאָל גייט ער צו שרה־מלכהן די הערינגניצע, וואָס נאַרט קיין מאָל ניט אָפּ אין מאָס. פאַר די

צווײ גראָשן שעפּט זי דעם ראָסל אין טון פון צווישן די פּעטע הערינג, וואָס האָבן אים אַזוי געגעבן אַ צי דאָס האַרץ און קאָסטן אָבער זייער טייער. איר מעסטעלע ווערט פול ווי אַן אויג, און זי דערגיסט נאָך אַ ביסל, אַז אַלע אין שטוב זאָלן טאַקע קאָנען טונקען צו זאַט די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל. צו לאַנג האָט ער אָבער דאָס מאָל געלאָזן וואַרטן די מענטשן ביים טיש, און די מאַמע קומט אים אַנטקעגן און באַמערקט ווי זיין פינגערל שפּאַצירט פון טאָפּ צום מויל... איר אויפגערעגטער קול הילכט אים דאָ אין פּוסטן און האַלב־טונקעלן ישיבה־זאַל:

— עס אַרט מיר דאָס ביסל ראָסל? פאַר וואָס זאָל אָבער אַ קינד האָבן אַ טריפהנעם האַלדז!

און ווידער זעט ער די מאַמען און הערט איר שטים. אין בית־ישראל, די דערבייַיקע שכונה דאָ אין ירושלים, זיצט די מאַמע שיבעה. מענטשן קומען אַריין און באַדויערן וואָס דער טאַטע איז יונג געשטאָרבן, און טרייסטן וואָס ער האָט דאָך זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל, לעבן דאָ ביי אַ האַלב יאָר און ווערן ניקבר אויפן הר־הזיתים. אַ זכות איז אויך געווען וואָס זיי איז אין ווילנע צוגעפאַלן אַ ירושה און געהאַט אויף הוצאות־הדרך און אויף אַ ביסל זיך דאָ איינאָרדענען... ער באַמערקט אויך ווי אַנדערע קוקן לאַנג אויף דער מאַמעס בלאַסן פּנים מיט די אויסגעטאַרטשעטע אויגן, שושקען זיך פון דער ווייטן, און נעמען אויך שטיל ריידן מיט איר און ווייזן עפּעס אויף אים, דעם זיבן־יאָריקן יתום. די מאַמע אָבער צעכליפּעט זיך:

— טאַקע דאָס געלט אויסגערונען, און קיין גרויסער גיבור בין איך ווייט ניט... כל זמן איך קאָן נאָך אָבער האָבן דאָס שטיקל ברויט און אַן אייגענעם ווינקל, גיב איך ניט אָפּ אין קיין מוסד דעם קינד, וואָס איז מיר געבליבן פון זעקס...

וואָס ברויט באַטייט — נעמען זיך האַסטיק באַוועגן די שאָטנס פון אָפּ־רים זרחן איבער די ישיבה־ווענט — וואָס די מאַמע מיינט, האָט ער שוין גוט געהאַט געוווּסט פון קליינוויז. אַן אייגענער ווינקל וואָס הייסט, — האָט ער גענומען פילן, ווען נאָך געציילטע חדשים איז שוין ניט געווען אויך די מאַמע. פאַרגעסן קאָן ער ניט די קאַלירטע שטיינדלעך און קונציקע קלעצ־לעך, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון ווילנע, און אין בית־יתומים זיינען זיי

ביי אים פון קעסטל באַלד ניט געוואָרן. שותפים דאָרט אויף אַלץ, און אויפ־זעערס אויף יעדן טראָט. אַפילו אונטער דער דעקע זיך ניט אויסצוויינען. ניט איין מאָל האָט ער זיך פונעם מוסד געהאַט אַרויסגעגנבעט און דורך געסעלעך געלאָפן צו זייער דירה. פרעמדע אויגן פלעגן אים אָבער פון דאָרטן פאַר־טרייבן.

ווי דער אַלטער רבי האָט אַן אויג אויף אַלץ! אַ שרעק פאַר הונגער, טאַקע גאָר אַ טיפע, נעסטיקט פון קינדווייז אין אים, אפרים זרחן, און שטאַרק איז אין אים דער באַגער צו האָבן אַן אייגענעם ווינקל. אויך אין דעם אינ־טערנאַט דאָ ביי דער גרויסע ישיבה, שטייען אין דער קאַנורע ווו ער שלאָפט נאָך פינף בעטן צו זיין בעט. און געוויס זיינען פון דעם אַלטן ניט פאַרבאָרגן די אַלע השתדלותן זיינע וועגן אַ צימער אַ בעסערן און גרעסערן... מער ווי איין מאָל האָט אָבער דער רבי אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט רחבות, און האָט אויך גערעדט וועגן דער רדיפה נאָך עשירות, און דערביי מרמז געווען אויף ניסיונות אין לעבן. זאָל ער פון אים, דעם תלמיד זיינעם, וויסן נאָך מער ?..

ווי נאָר ער איז אַריבער, אפרים זרח, אין פערטן שיעור, וואָס נאָר מצוינים שטייגן דאָ אין ישיבה אַזוי הויך, האָבן זיך אויך אַרום אים אָנגע־הויבן דרייען די גרויסע שדכנים און אַזוי חשובע ייִדן וואָס זוכן זיך איידעמס למדנים. ער האָט אָבער מיט קיינעם פון די ניט געוואָלט ריידן. און איין פרי־מאָרגן לאָזט ער זיך קיין תל־אביב. אַ טאָג אַ גאַנצן האָט אים געטראָגן אי־בער גאַסן פון דעם רייכן כרך. אין אָוונט איז ער אַריינגעקומען צו זיינעם אַ קרוב, וואָס איז דאָרט אַ שמש אין אַ גרויסן בית־מדרש. די מענטשן אין שטוב דערפרייען זיך מיט אים און בעטן צום טיש. דער פאַרטראַכטער און ווייטער פלאַן, וואָס האָט אים אין יענעם טאָג געגעבן אַזאַ אימפּעט, צעשאָ־קלט גאָר שטאַרק אויך איצט אין ישיבה זיין לופטיקן קערפער. דער גראָ־בער פינגער פון איין האַנט נעמט זיך חקירהדיק דרייען קעגן דעם גראָבן פינגער פון דער צווייטער האַנט, און מיטן זעלבן גמרא־ניגון ווי דעמאָלט אין תל־אביבביים טיש, וואַרפט ער אַרויס חידושדיק זיין דאָרטיקע קשיה:

— הייזער אַזעלכע גרויסע דאָ אין תל־אביב, און געוויס מיט דירות רחבותדיקע... אין ירושלים דערציילט מען זיך אָן פון די עשירים מופלגים

דאָ ביי איך, אַז זיי זיינען אַזעלכע נדבנים, און אויך פרומע. האָבן זיי שוין גאָרניט קיין טעכטער ?..

אַן איבערראשנדיקער שמייכל שפּרינגט אויף איבער די פּנימער אין שטוב. איינגעהאַלטן און מיטפּיליק נעמט אים דער קלוגער שמש מסביר זיין :

— טעכטער זיינען געוויס דאָ. און גבירים פרומע אין תל־אביב פעלן אפשר אויך ניט. די הייזער זייערע און נדן וואַרטן אָבער אויף אַן אדיב־יריב־חביב, אָט די אַלערליי מאָדערנע „חבובים" מיט די הייגטיקע נעמען, וואָס אויך די בנות־טובים, די טעכטער פון גאָר־גאָר פרומע, גייען אויס פאַר זיי... אַנשטאָט צו וואַרפן זיך אויף די הייזער, וואָלסטו געדאַרפט פריער אַ פרווו טאָן און אויסריידן אַ פּאָר ווערטער מיט איינער אַזאַ בת־מלכה. נאָר פרווון !.. די קוקן דאָך אויף אַ ישיבה־בחור, און נאָך מיטן ירושלימער הילוך, ווי אויף אַ בטלן און פּרא־אָדם. וואָס, דיין יִדישער ווער איז דען זייערער ? איך וווּנדער זיך אויף דיר, אפרים זרח !

— דו שאַצסט דיך איבער — האָט באַלד צוגעגעבן די באַלעבאָסטע מיט אַ רחמנות־פּנים — ביי אַ שידוך טאָן זאָל מיט דיר, אפרים זרח, נאָר ניט געשען ווי מיט יענע אַנגעיחסנטע בחורים, וואָס נאָך דעם זאָגט מען אויף זיי : געקליבן און געקליבן, און אַריינגעכאַפּט דעם ווערעמדיקן אַרבעס...

שפּעטער אַ ווײַלע, אַז ער האָט זיך דאָרט אין שטוב געזעצט עסן, איז צווישן די יונגערע אַוועק אַ שושקעריי און איבערוווּנק. אַ זון האָט זיך צו־געזעצט גאָר נאָענט און נעמט אים שדכנען מיט „גאַנצע צוויי ריזיקע הייזער". די כלה, זאָגט ער, „כאַפּט דאָ זיין אפילו ניט טאָפּלט עלטער פון חתן, און נאָר איין פוס איז ביי איר עפּעס ניט אַזוי". באַלד פאַלט אַריין אַ טאָכ־טער :

— אַ קאַץ האַלטן אין שטוב וועט מען אָבער ניט טאָרן...

אַ געלעכטער ברעכט אויס אַרום אים. אַז די ווייב איז אַ מיאוסע, ווייס ער די הלצה, זאָל מען אין שטוב ניט האַלטן קיין קאַץ, מחמת זי פאַרצוקט דאָך מיאוסקייטן...

פול נאָך מיט בושה און חרטה, צעזינגט זיך אפרים זרח מיט אַ מוסר־ניגון איינער אַליין שפּעט אין דער נאַכט אין ישיבה. גוט געטאָן האָט ער טאַקע יענעם אָוונט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרלאָזט דאָס הויז פון קרוב מיט

גאַנץ תל־אביב און באַלד געווען צוריק אין זיין ירושלים. אויף צוריקוועגס איז ער עס געקומען צו דער דעה — זיך שוין לאָזן ריידן שידוכים פון אייגענע מענטשן אין דער עיר־הקודש... זאָל דער אַלטער ראש־ישיבה מיט זיינע רמ־זים דאָ וועגן דער רדיפה נאָך רחבות מיט עשירות און וועגן ניסיונות — זאָל ער שוין אויך וויסן אַלץ פון יענעם טאָג אין תל־אביב ?..

זכות־אָבות

די פאַרבעטונג פון קאָוונער מגיד מאַכט אפרים זרחן באַלד אָנקוועלן מיט אַ נייעם געפיל — יִחוס ! וועגן זיין טאַטן, די זיידעס און עלטער־זיידעס דערציילט מען אים, אַז זיי זיינען געווען פרומע ייִדן און יודעי־ספר. אַז זיי זאָלן זיין פון געהויבענעם אָפּשטאַם — איז אים ניט אויסגעקומען צו הערן... איבערגעטראָטן דעם שוועל, איז דער בחור פול מיט התפּעלות פון וואָס ער זעט נאָר ביים מגיד. דער געראַמער חצר, אויסגעפלאַסטערט מיט דעם רויטלעכן ירושלימער שטיין, און כלים ניצלעכע פון אַלע זייטן, און אַלץ זויבער און מיט פיינער אָרדענונג, — און אַלץ קאָן זיין זיינע... אין דער דירה אינעווייניק פאַרכאַפּן זיין אויג די אַלטע באַלעבאַטישע שטולן און ברייטער טיש, און די אַלמערס ספרים ביי די ווענט. פּאַליצעס דאָ גאַנצע מיט חיבורים פון די אבות־המשפּחה !.. מיט אַ לויכטיקן שלום־עליכם האָט אים אויפגענו־מען דער בעל־הבית אין זיין שיינער שבתדיקער קאַפּאָטע און זיידענעם קאַפּל. באַלד עפנט זיך אַ טיר, און אַ הויכע פרויען־פיגור, געבויגן איבער אַ פולן טאַץ, גיסט אים אָפּ מיט אַ שוויס און מאַכט האַמערן דאָס האַרץ. פּאַר זיינע אַרונטערגעלאָזטע אויגן נענטערט זיך מיט פאַרזיכטיקע און שוועבנדיקע טריטלעך אַ שפּיציק פאַרטוכל, אַזוי צאַרט־ווייס — און דורך די גלאַנציקע גלעזער טיי שטראַלן זיך אַדורך זייערע ביידנס בליקן... די לעפּעלעך זיינען געווען זילבערנע, שטעלט פעסט זיין אויג, וואָס וואַרפט זיך אין אַלע ווינ־קעלעך פון טאַץ. די באַנומענע געמיטלעכקייט טוט אין אים אַ שפּאַר צו זאָגן דאָ וואָס :

— אין אָרדענונג אַזוי, און פיין...

געשליידער

— זי !.. — ווייזט דער אַלטער אויף דער טאָכטער און גלעט אויפגעלייגט זיין באָרד — זינט איך האָב פאַרלוירן מיין פרוי, עליה השלום, איז זי פירט עס די באַלעבאַטישקייט.

שוין ביי פופצן יאָר ווי דער מגיד איז אַן אַלמן, האָט ניט לאַנג געהערט אפרים זרח; און אין די רייד מיט חברים מכוח שידוכים האָט ער זיך ניט איין מאָל גערימט, אַז אין נדן און אין יאָרן וועט מען אים ניט נאַרן. אַנשטאָט אָבער זיך אַנצושטויסן באַלד אויף דער כלהס עלטער און שוין אויך וואַרפן אַן אויג אויף די אָפּגעברענטע פלאַמעס פון איר געזיכט, — רייסט זיך ביי אים אַרויס:

— חיונה בשפע איז גאָר אַ ווילע זאַך...

אַ שאַרפער קנייטש שטעלט זיך טיף אין הויכן שטערן פון בעל־הבית. די קלוגע אויגן צעשמייכלען זיך מתינותדיק איבער דעם בחורס פנים און זיין האַנט נעמט גיין באַדאַכט איבער דער לאַנגער ווייסער באָרד. וואָרט ביי וואָרט רעדט ער:

— בשפע... רייך לעבן, ווילטאָג... און דער עיקר, מען זעט ווי אַנדערע פרעגלען זיך אין גוטס. און גראָד ניט־פרומע... רייד אַזוינע הערט מען לעצטנס אַפילו פון בני־תורה, וואָס אין פלוג זיינען זיי דאָך ניט פון די וואָס דאַרפן אַ חיזוק אין אמונה, ביטחון... דער המון־עם לאָזט בכלל ניט אָפּ מיט דער טענה פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו". פאַר די אַ מענטשן גיב איך, בעזרת השם, אין מיינע דרשות אַ ציור. אַ שפּיטאָל. קום איך אַריין אין אַ פּאַלאַטע און הער אַ געוויין, אַ געיאָמער. וואָסי ? הונגעריק זיינען די קראַנקע, מען לאָזט זיי ניט נעמען אין מויל !.. פרעג איך דעם דאָקטער די סיבה. זאָגט ער מיר, אַז די זיינען פאַר אַן אָפּעראַציע, מוזן די געדערעם ביי זיי ווערן ריין, דורך און דורך... גיי איך ווייטער און בין אין אַ צווייטער פּאַלאַטע. ווידער די יללות. הונגער ! הער איך פון דאָקטער, אַז די מענטשן זיינען נאָך דער אָפּעראַציע. דאָ איז וויכטיק אַז די אויפגעשניטענע ערטער זאָלן גוט איינוואַקסן, און עסן איז אַ חלף !.. מיט אַ מאָל עפנט זיך אַ טיר פון אַן אַנדער פּאַלאַטע, און איך דערזע, אַז דאָרט איז ששון ושמחה. מען עסט און מען טרינקט פון כל־טוב !.. דאָ איז פריי — איז מיר דער דאָקטער מסביר; דאָ קאָן מען זיך לאָזן ווילגיין. די קראַנקע זיינען שוין אָן אַ וועלכער האָפע־

נוגג; זיי זיינען אַנטזאָגטע... דעם נימשל דאָ כאַפּט אויף, ברוך השם, אויך דער המון־עם, און אַפּשיטא שוין לומדישע יידן וואָס הערן מיינע דרשות. דערביי נעם איך שוין פאַרן עולם אויך דערקלערן דעם פסוק פון „ואל תתחרה במצליח דרכו", זאָלסט זיך ניט ערגערן וועגן די וואָס זיינען מצליח אויף זייער וועג. די מבלי־עולם, זיי לעבן אַ טאָג און ברענגען אונטער די וועלט!

ווי אַ בלאָנדזשענדיק שפּעלע אויפגעכאַפּט אין די הענט פון אַ באַרעמ־האַרציקן פּאַסטעך, קען אפרים זרח ניט זאַט ווערן פון דעם מתק־שפתיים, פון דער באַטעמטקייט און יעדן וואָרט פון דעם מגיד. זיין פּיקחותדיקער אויסדרוק, און הדרת־פּנים בכלל, צעהוידעט דעם בחור מיט אַ חשיבות — אָט דער גאונישער דרשן, דער פּה מפיק מרגליות, האַלט עס ביי ווערן דער שווער זיינער!.. ווי אַ גוטער בוימל צעגייען אין אים די ווייטערדיקע ווער־טער, גאָר־גאָר שוין צום ענין, אַזוי תכליתדיק. און ער רעדט אַזוי ליבלעך, דער אַלטער, פּאַטערלעך ממש!

— אַ באַלעבאַטישקייט אין שטוב פון דורות, ברוך השם; נאָך מיטגע־בראַכט פון ליטע. און אַ דירה דאָך כמעט ווי אַן אייגענע... אם ירצה השם, גיב איך דער טאָכטער מיט איר באַשערטן אַ העלפט פון דעם אַלץ; אַחוץ קעסט פינף יאָר. און מזומנים, עשרה אַלפים, וועט זיין איינגעלייגט אויף ביידנס נעמען. בגדי שבת־ויום־טוב, און מן המובחר, איז דאָך ניט שייך. און פאַרן חתן טאָקע אויך אַ שיינעם פוטער. אַחוץ וואָס דאָס גיט צו חשיבות, וועט ער עס מוזן האָבן צום פאָרן אַלס משולח קיין חוץ־לארץ. איך זע פאַר אַזאַ נסיעה בקרוב, אם ירצה השם...

פון צעפּויקטן האַרץ און שווערן אָטעם שטעלט זיך אָפּ דער טראַט אפרים זרחן, ווי ער איז נאָר אַרויס פון מגיד. אין מיטן געסל בלאָנקעט זיין קוק און ער ווייס פּשוט ניט, וועמען קען ער עס שוין גיין דערציילן פון זיין גליק. אַ דערבײַיק בית־מדרשל שלינגט אים אויף, און דער גאַנצער ליידיקער חלל פון מיטן טאָג צעהילכט זיך דאָרט התלהבותדיק מיט אַ ברכה פון „שה־חיינו". דער לויב אָבער פאַרן דערלעבן און דערגרייכן צו דעם היינטיקן טאָג, פילט ער, איז נאָך ניט דער פולער אויסדרוק פאַר דער צאַפּלדיקער פרייד

וואָס קוועלט אין אים. אַ נס, אַ נס האָט דאָך פּאַסירט! און ער וואַרפט זיך אויפן קאַפּיטל פון הלל הגדול. הודו לה׳ כי טוב!..

מיט אונטערטעניקער דאַנקבאַרקייט צעעפנט ער די אויגן אויף משולם שדכן, וואָס קומט אים אָן אין געסל ביי דער טיר פון בית־מדרש און שוש־קעט אים אַריין אַ מזל־טוב. אפרים זרח באַמערקט גאָרניט דעם כיטרען ניצחון־שמייכל וואָס גיסט זיך דעם ייִדן פון פּנים און אַפילו פון זיינע געל־פאַררייכערטע הערעלעך אונטערן נאָז. דער ניצחון זיינער פלאַטערט אויף קאַמפּלוסטיק מיטן טאַבאַקרויך, וואָס ער בלאָזט אַרויס אַזוי געשיקט... דער בליק אפרים זרחס מיידט אויס בכלל צו קוקן דעם שדכן אין פּנים. צוריק נאָר מיט עטלעכע טעג האָט ער, דער חתן, זיך עס געהאַט אַרויסגעוואָרפן פאַר אים מיט ווערטער, וואָס איצט איז נאָר צו שעמען זיך, און ער פילט זיך ווי אַ ניתפס בקלקלתו...

נאָר זכות אבות האָט אים געקאָנט דאָ ביישטיין — איז זיכער אפרים זרח. דער שטאַרקסטער ווונטש פון זיינע עלטערן, געדענקט ער גוט, איז דאָך שטענדיק געווען, ער זאָל אויסוואַקסן אַ למדן און אַ פרומער... קליי־נערהייט נאָך פלעגט ער אויף דעם הר־הזיתים אָפּט באַזוכן זייערע קברים און זיי אויסדערציילן אַזוי פיל. לאָזן אָבער ניט צו אַהין די אַראַבער. גייט ער אָט צום הר־ציון. פון מיצפּה־הבית דאָרט וועט ער זיך מיט זיין בליק מתיחד זיין מיט זיי, איבערגעבן פון זיין שידוך, און מיט וועמען זיי ווערן מחותנים!.. זאָלן טאַטע־מאַמע אויך וויסן ביי וואָס פאַר אַן אָפּגרונט ער איז געשטאַנען. ער איז דאָך שוין באַלד געווען פון די „וילכו אחרי ההבל ויהבלו״, געגאַנגען נאָך נישט און געוואָרן נישטיק — מיט זיין יאָגן זיך נאָך שקר והבל.

אַ משל

חדשים קוים עטלעכע נאָך דער חתונה האָט אפרים זרח שוין קלאָר געזען, אַז די אַריינקומעניש זיינע איז ווייט ניט ווי עס איז געווען גערעדט. אַריינ־גענומען האָט מען אים טאַקע ביים שווער אין שטוב, ער מיט דער ווייב האָבן דאָ זייער וווינונג; די התחייבותן אָבער נאָך אַנדערע וועגן אים אויסהאַלטן —

האָבן ניט קיין יסוד. די יניקה וואָס דער אַלטער ציט דאָ אין ירושלים פון זיין כולל, און נאָך מקורות פון הכנסות, — איז אַ פּנים ניט ווי מען האָט אים פאַרגעשטעלט. אַ בעל־הוצאה אַ גרויסער איז דער שווער גאָר אויף אַ זון, וואָס ליגט שוין יאָרן אין אַ מוסד. און אויף אים ליגט אויך די לאַסט פון דעם קראַנקנס ווייב און קינדער. טאָ וואָס קאָן ער שוין ריידן, אפרים זרח, מכוח די צוגעזאָגטע מלבושים און נאָך הבטחות אַזעלכע גרויסע? היינט די נדן מזומנים!.. די דחקות פון שווער זעט זיך אָן טאָג־טעגלעך אַפילו אין דעם אָרעמען טיש, וואָס ער, אפרים זרח, מיט דער פרוי עסן ביי אים, פון דעם צוגעזאָגטן קעסט. נאָר אָט די דירה אַליין, די כוללשע, וואָס איז געווען אָנגעגעבן כמעט ווי אַן אייגענע און מען האָט אַלץ באַטאָנט די רחבות אירע, — נעמט זיך אויך וואַקלען. רב משולם, דער זעלבער וואָס האָט עס אים פאַר־שדכנט, דרייט זיך גאָר פעסט אַרום שווער. אַז ווי באַלד די מיזינקע שוין אויסגעגעבן, טענהט ער אין אים אַריין, איז דאָך געוויס ניט רעכט צו זיין אַ שרוי בלא אישה. און ווי מען רעדט, האַלט טאַקע ביי אַ חופה. איז שוין אויס די רחבות, און אפשר מיט דער גאַנצער דירה!

מחשבות אַזוינע לעסטיקע פאַרפּאַלגן אפרים זרחן און שטערן אים ממש אין לערנען. ווי שטאַרק ער צעשאָקלט זיך ניט איבערן ספר און באַמיט זיך צו פאַרטיפן מער און מער אין אַ סוגיה — טרייסלט אים אויף אַ טשיקאַווער שמייכל אויף פּנימער אַרומיקע. ווייס ער שוין, אפרים זרח, אַז אין זיין גמרא־ניגון האָט זיך ווידער אַריינגעגאָסן אַ גאָר פרעמדער קלאַנג. ניט צו פאַרטרייבן פון קאָפּ דאָס לידל וואָס ער פלעגט הערן פון דער מאַמען:

אָט אַזוי, אָט אַזוי נאַרט מען אָפּ אַ חתן:
מען זאָגט אים צו אַ פולע נדן,
און מען גיט אים ניט קיין גראָשן...

און אָט האָט אים גאָר פאַרכאַפּט ווידער אַ ליצניש ווערטל. וועגן דעם שידוך פון זיינעם אַ חבר אין ישיבה האָט איינער אַ זאָג געטאָן: „ניט קיין פּנים, ניט קיין מזומנים, ניט קיין מחותנים"... יאָ, האַרב ווערט אים לעצטנס, אפרים זרחן, טאַקע אויך אין תופס צו זיין דעם שווער. דער גרויסער מגיד, אָט דער למדן און גאון, — פון זיין מויל אַליין האָט ער דאָך בפירוש געהערט וועגן דעם נדן און די אַלע אַנדערע גילדערנע הבטחות... וואָס אמת,

ער זעט שוין קלאָר — אַז ניטאָ. די דחקות אין שטוב און אָרעמקייט איז אין לשער. טאָן ווי שיקט זיך עס פּאַרט מיט די רייד פון אַזאַ גדול, היתּכן ?.. אָט דאָס מאָנט דאָך אַ פאַרענטפער, איינזעצן די שרייענדיקע בתמיהה!

אין אַ האַרבסטיקן ירושלימער פאַרנאַכט האָט ער ביי אַ שעת־כּושר געגומען אויסגיסן זיין גרויסע טענה פאַרן שווער אַליין. און ער האָט אויפן אָרט באַקומען אַ הסבר. מילד האָט גערעדט דער אַלטער, גוטמוטיק און מיט אַריינדרינג:

— שוין קרוב פופציק יאָר, מיין קינד, ווי איך זאָג דרשות, און גערעדט האָב איך שוין אין בתי־מדרשים און שולן פון פאַרשיידענע שטעט און לענ־דער. דערציילט איך אויך דעם עולם פון פּאַסירונגען מיט מלכים און בני־מלכים, פון שרים און גענעראַלן. מיט אַלע קליפּערלעך לייג איך אויס סיכ־סוכים צווישן פּריצים און אַרענדאַרן, און דין־תּורות צווישן סוחרים און בעל־לי־מלאָכות. היינט באַגעגענישן מיט בעלי־חיים און שיחת חיות ועופות... פאַר די גאַנצע יאָרן האָט מיר נאָך קיין איינער פון דעם קהל צוהערערס ניט צוגעוואָרפן אַ פראַגע: איז דאָס טאַקע אמת? איז געווען אַזוי פאַרגעקומען?... ניין. אַפילו דער המון־עם ווייס אַז די כּוונה פון מגיד איז גאָר מזרז זיין דעם ייִדן צו מיצוות און מעשים־טובים און צו וואָרענען פון אַ דבר־עבירה. אַרויפ־נעמען אָבער אויף זיך דעם גאַנצן עול התורה איז ניט פאַר יעדערן לייכט, און מען בריקעוועט זיך. זעט דעריבער דער דרשן צו מסביר זיין מיט דברים הנכנסים אל הלב: ער פאַרזיסט מיט אַ מעשה אַ פיינער, אַן אַנציִעוודיקער... אָט דו אַליין, אפרים זרח, האָסט יום־כּיפּור געהערט מיין דרשה נאָך כּל־נדרי. געדענקסטו זיכער, אַז איך האָב דערציילט פון אַ נעץ און אַ פייגעלע. די נעץ ווינקט מיט אירע אויסגעשפּרייטע אויגן צו דעם עוף־השמים און פאַרבעט אים צו אירע זיסע קערנדלעך. אַ שמועס אַ ברייטער גייט אַוועק צווישן די ביידע; און פון ווייטן לויערט דער פאַנגער!... נו, ביסט דאָך אויך געווען, אפרים זרח, אין פול געפּאַקטן בית־מדרש; האָסטו אפשר געהערט פון וועמען אַ טענה? ניט איינער האָט דאָך געקענט זאָגן, אַז אַ נעץ און אַ פויגל קאָנען גאָר בכלל ניט ריידן און איך בראָק שקרים בפני קהל עם ועדה, יום־כּיפּור ביים אָרון־קודש!.. ניין. יעדער איינער ווייס אַז דאָס איז נאָר אַ משל קעגן יצר־הרע און דעם מענטשנס נשמה. דער עיקר איז דאָ דער

אויספיר, דער נימשל, אַז מען זאָל זיך ניט לאָזן פאַרנאַרן פון אַ פעטן ביסן, מען זאָל זיין אָפּגעהיט פון אַ פאַלשן שריט אין לעבן...

די רייד זיינע, זעט שוין דער אַלטער, נעמען אויס ביים אײדעם גאָר און גאָר. איז שוין זיין וואָרט תקיפותדיק און מיט שלאָגיקן דערווייז.

— אויך חתונה האָבן איז אַ מיצווה מן התורה. ניט אָבער יעדער בחור איילט זיך מיט אַ שידוך. עס שרעקט אָפּ דער עול פון אַ משפחה. מוז מען דעם פחדן אונטערמוטיקן מיט אַ נדן און קעסט; מען איז משפיע מיטן אויס־רעכענען טייערע מתנות. דאָס איז דער משל. דער נימשל אָבער איז דאָך די כלה.. אָט דו, אפרים זרח, האָסט באַקומען אַ בת־ישראל כשרה, כדת משה וישראל, און ביסט אויסגעלייזט פון דער חרפה צו ווערן אַלץ מער אַלטער בחור.

אַ פויזע אין מחותנס רייד ברענגט גלייך אַרויס אַ וואַקלדיקע און גע־בראָכענע שטים פון אפרים זרחן:

— איז ווי מיינט איר איצט, שווער, מכוח דעם מצב מיינעם ?.. מיינעם און אייער טאָכטערס ?.. אונדזער מצב ?..

— וואָס, שוין כלו כל הקיצין ? אַ ייאוש אַזאַ, רחמנא ליצלן !.. — כאַפּט זיך באַלד דער מגיד מוטיקן אפרים זרחן — אָט האָט באַזוכט דאָס לאַנד אַ גאָר רייכע פּאָר פון דרום־אַפריקע. איז גערעדט געוועזן מיט זיי וועגן אַ טיר און עטלעכע פענצטער אויף זייער נאָמען אין אַ וואַנט פון דעם נייעם בנין, וואָס איך האַלט אין בויען פאַר די רבנים־פליטים. אַ ביסל געלט האָבן זיי שוין געגעבן און זאָגן צו גאָר אַ סך. שטייען שוין אויף דעם פּלאַץ פועלים און איך טרייב זיי אָן אין דער מלאָכה פון דער אַ וואַנט. אין דריי וואָכן אַרום, צוריקוועגס פון איראָפּע, זיינען די דרום־אַפריקאַנער ווידער אין ירו־שלים. וועט עס דעמאָלט, אם ירצה השם, פאַרקומען די הקדשה. און געוויינט־לעך ברוב עם, און איבער דער וואַנט אַ גרויסער שילד מיט דער גאַנצער חשיבות און אויסלויב פון דעם נדבן מיט זיין ווייב, ווי עס פירט זיך. דער־ביי וועלן זיכער זיין נאָך טוריסטן, אורחים פון חוץ־לארץ. קאָן דאָך באותו מעמד קריגן חשק אויך נאָך ווער מנדב צו זיין פאַרן בנין אַ בימה, אָדער גאָר אַן אָרון־קודש. איז דאָך אַלץ געראַטעוועט... אַז ניטאָ זיך וואָס צו מייאש זיין; תשועת השם כהרף עין !

די שטימונג ביי אפרים זרחן איז כהרף עין טאַקע געוואָרן גאָר אַן אַנ־דערע, און מיט אומגעדולד האָט ער גענומען וואַרטן אויף דעם שווערס אויפ־טו. שוין אָבער ביי די סאַמע לעצטע הכנות צו דער פייערונג און אויפנעמען די אורחים, איז צום מגיד אין שטוב מיט האַסט אַריינגעשפרונגען אַ מענטש פאַרשמירט מיט פרישן בעטאָן:

— רבי, די וואַנט פאַלט איין!

אַ שוידער איז אַדורך אפרים זרחן און זיין פרוי. אַלץ איז געוואָרן שוואַרץ פאַר די אויגן. באַגרייפן האָבן זיי ניט געקענט דעם אַלטן. רו׳ק אַזוי איז ער, און שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ:

— כ׳האָב שוין נעכטן געוווסט.

וואָס געוווסט, פאַרשטייען זיי ביידע ניט. זיי ווייסן נאָר אַז דער בנין איז שוין לאַנג אָנגעהויבן און ציט זיך יאָרן. קומט אַריין אַ ביסל געלט, ווערט דערבויט נאָך אַ שטיקל, און שוין אָן אַן אינזשעניר, וואָס איז אויך אַ הוצאה... באַלד הערן זיי פון אַלטן שוין ברייטער וועגן דעם ענין:

— דעם פלאַן פאַר דער וואַנט האָב איך געמאַכט, געוויינטלעך, לויטן תוספות אין בבא־בתרא. אַ קוק נעכטן אין אַנדערע מפרשים, ערשט דער נימוקי יוסף שטעלט זיך שאַרף אויף דעם תוספות און פרעגט אים געשמאַק אָפּ; און דער ראב״ד האַלט דאָ מיטן נימוקי יוסף און איז אויך קעגן תוספות!.. איך בין שוין פון נעכטן שטאַרק אין יי׳אוש וועגן דער וואַנט...

נאָך אין זעלבן טאָג האָט דער שווער צו ריידן מיט זיין איידעם וואָס באַזונדערש. שטעלעס פאַר לומדישע יי׳דן, זאָגט ער, ווייזן זיך אַלץ מער. אין לאַנד בויען זיך ריזיקע האָטעלן און פענסיאָנען, און עס קומען צו יי׳דישע שיפן, און עס עפענען זיך נייע פאַבריקן פאַר וויפל מיני מאכלים. די אַלע נייטיקן זיך דאָך אין משגיחים אויף כשרות. ווייס ער פון איינער אַזאַ פאַ־בריק ביי תל־אביב, וואָס געהערט גאָר צו אַ קיבוץ. און אַ גרויסער דעה־זאָגער איז דאָרט זיינער אַן אַמאָליקער געוועזענער תלמיד. וועגן דער שטע־לע, ווי מען האָט אים פאַרטרויט, מוז מען זיך אָבער צואיילן. אם ירצה השם מאָרגן דאַרף מען זיך לאָזן אין וועג.

ווייטלעך נאָך פאַרן קיבוץ האָט דער אויטאָבוס אַרונטערגעלאָזן דעם

אַלטן מגיד מיט זיין אײדעם, און דער שאָפער האָט זיי געהייסן זיך פאַרנעמען מיט שטעג דערביי. נאָר ביידע אַליין צו פוס צווישן פּרדסים און ברייטע צעאַקערטע פעלדער, שטאַרקט זיך ביים אַלטן דער קול אין זיין אַריינקנעלן מיט אפרים זרחן. ער גרייט אים צו ווי מען דאַרף ריידן מיט אַ קיבוצניק. דער חבר שושן, ווי ער הייסט איצט און וואָס צו אים גייען זיי עס, — געוויס געדענקט ער נאָך זיין אַמאָליקן ראש־ישיבה אין דעם ליטווישן שטעטל; און אפשר וועט ער אים אויך דערקאָנען. מען מוז אָבער ביי יעדן וואָרט זיין ניזהר מיט אַזוינע...

אַ פּאָרע האָט זיך געטראָגן פון די פּרדסים, און דער שאַרפער ריח פון די פּירות, אָט די אַפּעלסינען און מאַנדערינען, האָט ממש געטאָן פאַרשיכורן. דאָס אַריינגיין ווייטער און ווייטער אין שמועס, און דאָס היצן זיך, און דאָס פאָכענען ברייט־ברייט מיט די הענט — מאַכט באַלד פילן דעם אַלטן ירושלימער, אַז כאָטש עס איז שוין נאָך די יום־טובים, איז אין די מקומות ביים ים גוט וואַרעם. אַ שוויס אַ בייסיקער גיסט אים אָפּ, און עס העלפט ניט דאָס הייבן פון קאָפּ אַלע ווײַלע דעם ברייטראַנדיקן קאַפּעליוש, דאָס ווישן דעם פּנים מיט די באַמבלדיקע פּאות און באָרד און דאָס צעשפיליען די לאַנגע, שווערע קאַפּאָטע. די היץ מאַכט שטייגן ביי אים נאָך מער — דער אָנבליק פון אפרים זרחן. דאַכט אויך מיט די ירושלימער בגדים, און ווי געמיטלעך ער גייט זיך! די אויגן ברייטערן זיך אים אַזוי שטראַליק אויף אַלע זייטן, און ער הערט אַ פּנים אויך ניט וואָס מען רעדט צו אים. גאָרניט ווי צום ענין נעמט דער יונגערמאַן אָט ריידן:

— קינדערוייז, אַז אונדזער פאַמיליע איז נאָך געווען אין ווילנע, פלעגט מיך אַ פעטער נעמען צו זיך אין אַ דערבײַיקן שטעטל אויף זומער. די פעלדער ווי שיין דאָרט, און די לאָנקעס און סעדער; און דער וואַלד, און אַ טייך מיט אַ וואַסערמיל!.. אויפן וועג קיין ארץ־ישראל האָט מיך דער טאַטע און די מאַמע, עליהם השלום, ניט געקאָנט אָפּרייסן פון די פענצטער אין וואַגאָן. חודש אָב דעמאָלט געווען, און פולע פעלדער תבואה, און פּירות אויף די ביימער!.. אין ירושלים זע איך, ביי נאָר אַ מעגלעכקייט, צו גיין דורך רחביה און בית־הכרם. ווי חיותדיק יעדעס הויז דאָרט מיט די געוויקסן אַרום!..

דורך אַ געדיכטן נעפּל צעשווימט זיך ביים אַלטן אין מוח אַן אַזערע אַ ברייטע פון זיין געבוירן־שטעטל דוסיאַט, אויך אין דער ליטע, און נאָך אַזערעס מיט פישער־שיפלעך און זעגלען, און טייכן מיט קוועלכעלעך ריזל־דיקע און בערגלדיקע לאַנקעס אויף מיילן ווייט... אַלץ פאַרפליט אָבער באַלד ווי ער דערהערט ווידער ווערטער פון איידעם, וואָס ציט דאָ גאָר אַ נייעם געדאַנק:

— אַ קיבוץ, אין גרונט גענומען, קאָן זיין באמת אַ שיינער מוסד... דער גאַנצער אַרום דאָ איז דאָך מחיה נפשות!

— צו וויט פאַרגאַנגען!.. — קריגט דער מגיד מורא שוין אויף פאַר זיך אַליין. — מיר פאַרגעסן, אפרים זרח, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם „מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה", ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז דאָס פעלד... דער תּנא וואָרנט אונדז: המהלך בדרך ושונה, דער וואָס גייט אין וועג און לערנט, ומפסיק ממשנתו ואומר, און ער איז מפסיק פון לערנען און זאָגט זיך אָט די דערמאָנטע ווערטער, איז ווי ער וואָלט ריזיקירט מיט זיין לעבן... מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, אַז די וואָרענונג איז ניט צוליב דער התפּעלות פון הדר הטבע. דער טראָפּ איז אויף די ערשטע ווערטער: המהלך בדרך ושונה ומפסיק. דער מענטש וואָס גייט אין דעם דרך־החיים און לערנט תורה, און פלוצלינג פאַרכאַפּט אים דער רעיון פון „נאַטור", און גאָר די שיינקייט נעמט ער זען אין בוים און צעאַקערטן פעלד, און מסתמא אויך אין שקיעה־שטראַלן איבער אַ וואַסער מיט אַ מיל, — ומפסיק ממשנתו, אויס תורה!.. ישיבות גאַנצע זיינען דאָך געוואָרן ליידיק, און באַלד חרוב, פון די מפסיקים, רחמנא ליצלן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס געווען. האָבן די בעסטע תּלמידים אויך ביי אונדז אין ליטע זיך געגעבן אַ וואָרף צו די ציוניסטן. חלוצים זיינען זיי געוואָרן, די בחורים, און גענומען גורס זיין, אַז דער יסוד פון עם ישראל איז ניט דווקא די תורה, און עבודת־אדמה איז ביי זיי געוואָרן אַ דת, אַ גאַנצע אמונה, רחמנא־ליצלן. פון די אַ כופרים זיינען עס אויפגעקומען די קיבוצים, ישובים פון ייִדן אָן אַ סימן ייִדישקייט; קיין מזוזה ביי דער טיר, קיין תפילין, ציצית. און אַ שול צום דאַווענען איז דאָ ביי זיי? איז דאָך שוין אָפּגערעדט פון אַ מיקווה און כשרות. אָן תורה און אָן מיצוות!.. אָט זיינען מיר שוין ביי די בנינים פון אַזאַ

„קהילה״... געווען אַ מאָל ביי מיר אין ישיבה אַ בחור אַן עילוי, לייבל רייזע־לאָוויץ — דאָס איז דער חבר ארי שושן, וואָס צו אים גייען מיר...

שטאַרק באַווירקט פון די רייד, שפּרינגט פונדעסטוועגן אַרויס ביי אפרים זרחן אַ טאָן פון עפּעס אַ סטרונע וואָס וואָרצלט טיף אין אים, און ער זוכט דווקא אַ וועלכן זכות:

— מען קאָן נאָך ניט וויסן אויף ווי ווייט די מענטשן זיינען דאָ אַזוועק פון ייִדישקייט.. אויף די פעלדער האָבן זיי פּאָרט אויפגעטאָן. די פּירות!..

אפרים זרחן האָקט איבער אַ ייִנגל ביי אַ יאָר אַכט, וואָס לויפט אָן און בלייבט שטיין צעשראָקן און פאַרגאַפט. די הענטלעך פונאַנדערגעשפּרייט און ברייט צעעפנט מויל און אויגן, קוקט ער אָן אַ ווילע די צוויי, און לאָזט זיך אָן אָטעם צוריק צו דעם קינדער רוישיקן הויז, וואָס פון דאָרט איז ער עס געווען אַרויס. מיט די פינגער און הענט און גאַנצן קערפּער נעמט ער רופן צו זיך, און אָט שטייט ער ווידער מיט נאָך צוויי חברים. אַן לשון און ווי צוגעשמידט, צעפּינטלען זיך ביי די אַלע דריי די אויגן, גראָבן זיך און ריִען אין די פּנימער און אין הילוך פון די גייערס, און די שטערנדלעך פאַרגייען אין קנייטשן טיפער און טיפער. מיט אַ מאָל גיבן זיך די קינדער אַ כאַפּ פאַר די הענט און אַ ריס פון אָרט, און אַלע צוזאַמען צו דעם גאַנצן הויז מיט אַ טשיקאַווער בשורה און איילקן רוף:

— יהודים באו!.. יהודים!!!..

— די פּירות... — נעמט דורך אפרים זרחן דער מגיד מיט אַ בליק, וואָס איז גרייט פאָטערלעך צו פאַרגעבן און אים ווייטער מַדריך זיין.

ווערטפּאַפּירן

דאָס אַריינפאַלן אין תל־אביב לייגט זיך שווער אויף אפרים זרחן. אַחוץ וואָס ער איז אָפּגעריסן פון דער היים, איז זיין צימערל אַזאַ ניט צוגעפּאַסט און די גאַס אַזאַ קאָכיקע. און אויך פון די מענטשן אַרום קען ער ניט זיין צופרידן. דער קרוב וואָס האָט אים אויפגעזוכט דאָס אָרט, האָט געזען מעלות אויף מעלות. נאָענט דאָ צו זיין אַרבעטשטעל, איז געווען זיין עיקר טענה;

דערצו אין צענטער שטאָט, און אַזוי פיל ליניעס פון אויטאָבוסן. אַז אין אַזאַ געדיכט־באַוווינטער גאַס קאָן מען אין דער פרי קוים אויפזוכן אין אַ בית־מדרש אַ מנין, מתפלל צו זיין בציבור, — האָט מען אים ניט געזאָגט. און דאָס דאַוונען גופא, — כאַפּ־לאַפּ, און ביי אַ מנין מצומצם, און כמעט אַלע קדיש־זאָגערס....

גאָר פאַרשטערט איז אפרים זרחן געוועז דער שבת. ניט געוווינט נאָך אין פאַבריק, וואָס ער איז דאָרט משגיח אויף כשרות, האָט זיך ביי אים שפּעטלעך אַריינגעצויגן דער פרייטיק, און שוין ניט געקאָנט פאָרן אַהיים. נו, האָט ער זיך עפּעס אַנגעזען חילול־שבת!.. פון די כלים אַרויסגעבראַכט האָט אים איינער אַ שכן. שבת אין דער פרי צוריק פון ערשטן מנין, טרעפט ער אין גערטנדל ביים הויז אַ יידן ווי ער פּאַרעט זיך אַרום אַ בוים מיט אַ רידל אין האַנט, און לעבן אים נאָך כלי־מלאכה!.. האָט ער געקאָנט שוויגן, אפרים זרח?

— אויפהערן, אָט שוין!!.. צעפּאַטשן דאַרף מען דאָך פאַר אַזאַ מעשה!

דער מענטש הייבט אויף דעם קאָפּ, גלייכט זיך אויס און קוקט אָן קאַלט:

— פון ירושלים אַוודאי?.. רב ייִד, דאָ אין תל־אביב פאַלט אָפּ די האַנט נאָך איידער זי פּרוווט זיך פאַרמעסטן...

— כאַ־כאַ־כאַ!.. — האָט זיך פון אַלע זייטן אַ שאָט געטאָן אַ געלעכטער, און אויף די ווערענדעס האָט ער דערזען נשים נאַקעטע כמעט, וואָס האָבן אויסגעהאַנגען נאַסע וועש און געטאָן נאָך מלאכות אסורות, און די ראַדיאָס פון די דירות שפּילן!!!

„ירושלים” — וואַרפט אים אויף אַזאַ מנוול!.. באַרויִקן האָט זיך אפרים זרח שוין ניט געקענט פאַרן גאַנצן הייליקן טאָג. אַ גן־עדן איז דאָך דער שבת אין ירושלים! אָט איז ער דאָרט ניט לאַנג געשטאַנען אין דעם טאָג אויף דער שמירה. ערשט פון אַ גרויסער גאַס לאָזט זיך אַריין אַן אויטאָ. און מיט אַזאַ זיכערקייט. שפּרינגט ער באַלד צו, און מיט אים די אַנדערע שומרי־שבת, און שטעלן זיך אין וועג. ווינקט צו זיי דער פאַרער מיטן פינגער אויף דער פאַדערשטער שויב. אַ צעטל אַ פאַרביקער איז אויף דעם גלאָז אָנגעקלעפּט, אַז דער בעל־דבר איז אַ נכה, אַן אינוואַליד... דאָס איז שוין געווען גאָרניט

אַרויפצוגעמען אויפן מוח; לא דאַי, הייסט עס, וואָס דער מענטש איז שוין אַ געשטראָפטער אויף דער וועלט, רייסט ער זיך ניט אַנדערש ווי צו פאַרלירן אויך יענע וועלט!.. אַרויסגעהויבן האָט מען גלייך דעם מופקר און טאַקע מיט די קוליעס זיינע אים מקיים פסק געווען. „ומקלו יגיד לו", דער אייגענער שטעקן זיינער גיט אים צו פאַרשטיין — האָט דערביי איינער גוט אַריינגעטייטשט דעם פסוק פון תנ"ך. קיין גאַנצע איז ניט אַרויס אויך די מאַשין פון די הענט ביי די קינדער, וואָס אויף זיי, אָט די קטנים, איז ניט חל די עבירה פון אַ מלאכה אום שבת און זיי קאָנען דערפאַר ווויל מיטהעלפן אין דער מיצווה... די כופרים דאָ אין תל־אביב, זיי געפעלט ניט דער שבת אין ירושלים!

גרויסע האָפענונגען לייגט אפרים זרח אויף אַ קרוב פון אַמעריקע. דורך אים שיקט זיך עס, אַז ער זאָל דאָ טאַקע איצט געהאָלפן ווערן. אַ ברודער פון זיינער אַ באָבען איז דער ייִד און ער דרייט זיך אַרום אין לאַנד שוין אַ שטיקל צייט און נאָך ניט געקאָנט אַלץ באַשליסן וועגן בלייבן דאָ בקביעות. דער לעצטער בריוו אָבער פון זיינע קינדער רעדט אים דורכויס אָפּ פון פאָרן צוריק קיין אַמעריקע. די מאַמע איז דאָך שוין ניטאָ, דערמאָנען זיי אים, וועט ער איצט ביי זיי אין פילאַדעלפיע זיך פילן גאָר עלנט. דאָ אין ישראל, ווידער, עצהנען אים פריינד און באַקאַנטע, אַז ער זאָל וווינען נאָר צוזאַמען מיט אים, מיט אפרים זרחן. דעם פלימעניקס פרוי, זאָגן זיי, פאַסט שוין אויף יאָרן איר פאָטער, וועט זי וויסן צו האַלטן גוט אויך דעם אַלטן פעטער... פון די קרובים האָט שוין ניט איינער וועגן דעם גערעדט מיט אים, אפרים זרחן, און מיט זיין וויב. אַ גליק וועט עס זיין פאַר זיי, טענהן די מענטשן. די אַלע זאָגן אויך, אַז דער ייִד איז אַ מזג־טוב, אַ האַרציקער, אַ היימלעכער און שטענדיק צופרידענער; און כאָטש צענדליקער יאָרן געלעבט אין אַמעריקע, איז ער פרום, און ווען ער איז נאָך געווען גוט רייך, האָט ער אַ סך געטאָן פאַרן אַלטן ייִשוב אין ארץ־ישראל. געהערט האָט אויך אפרים זרח, אַז דער פעטער איז געשעפטלעך עפּעס פאַרבונדן מיט בני־ברק, וואָס דאָ לעבן תל־אביב, און טראַכט עס דאָרט צו באַזעצן זיך. מונטערן גאָר שטאַרק די אַלע רייד אפרים זרחן און שטאַרקן אין אים די האָפענונג אויף אַ דירה גאָר אין גיכן, און טאַקע אין אַזאַ פרומען מקום ווי בני־ברק!

אַ פאַרנאַכט איז דער אַלטער פעטער דאָ ביי אפרים זרחן. אייליק, ווי זיין שטייגער, נעמט ער דערציילן פון דעם באָדן דאָ אין לאַנד, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט נאָך מיט יאָרן צוריק. די ביזנעס האָט ער געהאַט אָפּגעשלאָ־סן דורך אַן ארץ־ישראל־שליח, וואָס איז געקומען צו זיי אין פילאַדעלפיע, און אַט איז דער פּלאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען בייגעלייגט צו דער קניה. דריי דונאַם. דאָ דאַרף עס שטיין דאָס הויז, אַ פּאַרמהויז, און גלייך דערביי אַ גרויסער גאָרטן פון פּירות און ירקות. אין עק שטח רעכטס — דער שטאַל פאַר די קי און דער לול פאַר די עופות; לינקס — די אַנדערע נייטיקע בנינים פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. „בית ונחלה" הייסט דער גאַנצער מקום אין די פּאַפּירן, און נאָך דעם איז עס געוואָרן „בני־ברק"... מיט די פּאַפּירן זיינע איז ער שוין דאָרט, דער אַלטער, צום וויפלטן מאָל, — און ממשותדיק נאָך ניט צו זען אַ שפּאַן פון זיין גרונטשטיק. יודעי־דבר האָבן אים אָנגעוויזן אויף אַ שטיינבאַרג, וואָס וועט נאָך ווערן אויסגעפּלאַנירט אין גאַסן. שטיקער וועלן אויך גיין אויף אַ בית־מדרש און קינדערשול, און זיין וועט אויך אַ פּאַרק. דער רעשט וועט נאָך דעם געטיילט ווערן פאַר אַ סך מענטשן. זאָגט מען אים ווידער, אַז פּלאַץ אויף אַ שטוב בויען וועט אויף זיין חלק מסתמא יע אַרויסקומען. און טאַקע ווי ער שטייט היינט ביים באַרג און פּרוּווט באַ־טראַכטן ריכטיק דעם שטח מיטן גאַנצן אַרום, איז שוין דאָ איינער לעבן אים מיט אַ ביזנעס. מיט אַ לומדישן שטערן דער ייִד, און בכלל אַ הדרת־פּנים, וויל ער שוין קויפן דאָס שטיקל פּלאַץ. וואָס עס זאָל ניט זיין, ער גיט מזומ־נים. אַזוי זאָגט ער, און אַט איז זיין אַדרעס... דער האַסטיקער טאָן לאָזט ניט אָפּ דעם אַלטן:

— צייט איז געלט, זאָגן מיר אַמעריקאַנער; און אַז שוין דאָ די פּעטי־מעטי, טאָ צו וואָס באַלאַמוטשען? האָב איך זיך געלאָזן אַ קוק טאָן דירות. אַ גרעסערע זוך איך, מיט אַ סך רומס, צימערן הייסט עס. אַחוץ פאַר זיך אַליין און פאַר דיר, אפרים זרח מיטן ווייב, זאָל זיין אויך פאַר קינדערלעך ביי אייך אַ סך, אַ סך, אם ירצה השם... קליינוואַרג איז ביי מיר דאָס לעבן! אוי, ווי עס בענקט זיך נאָך די אייניקלעך אין פילאַדעלפיע, די גרויסע און די קליינע!.. וואָס אמת, דער גראַנדפּאַ, דער זיידע הייסט עס, קוקט זיי אויס פרעמד און האָט ביי זיי אַ פּנים ניט חשובער ווי ביי זייער טאַטע־מאַמע... יע,

אַ דירה אַ גרויסע געפעלט מיר אויף רחוב עבודה. וועלן מיר נאָך גיין גוט אָנקוקן דאָרט אין בני־ברק.

וואָס אים געפעלט גאָרניט, דעם פעטער, — איז אַ מעשה מיט „סטאַקס״. אַקציעס פון אַ בני־ברקער באַנק האָט ער אויך מיט יאָרן צוריק געקויפט, און קיין דיווידענדן, וועלכע רווחים, נאָך קיין מאָל ניט באַקומען. „שומרי שבת״ הייסט די באַנק, אויף אונטערהאַלטן מיט הלוואות די ייִדן וואָס זיי קומט אויס צו קאָנקורירן מיט מחללי־שבת. מענטשן אין בני־ברק האָבן אים אָבער בכלל ניט געקאָנט זאָגן וועגן אַזאַ קאָסע. פון די דריי אונטערשריפטן אויף די אַקציעס איז דאָרט נאָך איינער היינט אַ מנהל און גרויסער עסקן; און ער טאַקע האָט עס אין פילאַדעלפיע פאַרשפּרייט די ווערטפּאַפּירן... דאָ נעמט דער אַלטער איילן אפרים זרחן:

— צו אַ גרויסן מאַן אַריינקומען גייט דאָך ניט ביי אייך אין ישראל אָן אַ מזכיר, אַ סעקרעטאַר. האָט דערהערט דער באַאַמטער אַז איך קום עפּעס מיט אַ תביעה, שיקט ער מיך איבער צו אַ צווייטן. און דער רעדט שוין נאָר עברית. און אַ דריטער וואָס איז צוגעקומען איבערזעצן פאַרשטייט בכלל ניט וועגן וואָס איך קום דרייען אַ קאָפּ... איך, איך בין אָבער אַן אַמעריקאַנער, און לאָז זיך ניט. בין איך באַשטימט אויף זיבן פופצן אָוונט. גייסטו מיט מיר, אפרים זרח. דער באָס אַליין וועט מסתמא לכבוד מיר גאָר פאַרגעסן זיין ייִדיש און ענגליש; ברענג איך מיין אייגענעם איבערזעצער!..

איין מאָל און נאָך אַ מאָל גייט דורך דער גרייז־גרויער מנהל איבער די אַקציעס און איבער זייערע בייגעלייגטע צירקולאַרן און אויפקלערונגען. ענדלעך הייבן זיך די שווערע ברעמען און אַ צווייטע פּאָר ברילן שטעלט זיך אָן קעגן אורח. די פּלייצעס קוועטשן זיך אויף אַרויף און די צונג שטופּט זיך קוים דורך צווישן די פאַרשטייפטע ליפּן:

— פילאַדעלפיע... זיינען אַהין דערגאַנגען אַזוינע פּאַפּירן?..

— ניט דערגאַנגען — שטעלט אים באַלד אָפּ דער אַמעריקאַנער — איר אַליין האָט זיי געבראַכט... אָט העלף איך אייך זיך דערמאָנען. אַ פּרייטיק. קומט אַריין צו מיר אין שאָפּ מיסטער בולקין, שוין עליו השלום, דער געוועזענער פּרעזידענט פון אונדזער סינאַגאָגע, און ער שטעלט מיר פאָר אַ

„וויכטיקן עסקן פון ארץ־ישראל״. דאָס זייט איר געווען, מיסטער, אייך צו לענ־גערע יאָרן. מאָרגן, שבת, האָט איר מיר דעמאָלט געזאָגט, ווען איר ביי אונדז אין סינאַגאָגע צו קריאת־התורה דורכפירן אָן אַפּיל צום איינשאַפן זיך אַט די סטאַקס. מיט דרייסיק יאָר צוריק איז עס געווען, טאַקע אין זעלבן יאָר וואָס די דאַטע אין די אָ פּאַפּירן איז אָנגעגעבן. צו דער הצלחה פון דעם אַפּיל, האָט איר מיר געגומען דערקלערן, איז זייער וויכטיק אַז די ערשטע האַנט זאָל שוין מאַכן דעם גוטן אָנהייב. און אַזוי ווי איך בין אַ כוהן, וועט מען עס מאָרגן אויפרופן מיך דעם ערשטן צו דער תורה. אייך איז באַוווּסט, האָט איר, מיסטער, ווייטער גערעדט, אַז איך בין אַ געוועזענער תלמיד פון וואָלאָ־זשינער ישיבה. איז דאָך מיר געוויס ניט פרעמד דער אמתער טייטש פון „יתן ויתנו אחרים״. אונדזערע חכמים הייסן געבן מיט אַזאַ ברייטן האַרץ, אַז ביי די אַנדערע, און גאָר רייכע, זאָל זיך שוין מוזן געבן אָן עפּן די פּאָר־מאַכטע הענט... איר גופא, מיסטער, האָט געהאַלטן, געדענק איך, פאַר קרי־את־התורה אַ הייסן ספּיטש, און אַלץ באַטאָנט אַז איר זייט ניט געקומען וועגן נדבות, און איר האָט פאַרזיכערט אַז די באַנק איז אַ געשעפט פון כולו ריווח. הרים וגבעות האָט איר צוגעזאָגט, אַ סך נאָך מער ווי דאָ אין די פּאַפּירן... דעם ערשטן צו דער תורה האָט מען אויפגערופן טאַקע מיך, און ביים מי־שברך האָב איך געגעבן אַ זאָג: תשע מאות, ניין הונדערט. חצי ח״י. און עס איז אַוועק אַ גאַנג; איבער צוואַנציק טויזנט דאָלער האָט איר ביי אונדז געמאַכט!.. פאַר אַזוי פיל יאָרן דאַרף דאָך עפּעס זיין דיווידענדן, און פּראָ־צענטן פון די דיווידענדן, און דער קרן אַליין!..

— און אין אַמעריקע? — זייט זיך דורך ביים מנהל פון די פאַרשנורע־וועטע ליפּן — ביי אייך אין פילאַדעלפיע גייט דאָך יעדע ביזנעס אַוועק גע־נוי ווי מען האָט פאַרויס אויסגערעכנט...

— אַ באַנקראָט מיינט איר? געפּלאַצט האָט ביי אייך, הייסט עס, די גאַנצע באַנק־אונטערנעמונג... רעדט זיך וועגן אַ ביזנעס, דאַרף דאָך זיין אַ ראַפּאָרט אַ באַשטעטיקטער, אַ געריכטלעכער ליקווידאַטאָר און נאָך לעגאַ־ליטעטן. אין אַמעריקע איז ניט הפקר אויך אַ באַנקראָט!

— עס איז דאָ!.. — גיט זיך ביים מנהל אַ טראָג די האַנט איינצוהאַלטן דעם אויפשפּרונג פון יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ — דאָ אייער קרן, דאָ

דיווידענדן... וואָס קוקט איר מיך אָן? איר גיט זיך דאָך אָן פּאָר אַ לומדישן ייִדן. אַ שומר תורה ומיצוות... צו מיר אַהער קומט איר דאָך מסתמא פון תל־אביב, אָדער גאָר פון דער דערבײַיִקער רמת־גן. איז ביי אייך בני־ברק אַ שטאָט ווי אַנדערע? שוין די ערשטע גאַס, וואָס איר קומט דאָ אַריין, הייסט רבי עקיבא. און דערביי די אַלעע פון רבי טרפון, און פון אַביי ורבא; און ווייטער גאַסן אויף גאַסן מיט הייליקע נעמען!.. פיר און צוואַנציק ישיבות זיינען שוין דאָ ביי אונדז. גרויסע ישיבות, וועלט באַרימטע, און עס קומען אויף ברוך השם נייע! און ראשי־ישיבות און רבנים גדולי־ישראל, און חסידישע רביים! אַ שטאָט פון תורה און יִראת־שמים!.. אַמעריקאַנער, אין אַלץ זיינען זיי דאָך אַזוי פּראַקטיש, ווייסן אַז אָן געלט איז קיין זאַך ניט צו אויפטאָן. און דאָ אַזאַ יסודותדיקער אויפטו, מעשה־בראשית אין אונדזער דור; איז דאָס ביי אייך אויפגעקומען פון לופט!..

— צייט איז געלט, מיסטער. וואָס איז אָבער מיט דער באַנק „שומרי שבת״?

— שומרי שבת!.. קומט טאַקע אַהער אויף שבת. וועט אייך זיין אַלץ געצאָלט. דאָ וועט איר פילן דעם עכטן און אַלט־ייִדישן שבת. איר וועט ביי אונדז ניט זען קיין פאַרערס, קיין מלאכה און האַנדל. אַ געזאַנג טראָגט זיך פון די בתי־תפילה און פון זמירות ביי די טישן. בגילה, ברינה!.. גייט דאָ איבער די גאַסן, זעט דעם שלוות־הנפש וואָס שטראַלט פון יעדן פּנים. צווישן די שבתדיקע ייִדן דאָ האָט איר אַרויס דעם טיפן באַטייט פון „עם מדושני עונג״, אַ פאָלק געזעפּטיקט מיט תענוג. אין דער אַ שטאָט פון שבת זאַפּט איר דאָך דעם יום מנוחה וקדושה, באָדט זיך אין דעם עונג־שבת!.. יע, און שפּאַצירט איר שוין שבת אין בני־ברק, טאָ פאַרגעסט ניט צוגיין אויך ביי די גרענעצן פון שטאָט, צו די גאַסן און טראַקטן ניט־אונדזערע. וועט איר זען אַ ביסל וואָס עס טוט זיך איין שפּאַן פון דאַנען. ייִדן אַזוי פיל בגילוי ראש, מיט הוילע קעפּ, און מיט סיגאַרעטן אין מויל, און אויטאָס לויפן הין און הער!.. אין אונדזער תחום קומט אָבער ניט אַריין דער חילול־שבת. קייטן וואָס פאַרצאַמען וועט איר דאָרט זען, און יראים ושלמים וואָס שטייען פעסט אויף דער שמירה. אַ פעסטונג איז דער שבת אין בני־ברק!.. „שומרי שבת״ זאָגט איר, איר קרימט זיך עפּעס מכוח אַ באַנק מיט אייערע עטלעכע

מאות... די בעסטע אינוועסטיציע האָט איר געמאַכט! דיווידענדן די גרעס־טע, און אויך פּראָצענטן אויף זיי. וועגן קרן זאָרגט שוין גאָרניט. פעסט־זיכער, און אויף לאַנג־לאַנג; לענגער ווי ביז אייערע הונדערט צוואַנציק יאָר.

געהערט, גאָר טענות פון אַ וואָלאָזשיניק, אַ בן־תורה און שומר־תורה!..

די פאַרטראַכטע טריט אפרים זרחס און זיין צוקנדיק פּנים ברענגען אַרויס שוין אויפן שוועל צוריק אַ חרטה ביים אַלטן, וואָס ער האָט אַהער מיטגעשלעפּט דעם פּלימעניק. ניט איין מאָל האָט דאָך דער יונגערמאַן זיך אַ טרייסל געטאָן מיט שוידער ביי די רייד פון מנהל. און אויך ביי דעם צוריקענטפער וואָס איז געקומען פון אים, דעם פעטער, פלעגן זיך ביי אים אַרונטערלאָזן די אויגן און זיך פאַרקוועטשן, און פינגער אַזוינע ציטערדיקע האָבן געצופּט דאָס בערדל... ווי די לומדים אַ מאָל אין ווילנע אין גאונס קלויז, זיינען אויך אין ירושלים נאָך דאָ די אייגענע בטלנים, אויסגעטאָן פון עולם־המעשה... אָפּוואַרטן אָבער אַז דער צווייטער אַליין זאָל אָנהייבן ריידן, האָט זעלטן דער אַלטער צייט און געדולד. פאַרט ער אַרויס מיט זיין פילאָסאָפיע:

— ביי אונדז אין אַמעריקע דאַרף זיך אַ מענטש אויסטויגן דער עיקר אין די צוויי זאַכן: מאַכן דעם דאָלער און האַלטן דעם דאָלער. איז ער דער חכם, דער גרויסער חשובער מנהל!..

די עמקות וואָס דער פעטער וויל דאָ אַרויסברענגען, באַנעמט ניט אפרים זרח. אויך אין דעם גאַנצן שמועס אין דער הנהלה זיינען אים ווערטער אַ סך געווען פרעמד, און נאָך פרעמדער — דער סיכסוך אַליין... דער איינ־שטעל אָבער פון מנהל, און זיין גאַנצער דרך, נעמט זיך אים איצט גראָד מישן, אפרים זרחן, מיט דער השקפה פון זיין ראָש־ישיבה. ביים טאָן דעם שידוך, האָט אים דער אַלטער רבי געדרונגען מיט ראיות, אַז יופי, שיינקייט, האָט גאָר קיין שייכות ניט מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פון א כלה... און דער הסבר פון מגיד!.. — טוט ער זיך אַ צאַפּל. אויף זיין טענה וועגן די גרויסע הבטחות פאַר דער חתונה, האָט אים דאָך דער שווער מיט זיין כוח הדרשנות פאַרענטפערט, אַז נדן, בפירוש־צוגעזאָגטע — איז ניט מער ווי אַ משל...

מיט אַ קאָמפּאַס

אַ געוויינהייט האָט ער, דער אַלטער פעטער פון אַמעריקע, צו ריידן אַ סך, און מיט פּרטים. שרעקט אים אָפּט די שוויגעוודיקייט פון אפרים זרחן, דעם ירושלימער פלימעניק, וואָס מיט אים צוזאַמען גייט ער עס ווינען דאָ אין דער געגנט פון תל־אביב. אָט קוקט ער שוין אַ רעכטע ווײַלע, דער יונגער־מאַן, אין דער רשימה פון די הײַזער, וואָס ער, דער פעטער, האָט מיט זיינע אַלטע פיס אויסגעזוכט אין בני־ברק און יעדע דירה דאָרט באַזונדער גוט אויסגעזען — און נאָך ניט צו הערן פון דעם מענטשן אַ וואָרט. עפּעס קלאַפּט ער יע אונטער מיט אַ פינגער ביי איינער אַ דירה, און אָט האַלט ער זיך אָפּ אַזוי לאַנג ביי אַ וויטערדיקער שורה. לויפיק און נערוועז ווערט זיין בליק איבער די עטלעכע אויסגעמעקטע ציילן אין דער רשימה און זיין אויג נעמט זיך באַלד גריבלען אין יעדן פּרט פון די דירות אונטער די אַ דורכגעפירטע טרייסלדיקע שטריכן. די קנייטשן פון שטערן זיינען אַ פּנים אין גאַנצן פאַרחידושט אויפן פעטער, וואָס ער האָט עס מיט זיינע ציטערדיקע הענט אויסגעמעקט אַזוינע גרויסע ווינונגען מיט כּלערליי באַקוועמלעכקייטן. שווער, שוועלעך פאַר אַזאַ ירושלימער יונגן־מאַן תופס צו זיין, אַז אויך די מיטלען פון אַן אַמעריקאַנער, אָט ווי זיין פעטער, קאָנען זיין באַגרענצטע; און טרייבט עס אים אַריין די קניה פון דער דירה אין העכערע סומעס געלט — קאָן גאָר דער גאַנצער ענין טאָן אַ פּלאַץ.

די טייערע ווילע מידות פון אפרים זרחן זיינען אים אָבער גוט באַוווסט, דעם אַלטן; גאָר אַ שם האָט זיין פרומקייט. פרעגט ער שוין ניט פיל, און לאָזט זיך נאָכן פלימעניק קיין בני־ברק. ער גייט אים אַנאָך דורך דער גרויסער רבי עקיבא־גאַס, און נאָר פון מאָל צו מאָל גיט ער אים אַ וויז אויף הייזער פון וויטן, וואָס ער האָט דאָרטן געזען די דירות און זיינען אים אַזוי געפעלן געוואָרן. אַ וואָרט הערט ער ניט פון יונגן־מאַן. ער מערקט אָבער קלאָר זיינע לויכטיקע אויגן וואָס שיסן מיט אויסגעבענקטע בליקן צו דעם בילדערישן באַרג מיט די שיין־פאַרבויטע בנינים צווישן ביימער און בלומען, און אָט אויף דער אַנדערער זייט, די הייזער פון רייצנדיקן טאָל, וואָס רייסט זיך

מיט אַ זאַמד און קאַלך צו דעם אָפּהאַנג ווידער פון אַ וואַלדיקן באַרג... מיט זיין שטומער אַנטשלאָסנקייט שפּאַנט ער אַלץ ווייטער, אפרים־זרח, און שוין גאָר אַרויפצו רחוב רבי עקיבא גיט ער זיך אַ קער אויף רעכטס. מיטן פעטער צוזאַמען איז ער אין דער שכונה זיכרון־מאיר.

די התלהבות פאַר דעם אַמעריקאַנער האַלט לאַנג ניט אָן ביי דעם מתווך, וואָס פאַרנעמט זיך דאָ מיטן פאַרמיטלען וווינונגען. זיך נאָר אַרויסגעלאָזט מיט זיינע קליענטן, שטעלט זיך אָפּ דער אַלטער ביי אַ פּלאַקאַט, וואָס הענגט קווער איבער דער גאַס און נעמט איבער די באַזוכער פון דער שכונה. לייענט ער באַזאַכט אַראָפּ:

— „ברוכים הבאים"... — און גיט באַלד צו — און וואָס קאָסט דאָס ?..

זיין שמייכעלע דערביי, — ווי אַלץ וואָלט דאָ געווען איינגעשטעלט אויף געלט, און אויף זיין חשבון !..

גאַרניט צופרידן איז דער מעקלער פון דעם אַלטנס קרימען זיך שוין ביי דער ערשטער דירה וואָס ער ווייזט אים. עס טומלט דאָ, זאָגט ער. מוז מען אַזוינעם דערקלערן:

— דאָך אַ ישיבה דערביי. דער קול־התורה איז ביי אייך אַ רעש, אַ געטומל ? ביי די באָקסן אין אייער אַמעריקע לאָבט איר זיך דאָך מיטן האַר־מידער און גערויש. און להבדיל אַ ביסל אַ גרעסערער !..

אין די ווייטערדיקע דירות וויל ער וויסן, ווי ווייט איז דאָס אָרט פון דעם אויטאָבוס, פון אַ שפּייזגעוועלב, אַ מכולת; און ווייס שוין צו אָנרופן אַזאַ קראָם מיטן ליצנישן נאָמען „מ׳קוילעט"... לאַנג קוקט ער צום דרויסן און פרעגט נאָך אויף די וועלטזייטן, די רוחות־השמים; אין וועלכער ריכטונג קומען דאָ אַרויס די פענצטער און די טירן. דעם קילן צפון זוכט ער; אים גייט אויך אין לעבן אַ מערב־ווינטעלע, פון ים...

— דאָ וויל אַ ייִד דער עיקר וויסן, וווּ איז מיזרח, אויף שטיין שמונה־עשרה — קריגט ער אַ תשובה — מען פרעגט ווי ווייט איז די דירה פון אַ בית־מדרש, אַ ישיבה, פון אַ רב אַ גדול, פון דעם חסידישן רבין, און אַ מיקווה...

— וואַרט נאָר, לאָזט... — כאַפּט זיך דער אַמעריקאַנער, שטעקט אַריין זיין האַנט טיף אין בוזעם־קעשענע און נעמט אַרויס אַ קליין קאַמפּאַסל —

גאָר פאַרגעסן דעם גוטן בעל־יועץביים נעמען אַ וווינונג!.. זעט מען דאָך פון וואַנען דאָ קאָן בלאָזן!

דער מתוּוך טוט אָן די ברילן און וואַרפט זיי גלייך אַרונטער, טוט ווידער אָן — און קען ניט פאַרשטיין:

— מיט אַזאַ מכשיר?.. אין זיכרון־מאיר זוכט מען שוין אַזוי אַ היים!.. געהערט, אַ מענטש טראָגט זיך אַרום מיט אַ געטשקעלע, זיין נביא פון די ווינטן. גאָר ווי אין לוח, אָט די קאַלענדאַרן וואָס זאָגן פאָרויס דעם וועטער אויפן גאַנצן יאָר אין זייער באַקאַנטן קאַפּיטל „חזון רוחות”... אין זיכרון־מאיר הערשט אָבער דער רוח פון דעם גרויסן גאון, דעם „חזון איש”!..

ממש אַ פּחד באַפאַלט אפרים זרחן. אויף דער אַמעריקע דערציילט מען זיך טאַקע אָן מוראדיקע זאַכן! אַ זקן שוין אָט דער פעטער זיינער, איז אויך ער טראָגט זיך אַרום אַזש פון דאָרטן מיט אַ מין עבודה־זרה!.. דער אַלטער אָבער קוקט זיי אָן ביידן, דעם ירושלימער פלימעניק און דעם מעקלער פון בני־ברק:

— וויסן פון וואַנען דער ווינט בלאָזט, איז אַן אַפּיקורסות?.. און אַ קאָמ־פּאַס, גאָר עפּעס אַ מוקצה!..

— דאָס זאָגן מיר ניט... — שמייכלט שוין דער פאַרמיטלער, וואַרפט אַ היימישן ווונק צו אפרים זרחן, און גיט זיך באַלד אַ כאַפּ — יאָ, ספּאָרט, און באַזונדערש די פּילקע, איז ביי די אַמעריקאַנער ניט אַן אָפּגאָט? אַהאַ, ווי פאַר יעדן פוטבאָל־פאַרמעסט ברענט איר דאָך צו וויסן, פון וועלכער זייט דער ווינט וועט בלאָזן!.. שאַדט ניט טאַקע דערביי צו דערמאָנען וואָס די גמרא דערציילט. מוצאי שמיני־עצרת פלעגן אַלע זיך צוקוקן אויפן רויך פון מזבח, אויף וואָס פאַר אַ זייט ער בלאָזט. און אַזוי האָט מען געוווּסט ווי די רעגנס וועלן אויספאַלן דעם קומענדיקן יאָר און וואָס פאַר אַ גערעטעניש וועט זיין, טעג פון זעט אָדער הונגער, חלילה. און אַז מיר וועלן זוכה זיין צו האָבן דעם בית־המקדש, וועט מען ווידער קאָנען וויסן. ניט אָבער מיט אַ קאָמפּאַס!..

שאַרפער ווערט דער וויכוח, ווען דעם אַלטן איז שוין ענדלעך געפעלן אַ דירה. דעם מקח אָבער וואָס ער דערהערט, איז אין זיינע אויגן ממש באַריי־

סעריש, און ער נעמט פֿאַרגלייכן מיט ווינונגען נאָך בעסערע און נאָך גרע־סערע, וואָס ער האָט געהאַט געזען אין דער זעלבער בני־ברק. איז שוין דער מתּוך אין גאַנצן אַרויס פֿון די כּלים:

— דאַוונען מיר דאָ יעדער איינער פֿון גאָר אַ באַזונדער סידור! מיס־טער, איר רעדט פֿון בני־ברק, און דאָ איז זיכרון־מאיר... מיט די פּלייצעס הייבט איר; נו, דאַרף מען דאָך מיט אייך פּשוט אָנהייבן פֿון אלף־בית... בני־ברק איז אַ שטאָט פֿון ייִדן, און אַ גרויסע צאָל פֿרומע, כּן ירבו. אָבער נאָר אַ צאָל... אַז די שטאָט האָט גאַנצע קוואַרטאַלן מיט פֿרייע, ווייסט איר? גאָר מפֿורסם איז דער שיכּון הוותיקים. און עס פֿעלן ניט אין די אַנדערע גאַסן אַזעלכע וותיקים, די „ווייטיקן". די הסתדרות מיט די לינקע פּאַרטייען רוען ניט און זוכן דאָ צו פֿאַרלייגן נאָך און נאָך פֿון זייערע שיכּונים!.. אין צענ־טער שטאָט, ווי אויף רחוב רבי עקיבא, טרעפֿט מען דאָך אַזוי פֿיל מענטשן בגילוי ראש און מגולחים, אָן אַ סימן באָרד, און פֿרויען מיט זייער הפֿקרישן אָנטו, און ניט אין אשת־איש מיט די אייגענע האָר!.. אויך אין בני־ברק זעט דער ירא וחרד צו אויסמיידן די גאַס. און ביי זיך אין שטוב זייט איר שוין זיכער? איר גייט צו כאַפּן אַ ביסל פֿרייע לופֿט ביים אָפֿענעם פֿענצטער אָדער אויף דער וועראַנדע, קוקט צו אייך אַרויס פֿון אַ הויז אַנטקעגן אַ חצופֿה אָן אַרבל, און אַ מאָל גאָר אַ האַלב־נאַקעטע!..

— נאָר ניט איבערטרייבן, אָן גוזמאות... — האָקט איבער דער אַמעריק־קאַנער מיט אַ זאַכלעכן טאָן — די פֿרייע איבער די גאַסן פֿון בני־ברק ווערן שטאַרק בטל צווישן דעם פֿרומען עולם. אין מוניציפּאַליטעט אַפֿילו, עיריה, ווי מען רופֿט דאָ, האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען באַאַמטע, פֿון קלענסטן ביזן העכסטן, און אַפֿילו די יוריסטן און אינזשענירן, — כּמעט אַלע אין יאַרמלקעס, און מיט בערד און פּאות, און ביי אַ סך די קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען...

— געוויס!.. איך האָב דאָך געזאָגט, אַז פֿרומע אין בני־ברק זיינען אין אַ גרעסערער צאָל, און זיי האָבן נאָך היינט, ברוך־השם, אַ מערהייט אין שטאָט־פֿאַרוואַלטונג. די ניט־פֿרומע זיינען טאַקע היינט נאָר אַ מיעוט; זייער צאָל שטייגט אָבער דאָ כּסדר, און צוזאַמען מיט דעם אויך זייער חוצפּה. זעט די ריזיקע בנינים וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבויט אויף די הויפּטגאַסן. און

וויפל גאַסן, טאַקע אין בני־ברק, האָבן זיי אויפגעצווונגען אָנצורופן מיט ווייס־איך־וועלכע נעמען. איר קאָנט אַריינפאַלן ווינען אין אַ גאַס וואָס הייסט גאָר אויפן נאָמען פון אַ משׂכּיל און אַ ציוניסט און בכלל אַ כּופר; און אָט די „שמות הקדושים" מוזט איר טאָג־טעגלעך אַרויפברענגען אויף אייערע ליפּן!.. לערן־אַנשטאַלטן, בתי־ספר פרייע, ווו מען פאַרדאַרבט די נשמות ביי די קינדער, מוז דאָך די עיריה אַליין אויסבויען און זיי אויסהאַלטן, פאַר דעם „וועלטלעכן" טייל פון דער באַפעלקערונג!.. אין די אָוונטן קאָנט איר זען די „טעטיקייט" פון די לינקע קלובן. טיר און פענצטער צעעפנט, און עס טראָגן זיך אַפּיקורסישע דרשות. אָדער גאָר — טענץ. זכרים מיט נקבות, און ניט איינער מיט יענעמס ווייב, אָן אשת־איש. בריש גלי, פראַנק און פריי. און וועלכע ניט הפקרותן!..

— דער שבת אין בני־ברק איז נאָך גאָר פיין, ברוך־השם!.. — וואַרפט אַריין זיין וואָרט אפרים זרח.

— איר זייט דאָך אַ ירושלימער... — שטעלט אָן אַ פּאָר אויגן דער מתווך און רעדט שוין אויך צו אים — דאָ אין בני־ברק האָט מען אַזש פון די הע־כערע קרייזן פון דער ישראל־רעגירונג געטאָן אַ טובה די ייִדן און זיי צייט־ווייליק דערלויבט אויף דעם טאָג שבת איבערצוציִען קייטן ביי די אַריינ־פאָרן אין שטאָט אַריין. זעט מען ניט קיין פאַרעריי אין די גאַסן... גייט איר זיך אַרויס אין דער שבתדיקער גאַס פון בית־מדרש נאָך קבלת־שבת און מעריב, אַזוי בנעימותדיק אין שטריימל און זיידענער קאַפּאָטע, און אין פּנים אַריין קומט אייך אָן אַ ייִד מיט אַ סיגאַרעט אין מויל. פון גרויס אויפרעגונג פאַרט איר דאָך אים אַריין אין באַק. פאַרלעשט זיך דער סיגאַרעט, און איר האָט שוין אָן אייגענע עבירה. דער בעל־דבר אַליין שוויגט מסתמא אויך ניט; קיין חוצפּה פעלט זיי דאָך ניט, די אַפּיקורסים. איז שוין אַ געשלעג, און ווידער חילול־שבת. אין אַ טענדער לויפט אָן באַלד אַ פּאָליציסט, אויך אַ ייִדישער; ער האָט דאָך זיין „היתר" צו פאָרן. און אין נאָמען פון דער ייִדישער ממשלה שלעפּט ער אייך צוזאַמען מיטן כּופר אין מאַשין אַריין. נעמט איר זיך געוויס בעטן וועגן חילול־שבת. טוט ער אייך אַ טובה און שטעלט זיך אויפן אָרט שרייבן דעם ראַפּאָרט, אום שבת. און ווידער אַ טובה, וואָס ער פאָדערט ניט פון אייך גלייך די חתימה. ער באַנוגנט זיך מיט דער

הבטחה צו קומען אין פּאָליציי נאָך הבדלה. כּולו ריווח!.. זייט איר שוין אין שטוב און זעצט זיך צו דער שבתדיקער סעודה. אין מיטן קידוש אָדער זמי־רות רייסט זיך אייך אַריין פון שכן אַ ראַדיאָ! האָט איר נאָר די ברירה צו וואַרפן אים אין פענצטער אַריין אַ שטיין... אויף מאָרגן, שבת פרי, איר גייט אַ קוק צום דרויסן, נעמט אייך איבער דער זעלבער שכן, און צו אים נאָך אַזוינע „אויפגעקלערטע״, מיט וועראַנדעס און דעכער אויסגעהאַנגענע מיט וועש, אָקערשט פון געוואַש; און הייזער פלאַטערן מיט כּפירה קעגן הימל!..

— וויל איך טאַקע הערן די וווּנדער פון אייער זיכרון־מאיר... — פּאַר־לירט שוין דער קליענט זיין געדולד.

— קיינע וווּנדיירים, ניטאָ ביי אונדז קיינע ניסים ונפלאות!.. אַן עדה ייִדן אין זיכרון־מאיר, וואָס פאַרגעסן ניט אויף איין אויגנבליק אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און די תורה מוז מען לערנען און מקיים זיין. מיר ווייסן ניט פון שבתדיקע ייִדן און פון יום־טובדיקע ייִדן. אַ ייד איז מען אין יעדער רגע פון טאָג.

באַגייסטערט פון דער רעיון וואָס ער אַליין האָט דאָ אַרויסגעזאָגט, אָטעמט טיף אָפּ דער מתווך. הנאהפול ציט ער זיין שיין־פאַרקעמטע באָרד, און די זעלבע האַנט גייט ברייטלעך אַוועק מיט אַ גלעט איבער דעם בכּבודיקן בויך. אַז זייך וואָרט איז אויך שטאַרק געפאַלן, דערציילט אים דאָס פּנים פון אפרים זרחן. ווי פרום דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען אונטערשאָקלען אויף אַלע זייטן, די אויגן ווי זיי ברייטערן זיך אים, נאָז און אויערן אָנגע־שפּיצט — ווי מיט די אַלע חושים זיינע זאַפּט ער דביקותדיק פון דער שכונה דאָ יעדן עצם, יעדן קלאַנג און באַוועג!.. ערגערט אים נאָך מער, דעם מעק־לער, דאָס קאַלטע פּנים פון דעם אַמעריקאַנער, און ער ווייס שוין פּשוט ניט ווי צו ריידן דאָ צו אים ווייטער... גיט ער זיך אַ וואָרף צו אַ פאַרבייגייענדיקן קינד:

— ווי אַלט ביסטו, מיידעלע? האָב קיין מורא ניט... פיר יאָר, זאָגסטו. רייד העכער... איז ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף אַ באַנאַנע?.. ריכטיק! בורא פרי אדמה... און אויף אַ דונער? אַ רעגן־בויגן?.. הערט איר שוין, רב מיס־טער!..

דער איינפאַל זיינער צו דעמאָנסטרירן דאָ מיטן קינד מוטיקט אים אַליין

ביז גאָר, דעם מתּוך. וואַרט ער שוין ניט אויף אַ וועלכן זאָג פון דעם אַלטן אַמעריקאַנער און ער טוט אים אַ ווייז אויף איינעם וואָס טראָגט פון ווייטן צוויי קאַנען:

— קוקט אויף יענעם מילכטרעגער. איר שטעלט אים גאָר ניט אין ביוש, ווען איר האַלט אים אָפּ און טוט אַ פרעג אַ שאלה אין הילכות שבת אָדער כשרות, און אויך אַ האַרבע קשיה אין תּוספות... אַחוץ די ישיבות און רבנים און רביים איז דאָ אויך יעדער איינער אַריינגעטאָן אין ייִדישקייט, מקטן ועד גדול...

— וואָס, טאַקע ניטאָ ביי אייך קיין פרייע? — גיט טרוקן אַ זאָג דער אַלטער — אפילו אין די ריין־ווייסע דיסטריקטן ביי אונדז אין אַמעריקע פאַר־וואַלגערט זיך אויך ניט אײן נעגער...

— בל יראה ובל ימצא, ניטאָ דער מין!.. די לופט אַליין אין זיכרון־מאיר, די אַווירה של תּורה, רייכערט שוין אויס... איר געדענקט דאָך מסתּמא דעם גוי וואָס פלעגט אַריינפאַלן אין ייִדישן שטעטל אין טאָג פון שבת און יום־טוב, אָדער גאָר יום־כּיפּור; דער אויסזען און די בידנע לאַגע זיינע. און באַלד טאַקע איז ער אויסגערונען, ניט געוואָרן... יאָ, אָפּט קאָנט איר דאָ זען, ווי ייִדן, ייִנגערע און עלטערע, קומען אַהער פון נייגעריקייטס וועגן. זיי גייען דאָ אַריין אין די ישיבות, קוקן זיך צו ווי מען לערנט, און גיבן אַזוי ספּאָרטמעסיק אַן עפן אַ ספר. פון די אָבער, דאַרף מען וויסן, בלייבט שוין ניט איינער צוגעבונדן צו זיכרון־מאיר... און דאָ קאָן מען זיין צווישן ערלעכע ייִדן ניט נאָר בחיים; אויך אַ בית־הקברות אַ גאָר באַזונדערן האָבן מיר. וואָרעם אַ שכן רע טויג קיין מאָל ניט, און אפשר גאָר אַ קנאַפּע מעלה ביי תּחית־המתים. חז״ל וואָרענען דאָך: „אין קוברין רשע אצל צדיק“...

— האָט איר שוין אויך דעם ריכטיקן פּאַטענט אויף דערשמעקן אַקו־ראַט ווער איז אַ צדיק און ווער ניט?.. — שמייכלט אונטער דער אַמערי־קאַנער.

— שמירת שבת! — שרייט אויס דער פּאַרמיטלער — שבת איז דער סאַמע פּרוּווּשטיין אויף וויסן ווּ דער ייִד האַלט. הייסט טאַקע דאָס פעלד: בית־הקברות של שומרי שבת. אַז שבת איז גאָר אַ גוטע פּראָבע, ווייסן מיר שוין ניט פון היינט. אַ בפירושע גמרא: „אלמלא משמרין ישראל שתי שבתות

כּהלכתן, מיד נגאלין״; נאָר צוויי שבתים אַז ייִדן זאָלן אָפּהיטן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, קומט באַלד די גאולה!.. זיכרון־מאיר איז — ייִדישקייט, דורך און דורך!.. איז דאָך טאַקע נשתּומם צו ווערן, אַז ביי מענטשן איז דאָס זעלבע בני־ברק און זיכרון־מאיר, גאָר הינו הך! ירושלים אַפילו, אַחוץ איר קדושה פון דורות, קאָן זיך דאָך ניט פאַרגלייכן מיט דער אַ זעלטענער שכונה!

— ירושלים? — שפּרינגט אויף אפרים זרח — דער לימוד התורה דאָרט און יִראת־שמים!..

— די גרעסטע וועלט־ישיבות זיינען אָבער אין זיכרון־מאיר... — איז געלאָסן דער מתּווך — און יִראת־שמים, מיט דעם נעמט איר זיך אַזוי אי־בער, טאָ פאַרגעסט ניט אַז פּרייטיק צו נאַכטס שיינען ביי אייך אין ירושלים אויך די פרומע שכונות מיט עלעקטריע. איי דער שטראָם ווערט געטריבן מיט ייִדישע הענט און איז אָסור על־פּי־דין?.. איז שוין דאַכט זיך מער עונג־שבת מיט די פאַראַפין־ליכט און נאַפטלאָמפּן ביי אונדז אין זיכרון־מאיר... יאָ, די ירושלימער זיינען זיך מורה היתּר מיט די זייגערס וואָס אויטאָמאַטיש פאַרלעשן זיי און צינדן אָן. ריבונו של עולם, דאָס ליכט אַליין אָבער איז דאָך פון שבת־עלעקטריע!.. און שבת־צוקער? ניט לאַנג צוריק בין איך געווען ביי אייך אין נחלת־שבעה. דאַכט זיך אַ גאָר פרומע ירושלימער שכונה, גיט מען מיר צום טיי מעלצוקער. און דער אַ זיסער אַרטיקל, דערוויס איך זיך, גייט דאָרט אויך אין טאָפּ, און אין טייג, און אויף נאָך אַלערליי מאכלים. וואָסי, בן־גוריון איז שוין באַגלייבט, אַז אין די צוקער־פאַבריקן ווערט די אַרבעט אין די שבתים געטאָן דורך ניט־ייִדן. זיכרון־מאיר האָט אָבער אונ־טערגעשיקט אייגענע מענטשן קיין עפולה און קרית־גת, דאָרט ווו די פאַ־בריקן. און מען ווייס... ניצן מיר נאָר ציגעלעך און אַנדערע האַרטע צוקער, וואָס ווערט נאָך ניט געמאַכט דאָ אין לאַנד און קומט פון חוץ־לארץ. אַ הוצאה טאַקע אַ גרויסע, אָבער אויס מיט דעם חשש פון טועם זיין אַן אָסור בהנאה!.. און שמיטה. אין די שמיטה־יאָרן האָבן מיר דאָך אונדזערע עקסטרע קלייטן אויף ירקות, פּירות און תּבואה־געוויקסן. און מיט תּרומה און מעשׂרות איז דאָך אין ירושלים סתּם הפקר... טאָ וואָס איז שוין דער וווּנדער אַז ביי אייך אין די בתּי־מדרשים מאַכט מען אַ גאַנצן פאַראַד פון דעם יום־העצמאות? הרב קוק איז שוין לאַנג עליו השלום, אָבער די רבנים פון זיין חדר, די

„קוקאַווקעס", לאָזן זיך אַוועק דעם טאָג מיט זייערע דרשות, און הייסן זאָגן אין דאַוונען אַפילו גאַנץ הלל !.. ביי אונדז אין זיכרון־מאיר גלייבן מיר אין דער גאולה און וואַרטן אויף משיחן.

— וועגן די בתי־מדרשים אין ירושלים איז שוין סתם אַ רכילות און לשון־הרע ! — שטראַלט אויף אפרים זרח מיט אַ צופרידנקייט, וואָס ער קאָן כאַטש דאָ אָפּשלאָגן בולט דעם שאַרפצונגיקן ייִדן — בתי־תפילה ציוניסטישע נאָר געציילטע, און זיי זיינען גוט באַקאַנט.

מיט סוחרישן טאַקט קוקט זיך צו דער בוי־אונטערנעמער אין זיין ביור־ראָ־צימער צו דעם טשעקביכל און וויטערדיקע פּאַפּירן וואָס דער קליענט גראָבט פון זיינע קעשענעס, רעדט און לייגט אויפן טיש. די ביידע הענט פון אונטערנעמער טאַפּן די קליינע יאַרמלקע איבערן שפּיץ קאָפּ און שאַרן זיך כסדר הין און צוריק. באַלד וואַרפט זיך יעדע האַנט צו דער פּיאה וואָס גלאַנצט אויף איר זייט ביי דעם אויער און וויקלט זיך אַרום אים ; און זי ציט זיך, די האַנט, אויף אַרונטער מיט אַ העלפט פון דער לאַנגער קאַשטאַנבאָרד. און ווידער קומען די הענט אומגעדולדיק צוזאַמען אויף דעם טלית־קטן איבער דעם אויסגעטאַרטשעטן בויך, און כאַפּן זיך ווידער צום שפּיץ קאָפּ. אַנטוישט שוין אין גאַנצן פון דעם אַלטן אַמעריקאַנער, זיצט דערביי דער מתווך און זיין בליק שפּיזלט זיך מיט אומרו און מיט צאָרן אויף אפרים זרחן. ווי אַ שאינו־יודע־לשאול שטייט זיך אָט דער פּאַרדביקהט ביים פּענצטער ; ווי גאָר ניט ער האָט עס צו אים אין שטוב אַריין געבראַכט אָט דעם ייִדן !.. לייכ־טער ווערט אים אָבער, דעם מתווך, ווען מיט אַ קלאָרן וואָרט קומט אַרויס דער אונטערנעמער אַליין, דער פּאַרקויפער פון דער דירה :

— מיסטער, די טשעקן זיינען געלט. די מזומנע דאָלאַרן, געוויס גוט געלט. דער עיקר קרעדיט וואָס איר גיט אָבער אָן, איז דער באַרג דאָ אין בני־ברק ; און איר וויזט דערביי אייערע אַלע איינצאָל־קוויטלעך. איז טאַקע דער באָדן וואָס וועט אייך אַרויסקומען פון דעם אַ באַרג, אפשר אויך געלט. ניט אָבער היינט, און ניט מאָרגן, און ניט איבערמאָרגן.

— איר וויזט דאָס וויזיט־קאַרטל פון אַ סוחר — איז שוין מוסיף דער מעקלער — איר זאָגט אַז אָט דער קאַפּיטאַליסט איז גרייט צו קויפן דעם

באַרג־באָדן... מיר זיינען היגע. מיר קאָנען דעם באַרג; מיר ווייסן אויך וועגן דעם סוחר אייערן. ניט אויף יעדערנס וואָרט לאָזט זיך בויען. אַ רבנישער ייִד איז ער, טענהט איר אַלץ; בכן, איז ער דער רמב״ם?..

די אַמעריקאַנער פילאָסאָפיע זיינע האַלט אים אויך ווייטער רויִק, דעם אַלטן. אין זיין קאָפּ סומירט זיך שוין דאָס געלט וואָס ער האָט אויף זיכער צוזאַמען מיט דער מלוכה־רענטע וואָס ער דאַרף קריגן פון אַמעריקע — און ער קאַלקולירט שוין זיין אויסקום דאָ אין לאַנד. דער פאַרלאָרענער בליק אָבער פון אפרים זרחן טוט אים ווידער אַ וווּנד צום מתּווך:

— האָט איר, מיסטער אַגענט, וואָס פאַרצולייגן מיר לויט מיין געלט איצט? דעם פלימעניק מיינעם ציט דאָך אַזוי צו אייער יקרותדיקער זיכרון־מאיר...

דער ייִד געפעלט אים איצט דווקא, דעם מתּווך. אין זיין ריידן הערט זיך שוין ניט דער עזותדיקער טאָן פון דעם אָלראַיטניק. אונטערן אָרעם טוט ער אים אַ נעם, דעם אַלטן, און פירט אים אַוועק צוזאַמען מיט אפרים זרחן צו אַ גרויסן אָפּגעלאָזן הויז. אויף דעם אונטערשטן שטאָק דאָרט ווייזט ער זיי אַ קליינע און שטאַרק־אָפּגעניצטע דירה וואָס שטייט צום פאַרדינגען אויף חודשלעכן געצאָלט.

צווישן יידן

אָנגעלאָדן מיט נייס, וויל דער אַמעריקאַנער פעטער ראשית־כל אַרויס־האָבן די געדריקטע שטימונג וואָס ער טרעפט אין תל־אביב ביי אפרים זרחן אין צימער. דער מגיד אַליין, זיין שווער, איז דאָ, און מיט אים די טאָכ־טער, אפרים זרחס פרוי, וואָס איז שוין אין די העכערע חדשים. פון זייער ירושלים זיינען זיי עס געקומען, און טאַקע וועגן דער דירה אין זיכרון־מאיר, און זיינען שוין געווען אָנקוקן. אַז דאָרטן וועט זיין ענג, און שוואַך מיט לופט, וואָרט ער ניט זיי זאָלן אים דערציילן... איז ער גלייך מיט זיין גרויסער בשורה:

— אַ דירה איז דאָ, גאָר אַן אַנדערע, מיט כל המעלות!..

דאָס מוילביים אַלטן פּעטער בלייבט אָפן, ווי איך וואָרט וויל אַרויס־שפּרינגען פאַרן אַנדערן און רייסט זיך צו פאַלן וואָס פריער און מיט מער קראַפט. אָן אָטעם איז דאָס ריידן, און אָפּגעהאַקט:

— פּאַלאַצן!.. אַ ישועה!.. „פּועלי ישורון", אַן אָרגאַניזיישן פון די פרומע... טרעפט מיך פון זיי איינער, וואָס איז אַ שטיקל אונדזער אַ פילאַדעלפיער. רייד איך מיט אים וועגן אַ דירה און מיט וועמען איך גיי עס ווינען צוזאַמען... „זייט איר דאָך אַקוראַט פאַר אונדז", שרייט ער אויס, און פירט מיך באַלד אַוועק מיט זיין מאַשין אין זייערער אַ שכונה וואָס בויט זיך. טאַקע דאָ ביי תל־אביב, און מען וווינט שוין אויך דאָרטן; אַלץ פרומע... וואָס אמת, געמיינט האָב איך לכתחילה, אַז די וווינונגען זיינען מסתמא פון יענע ענגע אָנגעבויטע הייזער דאָ אין לאַנד, אָט פון דעם מין שיכון, וואָס מען רופט „שטינקון". ניין־ניין, גאָר אַן אַנדער בוי, אַז אַלץ־אַלץ אַנדערש!.. די פירערס פון די „פּועלי־ישורון" ווילן, אַז זייער שכונה זאָל זיין טאַקע פעסט פאַרזיכערט מיט יידישקייט; שוין גלייך ביים אָנהייב זאָל זי טראָגן דעם פרומען חותם, און אַלץ זאָל זיין דאָרטן על טהרת־הקודש. האָבן זיי זיך דערפאַר אַזוי אָנגעכאַפּט אָן דיר, אפרים זרח. אַזאַ ירושלימער, זאָגן זיי, איז פאַר זיי ממש אַן אוצר, און זיינען גרייט צו פאַרקויפן אונדז די בעסטע דירה אויף די גרעסטע הנחות. די חודשלעכע צאָלונגען קאָנען אויסקומען כמעט ווי די וואָס מען פאָדערט ביי אונדז אין זיכרון־מאיר. דאָרט אָבער איז עס נאָר רענט, דירה־געלט, און דאָ איז שוין די וווינונג אונדזערע אַן אייגענע!.. דאָס גליק ממש האָב איך באַנומען, ווען מיינע אויגן האָבן דערזען די שכונה. סאַראַ שיינער בוי, אַ רחבות; דערביי אויך אַ פּאַרק, אַן אמתער. און בכלל דער אויסבליק!.. היינט די דירה אַליין וואָס מען האָט מיר געגעבן אַ ווייז!.. אַ ישועה, אַ נס גדול!..

געקומען אויפן אָרט און נאָר איין בליק געטאָן אויף דער דירה, צעעפענען זיך ברייט די אויגן ביי דעם מגיד און ביי זיין טאָכטער. ביז גאָר געפעלן זיי די שיינע רחבותדיקע צימערן און די זויבערקייט אַרום. די פרוי פאַרגלייכט באַלד מיט די „ענגע פינצטערע קאַנורעס" פון זיכרון־מאיר און דעם רעש דאָרט פון אַלע זייטן... טיף שווייגט אפרים זרח. זיין אויג גייט דער עי־

קר איבער די אויסגעשפרייטע לאַנקעס אַרום די הייזער, איבער די בלי‍ענ־דיקעביימער און קוסטעס. און אָט אַזאַ פּאַרק! פון דעם הויכלאַנד דאָ ציט זיך זיין בליק ווייטער ווייטער, ביז דעם דערבײַיִקן טיף־גרינעם טאָל, די פּרוכטיקע בקעת־אונו, — און דערלויפט אַזש צום שטיג פון נוה־אילן אין די הרי־ירושלים!..

געדולדיק האַלט זיך אָן אַ זייט דער אַלטער פעטער און כאַפּט דאָ נאָר אויף די התפּעלות. אַז די שטימונג איז שוין גאָר הויך, וואַרפט ער צו ווי פון נייגער:

— איז וואָס זאָגט איר, איר דער גרויסער מגיד?

— עולם־הזה, עולם־הזה... — באַלד אָבער איז שוין זיין טאָן מיט האָס־טיקן צאַפּל — יע! ווי שטייט עס דאָ מיט ייִדישקייט?

גיט זיך דער אַלטער אַ קער און מיט געלאַסענע טריט פירט ער אַריין די גאַנצע משפּחה אין אַ דערבײַיִק ביורא־שטיבל. זיי אַלע ווערן אויפגענו־מען דורך אַ יונגן סעקרעטאַר מיט אַ גלאַטן און שמייכלדיקן פּנים און אַ יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ, און עס נעמט גיין זיין פאַרמעלע דערקלערונג. אַ וויכטיקער פּרינציפּ איז אין דער שכונה, זאָגט ער, וואָס די דירות גייען גאָר גיך אַריבער צו די איינוווינער ווי זייער אָן אייגנטום, און ביי לייכטע צאָלונגס־באַדינגונגען. מיטן זעלבן טאָן איז ער באַלד מוסיף, אַז פאַר די העכסט חשובע קליענטן, מיט וועלכע ער האָט דאָ דעם כבוד צו ריידן, פאַר זיי זיי וועלן געגעבן ווערן גאָר באַזונדערע הנחות... אַ מונטערער דריק פון אַ שוך אויף זיין פוס און אַ קיצלדיקער קניפּ אין אָרעם צעשטראַלט אויך אפּ־רים זרחן מיט דער פרייד פון זיין ווייב. צו דעם ענין גייט דאָ צו מיט אַ גרונטיקן טאָן דער מגיד. „פּועלי ישורון״, ווענדט ער זיך צום באַאַמטן, איז טאַקע וועלט באַקאַנט אַלס רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע. און בויט אַזאַ חברה אַ שיכון, איז דאָך געוויס אויף פעסטע ייִדישע יסודות. כּדאַי אָבער צו הערן, טאַקע שוין איצט, וועגן דעם אויפן דאָ פון איינשטעלן דאָס ייִדישן לעבן...

מיט אַ געניטער האַנט כאַפּט אַרויס דער סעקרעטאַר אַ פּאַפּיר פון פּאַפּ־קע, הוסט זיך אָפּ ווי פאַר אַ לענגערער דרשה און נעמט געשווינד טייטלען אויף עטלעכע שורות:

— שוין לויטן פונקט איינס פון אונדזער קאָנטראַקט, דערקלאַרירט

יעדער שכן אַז פאַר אים איז געגוי קלאָר דער אידעאַלער באַזיס פון דער שכונה, און אַז ער אַליין איז אויך דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט, און ער איז זיך מתחייב צו פירן זיך שטרענג על פי חוקי התורה... און אָט באַלד אַ פונקט וואָס איז מחייב יעדן איינעם צו באַשטייערן זיך פאַר אַ בית־מדרש. וועגן חי־נוך קאָנט איר דאָ לייענען גאָר אַ סך. אַז דער יונגער דור דאָ אין שכונה מוז ווערן דערצויגן רעליגיעז, איז דאָך ניט שייך. ווי איז אָבער דער דין אַז אַ קינד ווערט געשיקט לערנען אַנדערשוווּ? זעט פאָרויס אַ באַזונדער פונקט אָט אויך אין אַזאַ פאַל און באַוואָרנט בפירוש... בכלל, אָפּצוהיטן דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון דעם קוואַרטאַל איז דאָ דער חוב פון יעדן אַרטיקל, אויך אומדירעקט. ניט נאָר דער איינוווינער גופא איז פּערזענלעך מחויב צו פירן זיך ייִדישלעך; ער דאַרף אויך אויסמיידן אַז צו אים זאָלן אַהערצו קומען מאַנסבילן בגילוי־ראש, פרויען אין ניט־צניעותדיקע מלבושים, און אַזוי ווײ־טער... קלאָר אַז דער קאָנטראַקט פאַרגעסט אויך ניט וועגן אַ מיקווה, השגחה איבער כשרות ווערט שוין גאָרניט פאַרזען. שבת, פאַרשטייט זיך, ווערט די שכונה אָפּגעשלאָסן מיט אַ קייט.

— שמירת־שבת, אָט דאָס אין גאַנצן? — קאָן ניט פאַרשטיין אפרים זרח.

— אין דער קאַפּיטל וואָס איר קריגט דאָ, וועט איר שוין אַלץ געפי־נען... — היט אָפּ דער מזכיר זיין געדולד. — איר וועט זען ווי אַלץ אין דעם קאָנטראַקט איז דורכגעטראַכט טיף און קלוג, און גרונטיק אויסגעאַר־בעט פונקט פאַר פונקט... דער שבת איז גאָר פיין גאַראַנטירט. אַחוץ די איסורים אויף עפנטלעכן חילול־שבת, מוז זיין אין יעדער דירה איינגעבויט אַ ספּעציעלער זייגער אויף אויסלעשן און אָנציגדן אויטאָמאַטיש דאָס עלעק־טרישע ליכט. ראַדיאָ אָבער ניט! מעג איינער אפילו אויפוויזן, אַז ער האָט דעם בעסטן אויטאָמאַט אויף עפענען דעם אויפנעם־אַפּאַראַט און פאַרמאַכן אים, און קיין מענטשלעכע האַנט רירט זיך ניט צו דערביי... „קול ישראל״ איז דאָך סתם אָסור פאַרן שבתדיקן טאָג; די מלאָכה אין דער ראַדיאָ־סטאַציע ווערט דאָך געטאָן דורך ייִדן. אויך אָבער פון חוץ־לאָרץ זיינען מיר מחמיר. מחמת ניט אַלע מאָל איז לייכט מבחין צו זיין פון וואַנען דער קול קומט. און בפרט אין מוזיק. קאָן שוין ווערן אַ פּירצה!..

איצט איז שוין דער גאַנצער טראַכט פונעם מגיד, צו זיין נאָך היינט צוריק אין ירושלים. זעט ער דעם שמועס צו פאַרענדיקן:

— על כל פנים, אַ כוונה טובה און אַגוטער רצון איז דאָך געוויס דאָ... איז אין אַ גוטער שעה!

— גאַראַנטיע הייבט זיך אָן מיטן אונטערשרייבן... — דערוואָרט שוין קוים דער אַלטער פעטער דעם סוף שמועס, וואָס אין זיינע אויגן איז עס ניט מער ווי סתם חקרנות און צײַטפֿאַרטרײַבנג — אָן ער ווענדט זיך צום מזכיר — דער קאָנטראַקט, האָט מען מיר געזאָגט, קאָן ווערן געמאַכט מאָרגן פאַר נאַכט, אין דעם צענטער אייערן אין תל־אביב... איז אָפּגערעדט, קומען מיר, אם ירצה השם, איך מיט מיין פלימעניק!

פונקט פינף אַזייגער איז דער אַלטער פעטער געווען אין מרכז פון „פּועלי ישורון״. אַ פערטל זעקס איז ער שוין געווען גוט אויפגעבראַכט אויף אפרים זרחן, וואָס ער איז נאָך אַלץ ניטאָ צום אונטערשרייבן דעם דירה־קאָנטראַקט. מיטן גאַנצן צאָרן אויף דער בטלנות פון מענטשן אין ישראל איז ער, דער אַמעריקאַנער, באַלד נאָך זעקס אַריינגעפאַלן צום פלימעניק אין צימער — און טרעפט אים איבער אַ ספר.

דאָס מיד־אָנגעשטרענגטע פנים אפרים זרחס און זיינע צונטערע אויגן מאַכן שטום דעם אַלטן און ער זעצט זיך אָפּ אויף אַ שטול אין דער זייט. אומבאַוועגלעך קוקט ער זיך צו ווי די האַנט, וואָס שפּאַרט אונטער ביים פלימעניק דעם קאָפּ, נעמט גיין פאַרקלערט אַרויף און אַראָפּ איבערן ברייטן שטערן, ווי אין געזוך עפּעס נאָך אַ וואָרט. נאָר אָט באַוועגן זיך די ליפּן. ניט אָבער צו הערן פון אים וואָס קלאָר, און לכתחילה גאָרניט ווי צום ענין:

— ניעמענטשין, אָט לעבן ווילנע... איר ווייסט דאָך, פעטער, דאָרט האָט געוווינט, אייך צו לאַנגע יאָר, זלמן עזרא, דער מאַמעס ברודער. ביידע עליהם השלום. דער וועג אַהין געווען אַזוי שיין! מיטן דאַמפּער פלעגט׳ן פאָרן דורך אַזאַ גרינלעך־קלאָרן וואַסער, צווישן לאָנקעס און וועלדלעך. און דאָס שטעטל מיט גערטנער, און אַרום פעלדער און וועלדער אַזוינע!.. און אין ארץ־ישראל ערטער וואונדער־שיינע!! איר זייט געווען דאָ אין אַ דאָרף אָדער אין אַ קיבוץ? און די גאָרטן־שכונות פון ירושלים; די רחבות דאָרט און

הדר הטבע!.. לעצטע נאַכט זיינען מיר אַט די ערטער כסדר געווען פאַר די אויגן. ניט געקאָנט איינשלאָפן. אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט מיט דער שכונה וואָס מיר האָבן נעכטן געזען... ביי דער דירה אָבער פון זיכרון־מאיר, קומט מיר באַלד אויפן געדאַנק דאָס קעלערשטיבל אין ווילנע, און די ענג־שאַפט וואָס איז געווען ביי אונדז אין ירושלים, און דער בית־יתומים... אַפילו מיט דעם גרעסטן צימער דאָרט פאַר אייך, איז דאָך די וווינונג אין גאַנצן אַזוי קליין, און פאַרשטעלט פון אַלע זייטן. און ביי דער טיר אַ זאַמדיקער וועג, אַ דורכגאַנג און אַ דורכפאָר. דערצו בלייב איך נאָר אַ שכן, מוז צאָלן שטענ־דיק יעדן חודש!.. האָט זיך מיר טאַקע גאָר פיין צעפּישופּט די נעכטיקע דירה: אַן אייגענע, אַ געראַמע! און דער גאַנצער בלויענדיקער אָרום, ביז די פּרעכטיקע טאָלן. און די הרי־יהודה!..

— זעסטו שוין סאַראַ נס מיט דער שכונה... —דערוועגט זיך שוין דער פעטער אַריינצוזאָגן אַ וואָרט — טאָ ווי קומסטו עס ניט צום אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט?

— מה טובו אוהליך יעקב... — ציט אפרים זרח ווייטער, ווי גאָרניט געהערט — דער פסוק האָט מיך אויך כסדר ניט אָפּגעלאָזן... און דאָס מיינט דאָך געוויס ייִדיש לעבן, אַ סביבה אַ גוטע...

— פרומקייט דאָך באַוואָרנט! — שרייט אויס דער אַלטער — פאַר שלעכטן אויפפיר אין שכונה איז דער גאַנצער קאָנטראַקט אַנולירט. פּונקטן בפירושע!

— פּונקטן. ייִדישקייט לויט פּונקטן... דורך אַ מישפּט אויפפאָדערן שכ־נים צו פירן אַ רעליגיעזן לעבן... און די משגיחים פון קאָנטראַקט זיינען עס די סעקרעטאַרן און די אַנדערע פּאָליטיקער פון דער פּאַרטיי...

— הייסט עס — צעפינטלען זיך קלוג ביים פעטער די גרויע ברעמען — מיינסטו אַז די אָ עסקנים, ווייסעך, מעלקן גאָט אין אַ טריפהן לאַדיש... און בני־ברק מיט דיין גאַנצן זיכרון־מאיר? האָסט דאָך שוין געזען מיינע אַנ־טוישונגען מיט די ווערטפּאַפּירן און באָדן, און די דריידעלעך פון מתווך... שאַ, דיין שווער איז דאָך נעכטן געווען צופרידן, מסכים געווען מיט די דער־קלערונגען וועגן ייִדישקייט אין דער שכונה. אָט ער פאַרשטייט דאָס לעבן!.. ער וואָלט שוין ריכטיק פאַרטריבן דיר די כמאַרע!..

געשליידער

די ווערטלעך און חכמות פון דעם אַלטן אַמעריקאַנער זיינען אפרים זרחן בכלל ניט באַזונדער צום האַרצן. זיין לייכטקייט אין ריידן, קלות ממש... דאָס וווינען צוזאַמען מיט אים, דערוועקט שוין אויך חששות; אַזעלכענע קענען דאָך האָבן אַ השפּעה, בפרט אויף אַ פרוי, אויף קינדער... דער שווער, ווידער, איז אים שוין אויך גוט באַקאַנט. מיט אַן אויסגעפּשטלטן פּסוק, אַ מאמר חז״ל און מיט די משלים זיינע האָט ער אים, אפרים זרחן, שוין באַוויזן צו איינזעצן ניט איין ענין... היינט, פילט ער, היינט גייט דאָ גאָר־גאָר אין סאַמע עיקר! ברייט צעעפנט די אויגן, זאָגט אָפּ אפרים זרח פעסט:

— אין זיכרון־מאיר גיי איך; איך, איך ווין צווישן ייִדן!

אַ ספר אָן גרייזן

שבחים

דער גרויסער צימער פון רב משה ברוכן האָט היינטיקן אָונט אָן אַנ־דער אויסזען. אַרום די ווענט ספרים זיצן און שטייען מענטשן, און די הויכע שווערע און לעדער געבונדענע ראשונים און אחרונים זעען זיך נאָר פון אי־בער די איבערשטע פּאָליצעס. פאַררוקט אין אַ ווינקל איז דער שטענדער, איינזאַם, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעכל; דער אַלטער רב שאָקלט זיך ניט פאַרטיפט איבער אים, איבער אַן אָפענעם ספר, זינגט ניט אונטער מתיקותדיק, אָדער פאַלט אַריין אין אַ וויכוח מיט זיך אַליין, און שוין מיט אַ האַרבן טאָן. רב משה ברוך זיצט אויך ניט אַריינגעטאָן אין ספרים אָנגע־לייגטע איבער דעם ברייטן טיש; ער גריבלט זיך ניט ביים שרייבן אַ תשו־בה אויף אַ שווערער שאלה וואָס די פּאָסט האָט אים געבראַכט. מיט דער פעדער אין האַנט איז ער איצט אויך ניט פאַרטאָן אין די גיליונות פון זיין נייעם ספר „ברכת משה״, וואָס דרוקט זיך און איז שוין זיין צענטער חי־בור. די לעצטע טעג איז ער דאָך דורכויס געלעגן איבער די קאָרעקטור־בויגנס און מען האָט יעדער ווײַלע געהערט זיין אונטערקרעכצן. די גרייזן, די גריי־זן!.. שטאַרק איז ביי אים די מורא פאַר דורכלאָזן אַ טעות־הדפוס. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מיכשול דאָס קען ברענגען אין פאַרשטיין ריכטיק דעם ענין אין זיין ספר; און אַ רבים ווערט געשטרויכלט! און גרויס איז זיין עגמת־נפש אַז שוין נאָכן אָפּדרוקן דערזעט ער פאַרט פעלערן. זיין האַרץ גיסט ער אויס:

— אַ גרייז איז אַ גנב און אַ חצוף. בעתן מגיה זיין פאַרשטעקט ער זיך אין די שורות פון דרוקבויגן, און ניט צו באַמערקן; ווי נאָר דער ספר איז פאַרטיק און מען עפנט אַ בלאַט, אַהאַ, ער איז דאָ! דער גרייז שפּרינגט ממש פון דעם פּאַפּיר, רייסט מיט חוצפה די אויגן...

דעם אָוונט זיינען צונויפגעקומען אַן עולם ייִדן צו רב משה־ברוכן. קיין ספר ניט צו זען אויף זיין טיש. עס ליגט גאָר אַ צעעפנט בינטל צירקולאַרן און פּאַפּקעס מיט בלאַקנאָטן, פעדערס און קאָפּיר־פּאַפּיר, אַ בריוו־האַלטער, קאָנווערטן קלענערע און גרעסערע. ווי אין אַ ביוראָ. אויף אַ בענקל ביי דער טיר טוליען זיך עטלעכע פרויען אַרום דער רביצן, וואָס וואַרפט אַלץ זאָרג־פולע בליקן אויף איר מאַן. אין גאַנצן ניט ביי זיך, וויט פון זיין איינגע־שטעלט לעבן און פיר, פון זיינע דַלד־אַמות של הלכה, פילט זיך דאָ אַפּנים דער אַלטער יושב־אוהל. איינגעשפּאַנט איז ער גאָר אין אַ קהלשן ענין.

אַ גמילות־חסד אַ נייער ווערט היינט געגרינדעט אין בני־ברק, און רב משה ברוך וועט עס זיין דער נשיא פון דעם מוסד. זיינע אנשי־משפחה לייגן עס אויף אים אַרויף די מיצווה און ער טאָר זיך ניט אָפּזאָגן. פאַרזיכערט האָט מען אים אָבער אויך, אַז די עיקר אַרבעט וועט געטאָן ווערן פון אַנדערע און אים וועט מען זען וואָס ווייניקער ברענגען צו ביטול־תורה. אין דער ערשטער זיצונג אָבער מוז ער אָנטיילנעמען און אויך זיצן בראָש. צוגעגרייט אַלץ האָבן טאַקע די אַנדערע. זיי האָבן עס אויך געלאָזט אָפּקלאַפּן אויף אַ שרייבמאַשין און דופּליצירן דעם צירקולאַר וואָס ווערט איצט פונאַנדערגע־טיילט צווישן עולם און דערציילט פון דעם נייעם גמילות־חסד.

אַ ייִד וואָס האָט געהאַט פאַרלוירן זיין ווייב און קינדער אין קאָוונער געטאָ און אַריינגעפאַלן אין די דייטשע קאַצעטן, האָט נאָך דער מילחמה עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון לובלין, וואָס האָט אין חורבן פאַרלוירן איר מאַן און קינדער. איז ביי דער פּאָר געבוירן געוואָרן אַ זון, וואָס איז געוואַקסן אַן עילוי און געוואָרן אַ שם־דבר אין דער גרויסער ישיבה פון בני־ברק, אין דער שטאָט ווו די משפּחה האָט זיך באַזעצט. ויהי היום, ווערט דער מצויין און מופלג קראַנק, און די קראַנקייט שטאַרקט זיך, און צו אַכצן יאָר איז ער פאַרברענט. האָבן טאַטע־מאַמע איינגעפונען, אַז לזיכרון פון זון וואָלט זיך געפּאַסט מייסד צו זיין אַ גמילות־חסד, וואָס זאָל מיטהעלפן ניט־פאַרמעגלעכע חתן־כלות מיט הלוו־אות אָן פּראָצענטן אויף איינאָרדענען זיך, און דאָס איינגעשריבן אויך אין זייער צוואה. ווי אַ יסוד פון דער קאַסע האָבן די צוויי באַלד אָפּגעגעבן דאָס געלט וואָס די דייטשן האָבן זיי געהאַט צוגעוואָרפן פאַר זייערע ליידן

און אויך אָפּגעשריבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן וואָס וועט בלייבן נאָך זיי.

די צוואה פון דיביידע עלטערן איז געווען ניט פּריצייטיק. שוין ניט פאַר זייערע כוחות איז געווען צו טראָגן דעם טרויער. באַלד נאָכן זון איז אַוועק פון דער וועלט אויך די מאַמע. און אָט אין זיינע לעצטע באַמיִונגען אויפצושטעלן דעם זיכרון פאַרן זון, איז ניפטר געוואָרן דער טאַטע. קומט עס פאַר היינט, צו שלושים פון זיין פטירה, די גרינדונג פון דעם גמילות־חסד.

פּרוּווט רב משה ברוך אָנהייבן מיט אַ וואָרט וועגן ניפטר, וואָס איז געווען זיינער אַ ברודער. אַחוץ וואָס דער אַלטער איז ווייט פון דרשנות, פאַרגעסט ער ניט די רייד וועגן דעם ענין הספדים, וואָס ער האָט נאָך יונגערהייט גע־הערט אין דער מוסר־ישיבה, אין ליטע. זאָגן פלעגט מען אין נאָמען פון רב ישראל סאַלאַנטער, דעם באַגרינדער פון דער שיטת־המוסר, אַז ביים מספּיד זיין אַ ניפטר, לויערט ממש די סכּנה פון אַריינפאַלן אין שבחים און ניכשל ווערן אין אַ דבר־שקר. איז דאָך אַפּשיטא שוין גרויס דער חשש ביי אַ הספּד אויף אַן אייגענעם... רעדט ער, דער אַלטער מוסרניק, בקיצור, און ווי מיט זיך אַליין. ווערליק ער געדענקט פון זייער היים, זאָגט ער, האָט נחום עליו השלום, דער ברודער, וואָס איז געווען דער יִינגסטער פון די קינדער, האָט ער, נאָך גאָר אַ קליינער — יאָ, נאָך גאָר קליין געווען — האָט ער שוין געוווּסט צו מאַכן די געהעריקע ברכות אויף מינים מאכלים. יאָ, ער דערמאָנט זיך, ווי דער טאַטע און די מאַמע, עליהם השלום, ווי זיי פלעגן פון דעם אַזוי קוועלן. און אפשר, כאַפּט זיך באַלד רב משה ברוך, אפשר ווייל דער ברודער איז גע־ווען זייער מיזיניקל...

דאָס צוריקהאַלטן זיך און קוועטשן זיך כמעט ביי יעדן וואָרט אויך אין די ווייטערדיקע רייד — איז ניט קיין חידוש פאַר אַ סך פון די צוהערער. רב משה ברוך איז אַ גרויסער למדן, באַרימטער רב און מחבר פון אַזוי פיל ספרים; ווייסן מענטשן אַז ער האָט אויף זיין ברודער געקוקט ניט אַזוי; אַנשטאָט זיין אַן עוסק בתורה, אַריינצוטאָן די כּישרונות זיינע אין לערנען, איז ער אַ לעבן גאָר אָפּגעווען אַן אָנגעשטעלטער, זיך פאַרנומען מיט כ׳ווייס וואָס אַרבעט. אויך אין דער עסקנות זיינער האָט ער, דער עלטערער ברודער, געזען ביטול־תורה... בקיצור רעדט רב משה ברוך אויך וועגן דעם לעצטן קאַפּיטל אין דעם ניפטרס לעבן. העכער און פעסטער איז שוין זיין שטים:

— אַ זכות, אַ זכות האָט ער געווים געהאַט דער ברודער עליו השלום; מען מוז זאָגן אַ גרויסן זכות. ער האָט אַריבערגעלעבט די מוראדיקע צרות און עינויים ביי די דייטשן, די רישעי־עולם, און ער איז אויך זוכה געווען צו באַזעצן זיך אין דער ארץ־הקודש, און זיך געפינען ווידער אַ בת־זוג וואָס איז געווען אַ בת־טובים און אַ צנועה, לויט די רייד פון אנשים נאמנים. און דיביידע האָבן זוכה געווען צו שעפּן נחת פון אַ זון אַ מצוין. אַ מצוין, איך אַליין האָב אים וויפל מאָל געהאַט פאַרהערט אין לערנען... קאָן מען זאָגן, אַז עס איז טאַקע נאה ויאה, גאָר פּאַסיק, וואָס לזיכרון פון דעם פאַרשטאָר־בענעם בחור ווערט עס געמאַכט אַ גמילות־חסד, אַ מוסד אויף טאָן מענטשן חסדים.

ניט קאַרג אויף אַ וואָרט איז דער הויכער ייִד מיטן אויסגעצויגן פּנים און פאַרשוירן גרויען בערדל. אין חיפה לעבט ער שוין ביי צוויי צענדליק יאָר, שטעלט ער זיך באַלד פאָר, און אַליין שטאַמט ער פון דעם זעלבן ליטווישן מקום ווו רב נחום, דער ניפטר, איז אָנגעקומען פאַר אַן איידעם נאָך זיין ערשטער חתונה. גלייך האָט מען אים דערקענט, דערציילט דער ייִד. די אָר־טיקע לומדים האָבן אַלץ מער געזען דעם גרויסן מופלג. און אַז דער רב איז געשטאָרבן, האָט אים שטעטל צוגעטראָגן אַ כתב־רבנות. רב נחום האָט אָבער ניט אָנגענומען די התמנות און האָט ווייטער געאַרבעט אין זיין שווערס מיל. דעם בלאַט גמרא פאַרן לומדישן עולם האָט ער אָבער געזאָגט. ביז די לעצ־טע טעג פון שטעטל; און שפּעט ביי דער נאַכט פלעגט נאָך לויכטן זיין פענצ־טער און מען האָט געקאָנט זען ווי ער שאָקלט זיך איבער אַ ספר... אַליין געלעבט בצימצום גדול, האָט רב נחום אַ סך פון זיין צייט אויך אָפּגעגעבן אויף מעשי צדקה וחסד — דערציילט ווייטער דער ייִד. אין דער מיל האָט ער אויסגעפירט, אַז ניצרכים זאָלן באַקומען אומזיסט מעל אויף שבת און יום־טוב. געוווּסט האָט ער פון יעדן יורד אין שטעטל, פון געפאַלענע בעלי־בתים, און אין דער שטיל געטאָן אויף צו שטעלן זיי צוריק אויף די פיס.

פאַרשטיקט ווערט דעם ייִדנס קול ווען ער נעמט ריידן פון די יאָרן וואָס ער און רב נחום זיינען געווען אונטער דעם דייטשן יאָך. שטאַרקט ער זיך און דערציילט נאָר ווי דער ניפטר פלעגט שלעפּן אויף זיך קראַנקע און ביי נאָר אַ מעגלעכקייט געהאָלפן דעם אַנדערן. ביי דער צוואַנגאַרבעט

איז ער געווען דער ערשטער אין צוהעלפן די שוואַכערע און זיי אַרויסראַטע־ווען. געווען מייסטערס און קאַפּאַס וואָס פלעגן באַשטימען פאַר יעדן איינעם אַ באַזונדער שטיק אַרבעט, אַ נאַרמע; און פאַר ניט אויספילן גוט און צו דער צייט, זיינען פאַר די אויגן געשטאַנען ניט נאָר קלעפּ, נאָר אפילו אויך אַ שטראָף פאַר „סאַבאָטאַזש" — די תליה... ניט איין מאָל האָט ער אָפּגע־געבן אַ פאַרחלשטן זיין לעצטן שטיקל ברויט. פאַרגעסן קאָן ער ניט, דער ספּדן, ווי איינער אַ ייִד האָט ניט געוואָלט נעמען דאָס ברויט מיט דער טע־נה: מיר קריגן דאָך אַלע פון לאַגער דעם זעלבן צוטייל עסן. איז געווען רב נחומס ענטפער: „אָבער דער צוטייל כוחות פון הַקָדוֹש־בָרוּך־הוא איז מיר אַ פּנים צוגעפּאַלן מערער; און אַ מיצווה האָט שוין גאָרניט קיין קאַלאָר־יעס?".. מעשים טובים! — כאַפּט זיך אָפּ דער ייִד פון חיפה מיט אַן אויספיר — העלפן מענטשן, אַט דאָס איז געווען דער עיקר גדול אין לעבן פון דעם אדם יקר!.. און דער סַפדן דערגייט צו זיין לעצטער באַגעגעניש מיטן ניפ־טר. מיט אַ יאָר צוויי צוריק דערזעט ער אים צוזאַמען מיט נאָך אַ ייִדן אויף דער גאַס אין חיפה. וועגן אַ וויכטיקן צדקה־ענין זיינען עס דיביידע געקומען פון בני־ברק און וועגדן זיך טאָקע אויך צו אים נאָך אַ גרעסערער נדבה. שווערלעך איז געווען דער טראַט פון זיין ידיד באַרג־אַרויף, דער אָטעם קורץ און דאָס פּנים בלאַס. אויף דער פראַגע:

— וואָס מאַכט איר, רב נחום?

— איך מאַך אַ ספר... — ענטפערט ער און איז באַלד מפרש — „וכל מעשיך בספר נכתבים", די אַלע מעשים פון דעם מענטשן ווערן דאָך אויבן־דאָרט איינגעשריבן אין אַ ספר. און איך טו אַלץ אַז דער ספר זאָל אַרויס־קומען גוט, אָן גרייזן, חס־ושלום!..

— מעשים טובים, אין יענעם ספר!.. — איז דער עולם נתפּעל פון דעם ניפטרס הייליקע רייד, און איינער לאָזט נאָך הערן מיט אַ טיפן קרעכץ — גרייזן, שלעכטע מעשים, עבירות וואָס דער מענטש טוט אָפּ, אָט די זינד רינגלען דאָך אים אַרום ביים בית־דין של מעלה, עוון עקבי יסובני...

— חטאים זיינען ניט נאָר וואָס מען טוט אָפּ, במעשה — גיט אַ ברום רב משה ברוך — הירהורי עבירה קשים מעבירה, אַ שלעכטע מחשבה, דאָס טראַכטן אַן עבירה־זאַך, איז האַרבער ווי דאָס טאָן, ווי אויספירן די עבירה.

ווי די מענטשן זיינען ניט מבחין אין דעם ענין! — קאָן זיך דער אַלטער ניט באַרויִקן. וועגן דער האַרבקייט פון הירהור עבירה געדענקט ער נאָך גוט די מוסר־שמועסן פון רב לייבטשיק שטוצינער. גניבות, גזילות, רציחות — פלעגט ער מסביר זיין — אָט די רישעותן קומען דאָך פאַר דער עיקר צוליב געלט, צוליב דעם יצר צו האָבן דעם צווייטנס אייגנס. ביי די אַ מעשים, ווייס יעדער בר־דעת, גייט דער פאַרברעכער אויף ריזיקע. כאַפּט מען אים, וועט ער האָבן אויסצושטיין פאַרשונגען מיט עינויים און טורמע, דערצו נאָך בושה און חרפה אויף זיך מיט זיין גאַנצער מישפּחה. אויף בייזע געדאַנקען אָבער, אויף הירהורי עבירה, איז ניטאָ קיין פּאָליציי און קיין שופטים. דערזעט איינער ביי א צווייטן געלט, נעמען גאַנץ אָפט דעם איינעם לויפן הירהורים ווי די ממתקים זיינען שוין זיינע און ליגן ביי אים אין קעשענע. איז דאָך דאָס גניבה און גזילה, נאָר אָן איינשטעל און ריזיקע... רב לייבטשיק פלעגט געבן אויך אַ ציור. איינער האָט אַ קרוב, אַ גאָר לייבלעכן, וואָס זיין פאַרמעגן וועט נאָכן טויט אַריבערגיין צו אים בירושה. גאָר לייכט קומען עס די הירהורים, דער מענטש נעמט זיך פאַרשטעלן, אַז אָט קערט ער זיך פון דעם קרובס לוויה, קומט אַריין אין יענעמס שטוב, און ער שמעלצט זיך פאַר פרייד: אַלץ־אַלץ איז זיינע!.. הירהורי עבירה, צוליב דעם פאַרמעגן ווערט ער דאָך אַ גזלן, באַגזלט אין געדאַנק; און במחשבה איז שוין יענער ביי אים טויט. איז ער דאָך אַ רוצח אויך פון דעם קרוב. און ניט אַזוי אויך בנוגע די אייגענע טאַטע־מאַמען?!..

אַרויסברענגען דעם גאַנצן רעיון לאָזט זיך אים שוין דאָ ניט, רב משה ברוכן. פּוילישע חסידים גיבן אויפן טיש אַ שטעל אַרויף אַ פלעשל משקה, און עס צעקלינגלען זיך גלעזלעך און טעצלעך מזונות. שוין רעכטע צייט, האַלטן זיי, צו מאַכן לחיים, טרינקען לעליית־הנשמה פון ניפטר... דער אַלטער ליטוואַק ווייס גאַנץ גוט, ווי אָט די ייִדן פאַרטראַגן ניט די רעיונות פון זיין מוסר. צוזאַמען מיט די נאָך קעגענער וואַרפן זיי אים אָפט פאַר, אַז ער לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט אויפצווייזן אַז דער מענטש איז פול מיט חטאים, כולו רשע, און גרייט וואַרט שוין אויף אים דאָס פייער פון גיהינום...

די גלעזלעך בלייבן אָבער שטיין פולע. עס שטעלט זיך נאָךריידן איינער פון די פּוילישע, רב שלמה חיים. אַ שוואָגער איז ער פון ניפטר, דער ברודער

פון דער ווייב, און איז באַקאַנט אין בני־ברק ווי אַ סוחר און שאַרפער חסיד. ניט ווייניק שאַרף איז זיין התנגדות צו דעם דרך־המוסר פון די ליטוואַקעס. דאָ וויל ער וואָס דערציילן פון דעם ניפטר ביי זיין לעצטער קראַנקייט.

אין איינעם אַן אָוונט זיצט ער, רב שלמה חיים, ביי זיך אין שטוב און דערהערט אַ טומל פון דרויסן. באַלד קלאַפּט מען אין טיר און מענטשן טראָגן אַריין אַ קוים־לעבעדיקן, וואָס פאַרבייגייער האָבן אין דער טונקל באַמערקט ליגנדיק אויפן טראָטואַר. רב נחום!.. די באָרד און פּיאות צעשויבערט, קאַלך דאָס געזיכט, האָט ער זיך אויף דער סאָפע געדרייט אין יסורים און גע־קרעכצט. די שטובמענטשן טראָגן אים צו וואָס צום שטאַרקן דאָס האַרץ, שטופּט אָפּ זיין האַנט, וואָס וואַרפט זיך און ווייזט צו דער וואַנט, צו די ספ־רים. דורך אַ שווערן געפּרייך דערהערט זיך קוים זיין שטים:

— אפשר קאָנט איר... אוי, אַ בבא־בתרא, אוי, אַ גמרא בבא־בתרא!..

פון אַ שווינדל איז ער אַנידערגעפאַלן, האָט שפּעטער אַ ווײלע גענומען דערציילן רב נחום. אַ שטיק צייט איז אָבער קיינער ניט פאַרבייגעגאַנגען און וויטאָגן האָבן אים גאָר האַפּטיק אַרומגענומען. האָט ער דערווייל גענומען אַ טראַכט טאָן וועגן דעם עונש וואָס ער האָט דאָ באַקומען מן השמיים... און וויל דער בן־אדם באמת אויסגעפינען די סיבה, דאַרף ער גאַרניט ווייט אָוועק־זוכן. ביי מינחה גדולה, טאַקע אין זעלבן טאָג וואָס ער איז עס אַנידערגעפאַלן, האָט ער זיך געהאַט דערוווּסט, אַז אַ קרוב זיינער איז דאָ פון אַמעריקע וועגן אַ געשעפטלעכן עניין און פליט שוין צוריק. איז ער, רב נחום, באַלד געלאָפן קיין לוד, צו די אַעראָפּלאַנען, אים נאָך געכאַפּט און אַרויסגעקראָגן פאַרן גמילות־חסד הונדערט אַכציק דאָלאַר, צען מאָל ח״י. צוריק פון לוד, איז ער עס באַלד געגאַנגען מיטן געלט צו אים, רב שלמה חיימען, וואָס העלפט אין גרינדן דעם מוסד און מיטן פירן די חשבונות... ליגנדיק אויפן טראָטואַר אין די יסורים, איז אים אויפגעקומען דער מאמר אין בבא־בתרא: „קופה של צדקה נגבית בשנים ומתחלקת בשלושה״, צדקה־געלט ווערט געקליבן זאָלבע צווייט און צעטיילט זאָלבע דריט... בעט ער, מען זאָל אים צוטראָגן די גמרא צו דער סאָפע און העלפן אַ בלעטער טאָן אין די מפרשים. רעדט זיך שוין אין זיי גאָרניט וועגן אַ יוצא מן הכלל, אַן אויסנאַמפאַל? אין זיין איילעניש קיין לוד האָט ער דאָך ניט געקאָנט שוין־גלייך האָבן צו זיך נאָך אַ מענטשן, כדי

דאָס צדקה־געלט זאָל דאָרט ווערן גענומען זאַלבע צווייט !..

רב שלמה חיימס שטים פּאַלט אין אַ ציטערדיקן טאָן:

— די גמרא איז אָבער ניט געוואָרן געפּענט. דער דאָקטאָר וואָס איז באַלד אַריינגעקומען האָט באַמערקט סימנים פון אַ בראָך אין די ריפּן און באַפוילן תיכף־ומיד אָפּפירן דעם חולה אין שפּיטאָל. און ער איז שוין ניט געקומען צו זיך...

— אַ צדיק !.. — איז אין התפּעלות דער עולם און חסידים הייבן שוין די גלעזלעך — לעליית־הנשמה !

— לחיים ! — האַלט שוין ביי אַ צווייטן כּוס איינער אַ חסיד און שרייט מיט התלהבות — לעליית־הנשמה פון דעם צדיק וואָס זיין ספר איז אָן גרייזן, און איז געוויס באַלד פאַרטיק געוואָרן ביים בית־דין־של־מעלה, און ער זיצט שוין אין גן־עדן. לחיים !

אַ ספר", שוין אויך אַ חיבור... ווי מענטשן קאָנען זיך אָנכאַפּן אַפילו אין אַ ספק־ליצנות ! — איז שוין בייזלעך דער עלטערער ברודער, וואָס איז טאַקע מפורסם מיט זיינע חיבורים און איז אַזוי מַקפּיד אויף אַ גרייז, חלילה.

— רב משה ברוך, איר האַלט דאָך גאָרניט פון יִראת־שמיים... — חיי־דושט זיך רב אַריה, פון די בכּבודיקע חסידים, אויף דעם אַלטן וואָס איז דאָ יוצא נאָר מיט אַ לעק פון דעם משקה. און דער חסיד איז באַלד מסביר מיט אַ שמייכל — יי"ש איז אויך די ראשי־תיבות פון יִראת־שמיים...

וואָלט ער זיך אפשר אויך געלאָזט איינריידן, דער פאַרביסענער מתנגד, וועגן נאָך אַ כּוס, און אַ פולן. ער קרעכצט אָבער און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען איך וויים ווי מיט מיין ברודער האַלט היינט...

רב משה ברוכס אויגן זיינען צעעפנט אויף די מענטשן און ער קען פשוט ניט פאַרשטיין זייער זיכערן טאָן. די חסידים, זייער געוואָגט ריידן, אפילו פון יענער וועלט, פון עולם־האמת. אַ כּוח אַזאַ ביי זיי !..

סטאַטוט

חשיבותדיק זעצט זיך רב אַריה ביים ברייטן טיש און פירט זיין האַנט איין מאָל און נאָך אַ מאָל איבער זיין לאַנגער גרויער באָרד. באַזאַכט עפּנט

ער די פּאַפּקע פּאַפּירן פון דער ניי־געגרינדעטן גמילות־חסד און ווייזט צו פאַרנעמען פלעצער אויך די אַנדערע פיר, וואָס זיינען געבליבן דאָ אין צי־מער. אַלע זיינען זיי קרובים פון די ביידע מענטשן וואָס האָבן עס פאַרטראַכט דעם נייעם מוסד און געגעבן אויף דעם זייער גאַנצן געלט און צונויפגענומען אויך פון פריינט. אויסגעזעצט זיךביים טיש, זיינען זיי שוין, די אַלע פינף, גבאים פון דעם גמילות־חסד, און בראש רב אַריה, וואָס איז אַ באַרופענער עסקן אין אַ פּאַרטיי און גבאי אין נאָך וויפל צדקה־חברות. מיט פירערישער געניטשאַפט רופט ער באַלד אויס:

— דער גמילות־חסד איז געעפנט.

אַ ווונק פון דעם גבאי ראשון צו דעם שמאַלפּלייציקן יונגנמאַן מיטן בלאָנדן בערדל וואָס זיצט ביי זיין רעכטער האַנט, און עס ליגן באַלד די פּאַפּ־קעס לעבן יעדן איינעם פון די גבאים. האָט שוין דער מוסד אויך זיין סעקרעט־טאַר, וואָס איז דער יינגסטער פון די גבאים און איז אין בני־ברק באַקאַנט ווי דער מזכיר פון אַ ישיבה. מיט אַ קער אויף לינקס גיט אי־בער רב אַריה דאָס טשעקביכל צו רב שלמה חיימען, דעם למדן און סוחר, און מאַכט עס אים פאַרן גבאי שני און נאמן. איינגעאַרבעט אין געזעל־שאַפטלעכער פירעריי, הייבט ער אָן, דער פאַרזיצער, די ערשטע זיצונג מיט אַ פאַרמעלן וואָרט וועגן דעם אויפקום פון דעם נייעם מוסד. געהיפערט און געכאַפּט לייענט ער פון דעם צירקולאַר וועגן דעם אַכצן־יאָריקן בחור וואָס איז געשטאָרבן, און ווי זיין טאַטע־מאַמע האָבן זיך גענומען צום גרינדן אויף זיין נאָמען אַ גמילות־חסד צום העלפן ניט פאַרמעגלעכע חתן־כּלות אויף איינאָרדענען זיך; און אויך די ביידע עלטערן זיינען שוין אויף דעם עולם־האמת...

פאַרטיק מיטן ערשטן פונקט פון סדר־היום, איז דער גבאי ראשון ווייטער זאַכלעך:

— רב נתן, איר זייט דאָך דער סעקרעטאַר, גיט אַ נעם פון די פּאַפּירן.

ווערט געלייענט די ערשטע בקשה. אַ ייד גיסט אויס זיין האַרץ אויף זיין שווערער פּרנסה. דערצו איז זיין ווייב שוין יאָרן קראַנק. איצט האָט ער אַליין צו טאָן מיט אַ קרענק און מוז זיך אויף דער עלטער אָפּערירן. בעט ער אַ הלוואה.

— דריי הונדערט האָב איך אים געזאָגט — איז מודיע רב אַריה און גיט זיך אַ קער צום אויבנאָן און ווענדט זיך מיט יראת־הכבוד צו דעם אַלטן רב, וואָס איז דער פעטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם בחור און ברודער פון דעם הויפּטגרינדער פון דעם גמילות־חסד און ביי אים אין שטוב גייט עס איצט די זיצונג — רב משה ברוך, איר זייט דאָך דער נשיא פון דעם מוסד, ווילן מיר וועגן דער בקשה טאַקע הערן באַזונדער אייער מיינונג.

— דאָ רעדט זיך דאָך פון דעם וואָס מיטן ווערעלע. אַן אמתער ירא־שמים, און אויף זיינע פאַרקויפטע ירקות און פּירות האָט זיך קיין מאָל ניט דערוועקט אַ חשש פון ניט־געמעשרט, אָדער ערלה, אָדער אַן איסור שמיטה. נעכטן נאָך מעריב איז ער טאַקע צוגעגאַנגען צו מיר...

דער סופרישער כתב פון דער צווייטער בקשה זאָגט שוין אַליין, אַז דער מבקש פאַרנעמט זיך מיט שרייבן מזוזות, פּרשיות פון תפילין און ספר־תורות. פאַר אַ האַלביאָר צוריק איז, לא עלינו, געשטאָרבן זיין מאַמע און דער טאַטע האָט זיך אַריבערגעקליבן צו אים. צוזאַמען מיט די פינף קינדערלעך לעבן איצט אין זיין שטוב אַכט נפשות. איז די עצה פון אנשי־מעשה, אַז פאַר דעם אַלטן וואָלט בכלל געווען גלייכער צו גיין אין אַ מושב־זקנים. פאַר־לאַנגען אָבער אַזוינע מוסדות געלט, און גרויסע סכומים... וועגן זעקס הונ־דערט רעדט זיך אין דער בקשה — מאַכט בקיצור רב נתן, וואָס לייענט עס פון דעם פּאַפּיר, און שליסט אָפּ מיטן ווונק פון די אַנדערע צווי גבאים — פיר הונדערט!

און ווידער קוקט שוין דער סעקרעטאַר אין אַ בקשה. האַלט אים אָפּ רב אַריה און ער ווענדט זיך דאָס מאָל צו דעם פינפטן מענטשן ביים טיש. געשליפן זיינען די ווערטער און קלינגען מיט וועלטלעכן טאָן:

— אָדון פּראָפעסאָר, דער גמילות־חסד איז שוין אַ פאַקט, אַן עקסיס־טירנדיקע אינסטיטוציע, און איר רעכנט זיך ביי אונדז אויך אַ גבאי, אַ חבר הוועד. ווילט איר אפשר זאָגן אַ וואָרט, בכלל און בפרט?..

ווי אַ זייטיקער און גאָר פון אַן אַנדערע וועלט זיצט דאָ עזרא רימון, דער פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט. ער האַלט זיך אַלץ לעבן רב משה ברוכן, זיין מאַמעס אַ ברודער. קיין בני־ברק איז ער אַרונטערגעקומען צו די שלושים פון זיין צווייטן פעטער און האָט אויך איבערגעגעבן אַ סומע

געלט ווי אַ צושטייער פאַר דעם גמילות־חסד אויף דעם נאָמען פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם שוועסטערקינד. האָבן שוין די עסקנים געקרוינט אים פאַר אַ גבאי פון דעם נייעם מוסד און פאָרמעל געבעטן בלייבן אויף דער ערשטער זיצונג... אַ מענטש אין היינטוועלטיקן אָנטו און אָן באָרד־און־פּיאות. אין ירו־לים פאַרנעמט ער זיך עפּעס מיט וויסנשאַפטן פון עקאָנאָמיע, כלכלה. איז עס צו אים דאָ געווען נאָר פון יוצא וועגן די ווענדונג פון רב אַריהן. קומט ער אָבער אַרויס, דער פּראָפעסאָר, גאָר מיט אַ מין חקירה:

— דאָך דאָ אַ סטאַטוט, וואָס איז געשריבן לויט דער צוואה פון די מיִס־דים. איז אין דעם ערשטן פּאַראַגראַף פון דעם סטאַטוט בפירוש פאָרמולירט, אַז דער גמילות־חסד איז געגרינדעט לשם העלפן חתן־כלות אין זייער איינ־אָרדענען זיך. כאַפּט מיר דאָ זיין שווערלעך מיטן באַנעמען דעם זינען שוין פון דער ערשטער החלטה וועגן דעם עלטערן ייִדן מיט זיין קראַנקער ווייב.

— בכן ?.. — צעהייבן זיך רב אַריהן די פּלייצעס אויף די אומגעריכטע רייד און ער קען ניט פאַרשטיין דעם שכל פון דעם פּראָפעסאָר אַליין — בכן, איז דער ייִד ניט געווען קיין חתן און זיין ווייב קיין כלה ?

פאַרלירט ניט דער וויסנשאַפטלער זיין רויִקן טאָן:

— אַ בחור איז געשטאָרבן צו אַכצן יאָר, און זיינע עלטערן האָבן ניט זוכה געווען צו פירן אים צו דער חופּה. איז ביי זיי אויפגעקומען אַ ווונטש, אַז חתן־כלות וואָס גייען צו דער חופּה זאָלן דורך דעם גמילות־חסד בענטשן דעם זיכרון פון זייער זון...

— אַ גאַנצע פּאָעזיע !.. — שרייט אַריין רב שלמה חיים, דער גבאי שני — מעשיות ענלעכע אָן אַ שיעור אין ירושלים. אין די כוללים זיינען זיך מענטשן סומך אויף די תקנות, אויך אַזוינע „סטאַטוטן", און זיי קומען מיט טענות און תביעות. איז שוין דאָ ניט איין פּסק־דין פון גאונים און גדולים, אַז ווי די גבאים און ממונים פירן און זיינען מחליט, כן יקום !

דער ביטול־שמייכל פון פּראָפעסאָר באַוועגט רב נתנען, דעם ייִנגערן גבאי, אַרויסצושטעלן זיך מיט אַ מער מאָדערנעם גאַנג. האַלט ער זיך דווקא ביים סטאַטוט און בויט זיינעם אַ הסבר:

— דער גמילות־חסד איז לשם העלפן חתן־כלות אין זייער איינאָרדענען זיך, טענהט מיט רעכט דער חשובער פּראָפעסאָר, און אַזוי זאָגט טאַקע דער

ערשטער פּאַראַגראַף פונעם סטאַטוט... „חתן־כלה״ זיינען קלאָרע ווערטער. וואָס באַטייט אָבער „איינאָרדענען זיך״? פאַראַן חתן־כלות וואָס נאָך ערב דער חתונה זיינען זיי שוין באַזאָרגט מיט פיינער פרנסה און גרייט איז פאַר זיי אַ דירה מיט די בעסטע מעבל. שוין פאַראַן היינט יונגע פּאָרעלעך וואָס באַלד נאָך זייער חתונה פּראַוועוען זיי אויך אַ לוסטרייזע איבער דער וועלט. און, ווידער, זיינען דאָ אַלטע פּאָרן, וואָס פאַר די גאַנצע יאָרן פון זייער חתונה קומען זיי קוים אויס אויף דעם שטיקל ברויט; זיי זיינען נאָך ניט איינגעאָרדנט. אָט ווי דער ייִד פון די ירקות מיט זיין פרוי. ליגט אַ חוב אויף דעם גמילות־חסד צו העלפן דער פּאָר „איינאָרדענען זיך״, אויף די אַ ווערטער שטעלן מיר עס דעם טראָפּ, און אַזוי טראָגט אויס דער שכל הישר!

— און דער אַלטער אַלמן וואָס דאַרף גיין אין אַ מושב־זקנים? — פרעגט קאַלט דער פּראָפעסאָר — וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַזאַ איינער מיט חתן־כלה און מיט איינאָרדענען זיך פון אַ פּאָרפאָלק?

— אָט די צווייטע בקשה?.. — איז פאַרחידושט דער גבאי ראשון — אַהאַ, דער סטאַטוט רעדט וועגן חתן־כלה און זייער איינאָרדענען זיך. קען מען דאָך באַלד פרעגן, וואָס איז די באַזונדערע זאָרג דווקא וועגן אַזעלכע מענטשן, אָט דער שכל הישר? ווייס אָבער יעדער בר־דעת צו ענטפערן: שלום־בית. דאָס איז אַ גרויסער יסוד אין ייִדישן לעבן. און שוועריקייטן אין דעם איינאָרדענען זיך זיינען ממש אַ סם אין דעם פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון מאַן־און־ווייב. שלום־בית, אין תוך גענומען, איז געוויס געווען דער אמתער ציל פון די מיַסדים און אין דעם זינען איז עס אויך געשריבן דער גמילות־חסד־סטאַטוט... נו, רעדט זיך דאָ איצט פון אַן אָרעם דירהלע מיט אַ גרויס געזינדל; און אין דער ענגשאַפט דרייט זיך אַרום אַ זקן, אָט דער אַלמן, און פאַלט דאָך מסתמא גאָר־גאָר לייכט אויף די נערוון פון דער שנור; און די פרידלעכקייט צווישן מאַן־און־ווייב איז נאָר מקנא צו זיין. העלפט אָבער אונדזער גמילות־חסד איינצואָרדענען אַנדערשוווּ דעם אַלטן, איז דער שלום־בית געראַטעוועט!

אומגעדולדיק זיצט רב שלמה חיים. יעדע ווײַלע הייבט ער זיך פון אָרט, ציט די עקן באָרד און יעדן מאָל מיט אַן אַנדער האַנט, און כאַפּט זיך אַלץ צו רעכט מאַכן די יאַרמלקע, ווי זי וואָלט אים שפּרינגען פון שפּיץ קאָפּ.

פון זיין ניט־פּאַרטראָגן די רייד קלאַפּן זיך אויף די בײדע הענט מיט רוגזה אין די אויערן. קוים דערוואַרט אויף זאָגן אַ וואָרט:

— אַז גאָר איבעריק דער גאַנצער פּילפּול! דער ענין פון דער בקשה איז דאָך פּשוט בתכלית הפּשטות. אונדזער גמילות־חסד העלפט דעם אַלמן אַריינגיין אין אַ מושב־זקנים, און דאָרט געפינט ער זיך זיין בת־זוג, און זיי ביידע אָרדענען זיך איין גאָר פיין. מיר הערן זיך דאָך אָן אַפילו פון ראָמאַנען אין די אַ מוסדות... טאָ וואָס איז דער וויכוח, אַז דאָ האָבן מיר אַ בקשה וואָס האָט ממש אַ שייכות מיט אַ חתן, אַ כלה, אַ חופּה און זיך איינאָרדענען? דער סטאַטוט!

כאַפּט זיך שוין צו די פּאַפּירן דער בלאָנדער רב נתן און וויל לייענען אַ נייע בקשה. זעט ער אָבער ווי דער אַלטער רב צעשאָקלט זיך, די ברילן זיינע פאַררוקט איבער דעם הויכן שטערן און זיין האַנט פאַרדעקט די אויגן, דריקט זיי און איז באַוועגט אַפּנים מיט מחשבות וואָס לויפן אינעם גרויסן גרויען קאָפּ. קוקן זיך איבער די דריי גבאים און וואַרטן אויף זיין וואָרט. אַ צופרידנקייט נעמט זיי אַרום וואָס דאָס שאָקלען זיך גייט אַלץ מער אויף דער זייט פון דעם פּראָפעסאָר, דעם פּלימעניק זיינעם און אורח. אָט קוקט אים שוין דער אַלטער אין פּנים אַריין:

— ווי אַ קאַראַ:ם!.. עזרא, דו גייסט מיטן זעלבן דרך פון די קאַראַ:מער. אין די דינים פון שבת, למשל, איז געשריבן אין דער תורה „לא תבערו אש", ניט אָנצינדן קיין פייער, איז אויס ביי זיי מיט פייער. מען טאָר דאָס ביי זיי ניט אָנגרייטן אויך פון ערב־שבת. זיצט מען אין דער פינצטער, און אָן אַ וואַרעמען תבשיל. און נאָך אַ פּרט פון זייער עונג־שבת. אין פּסוק שטייט: „אַל יצא איש ממקומו ביום השביעי", קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין אָרט אין זיבעטן טאָג. האַלטן די קאַראַ:מער אַז שבת טאָר מען ניט אַרויסגיין פון שטוב. אי „ממקומו", אַ מקום, דערקלערט זיך אין תלמוד ווי אַן אָרטשאַפט, אַפילו אַ שטאָט אַ גאַנצע, און מיט אַן עירוב טאָר מען גיין אויך ווייטער, — דערפון ווילן די קאַראַ:מער ניט וויסן. זיצן זיי אָפּ דעם גאַנצן שבת אין שטוב... ביי דיר, עזרא, איז דאָך אויך דברים ככתבם, שטרענג ווי עס איז געשריבן אין דעם סטאַטוט, להבדיל. איי אַ טיפערער הסבר, אַן אַריינטראַכט אין תוך?.. מעשה קאַראַ:ם!

דער קוק פון פּראָפעסאָר עזרא רימון גייט איבער די װוענט ספרים. פּי־רושים אויף פּירושים אויף דער תורת־משה. ווייקן זיך אין זיי אַ לעבן אַט די ייִדן — אי חסידים אי מתנגדים און מוסרניקעס — און דער געדאַנק זייערער לאָבט זיך מיט די פּשטלדיקע דרינגעניש און אַריינטייטשעניש. און דער אַלטער פעטער האָלט אין שרייבן זיינע פּילפּולים און „חידושי תורה" און איז מוסיף נאָך חיבורים... זיינען שוין דאָ אָבער דערגאַנגען די רייד אַזוי ווייט, פּרוּווט ער, רימון, צוזוואַרפן אַ פּראַגעלע, גאָר ווי אַ שאלת־תם:

— מיט אַ טיפערן הסבר, מיט אַן אַריינטראַכט אין תוך... אַט טאַקע שבת, און לשם עונג־שבת, לאָזט זיך עס ניט, למשל, מקיל זיין מיטן אָנצינדן עלעק־טריע אָדער צופאָרן ווו מיט אַ לייכטער מאַשין? ביי דער היינטיקער עלעק־טראָניק, אַז געגוג דורכצופירן אַפילו גיגאַנטישע אַרבעטן מיט איין באַוועג פון דעם קליינעם פינגערל אין דער לופטן, קאָן דער איסור־שבת זיין חל אויך אויף אַזאַ מין „מלאכה" ?..

מיט איין מאָל האָבן זיך די ברילן ביי די אַלע אַנדערע פיר געגעבן אַ רוק הויך אויף די שטערנס, וואָס די קנייטשן זייערע טיפן זיך און שאַרפן זיך מיט יעדער סעקונדע. ווי גאָר פון דאָס ניי האָבן די בליקן אַרום באַטראַכט דעם גלאַטן פּנים, דעם געגאָלטן, וואָס האָט אין זייערע אויגן שוין געשפּריצט מיטן משכילישן להכעיס... אויף אָפּענטפערן אַזאַ איינעם, האָלט רב שלמה חיים, איז אַפילו איבעריק מסדר צו זיין זיך די רייד:

— מקיל זיין... אַהאַ, קולות, פאַרלייכטערונגען אין די מיצוות, לייכטער זיך מאַכן דעם יאָך פון דער תורה, דעם עול מלכות שמים... אויף אָפּצוהיטן דעם יום מנוחה שלמה ווערט שוין היינט פאַר מענטשן שווער אָנצודרייען ערב־שבת אַ זייגער, כדי עס זאָל זיך אויטאָמאַטיש אָנצינדן און פאַרלעשן די עלעקטריע!.. און פאַר וואָס ניט לכבוד שבת, דעם יום מנוחה וקדושה, פאַר וואָס טאַקע ניט אַ לייכטע נסיעהלע לשם אַ פּיקניקל, אַ לופטער טאָן די שבתדיקע נשמה־יתרה אין אַ הפקרישער פאַרווײַלונג?.. קולות, אַ פאַר־לייכטערונג פאַר לייכטזיניקע, די קלי־דעת און קלי־עולם; אַ ייִדישקייט אויף קוליעס!..

גאָרניט געוואָרט אויף אַ צוריקענטפער, זיינען זיך די אַנדערע גבאים שוין ווידער עוסק מיט אַ בקשה. קאַלטבלוטיק זיצט ווייטער פּראָפעסאָר רימון

און זיין געהער ווערט אַלץ לעבעדיקער פון די פאַרגעלייענטע תחנונים־רייד. אַ בחור וואָס לערנט אין אַ ישיבה איז מיט מזל געוואָרן אַ חתן. קיין מאַמען האָט ער ניט, און דער טאַטע האָט שוין לענגער אַ צווייטע ווייב און נאָך קינדער. די כלה איז טאַקע אַ בת־טובים, אָבער זייער אָרעם. און אָט נענטערט זיך דער טאָג פון דער חתונה און ניטאָ נאָך אויף דינגען אַ ווינקל און אויף די נייטיקסטע שטובזאַכן.

רימון הערט נאָך ניט קיין סומע וואָס די גבאים באַשטימען. אַ שווייגן גאָר דווקא ביי אַ בקשה וואָס שטימט אַזוי מיט די צילן פון דעם גמילות־חסד!.. די פאַרטראַכטע קראַצעניש אין די בערד און די ספּיקות־בליקן וואָס שמייכלען אונטער צו רב משה ברוכן, ווילן עס אים דאָ אַ פּנים מאַכן רעדעוודיק. נאָך אַ תנאים ווענדן זיך דאָך ניט ווייניק פון די מענטשן צו אים, ווי צו אַ רב אַ מפורסם, ער זאָל געבן אַ באַשטעטיקונג אַז עס האַלט טאַקע ביי אַ חתונה, און שוין אויך צושרייבן זיין וואָרט וועגן נייטיקער הילף... שמייכלט ער אויך, דער אַלטער, און שווייגט. רעדט שוין רב אַריה:

— פון ביידע צדדים, דער טאַטע פון חתן און דער טאַטע פון דער כלה, האָבן מסתמא אַרויסגעשיקט די המלצה־בריוו...

— עס פעלן ברוך־השם ניט קיין אַדרעסן פון „הכנסת־כלה" און נאָך ענלעכע חברות... — זאָגט שוין זיין וואָרט אויך דער בלאָנדער גבאי — און יעדע המלצה ברענגט אַריין די שיינע מתנות, און פאַר יעדן צד באַזונדער. מיר וויסן די פּאַקעטן וועש, בגדים און נאָך טייערע חפצים. און עס קומען אַריין אויך טשעקן, סומעס ניט קיין קליינע. קאָמיטעטן איבער אַמעריקע אַליין אין די צענדליקער... נעמען מיר זיך צו אַ וויטערדיקן פּאַפּיר!

פון צונג רייסן זיך דעם פּראָפעסאָר כאָטש עטלעכע ווערטער צו די ייִדן פאַר זייער אָפּוואָרפן אַזוי לייכט די בקשה. גלייכן שכל, שכל הישר — מיט דעם פאָרן דאָך אַרויס אָט די מענטשן ביים באַגרינדן אַ נאָר וועלכן ענין. און אָט איז געבוג פאַר זיי אַ השערה אַז מצד דעם חתן און אפשר אויך מצד דער כלה זיינען מסתמא געוואָרן אַרויסגעשיקט המלצה־בריוו און עס זיינען שוין אַריינגעקומען גאַנצע אוצרות... רימון זאָגט שוין אָבער ניט קיין וואָרט. ביי די אַ מענטשן איז ער באַלד ניט נאָר אַ קאַראַים, ער איז עלול צו ווערן אין גאַנצן געפּסלט אַלס ייִד.

די שפּעטערע שעה איז זייגער קומט דעם פּראָפעסאָר צו הילף. איילּיק נעמט ער אָפּשייד פון די מענטשן אויף דער זיצונג. שוין אין דרויסן, הייבט ער אָן צו מאַכן דעם חשבון, וויפל צייט אים וועט נעמען דאָס פאָרן אַהיים, קיין ירושלים, און וויפל ער וועט נאָך מוזן אַריינזיצן אין זיין קאַבינעט איבער די קאָרעקטורן. אויף מאָרגן פרי האָט ער צוגעזאָגט דעם דרוקער, און פעלערן זיינען נאָך דאָ אַזוי פיל !..

גרייזן, די מורא פאַר גרייזן אין זיין בוך... דערמאָנט זיך רימון ווי ער אַליין צעשמייכלט זיך איבער דעם אַלטן פעטער, פון זיין אויפשפּרינגען ביים דערזען אַ פעלער אין זיינעם אָן אָפּגעדרוקטן ספר. נאָר אַ גרייז — איז חָרוב די וועלט ! און אָט האָט ער דעם אָוונט געהערט פון א מורא פאַר גרייזן אין אַ ספר אָן אומזעעוודיקן, אין דעם ספר וואָס אין אים ווערן עס אויפן הימל איינגעשריבן די מעשים פון יעדן מענטשן. פאַר די אַ גרייזן האָט דער צווייי־טער פעטער אַזוי געציטערט...

אויפן וועג איז שוין רימון פאַרנומען מיט אַ ווייטערדיקער מחשבה. אַ פאַרביטענער אות, מיינט ער, אָדער אַ צעדרייט וואָרט און נאָך אַ וועלכע אומפּינקטלעכקייט וואָס קומט דורך אַ טעכנישן פאַרזע פון אַ דרוקער — דאָס ברענגט על־פּי־רוב וויניק שאָדן דעם בוך. און אַפילו אַ גרייז אין דעם הימלישן ספר, פאַר וואָס עס פלעגט אַזוי איבערציטערן דעם פעטער נחום — האָט ער דאָך אָבער געגלייבט אַז דאָרטן זעט מען דורך־און־דורך „די נירן און דאָס האַרץ" פון דעם בשר־ודם, און מען איז אויך דן לכף־זכות. אַ סכנה אָן אמתע פאַר אַ שריפט ליגט אין דער אויסטייטשונג, וואָס קומט שוין דורך מענטשן מיט אַלערליי כוונות. פון געדריידלטע הסברים און איבערגעע־שפּיצטע אויסדרינגענישן איז ניט זיכער אָט אויך אַ צוואה געשריבן פון צוויי כשרע נשמות...

אויפגעלייגט ווערט רימון מיטן דערזען פון נאָענט דעם שטראָם ליכט פון ירושלים. אַ שטיק נאַכט וועט ער נאָך קאָנען אַריינאַרבעטן אויף צו רעכט מאַכן די גרייזן אין דער לעצטער קאָרעקטור פון דרוק. און פאַר די אויגן צעשטראַלט זיך אים דאָס דערוואַרטע בוך „ווידעראַנאַנדן און נייע שטרעמונגען אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט" — וואָס איז געבויט אויף דער קריטיק פון אַנדערע ווערק און איז פול מיט זיינע אויסטייטשונגען.

ב

ציגיינער־ווייזן

זשורנאַליסטיש בלוט

תשליך

איך שעם זיך

בוך און ביקס

פרעמדלינג און העפטלינג

האָנאָראַר

דיווידענדן

ציגיינער־וויזן

לאה גרינשטיין האָט געלעבט אין קאָוונע. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך וויזן מיט אַ ליד אין דער פרעסע אָדער אין אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך. ניט פיל געדרוקט, אָבער יעדעס ליד איז געווען געשריבן שטימונגספול, מיט שפּילעוודיקן טאָן, צאַרט. יעדע שורה פון אירע שאַפונגען האָט געאָטעמט מיט פיינפילעוודיקייט, באַהויכט פון שיינגייסט. אַ באַזונדערן האַרציקן חן האָבן געהאַט אירע קינדערלידער; אַלץ ווי אַ מאַמע דערציט און צערטלט אירע קינדערלעך. אַליין אַ מאַמע, זיינען דאָס געווען פון די געפילן צו די צוויי קינדערלעך אירע.

אין דער ערשטער צייט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג אין ליטע, האָט זי איין פרימאָרגן ענדע 1940, באַמערקט אַ גאָר ניט־געוווינט בילד ביי איר אַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער. אַריינגעקומען אין דער געבורט־פּאַלאַטע פון דעם געוועזענעם יידישן שפּיטאָל, זעט זי — אַ ציגיינערין גייט צו קינד. פאַר אירע אויגן איז באַלד אויפגעשוווּמען דאָס באַקאַנטע לעבן פון די ציגיי־נער. און די פרוי־ציגיינערין —

איר געבוירן־בעט פלעגט זיין
דאָס פעלד, גרויער הימל, גרויע ערד.
געוואָיעט האָבן הינט אין דרויסן,
און ווינטן פלעגן איינוויקלען
דאָס ניי־געבוירן וואַנדערקינד.

און פערזן וויטערדיקע האָבן זיך צעזונגען פון דער גרויסער ענדערונג וואָס קומט אויך צו אָט די פאַרשטויסענע. פולבירגערשאַפט, רחבות, זאַט...

דאָס גאַנצע ליד איז געווען דורכגעדרונגען מיט דערהויבענע מענטשלעכע געפילן, מוטערלעכער פרייד און ליבע צו יעדן ניי־געבוירן קינד, און איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דער סאָוועטיש־ייִדישער פּרעסע צום יום־טוב פון דער אַרבעטער־פרוי. ווען מען האָט אין די שרייבער־קרייזן גענומעןריידן וועגן אויסטיילן פּרעמיעס פאַר ליטעראַרישע שאַפונגען, איז אויפגע־שווומען דאָס ליד פון לאה גרינשטיין.

באַלד איז אָבער געקומען דער דייטשער מילחמה־אָנפאַל און קאָוונע איז געוואָרן פאַרנומען. איינע פון די ערשטע נאַצישע פאַראָרדענונגען איז גע־ווען דאָס פאַרבאָטן ייִדן צו גיין אויף די טראָטואַרן. איז דערפון די איבער־לעבכע שטאָלץ פון דעם ייִדן קנאַפּ־וואָס געמינערט געוואָרן. צרות איז געווען מיט די פיס, וואָס פלעגן מיט זייער אַלטער געוווינהייט פאַרפירן דעם מענטשן דווקא אויפן טראָטואַר. דאָ זיינען שוין געשטאַנען אויף דער וואַך אויך אַר־טיקע גויים. די „אַרישע" יחסנות, וואָס די דייטשן האָבן אין זיי אַריינגעבלאָזן, פלעגט ניט לאָזן רוען זייער אויג, זייער צונג און עלנבויגן, ביים דערזען אָ ייִדן פאַרבלאָנדזשעט אויפן טראָטואַר. האָבן ייִדן געזען נאָך מער אויסצו־מיידן די גאַס.

אין יענע טעג איז לאה צוריקגעקומען פון אַ נייטיקן גאַנג, און אויף איר ענערגיע־געלאָדענעם פּנים צעשפּרונגען אַן אָנשפּילעוודיקער שמייכל:

— אַ „ציגיינער־וויזע"... כ'האָב דאָך געקראָגן אַ פּרעמיע...

— מיינסט צו זאָגן — פרעגט דער מאַן — מיינסט אַז אין די לעצטע טעג פון די סאָוועטן איז טאַקע געוואָרן באַשטימט אַ פּרעמיע פאַר דיין ציגיי־נער־ליד?

— ניין, טאַקע היינט געקראָגן. ווי איך בין אַרויס פון הויף, צום ערשטן מאָל נאָך דער פאַראָרדענונג, האָט מיך גלייך מיט אַ קללה און זידלעריי אַרונטערגעיאָגט פון טראָטואַר אַ ציגיינערין מיט אַ פּיצל קינד אין פאַט־שיילע...

צוזאַמען מיט די קאָוונער געטאָ־ייִדן האָט זיך לאה נאָך דריי יאָר גע־מאַטערט. איר מאַן, וואָס שרייבט מיט טרערן אָט די שורות, איז אָנהייב 1942 געוואָרן געכאַפּט און אַרויסגעפירט קיין ריגע, אין די לאַגערן דאָרט; איז דער הונגער און נויט פון איר מיט די צוויי קליינע קינדער געווען גאָר האַרב.

געשליידער

מיטן יולי 1944, בעת דער ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ, איז זי דאָרט געווען מיט נאָך ייִדן אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. די דייטשן האָבן אָבער אַנטדעקט אַ סך פון די באַהעלטענישן און זיי אונטערגעצונדן. איז לאה אויך לעבעדיק פאַרברענט געוואָרן. און אומגעקומען איז אויך דאָס טעכטערל יהודית.

זשורנאַליסטיש בלוט

פון דער ייִנגערער גענעראַציע זשורנאַליסטן אין ליטע זיינען צווישן די גאָר אָנגעזעענע געווען אַרי גלאַזמאַן און מאַקס וואָלפאָוויץ. ביי־דע מיטאַרבעטערס פון קאָוונער „אידישע שטימע",ביידע ביי די דרייסיקער יאָרן און פון פּרעכטיקן וווקס; ביידע טעמפּעראַמענטפולע, מיט שווונג און מיט בעלעטריסטישע כּישרונות. זיי האָבן אויך שטודירט אין אוניווערסי־טעטן און יעדער פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם באַגאַזש וויסן.

העכסט אַנשטענדיק און שטענדיק אויפגעלייגט איז געווען וואָלפאָוויץ. וועלכע טעמע ער האָט ניט באַרירט אין זיין שרייבן, און אויך אַפילו אַ טאָג־רעפּאָרטאַזש — איז געווען ליריש באַהויכט, מיט אייגנאַרט. טיפערער דענק־לעכקייט; ליכטיק און שמייכלדיק. עטלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין נאָרוועגן; סאַראַ שיינע באַשרייבונגען ער האָט געגעבן דעם ייִדישן לייענער וועגן אָט דעם לאַנד!

מיט זיין טונקל־ברונעטן געזיכט, גרויסע שוואַרץ־פּלאַקערדיקע אויגן און פעך־שוואַרץ געקרייזלטע האָר האָט גלאַזמאַן אויסגעקוקט ווי איין פּעס־טער גוס פון אַנטשלאָסנקייט, טעמפּעראַמענטפולער עקשנות און אַמביציע. פיינער טאַלאַנט איז אים אויף זיין גענומענעם וועג בייגעשטאַנען. ער האָט געשריבן דערציילונגען פון פּסיכאָ־אַנאַליטישן זשאַנער. גלאַזמאַנס בוך נאָ־וועלן „אַ פענצטער צו דער וועלט" האָט אין ליטעראַרישע קרייזן אַרויסגע־רופן אינטערעס. גלאַזמאַן האָט אויך געהאַט געלערנט אין אַ טעאַטער־סטוד־יע און אַ געוויסע צייט איז ער אויפגעטראַטן מיט דערפאָלג אויף אַ העברע־ישער בינע אין ליטע. בעיקר האָט ער זיך מיט פאַרמעסט אַריינגעוואָרפן אין דער טאָג־טעגלעכער פּרעסע. און מיטן פונאַנדערוווקס פון זיין ספּעציעלן רובריק „טאָג־בלעטלעך" אין דער „אידישער שטימע", איז פון טאָג געוואַקסן

אויך די צאָל פון זיינע לייענערס. פּאָליטיק, געזעלשאַפטלעכע ענינים, קול־טור, ליטעראַטור, טעאַטער — אין די אַלע פּראָבלעמען איז גלאַזמאַן געוואָרן אַ בן־בית, איז געשווּמען מיטן ברייטן פּאַרנעם.

געראָטן ביז גאָר זיינען געווען דיביידע יונגע־לייט, גלאַזמאַן און וואָל־פּאָוויץ, אַלץ געשטיגן מיט זייער טאַלאַנט און געשווּמען מיט פּאַרמעסט מיטן מעכטיקן שטראָם פונעם ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ליטע. און מיט דעם גאַנצן כלל צוזאַמען דערשווּמען צו די סאַמע נעגל פון די נאַציס.

אין „קאָמיטעט אַריבערצופירן די קאָונער ייִדן אין געטאָ" זיינען אין צווייטער העלפט יולי 1941 צוזאַמענגעקומען גלאַזמאַן, וואָלפּאָוויץ און דער שרייבער פון די שורות. אין אַ ווינקל צימער פון דער געוועזענער ייִדישער פּאָלקשול אויף דאַוקשאָס 24, ווו דער קאָמיטעט איז עס געווען, איז געשטאַ־נען פּאַר אונדז שולמית ראַבינאָוויטש, איינע פון קולטורעלסטע ייִדישע פרויען אין קאָונע. מיט פּאַרשטיקטן צאַפּל האָט זי גערעדט וועגן אָרגאַני־זירן אין שטילסטן געהיים אַ היסטאָרישע קאָמיסיע. אונדזערע שאַנסן אויף אַרויסגיין לעבעדיקע פון די דייטשע הענט זיינען כמעט נול; טאָ זאָל זיך נאָך אונדז אָפּשטעלן, האָט זי געטענהט, כאָטש אַ „יוון מצולה", אַ וואָס־ענלעכס צו יענעם באַרימטן ספר פון די היידאַמאַקישע שחיטות אין די יאָרן ת"ח און ת"ט!

געוויס האָבן מיר מסכים געווען. נעמען מיר זיך באַלד זאַלבע דריט אָנצוּוואַרפן אַ פּלאַן פון דער אַרבעט. עס איז אָבער געווען אונדזער ערש־טע באַגעגעניש נאָך דעם אַריינמאַרש פון די דייטשן. יעדער פון אונדז איז כמעט ביז דעם טאָג געזעסן פּאַרשטעקט אין שטוב און נאָך ניט געהאַט אַרויס אין גאַס. האָט מען זיך דאָ אָנגעהויבן איבערצוגעבן די איבערלעבענישן פּאַר דעם חודש צייט. דאָ האָבן מיר זיך איינער פון דעם אַנדערן דערוווּסט וועגן פריינד וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן. מערערע פּרטים האָבן מיר געהערט וועגן דעם שרעקלעכן פּאָגראָם אין סלאָבאָדקע, פּאַרשטאָט פון קאָונע, און וועגן מאַסן־אַרעסטן פון ייִדישע מענער איבער דער גאַנצן לאַנד און אַז אויך קהילות גאַנצע זיינען געוואָרן אומגעבראַכט. וויפל „לעבעדיקע" איינדרוקן, איבערבליקן, לויפנדיקע רעפּאָרטאַזשן זיינען פון אָט די ביידע ניט־אויס־געלעבטע צייטונגס־מענטשן געוואָרן פּאַר דער פּאָר שעה אָנגעוואָרפן!.. סוף־

סוף איז דער שמועס אַרויף אויף דער עיקר טעמע, דאָס נעמען זיך צו פֿאַר־צייכענען די טעגלעכע געשעענישן דערוויל אין די ענגע ראַמען, ביי די גאָר ענגע און אַזוי רוצחיש באַשרענקטע מעגלעכקייטן. קומט פּלוצלינג אַרויס גלאַזמאַן מיט אַ פֿאַרלייג: אַ יידישע צייטונג אין געטאָ מוז זיין!.. און ער פֿאַרנעמט זיך אונדז צו דערקלערן, אַז אין אַזאַ צייט טאָרן מיר זיך ניט באַ־נוגענען נאָר מיטן פֿאַרצייכענען געשיכטע; מיט אַ צייטונג אין געטאָ וועלן מיר אויך שאַפֿן געשיכטע. אין שטרענגסטן געהיים וועט די צייטונג ווערן געמאַכט, אָבער מוז דערשיינען!.. ער אַליין, גלאַזמאַן, איז שוין ביי אים פֿאַר־טראַכט אַ ריי אַרטיקלען!

ביי דריי וואָכן זיינען נאָך געווען ביז דעם טאָג וואָס די קאָוונער יידן האָבן שוין אַלע־אַלע געמוזט זיין אין דער באַשטימטער געטאָ. ווי דאָרט וועט אויסזען די דייטשע השגחה, די רוצחישע שטרענגקייט אויף יעדן טראָט — האָט מען שוין ביי צייטנס זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן. און אָט — ניט אַנ־דערש אַ יידישע צייטונג! וואָלפֿאָוויץ האָט זיך אָבער באַלד דער ערשטער אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק. און מיט דער מינוט זיינען די ביידע באַזונדער געוואָרן פֿאַרוועבט מיט דעם נייעם, געהיימען און מוטיקן פּלאַן.

וואָס פֿון טאָג האָבן אָבער די דייטשע גזרות געשטראָמט נאָך האַפּטיקער, און די רציחות — אַ סך־אַ סך ווייטער ווי יעדע אונדזער פֿאָרשטעלונג. ווי־דער פֿלעגן מיר זיך פֿאַרלירן אויף טעג. יעדן מאָל אָבער ביי נאָר אַ באַ־געגעניש, האָט זיך דייטלעך געלאָזט מערקן פֿון די פֿיבערדיקע בליקן ביי די צוויי אַ ניט־אויסגעלאָשענע אַנטשלאָסנקייט. און גלאַזמאַן פֿלעגט נאָך צופֿליסטערן פֿון אַדורך זיינע דין פֿאַרפּרעסטע ליפּן: אַ צייטונג אין געטאָ וועט זיין, וועט דאָך זיין!

אויסגעלאָשן האָט זיך אָבער דאָך דער געדאַנק פֿון אַ צייטונג אין קאָוו־נער געטאָ. און גאָר גיך — צוזאַמען מיט די יונגע לעבנס פֿון זיינע ביידע אייפֿערדיקע טרעגערס, גלאַזמאַן און וואָלפֿאָוויץ. אויפֿן פֿערטן טאָג פֿון אָפּ־שליסן די געטאָ, דעם 18־טן אויגוסט 1941, זיינען זיי ביידע אַוועק מיט דער „אינטעליגענטן־אַקציע", און שוין אין אָוונט פֿון זעלבן טאָג זיינען די שטור־מיש־בליענדיקע דעמבן געוואָרן אונטערגעהאַקט, צוזאַמען מיט די לעבנס פֿון די אַלע 534 יידישע אינטעלעקטואַלן, אויפֿן פֿערטן פֿאָרט ביי קאָוונע.

תשליך

אליעזר היימאַן, איינער פון די שענסטע שרייבערס אין דער געוועזענער ייִדישער ליטע, ברייט באַקאַנט איז געוועזן זיין היסטאָרישע דערציילונג „אברהם מאַפּו" מיט איר פּראַקטפּולער מאַלערישקייט און מיטן אייגנאַרטיקן אויפּראַל פון דעם פאַרגאַנגענעם לעבנס־שטייגער. אור־קרעפטיק איז דער מחבר אין שילדערן, באַשאַנקען מיט די אַלע זיבן חנען פון אויפכאַפּן דעם פּרימיטיוו אין דער נאַטור און אין מענטשן. דער גרעסטער טייל פון זיינע דערציילונגען זיינען דורכגעוועבט מיט וואַלד און פעלד, דאָרף און פויער. דער ליטווישער פויער, — היימאַן האָט אין זיינע שאַפונגען ניט אויפגעהערט צו שפּיגלען זיך אין אים און צו צאַצקענען. אין איינער פון זיינע דערציי־לונגען וואַרפט זיך דורך אַ בילדל, ווי דער פויער הערט זיך צו פון ווייטן צום קלויסטער־גלאָק און איז פול מיט פּחד, ווייל דאָס רעדט דאָך דאָס צינגל פון גאָט.

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה תש"ב, האַרבסט 1941, אין צווייטן חודש פון קאָוונער געטאָ, שלייכן מיר ביידע — היימאַן און איך — דורך די געטאָ־געסלעך, ווי פאַרבעטענע יום־טוב־געסט צום אַלטן ר' אַבא באַלאָשער. ר' אַבאָ איז אַ למדן און גרויסער משכּיל, עסקן פון מאָדערנעם שניט, מיט פיינעם שרייבערשן טאַלאַנט, באַזונדער אויף דעם געביט פון קאָוונער ייִדי־שער היסטאָריאָגראַפיע. האָט זיך באַלאָשער זיין באַזונדערן צוגאַנג צו די פאַרשיידענע ייִדישע מינהגים. ראש־השנה וויל ער ניט גורס זיין ווי טעג פון געוויין און מיט תפילות אויף תפילות און תהילים זאָגן. אויך דאָס גיין צו תשליך קומט לויט זיין קוק אויס ניט גאָר גלייך. ראש־השנה, האַלט ער, איז ייִדיש ניי־יאָר, וואָס דאַרף מיט אַ פריידיקן אינהאַלט שטעלן אין שאָטן אַפילו דעם גויִשן סילוועסטער.

באַלאַשערס וווּנוגגל איז פאַררוקט ערגעץ אין פאַדזשיו גאַס, הינטער דעם אַלטן קאַטוילישן בית־עלמין, וואָס שניידט זיך אַריין אין געטאָ און לאָזט פאַר די ייִדן נאָר אַ שמאָלן דורכגאַנג פון איין טייל צום צווייטן. ריינג־לען מיר ביידע דעם שטעכיק אַרומגעצוימטן הייליקן מקום, ווו אַזוי פיל קריסטן צינדן ליכטלעך און זיינען ווי פאַרטאָן ביים פוצן די אַלטע קברים. און ליטווישע זעלנערס דרייען זיך דאָ אַרום מיט זייערע ביקסן אויף דער וואַך, די ייִדן פון געטאָ זאָלן דורכן צוים ניט כאַפּן אַ האַנדל טאָן מיט די גלייביקע.

פלוצלינג, שוין קעגן באַלאַשערס שטוב — ייִדן לויפן. אַלץ אין יאָג און שרעק פון דער בית־עלמין־זייט. מיטן אויגפינטל איז שוין קיינער אויסער אונדז ביידן אויף דער גאַס ניטאָ. און אַ ליטווישער סאָלדאַט מיט צי־לעוודיקן ביקס ריטשעט: שטיין, די הענט אין דער הייך!

טריט געציילטע שטייט ער דערביי און צילעוועט זיך שוין אין אונדז ביידן. אַז ניט מיר זיינען געווען ביי דער צוים און האָבן עס געפּרווט מאַכן מיסחר מיט זיינע קריסטן און ניט מיר זיינען עס געלאָפן — איז גאָר־גאָר אומזיסט צו דערקלערן דעם צעיושעטן שייגעץ.

— גאָטלאָזער וואָס דו ביסט! — שרייט היימאַן אויס אין דער לעצטער מינוט אויף פראָסט פויערישן לשון — זיבן מאָל אַ טאָג וועלן דאָך די גיהנום־רוחות פּיקן פון דיר דאָס האַרץ און אויגן!

— גאָטלאָזער, וואָס ווילסטו פון אומשולדיקע מענטשן?! — איז באַלד פון בית־עלמין אַהינטערן יוון אָפּגעשפּרונגען אַ הייזעריקע גאָטספאַרכטיקע שטים פון אַן אַלטיטשקער וואָס האָט זיך באמת מיט כוונה געפּאָרעט ווו ביי אַ קבר.

די ביקס איז לויז געוואָרן אין זעלנערס האַנט. און היימאַן מיט מיר זיינען אָן אָטעם גלייך אַריינגעשפּרונגען צו אַבא באַלאַשערן אין שטוב. ווי מיין אייגן פּנים האָט אין די ערשטע מינוטן אויסגעזען ווייס איך ניט. נאָר קוקנ־דיק אויף היימאַנען, האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן:

— תשליך, ר' אַבא, האָבן מיר היינט יע מקיים געווען; די שרעק האָט פון אונדז אַרויסגעטרייסלט די זינד מיט די נשמות צוזאַמען...

— דעם פויער, וואָס איז נאָר פאַרהעצט, קען מען נאָך אָבער נעמען מיט

אַ האַרבערן וואָרט, לויט זיין פּרימיטיוון דענקען — טרייסט זיך הײמאַן.

— נאָר שטעל אים יעדן מאָל צו הינטערן רוקן אַ בית־עלמין מיט אַ גאָטספּאָרכטיקן בת־קול... — איז שטאַרק ניט מסכים מיט הײמאַנס פּויערים־אַפּאָלאָגיע אונדזער גאַסטגעבער באַלאָשער, וואָס האָט דורך זיין פענצטער צוגעזען די גאַנצע סצענע.

דאָ קומט אַרויס די פּרוּי באַלאָשער מיט דער „פּשוטער געוויינטלעכער" פראַגע אין יענע טעג:

— ווען מיר נאָך אַרויסקריכן אָט פון דעם גאַנצן אומגליק ?..

— געוויס !.. — נעמט זיך אָן באַלאָשער מיט מוט קעגן אונדז און זיך אַליין — געוויס, און טאַקע גאָר אין גיכן !.. און די ביידע היינטיקע געסט צוזאַמען מיט זייערע פרויען זיינען געלאַדן צו מיר איבער אַ יאָר ראש־השנה, ראש־השנה תש״ג, אין מיין שטאָטישער דירה, אין דער פרייער קאָוונע. און אָט הערט : איבער דריי יאָר ראש־השנה, ראש־השנה תש״ה, גייען מיר די זעלבע אַלע צו תשליך אין תל־אביב, צום טייך ירקון. מעג אויך דאָרטן ביי אַנדערע משכילים ניט גילטן דער מינהג... אָפּגעמאַכט ?

— הלוואי, און אָפּגעמאַכט ! — זיינען מיר אַלע מסכים.

אַ מין באַגעגעניש אין דריי יאָר אַרום איז יע פאָרגעקומען. ניט אָבער ביים ירקון אין תל־אביב, נאָר אַרום לאַנדסבערג ביים טייך לעך אין דרום־בייערן. אין דעם ווינקל בין איך עס, נאָך גילגולים פון קאַצעט צו קאַצעט, געוואָרן ענדע זומער 1944 אַ „בירגער" פון דעם דאַכאַו־אויסן־לאַגער 2. דער־וויס איך זיך, אַז אין דעם דערבייִיקן לאַגער 1 געפינט זיך אַבא באַלאָשער. און אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור געלינגט מיר זיך צושטעלן צו אַ גרופּע וואָס ווערט געפירט מיט אַ קאָנוואָי אויף עטלעכע שעה אין דעם לאַגער 1. נאָך אַן איבעררייס פון איבער צוויי אַ האַלב יאָר טרעף איך זיך מיט אים. שוין האַרבסט, איז ער צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער געבראָכענע און קראַנ־קע, כמעט אַלע פונעם לעצטן רעשטל פון דער שיינער אַלט־ייִדישער קאָוונע — ליגן זיי האַלב נאַקעטע אין אַ ברעזענטענעם „שווינונגס"־באַראַק, צונויפ־געפּרעסט אין ענגע נאַרעס אויף שיטערע הייפלעך ים־גראָז.

אין עלטער איבער זיבעציק יאָר, איז באַלאָשער אין דעם שרעקלעכן

קאַצעט שוין געווען מיט זיין געזונט כמעט אין גאַנצן חרוב. ביים מוט איז ער אָבער געווען. ער האָט גערעדט פון זיינע היסטאָרישע אַרבעטן אין קאָוו־נער געטאָ און וועגן פּלענער אויף להבא, אַפילו אין דעם לאַגער. עס זאָל זיך נאָר לאָזן, און דער עיקר, נאָך דער באַפרײַונג, וואָס זעט זיך שוין אָט־אָט... פּלוצעם האָט ער אַ וואָרף געטאָן אין ווייטאָגדיקן דערמאָנען זיך:

— פון אונדזער אָפּגעמאַכטן תשליך־צוזאַמענטרעף אויף דעם ראש השנה האָט זיך גאָר ביטער אויסגעלאָזט...

און דער גאַנצער שמועס האָט זיך אַ דריי געטאָן אין אַ בלוטיקן חשבון. זיין ווייב, פרוי באַלאָשער, איז שוין געווען לענגער אַרויסגעפירט פון קאָוו־נער געטאָ, ביי אַן אַקציע אויף „קינדער און אַלטע". זיין טאָכטער איז ערגעץ ווו אין אַ קאַצעט אין מיזרח־פּרייסן. דער גורל פון אליעזר היימאַן מיט זיין פרוי צפורה איז שוין דעמאָלט געווען כמעט באַוווסט; זיי ביידע צוזאַמען מיט נאָך פיל ייִדן זיינען געוואָרן לעבעדיק פאַרברענט דורך די דייטשן מיט עט־לעכע חדשים צוריק, אַרום מיטן יולי 1944, בעת דער ליקווידאַציע פון קאָוו־נער געטאָ. קנאַפּע גוטע ידיעות זיינען געווען וועגן מיין הויזגעזינד.

— און מיר ביידע זיינען, דורך פאַרשיידענע וועגן, אָט גאָר פאַרוואָרפן ביים טייך לעד, ערגעץ אין בייערן — פרווו איך פאַרקערעווען דעם שמועס — ביי דעם אַ וואַסער און אין מחנות ווי פאַר מצורעים האָט אונדז די ציוויליזירטע וועלט אָפּגעוואָרפן פון זיך, אַרויסגעטרייסלט. פלאַנטערט זיך ניט דערביי אייער געדאַנק עפּעס אויך מיט אַ מין תשליך?..

— יע, אויך אַ היימאַן איז דאָ היינט מיט אונדז!.. — גיט זיך אַ כאַפּ באַלאָשער און ער ווייזט מיר אויף אַ צונויפגעקאָרטשעטער טרייסלדיקער פיגור עטלעכע טריט פון זיין געלעגער.

ר׳ יצחק היימאַן, דער פאָטער פון אליעזרן, איז געלעגן מיט העכערער טעמפּעראַטור. ער האָט מיך באַלד דערקאָנט און איז אַרויס מיט אַ געוויין:

— טאָ ווו איז מיין לייזער? איר ביידע פלעגט זיך דאָך פון שטענדיק חברן...

איבער מאָרגן איז שוין דער אַלטער היימאַן אויך געווען טויט. און אין נאָך אַ טאָג אַרום, ערב סוכות תש״ה, האָט מען באַלאָשערן אַרויסגעפירט מיט אַ פאַרטיע „אַרבעטס־אומפעיִקע" קיין אוישוויץ.

איך שעם זיך

מיט זיין לייכטן זשאַנער, מיט זיינע לעבעדיקע גראַמען, שיין קלינגעוור־דיקע פערזן, און טאַקע אויך מיט זיינע אַקטועלע פעליעטאָנען, איז אין דער באַלטיש־יידישער פרעסע געווען אָנגעזען ראובן צאַרפאַס. מאַסן פסעוודאָני־מען האָט ער געהאַט. ברייט באַקאַנט איז ער געווען אונטערן נאָמען רופאַני. „רופאַני־פעליעטאָן” איז געווען אַ גאַר אָנצי:עוודיק קעפל אין די שפּאַס־ווינקלען פון ניט איין צייטונג און זשורנאַל; און באַטייט האָט עס — אַ פּיק־חותדיק צוגעשפּיצטע שאַרזש אין פליסיקן עמך־סטיל אויף אַ צאַפּלדיקער טעמע. ראובן צאַרפאַס האָט אויך געשריבן טעאַטער־קריטיק. אַ מייסטער איז ער געווען אין דער יידישער שפּראַך; זיינע איבערזעצונגען פון לידלעך, קופּלעטן זיינען געווען אַ שם־דבר.

אין האַרבסט 1944 טרעף איך אים אין דאַכאַו־לאַגער 1 ביי לאַנדס־בערג. זיין שטענדיק ניט־הויכע און דאַרע פיגור איז איינגעשרומפּן ביז קינ־דערישן אָנבליק און פאַלט אַזוי ניט צוזאַמען מיט זיין צעאַקערטן און קרוב פופציק־יאָריקן פּנים. מיט שימחה און טרערן וואַרפט ער זיך אויף מיר:

— אַהאַ, אויף אייך וואַרט איך!

אין קאַצעטלער־מלבושים און מיט אַ רידל אין האַנט איז ער געשטאַנען מיט נאָך יידן און געאַרבעט ביי אַ גראָבן. לעבעדיק ווייזט צאַרפאַס אָן אויך די אַנדערע אַרבעטער אויף מיר, אַז איך, הייסט עס, קען זיי דאָ העלפן, טאַקע פיל, פיל...

— אָט דער מענטש, רבותי, דאָס איז דאָך אַ קוואַליפיצירטער קאַצעט־לער, „אוניפאָרמירט און נומערירט” שוין יאָרן... זינט מען האָט אים פאַר־שלעפּט פון אונדזער קאָוונער געטאָ איז ער שוין אַדורכגעגאַנגען אַ וועלט מיט קאַצעטן... מיר, אָקערשט פון די „אידילישע” געטאָס אַריינגעפאַלענע אין אַזאַ

האַרבן לאַגער, — מיר זיינען דאָך קיין לערניינגלעך אויך ניט קעגן אים. איז יעמוד רב ישראל, און לערנט מיט אונדז אַ שטיקל פּרשה קאַצעט, ווי קען מען דאָ פּאַרט דורכהאַלטן. זאָלן מיר הערן עפּעס אַ וואָרט פון אַ קאַ־צעטלער מיט דעם אמתן סטאַזש !..

דער מייסטער, אַן עלטערער צעקראָכענער דייטש, האָט זיך ערגעץ ווו אַוועקגעדרייט, און די ייִדן אַרום זיינען געבליבן שטיין אויף די רידלען. צאַרפאַס איז אַלץ מער אַריין אין זיין אַלטער פאַרעם און זיך געלאָזט אין פּע־ליעטאַנעווען אויף זיין שטייגער.

— קאַצעט... איך רוף אָט דעם מוסד : קייִצעט, קץ־עט. מען וואָרט דאָך דאָ אַלץ אויפן קץ, אָט־אָט די גאולה, אָבער — עט ! אַ טאָג פאַר אַ טאָג, און מענטשן גייען אויס, מען פאַלט ווי די פליגן...

און ווידער נעמט זיך צאַרפאַס צו מיר :

— קאַפּלאַן, יום־כּיפּור איז שוין טאַקע פאַרביי. אָבער מיר שטייען נאָך פאַר הושענא־רבא. טאָ שפּאַלט אָקאָרשט אייער מויל און וואָרפט זיך אַרויס מיטן גוטן קוויטל ; גיט אונדז דעם רעצעפּט, די עצה טובה, ווי אַזוי אַדורכצו־שלעפּן דאָס שטיקל חזירשע לעבן דורכן מאַיעסטעטישן קאַצעט... און בפרט ווען די גאַנצע חד־גדיאָ איז דאָך באמת אַ געשיכטע נאָר פון מאָנאַטן געצייל־טע, און אפשר גאָר וואָכן... לכן, זאָלן מיר דאָ גלייך אין אויגפּינטל הערן דעם ריכטיקן פּינטלדיקן וואָרט, אין פּינטל אַריין, פון אַ געפּינטלטן און נומערירטן ייִדן, וואָס איז אויך אַ מזיק אין די פּינטעלעך !..

דאָס איינציקע וואָס איך האָב דאָ אין דער קורצער באַגעגעניש געקאָנט זאָגן, איז געווען נאָר די פראַגע צו צאַרפאַסן, הלמאי ער אַרבעט אין לאַגער גופא, ווו עס בלייבן נאָר די שוואַכערע, און גייט ניט אַרויס צו דער אַרבעט אין אַן אויסן־קאָמאַנדע.

— דאָס האָט מיר אַ באַקאַנטער דאָקטאָר די טובה געטאָן — זאָגט צאַר־פאַס — אויף מאָרגן האָט ער מיר צוגעזאָגט געבן שוינונג, באַפרייען אין גאַנצן פון דער אַרבעט אויף עטלעכע טעג.

— אָט דאָס טויג ניט ! — האָב איך אויסגערופן — פונעם אַרויסגיין פון „רייי״ אין אַ קאַצעט ביזן אַוועקגיין מיט אַ סעלעקציע איז נאָר איין טראָט...

— אָפּגערעדט, הערט איר פון מיר אַ וואָרט ! — שטרעקט מיר אויס

צאַרפּאַס זיין דאַר הענטל. — אויס חלוש פון הײנט, אויס אַרבעטער אין דער קאָמאַנדע פון די „סלאַבאַסילנע״, פון די אָפּגעשוואַכטע גיבורים, ווי מען רופט אונדז דאָ. מוחל די שוינונג; איך בין דאָך טאַקע נאָך אין די כוחות, און וועל זיך האַלטן!.. קאַפּלאַן, פון מאָרגן בין איך ווידער אין אַן אויסן־קאָמאַנדע!

אין אַ חודש אַרום בין איך מיט אַן אַרבעטס־קאָמאַנדע ווידער אין לאַגער 1. ביי אונדזער פאַרלאָדן טײלן פון באַראַקן, באַמערק איך פון ווייטן, ווי צאַרפּאַס דרייט זיך אַרום לאַגער־קיך מיט אַ הילצערנער עס־שיסל און מיט הונגער־ברענענדיקע בליקן. ער האָט אויסגעזען שוין אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. אין מינוטן אַרום האָט ער אויך מיך באַמערקט און גענומען זיך דער־נענטערן שלאָבערדיק און ווי מיט אומגערן.

— איך שעם זיך פאַר אייך, איך האַלט ניט קיין וואָרט — לאָזט ער די אויגן אַרונטער — שוין אַ וואָך ווי איך בין אויף שוינונג.

מיר האָבן זיך פאַררוקט אויף אַ ווײלע אין אַ זייט. מיט איינצלנע אָפּגע־ריסענע ווערטער האָט ער געפּרוווט אויסגיסן פאַר מיר זיין בלוטיקע האַרץ. דאָס געזונט, דאָס געזונט! ער גיט אָבער באַלד צו, אַז אויף זיין וואָרט — באַשטייט ער. וואָרעם אַ קרעכץ אַהער, אַ מיחוש אַהין — ער איז נאָך ביי די כוחות. היינט־מאָרגן, און ער נעמט זיך אין די הענט אַריין. און די באַ־פרייונג אַליין איז דאָך איצט אַ פראַגע טאַקע נאָר פון טעג.

— מירן דערלעבן!.. — נעמט ער מיך פעסטער אַרום. ווי אַ „קאָמפּענ־סאַציע״ פאַר זיין היינטיקער ניט־אויסגעהאַלטנקייט, זינגט ער מיר אויף זיינס אַ לידל „מיין פידעלע״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין קאָוונער געטאָ און איז דאָרט אַ סך געזונגען געוואָרן.

טיפער אין ווינטער, שוין זייענדיק אין לאַגער11, גיט מיר איבער אַ צעטעלע אין דער שטיל איינער אַ קאָוונער. דערביי דערציילט ער מיר, ווי פאַרדרייעניש און צרות אויף צרות האָבן אים אין גאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ, אַז ביי אים אין אַ קעשענע ליגט דאָס שטיקל פּאַפּיר וואָס צאַרפּאַס האָט אים ווו אין אַ לאַגער געהאַט שוין גאָר לענגער איבערגעגעבן פאַר מיר. קוים געלינגט מיר דורכצולייענען די צעוואָרפענע אותיות פון דעם צע־קנייטשטן צעמענט־פּאַפּיר:

„איך שעם זיך — איך שטאַרב".

קעגן מיר האָט דעמאָלט שוין צאַרפּאַס ניט געהאַט זיך פיל צו שעמען. נאָך אַן אָפּעראַציע אויף אַ פוס, וואָס איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדט ביי דער אַרבעט, בין איך שוין וואָכן לאַנג געלעגן אין קראַנקנבוי; דערצו גאָר פיין געשוואָלן פון הונגער. אויך איך בין שוין אַ רעכט ביסל געווען אַרויס פון „ריי".

אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען די באַפרײַונג איז באמת געקומען, האָב איך זיך דערוווּסט גענויער פון צאַרפּאַס'ס געמאַטערטן טויט (1.12.44). און גלייך באַלד האָט בכלל אַ פלייץ געטאָן מיט ידיעות פון דעם אומקום אין אונדזערע דאַכאַו־לאַגערן. קרבנות אָן אַ צאָל! און וויפל מיינע גוטע באַקאַנטע, נאָענטע און טייערע, מענטשן וואָס איך האָב מיט זיי צוזאַמען דורכגעמאַכט קאָפּ ביי קאָפּ און אַקסל ביי אַקסל אין די פאַרשיידענע קאַצעטן... — און איך? ניין, איך קאָן זיך ניט דערקלערן, פאַר וועלכן זכות בין איך דאָך אַרויסגעקראָכן מיט די ביינער. אַ געפיל אַ שאַרפער און אַ טיפער האָט זיך צעשפּילט אין מיר, גענומען פרעסן דאָס האַרץ, צופּן און סמען דאָס געמיט. —

איך שעם זיך, איך לעב.

בוך און ביקס

דער אָנפירער אַליין פון דער געהיימער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קאָוו־נער געטאָ האָט זיך אין פיזישן זינען געוויס ניט געקאָנט רעכענען צווישן די שטאַרקסטע אין זיין קאָמאַנדע. חיים יעלין — שמאָלפּלייציק און ברוסט איינגעפאַלן, אַ קרענקלעכער פון פריסטער יוגנט און כמעט שטענדיק הייזע־ריק. אין געטאָ האָט זיין געזונט־צושטאַנד געוויס ניט געקאָנט זיין בעסער. זיין טיף־ברונעט פנים האָט זיך געגומען פאַרטראָגן אין פאַרמעט־גרוי און אַ מידקייט האָט זיך געמערקט אין זיין יעדן באַוועג.

גאָר אַנדערש איז געווען יעלינס אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג. געבוירן, 1913, ביי עלטערן לערערס, אַנערקענטע אין זייער פּעדאַגאָגישער אַרבעט. געפירט האָבן זיי אַ שול אין ווילקי, ביי קאָוונע, און עברית איז דאָרט גע־ווען די לערנשפּראַך; אַ מאָדערנער אויפטו אין יענע יאָרן. אויך אין שטוב האָבן זיי גערעדט העברעיִש, און חיים איז געווען אפשר פון די ערשטע קינ־דער אין ליטע וואָס עברית איז געווען זייער מוטערשפּראַך. באַלד קומט אָן די ערשטע וועלט־מילחמה, און מיטן צאַרישן גירוש פון די ייִדן פון קאָוונער גובערניע, אין יאָר 1915, איז די מישפּחה יעלין פאַרפלויגן קיין וואָראָניעזש. דאָרט מאַכן זיי דורך די גרויסע רעוואָלוציע, און אליעזר, דער טאַטע, ענדערט אויף אַ סך־אַ סך זיינע אָנשויונגען און אָריענטאַציע. ער הייסט שוין איצט לייזער, און אין שטוב נעמט קלינגען די שפּראַך פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן. „אבא" און „אמא" בלייבט שוין אָבער ביי די קינדער דער איינציקער אָנרוף פאַר טאַטע־מאַמע, ביז זייער לעצטן טאָג. „אימאַלע" האָבן אסתר־ריוולען, דער מאַמען, גערופן אויך די אַלע חברים פון אירע קינדער; און זי פלעגט מיט איר איידעלן און האַרציקן שמייכל אויף דעם זאָגן: אַן אָם בישראל... קיין רחבותדיקע דירות האָבן די יעלינס ניט געהאַט, אָבער פריינדלעך און

אויפמערקזאַם איז אין זייער וואָרעמער היים יעדער איינער געוואָרן אויפ־גענומען. אַ האַרציקייט און גוטמוטיקייט איז טאַקע ביי חיימען פון קינדוויַיז אָן געווען איינגעוואַקסן.

קאָוונע, און אויך גאַנץ ייִדישע ליטע, האָט געקענט די פאַמיליע יעלין — פון בוך. צוריק פון רוסלאַנד, 1921, איז שוין לייזער, דער טאַטע, געווען פאַרבונדן מיט ביבליאָטעקן. ער גרינדט און אָרגאַניזירט אין קאָוונע די ייִדיש־וועלטלעכע ביבליאָטעק ביי דער „קולטור־ליגע". צוליב לעגאַלע טע־מים הייסט שפּעטער די געזעלשאַפט : „ליבהאָבער פון וויסן". די אָפיציעלע נעמען גיין אָבער דעם עולם ניט אָן, און מען וויס נאָר „יעלינס ביבליאָ־טעק". קינדער וואָס פלעגן מיטגיין מיט זייערע עלטערן און קומען אַהער, האָבן זיי לייזערן אַליין גערופן „אָנקל בוך". די צוויי זין אָבער, מאיר און חיים, וואָס פלעגן מיטהעלפן דעם טאַטן און מיט דער צייט געוואָרן דאָ שטענדיקע מיטאַרבעטערס — די האָט יעדער פון זיי ביי די קליינוואַרג געהייסן סתם „בוך"... די יעלינס שאַפן אין ליטע דעם געזעלשאַפטלעכן צענ־טראַלפונקט פון מאָדערנעם ייִדישן בוך. אונטער זייערע הענט וואַקסט אויס אַ גרויסע און רייכע ביבליאָטעק מיט אַ לייענזאַל, און אַ פאַרקויף־און פאַר־שפרייט־שטעל, וואָס איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע ייִדישע פאַרלאַגן איבער דער וועלט. דאָ זעט מען אָפט געזעלשאַפטלעכע טוערס, פען־מענטשן, קינסט־לערס. אין די ביַיצימערן קומען אויך פאָר באַראַטונגען, און פון דאַנען ווערן אָרגאַניזירט ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. קומט, ווידער, פון אויסלאַנד אַ ייִדישער שרייבער, אַן אַקטיאָר, איז זיין געוויינלעך טרעפּאָרט — ביי די יעלינס.

צווישן די ביכער האָט זיך חיים, קאָן מען זאָגן, געהאָדעוועט, דורכגע־מאַכט זיין יוגנט, און כמעט ביז אין געטאָ אַריין. ביי די פאָליצעס האָט ער גאַנץ אָפט צוגעגרייט זיינע לעקציעס פאַר דער פאָלקשול, און שפּעטער פאַר דער מיטלשול און אוניווערסיטעט. דאָ האָט ער אויך געשריבן שטיקער פון זיין דיפּלאָם־אַרבעט פאַרן יורידישן פאַקולטעט, ביים ענדיקן אַלס עקאָ־נאָמיסט. אויך דאָס לערנען גופא איז ביי אים געגאַנגען ניט גאָר גלאַט. אין וואָראָניעזש האָט ער אָנגעהויבן אויף רוסיש. אין קאָוונע גייט ער אַריבער אויף ייִדיש און ענדיקט פאָלקשול און פּראָגימנאַזיע. די העכערע פיר קלאַסן

גימנאַזיע זײַנען אָבער ניטאָ נאָך אין ייִדיש. גייט ער אַריבער אין אַ העברע־ייִשע שול, וואָס אַחוץ דער שפּראַך איז דאָרט די לערן־פּראָגראַם אויך אַ סך אַן אַנדערע. דער אוניווערסיטעט איז שוין געוויינלעך אַ ליטווישער. חיים איז אָבער שטאַרק פֿעיִק און מאַכט דורך לײַכט יעדן איבערגאַנג. ער איז אַפֿילו פֿון די אויסגעצייכנטע תּלמידים. פֿון די ערשטע איז ער אויך אין די שילערקרײַזן, דער עיקר אין די ליטעראַרישע. היינט אויף דער סצענע! אַ שול־פֿאָרשטעלונג מיטן אַנטייל פֿון חיים יעלין איז געווען ממש אַן אַטראַקציע.

טעאַטער איז טאַקע פֿון די ערשטע זאַכן וואָס באַוועגט חיימס פֿעדער. זײַן ליטעראַרישע אַרבעט הייבט זיך אָן מיט רעצענזיעס אויף פֿאָרשטעלונ־פֿון די ייִדישע טרופּעס אין קאָוונע. פּאַמעלעך גייט ער אַריבער צו רעפּאָר־טאַזשן און סקיצעס פֿון גאַס און מאַרק, שטעטל און דאָרף, און דער עיקר פֿון געדריקטן אַרבעטער־לעבן. אויף די זעלבע טעמעס נעמט ער זיך אויך צו דערציילונגען. ער איז אָבסערוויר־פֿעיִק, און דער סטיל לעבעדיק, פֿאָלקס־טימלעך, און מיטן דראַנג צו נײַע פֿאָרמען. געדרוקט האָט ער זיך אין קאָוו־נער „פֿאָלקסבלאַט" און אין אַנדערע לינקע אויסגאַבעס אין ליטע. פֿון מאָל צו מאָל אויך אין ליטעראַרישע זאַמלונגען. באַזונדערע בריהשאַפֿט ווײַזט ער אַרויס אין צונויפֿנעמען שרײַבערס און קינסטלערס, אָרגאַניזירן זיי און אײַנשפּאַנען אין אַ ריכטונג, און צונויפֿקלאַפּן פֿאַר זייערע ווערק אַ סוכה אין דער פֿאָרעם פֿון אַלמאַנאַכן, רעפֿעראַטן, פֿאָרלייענישן. אין די דרײַסיקער יאָרן שווימט בכלל חיים צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ און האַלט אין מאַכן „געזעלשאַפֿטן", „גרופּעס", „קרײַזלעך", „ווינקלען" — פֿאַר פּראָגרע־סיווער ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, מוזיק, געזאַנג.

פֿון די ביבליאָטעק־פּאָליצעס גייט אַרויס חיים מיטן אָנקום פֿון דער רויטער אַרמיי אין קאָוונע, יוני 1940. ער ווערט אין ליטע אַן אָנפֿירער פֿון דער פּאָליגראַפֿישער פֿאַרוואַלטונג. דער „בוך" איז שוין איצט אַ מין מלך איבער אַ מדינה ביכער. ער איז אַפֿילו אַ באַשטימטער מיטגליד פֿון קאָוונער קרײַז־געריכט, און זײַן קלוגער און שאַרפֿער בליק האָט זיך געמערקט גאָר שטאַרק פֿון דער שורה ריכטער בעתן גרויסן פּראָצעס פֿון דעם געוועזענעם קאָאָ־פּעראַציע־טוער זשיגיאַליס. אַזוי מיט מענטשן בלײַבט חיים דער זעלבער: גוטמוטיק, פֿרײַנדלעך און אויפֿמערקזאַם, און גאַנץ אָפֿנהאַרציק. אין זײַן

הויכער פּאָזיציע איז ער אָבער ניט לאַנג. יוני 1941 רייסן זיך אַריין די דייטשן אין קאָוונע, און חיים באַוויזט ניט צו אַנטלויפן. באַהאַלט ער זיך אויס אין טויט־סכּנות, דער צו פיל באַקאַנטער קאָמוניסט. און מיט די אַלע ייִדן פון שטאָט קומט ער אַריין אין געטאָ. אָבער אויך דאָ איז ער בגניבה.

אין געטאָ קאָוונע ווערט חיים יעלין, דער מענטש פון בוך, פאַרוואַנדלט דורכויס אין — ביקס. ער זוכט דאָ אויס פּאַרטרוילעכע מענטשן, פירט מיט זיי געהיימע באַראַטונגען און אונטער זיין אָנפיר ווערט בסודי־סודות פאַרלייגט אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. וואָס אמת, קאַמף און באַוואָפנטער אונטערגרונט זיינען ווייט ניט געווען זיין פאַך; צוליבן געזונט איז ער אויך געוואָרן אויסגעבראַקירט פון דעם ליטווישן מיליטער; און מיט געווער האָט ער בכלל ניט געהאַט צו טאָן. דאָ נעמט ער זיך אָבער מיט פאַרמעסט און אייזערנעם ווילן צו אַזאַ ריזיקאַלישער און העכסט פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות.

פאַר זיינע אויגן האָט דאָ חיים געהאַט די געטאָ־באַפעלקערונג — מענטשן דורכגעגאַנגענע פּאָגראָמען און אַקציעס, און דער טויט הערט ניט אויף צו הענגען איבערן קאָפּ. געווען איז עס אַ מאַסע פאַרפּייניקטע און אויסגעהונגערטע, עלנטע און אָן אַ שיעור אַלמנות מיט יתומים. מענער יונגע און קרעפטיקע זיינען בכלל ווייניק אַריין אין געטאָ. די זיינען געוואָרן צונויפגעכאַפּט און אין שרעקלעכע צאָלן אויסגעשאָסן אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע. ניט געווען שוין אויך די ייִדישע פּראָווינץ, וואָס איז אויך ביים אָנהייב אָקופּאַציע געוואָרן אויסגעמאָרדט פּונקט נאָך פּונקט... רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן און געניטע אין אונטערגרונט־אַרבעט — אַזעלכע זיינען אין געטאָ בכלל געווען גאָר ווייניק. טייל פון די זיינען געהאַט אַנטלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי אויף מיזרח, און נאָך מערער זיינען שוין געווען, ווי געזאָגט, אויסגעשאָסן פון די דייטשן און ליטווינער. דאָס רוב יוגנטלעכע אין געטאָ זיינען געווען אין שולעלטער און קינדער פון מיטלשטאַנד — אַ יוגנט פון מעסיקע באַלעבאַטישע היימען. אַ וועלכע ס'איז מיליטערישע צוגרייטונג האָט זעלטן ווער פון זיי געהאַט. וועגן די מיידלעך רעדט זיך שוין ניט. בכן, אַלץ כמעט אַזעלכע וואָס האָבן אין נאָרמאַלע צייטן אונטערגעציטערט פאַר אַ

ניט־בייזן היגטל. אין געטאָ זיינען אויך די זעלבע געווען אין שטענדיקן הונ־
גער און אין פיין פון דער צוואַנגסאַרבעט.

מיט זיין גאַנצער ענערגיע נעמט זיך חיים אַריינצוציִען די יוגנטלעכע
אין אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. און מיט וואָס פאַר אַ ברען האָט דער עולם אַ
וואָרף געטאָן צום ווידערשטאַנד! אונטער דער סכנה פון ווערן דערשאָסן
אויפן אָרט דורך די דייטשן און, ווי זייער אַ ווייטערדיקער שטראָף, אויס־
מאָרד פון דעם מענטשנס מישפחה און אויך אַן אַקציע אויף דער גאַנצער
געטאָ — ניט געקוקט אויף דעם אַלץ, האָט זיך חברה גענומען צו זאַמלען
אַרמאַטור. ביי דער אַרבעט אין די קאָמאַנדעס, אונטער דער נאָז פון די
עס־עס, פאַרגנבעט מען זיך ווו עס לאָזט זיך, און מען שלעפּט. אַ רעוואָל־
ווער, אַ טיילכל פון אַ ביקס, אַ הייפל שראָט — פון אַלץ איז געוואָרן אין געטאָ
אַן אַרסענאַל. קאָנספּיראַציע די שטרענגסטע, דיסציפּלין אייזערנע. געדאַנק
און ווילן איינער — צום קאַמף! חיים יעלין ווערט דער קאָמאַנדיר פון די
פּאַרטיזאַנער, וואָס דאַרפן אין שטרענגסטן געהיים זיך מיליטעריש צוגריי־
טן, אַרויסגיין פון געטאָ און מיט אַלערליי וועגן דערגרייכן די וועלדער ווו
עס געפינען זיך די רויטע פּאַרטיזאַנער און זיך אָנשליסן אין זייערע רייען.

דער געדאַנק פון ווידערשטאַנד פאַרכאַפּט אַלץ מער מענטשן. חיים
גייט אַריין אין פּאַרטרוילעכע שמועסן מיט די יידישע אָנפירערס פון געטאָ
און גרויס ווערט זייער מיטהילף. די געטאָ־וואַרשטאַטן וואָס פלעגן אַרבעטן
פאַר די דייטשן, האָבן גענומען אויך אויסאַרבעטן אַ סך פון דער נייטיקער
אויסריכטונג פאַר די פּאַרטיזאַנער, דער עיקר באַקליידונג און באַשוכונג. אַ
גרעסערע צאָל פון דער יידישער פּאָליציי ווערן אַקטיווע מיטגלידער פון
דער באַוועגונג און מאַנעווּרירן ביים געטאָ־טויער מיט דער גרעסטער ריזי־
קע בעתן אַריינטראָגן געווער און זיי ווייזן וווּנדערלעכע איניציאַטיוו אין נאָך
אונטערנעמונגען פון דער באַוועגונג. די מיטאַרבעט פון דער פּאָליציי איז
ווידער אַ קאַפּיטל, אַ הערלעך און טראַגיש — אָבער שוין אַ באַזונדער קאַ־
פּיטל.

אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג קומט באַלד אַ ווייטערדיקער
עטאַפּ — פאַרבינדונגען אויף דער צווייטער זייט געטאָ, אויף דער אַרישער
זייט, און בכלל מיט דער אויסערלעכער וועלט. ניט אַרויפצונעמען אויפן

זינען די געוואַגטקייט וואָס דאָ פּאָדערט זיך! און חיים קריכט מיטן קאָפּ אין פייער. ער נעמט זיך צום אויפזוכן אונטערערדישע קאָמוניסטן צווישן די ליטווינער. דער אַרטיסט פון די געמיטלעכע שול־פאָרשטעלונגען און רע־צענזענט פון די יידישע באַקאַנטע טרופּעס — איז איצט אין גאָר אַן אַנדער ראָלע. מיט בלאָנד־געפאַרבענע האָר און טיפּיש־ליטווישע וואָנצעס און אין אַן אוניפאָרעם פון אַן אייזנבאַן־אַרבעטער, און שטענדיק מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע, דרייט ער זיך אַרום אין געפערלעכסטע ערטער. ער שאַפט קאָנ־טאַקט. און אָט עפּעס אַ ידיעה וועגן רויטע פּאַרטיזאַנער העט ווו אין אַ וואַלד. שפּאַצירט ער אַוועק איבער אַ הונדערט פופציק קילאָמעטער, און ער פאַרבינדט זיך דאָרט מיט דער קאָמאַנדע אין נאָמען פון זיין ווידער־שטאַנד־באַוועגונג. נאָך אַן אייליקן קורס פון פּראַקטישער אַרבעט, וואָס חיים אַליין גייט דורך אין די וועלדער (אַן אַטאַק אויף אַ דייטשער מיליטערי־שער טרופּע און אַ בריקאויפרייס) — איז ער צוריק אין געטאָ קאָוונע.

פיבערדיק גייט איצט די אַרבעט פונעם אונטערגרונט! די אינספּי־ראַציעס און אַקטיוויטעט פון חיים יעלין שטייגן פון טאָג. דאָ איז ער מיט זיינע פּאַרטיזאַנער אין די געהיימע בונקערן, און דאָ גנבעט ער זיך אַרויס פון געטאָ און זוכט אין שטאָט ליטווישע שאָפערן מיט לאַסטאויטאָס אויף אַריבערטראַנספּאָרטירן די מענטשן מיט זייער געווער; און ווי גע־ווינלעך באַגלייט ער זיי אויך אַליין, און איז ווידער צוריק... יידן אין געטאָ זיינען פאַרגאַפט: חיים! אָט דער בוכמענטש און שרייבער, טיפּישער אינטעליגענט און שוואַך בחורל?.. אַ מעטאַמאָרפאָזע, אין גאַנצן אַ פאַר־ענדערטער קומט ער דאָ אויס פאַר דעם עולם. ממש ווי אין די באַקאַנטע לעגענדעס וועגן פלוצלינג־אַרויסגעשפּרונגענע העלדן אין העכסט קריטישע מאָמענטן... און ניט איינער הייבט די אויגן צום געטאָ־הימל: גאָט, היט חיימען!

חיים איז אָבער ניט אויסגעהיט געוואָרן. אַן אויג גאָר אַן אַנדערע, די טמאדיקע געשטאַפּאָ, האָט צו שטאַרק געלויערט אויף זיינע טריט. אַ שמיי־כל אַ ביטערן רופט אָבער אַרויס, אַז די לייט ווילן אוף אַ קאָוונער הויפּט־גאָס אים אַ נעם טאָן מיטן באַנאַלן „הענט הויך!“. אין אַזאַ לאַגע ווייסן זיינע

הענט נאָר איין ענטפער — אַ שאָס. ער איז אָבער אַרומגערינגלט, און שוין אָן אַ קויל. כאַפּט זיך חיים צום איבערשניידן זיך אָדערן און האַלדז...

דער טויט פון קאָמאַנדיר גיט אַריין גרויס באַגייסטערונג דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג, און פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ הערן ניט אויף צו רייסן זיך צום וואַלד... די גליקלעכע, וואָס דערקומען פּאָרט אַהין לעבעדיקע, מאַכן דורך אַ האַרטקעמפּערישן לעבן. און נאָך אָנאויפהעריקע און בלוטיקע אַטאַ־קעס אויף דעם פּאָלקס־שונא, און נאָך די פּאַרביסענע שלאַכטן, שוין צוזאַ־מען מיט דער רויטער אַרמיי, קומען זיי צוריק אַריין אין די ליטווישע שטעט — ווי באַפרייער. אין זייערע הערצער פלאַקערט אָבער מיט פּאַרערונג און צער דער זכר פון דער ווונדערלעכן קאָמאַנדיר חיים יעלין!

פרעמדלינג און העפטלינג

אָנהייב פרילינג 1945 האָט זיך שוין די באַפרײַונג — ענדלעך ענד־לעך! — גענומען באמת נענטערן אויך צו די טויערן פון די דאַכאַו־לאַגערן. די אַרבעט אָבער איז דאָ נאָך געוואָרן געטריבן מיט דער גאַנצער איינגע־שטעלטער אָרדענונג, און באַזונדער אין די אויסן־לאַגערן אַרום לאַנדסבערג־לעך, וואָס זיינען געווען באַשטימט נאָר פאַר ייִדן. ווי יעדן מאָרגן האָט אויך אין איינעם פון די לעצטע טעג פון מאַרץ געטאָן איר אַרבעט אין דעם לאַגער 1 די לייכען־קאָמאַנדע, וואָס פאַרנעמט זיך דאָ מיט די טויטע. גלייך ווי עס האָט גענומען טאָגן האָבן די מענטשן פון דער קאָמאַנדע געהאַט צנויפ־גענומען פון די באַראַקעס די אַלע וואָס זיינען אויסגעגאַנגען דורך דער לעצ־טער נאַכט און זיי געבראַכט אין דעם טויטן־בונקער. איצט האָט גענומען גיין די אַריינשטאָפּלונג פון די פאַרגליווערטע נאַקעטע קערפּערס אין דעם וואָגן. קאָנטראָלמעסיק איז ווי געוויינלעך דערביי געשטאַנען דער לאַגער־ראַפּאָרטי־רער אין זיין פולער אוניפאָרעם פון עס־עס. שטרענג לויפט זיין אויג איבער דער אויפשריפט מיט כעמישן בליי אויף דער ברוסט פון דעם בר־מינן; און נאָך דעם ווי ער הערט פון דעם קאַפּאָ וואָס שטייט ביי זיין זייט, אַז די אָנ־געצייכנטע פּרטים זיינען פעסט ריכטיק, טראָגט ער אַריין אויף אַ פּאַפּיר דעם נומער פון דעם געשטאָרבענעם העפטלינג, זיין נאָמען און פאַמיליע. ביי דער זייט שטייען אויך צוויי יונגע העפטלינגען, וואָס אָרדענונגסמעסיק רייסן זיי אויף ברייט דעם קינבאַק ביים טויטן און לאָזן ווידער אַ מאָל דעם הער ראַפּאָרטירער אַריינצושפּיזן מיט איין צעעפנט אויג ווי טיפער אין דעם פאַרקילטן מויל אַריין און זיך איבערצייגן, אַז איצט איז שוין דאָרט באמת ניטאָ אין דעם געביס קיין סימן גאָלד.

עטלעכע פון דער קאָמאַנדע שפּאַנען זיך שוין איין פאַרנט אין וואָגן

און עטלעכע שטעלן זיך פון הינטן און צוזאַמען נעמען זיי שווער שלעפּן דעם „לייכען־טראַנספּאָרט". ביים לאַגער־טויער ווידער אַ קאָנטראָל, די לעצטע קאָנטראָל. פון טויער אַרויס, גייט נאָך דעם וואָגן שוין אַן איינפאַכער עס־עס מיט אַ געלאָדענעם ביקס. זיין באַגלייטן איז אָבער נאָר וועגן די לעבעדיקע. די צאָל קעפּ פון דער קאָמאַנדע וואָס זיינען אים אָנגעטרויט, מוז ער איבער זיי גוט אויפּפּאַסן. צוזען דעם וואָגן מוזן אָט די העפטלינגען ווי שנעלער; ניט מאַרודיענען זאָלן זיי ביים אַריינשליידערן די קראַפּירטע ייִדן אין דער גרוב אַריין און ביים פאַרשיטן זיי מיט ערד; און גלייך נאָך דעם זאָלן זיי ווערן געבראַכט צוריק אין לאַגער אַריין אין דער זעלבער צאָל.

ווי יעדן טאָג איז אין דער שרייב־שטובע פון לאַגער געוואָרן צוגעגרייט דער „בעריכט דער טאָדעספעללע", וואָס ווערט אויך אַריבערגעשיקט קיין דאַכאַו, אין דער צענטראַלע פון די אַלע קאַצעטן אין דער געגנט. דעם טאָג איז אין דער רשימה פון די טויטע געווען אין איין שורה געשריבן:

העפטלינג נומער 81688, בורשטין הערץ.

פרעמד און רציחותדיק איז געווען די לאַגער־אָנפירערשאַפט. מיט שינאה און האַס האָט געאָטעמט די גאַנצע זיד־דייטשע אומגעבונג צו דעם מיזרח־ייִדישן קאַצעטלער. גאָר ניט היימיש איז געווען דער אָבער־בייערישער קיס־באָדן, וואָס האָט עס אין דעם זשוויר זיינעם געשענקט דעם אומגעקומענעם העפטלינג די אייביקע רו.

אין אָט דער גאַנצער אַזוי ניט־געמיטלעכקייט איז דער העפטלינג 81688, ביי זיין לעבן און פיין צוזאַמען מיט אייגענע מיזרח־ייִדן און אין איין לאַגער מיט זיי — איז ער נאָך געווען ווי פרעמד און אויסגעטיילט.

שוין דער פּויליש־ייִדישער אויסשפּראַך פון אָט דעם העפטלינג האָט געקלונגען פרעמד פאַר דעם אויער פון די ליטווישע ייִדן וואָס האָבן „דאָמינירט" אין דעם לאַגער. אָפּיציעל פלעגט זיך דער זעלבער אָנגעבן פאַר אַ בעל־מלאכה פון באַרוף, אַ שטוב־מאָלער איז ער געווען. די האַרעפּאַשניקעס אָבער פון אַ גאַנץ יאָר האָבן גלייך מיט זייער ערשטן בליק פון אויבן אַראָפּ אויף דעם גייסטיק אַדורכגעאַקערטן פּנים מיט די ברייטע פאַרחלומטע אויגן פון אָט דעם מענטשן — זיי האָט זיך באַלד ניט געגלייבט זיין גאַנצע אָנ־

געבעכץ. גאָר פרעמד האָט זיי אויסגעקוקט דער נייער קאָלעגע; ניין, ניט פון זייער פּראַצאָווער שיכט!

דאָס ביסל אינטעליגענטן אין לאַגער, וועלכע זיינען געווען מיט אָט דעם העפטלינג נענטער און געהאַלטן אַז זיי קענען אים אויך טיפער — די האָבן אויסגעפונען אין אים גאָר אַנדערע חסרונות, שוין מער פּערזענלעכע. עפּעס צו פיל אייגנאַרטיקע נאַטור, אָפּגעשלאָסענער אין זיך, גייסטיקער פיינ־שמעקער. אַנדערע ווייסן, אַז אויך אין געטאָ, אין קאָוונע, איז דער מענטש געווען נאָך מער אינזיכניק, רק רעזערווירט און ווי אין שטענדיקער דיס־טאַנץ צו די אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט; גאָר מעשה גייסטיקער בחיר. נאָך ווער ווייס צו דערציילן, אַז אייגנטלעך איז אָט דער מענטש שוין פון שטענדיק אַזאַ. אין די נאָרמאַלע צייטן אין זיין היים, אין פּוילן, האָט זיך ביי אים די פּרעמדאַרטיקייט אויסגעדריקט נאָך פיל שאַרפער. ער האָט אין זיין דענקען און שאַפן זיך אַלץ געפלייסט צו גיין מיטן איינצלוועג, זיין דווקא אָריגינעל. און ביי זיין עקשנות איז עס אים אויך ניט ווייניק געלונגען.

ביי אַזוינע פונאַנדערקלייבענישן איז שוין ממילא די גאַנצע גייסטיקע פּראָבע פון אַזאַ מין מענטשן ווי אָפּגעפרעגט. „קאַפּריזנע עסטעטן" גייען שוין פון אַלע מאָל, כידוע, אויף די נערוון פון די ווויל דערצויגענע און מיור־שבדיקע פּערזענלעכקייטן, מעגן זיי זיין אויך אוניפאָרמירט אין געשטרייפטע קאַצעט־בגדים. איז ער, אָט דער טיפּ, אין מאָל פאַר אַלע מאָל צווישן דער אינטעליגענץ דאָ געוואָרן געשטעמפּלט ווי אַ פּרעמדאַרטיקער, אַ מענטש אַ שווערער, ניט פון לעבן.

איז די עלנטקייט און פאַרלאָזנקייט פון אַזאַ מענטשן־העפטלינג, ביי די כלערליי פּלאָגן און שיקאַנעס פון קאַצעט — נאָך מער געוואַקסן. ביז ער איז נאָך מאַטערנישן, חולאתן און יסורים ענדלעך טאַקע אויך אַוועק, און אויף אייביק, מיט דעם וועג ניט־פון־לעבן.

אַזוי האָט אין לאַגער 1 ביי לאַנדסבערג־לעך געלעבט און געשטאָרבן אַ מענטש — באמת אין אייגנאַרטיקער. דורכויס סובטיל; ניט קיין סנאָב, נאָר אַ קאָמפּליצירטע נאַטור און פאַרטיפטער שיינגייסט. פּרעמדאַרטיק פאַר די אַרומיקע איז ער אָבער געווען. אין פיל און פיל. אויך דער נאָמען — הערץ —

ביי וועלכן ער איז געשטאָרבן, איז געווען אַ פּרעמדער, ווי נאָך אַ סך פון די, ניט אָן אַ כוונה, צוגעקלערטע פּערסאָנאַליעס זיינע.

בכן, די ריכטיקע דאַטן וועגן אָט דעם העפטלינג נומער 81688:

מיכאל בורשטין, 1897 געבוירן אין אַ פּויליש שטעטל; שפּעטער גע־לעבט אין וואַרשע; יידישער שרייבער; אויטאָר פון „אויף די חורבות פון פּלוינע", „גורל", „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" (פּרעמירט פון ייקוף), „קריזיס" און נאָך אַנדערע באַקאַנטע ווערק. 1939 איז ער געלאָפן פון וואַרשע. 1941 דאָך אַריינגעפאַלן צום דייטשן אין קאָוונע. דריי יאָר אָפּגעווען אין געטאָ. יולי 1944 צוזאַמען מיט רעשטלעך פון קאָוונער יידן מגולגל געוואָרן אין אויסן־לאַגער פון דאַכאַו, אין דעם לאַגער נומער 1 ביי לאַנדסבערג־לעך. ווען און ווי אַזוי געשטאָרבן — זע אויבן.

אַ קינסטלער, און פון גרויסן פאָרמאַט, איז געווען אָט דער וויסט־אומ־געקומענער פּרעמדלינג און העפטלינג. ביי זיין טויט אָבער האָט ער אין לאַ־גער געפעלט — נאָר ביי דעם ערשטן מאָרגן־אַפּעל.

מאַרשירנדיק אָפּט פון אונדזער לאַגער 2 מיט דער אַרבעטס־קאָמאַנדע „שטראַסענבוי פירמא טאַגמאַן", צום „פלעגן" דעם שאָסיי אַרום דעם גרויסן גאַראַזש ביי אַ קילאָמעטער מערבדיק פון לאַנדסבערג, אויפן דאָרטיקן שייד־וועג מינכען־אויגסבורג — פלעגט אַלץ כסדר פון די פאַררוקטע באַראַקעס ביי דער זייט וועג אַרויסשפּרינגען בורשטין. געהערט האָט ער צו דעם דער־בייִיקן לאַגער 1 און דאָ אַרום די באַראַקעס איז געווען די אַרבעטס־שטעלע פון זיין קאָמאַנדע. ער פלעגט מיך אין מאַרש יעדן מאָל באַגלייטן טריט געציילטע און אָנריידן סעקונדעס געציילטע, אַלץ נאָך דער באַוויליקונג פון די פּאָסטנס פון די ביידע צדדים, פון אונדזערע באַגלייטערס און פון די שומרים איבער זיין קאָמאַנדע.

אַ ציימלענג האָבן זיך די „געשפּרעכן" געדרייט אַרום זיין שוואַכן געזונט, עלנט און, דער עיקר — דאָס יינגל! פון דער פּרוי האָבן אים די עס־עס פונאַנדערגעטיילט נאָך אויפן וועג פון קאָוונע קיין דאַכאַו. געבליבן איז ער נאָר ביי זיין איין קינד; האָבן די עס־עס אַרויסגעפירט פון לאַגער אויך די אַלע ייִנגערע ניט אַרבעטס־פּעיִקע. דער טראַנספּאָרט מיט די קליינע

זאָל האָבן אַוועק אויף אוישוויץ. און דאָ אין לאַגער 1 ווערן כסדר געבראַכט אויף פּאַרטיעס ייִדן פון דאָרט, פון אוישוויץ. ייִדישע טאַטעס, און בורשטין בתוכם, לויפן צו זיי נאָך אַ גערוס. קינדער ייִדישע זײַנען געווען געוווינט אין אוישוויץ, ייִדן האָבן זיי אויך באַמערקט. זשאַלעווען זיי ניט קיין גערוס. אָבער די אַלע זייערע „לעבעדיקע" סימנים וועגן די קינדער — קלעפּן זיך עפּעס ניט. און דאָך פאַרלאַנגט בורשטין יעדן מאָל, ביי זיין נאָכלויפן אונדזער מאַרש, אַ הסכמה פון מיר, אַז אָט דער לעצטער גערוס וועגן זיין ייִנגל אין אוישוויץ איז „געוויס דער ריכטיקער; ניטאָ וואָס צו ספקן!"..

די גערוסן יענע זײַנען פּאַקטיש געווען ניט קיין ריכטיקע. אָבער דאָס ייִנגל בורשטינס — לעבט, און האָט שוין פון נאָך דער באַפרייונג ניט איין מאָל באַזוכט די מאָסן־גרוב, ווו אויך זיין פאָטערס ביינער רוען.

אַז זיין 12 יאָריק קינד זאָל אונטערוועגס קיין אוישוויץ זיך קאָנען דער־וועגן אַרויסצושפּרינגען דורכן וואַגאָן־פענצטערל פון לויפנדיקן צוג און מיט אַוואַנטורעס זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן ביי אַ יאָר צייט — אויף דעם האָט אַפילו די שטאַרק־קינסטלערישע פאַנטאַזיע פון אַ לייבלעכן פאָטער זיך שוין ניט געקאָנט דערוועגן אַוועקצושפּאַנען.

מיר האַלטן אָבער אין ווינטער 1944—1945. בורשטין קלאָגט זיך נאָך אויף זיין עלנט און געזונט און לאָזט זיך כסדר טרייסטן מיט די לעבעדיקע גערוסן וועגן זיין ייִנגל. נאָר אָט גייען פאַרביי וואָכן גאַנצע, און אפשר חד־שים, און בורשטין זעט זיך ניט אויף זיין אַרבעטס־שטעלע. די אַנדערע ייִדן פון דער קאָמאַנדע ענטפערן אויף מיין וווּנק פון דער ווייטן, שרייען צו:

— אָט דער פּוילישער?.. ער איז דאָך אַן אינטעליגענט, אַ ווייס העמ־טל, רוט ער זיך בעסער אין לאַגער...

אין אַ טאָג פון יאַנואַר 1945 זײַנען מיר, אַ גרופּע העפטלינגען, שוין פון אונדזער נייעם לאַגער 11, געבראַכט געוואָרן אויף אַ פּאָר שעה אין לאַגער 1. איך זוך אויף בורשטינען. מיט זיין געזונט און גאַנצער שטימונג איז דער מענטש שוין באַלד אַ פאַרטיקער. צו דער אַרבעט גייט ער שוין ניט, ער איז אויף „שאָנונג". ער זיצט אין דער אייז־קאַלטער בודע פאַרטיפט איבער אַ תנ"כל. „דאָס איז היינט מיין גאַנצע גייסטיקע שפּייז, און כמעט אויך די מאַ־טעריעלע"... — לויכט אויף אַ לעבעדיקער שמייכל אויף זיין פאַרשטאַרטן

פנים. פון אַ מונקאַטשער ייִדן באַקומט ער צו מאָל אויך אַ קבלה־ספרל אַריינצובליקן. „אַ פּרעכטיקע וועלט אָט די מיסטיק!" — גיט ער צו.

דאָ איז שוין בפירוש געווען וואָס מקנא צו זיין בורשטינען. אַ תנ"ך, ממש אַ תנ"ך האָט ער מיט זיך! טאַקע נאָר אין דעם לאַגער, אין לאַגער 1, איז עס געלונגען איינצלנע ייִדן דורכצובּרעכן מיט זיך אַ געדרוקט וואָרט, און טאַקע אַ ייִדישן. אויך אַ ייִדישער לוח איז דאָ געווען ביי איינעם אַ קאָוונער, וואָס פלעגט בסודי־סודות מזכה זיין די אַלע אַרומיקע לאַגערן מיט אַ ייִדישער דאַטע.

ווי שטיל ער רעדט, בורשטין. איינגעשפּאַרט דעם ברייטן געל־פּאַר־מעטענעם שטערן אין די בלוי־ביינדלדיקע און דורכזיכטיקע הענטעלעך, ריי־נען מידע, רעזיגנירטע, גליווערדיקע בליקן פון די אויסגעטאַרטשעטע פּאַר־זשמורעטע אויגן. ער האָט דאָס מאָל זיך שוין ניט באַקלאָגט אויף זיין געזונט, אפילו פון נייע געראָסן וועגן יינגל ניט דערמאָנט. וועגן זיין עלנט האָט ער אָבער געלאָזט פאַלן ביטערע ווערטער. „דער מער־אינטעליגענטער מענטש ווערט אין גאַנצן צעמאָלן אין דער קאַצעט־מיל" — האָט ער געקרעכצט. בורשטין גייט אַריבער אין זיינע רייד וועגן פּאָרטראַג וואָס ער האָט דאָ לעצ־טנס געהאַלטן אין אַן ענגן קרייז. „דער לאַגער־מענטש" — אַזוי האָט געהיי־סן די טעמע. „ספּאָנטאַן אויפגעקומען ביי מיר די גאַנצע זאַך, און ביים ריי־דן — אויף אַן אָרט אימפּראָוויזירט... אויף אונדזערע מענטשן האָט עס גע־דאַרפט מאַכן אַ ווירקונג".

„אויף אונדזערע מענטשן, אַ ווירקונג"... דאָ האָט שוין בורשטין אין זינען ניט דעם כלל צוהערער. נאָר די ייִדישע קאַפּאָס, וואָס זיינען אויך ביי־געווען אויף דעם פּאָרטראַג. געוויס וועט פון איצט זיין אָנזען שטייגן אין זייערע אויגן.

האָט ער טאַקע, בורשטין, ווידער געהאַט אַ טעות.

אין דער שכנותדיקער „בודע פון די קאַפּאָס", וווּהין איך בין שפּע־טער אַ ווײַלע אַריינגעקומען, טרעף איך עטלעכע פון די מענטשן ביי אַ וואַ־רעמען שמועס.

— שאַ, לאָמיר אָט אָפּרעג טאָן... האַקט איבער איינער די רייד און ווענדט

זיך צו מיר מעשה אויספֿאָרשער — גיט אונדז, גלייך שוין, אַ רעכן־אויס די ערשטע און בעסטע פֿינף יִדישע שרייבער פֿון פּוילן!

שוין די ערשטע ווערטער פֿונעם ענטפֿער האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ בורשטין.

— אַט דער פֿאַרריסענער האַנאַראָוניק?.. — ווער איך אָפּגעשטעלט — האָבן מיר דאָך אויך אין אייך אַ טעות!..

דיביידע צדדים, בורשטין און די בעסערע לייט פֿון לאַגער, הייסט עס, זיינען געבליבן אומפֿאַרבעסערלעך און פֿאַרעקשנט אין זייער האַלטונג. האָט זיך בורשטין נאָך מער פֿאַררוקט אין זיך, זיך פֿאַראיינזאַמט, איז אַוועק וואָס ווייטער פֿון אַלעמען און פֿאַמעלעך — אויך פֿון דער וועלט, און איז געוואָרן אַ קדוש... און די פּראָמינענטן, זיי האָבן אויך ווייטער געהאַט אַ וואָרט אין לאַגער. און אויך נאָך דער באַפֿרײַונג איז די תּקיפֿות ביי ניט איינעם פֿון זיי און די חוצפּה גאָר הויך געשטיגן — צוזאַמען מיט זייער קאַריערע־שטערן.

אומגעקומען איז אַט דער שיינגייסט טאַקע דורכויס פֿון נאַצישער ריש־עות, אין זייערן אַ קאַצעט. אַ לעבעדיקער בלײַענדיקער גייסט, וואָס פֿאַר־טראָגט זיך אויך מיט אייגנאַרטיקייט, לעכצט אָבער נאָך וואַרעמער, האַר־ציקער באַצײַונג. און ווען דאָס קומט ניט!..

„איך האָף נאָך צו געבן דער יִדישער וועלט אַ גאָר שיינע מתּנה...״ — זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער ביי מיין לעצטן אָפּשייד פֿון אים אין יענע יאַנואַר־טעג, יאַנואַר 1945.

אין געטאָ קאָוונע האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן פֿון גרויסן פֿאַרמעסט, און נאָך פֿיל נאָוועלן, און אַלץ דאָרט פֿאַרגראָבן. אויך אין לאַגער האָט ער ביי נאַר אַ מעגלעכקייט געשריבן. ווי שיין וואָלט באמת געווען די מתּנה, ווען ער און זיינע געשריבענע ווערק זיינען הײַנט דאָ!

ניטאָ ער אַליין, ניטאָ די שאַפֿונגען.

ווי עס פֿעלט אונדז אַט דער פֿיינער שילדערער, וואָס זיין קינסטלערישער וועג האָט זיך שוין מיט זיינע ערשטע טריט אָנגעהויבן „אויף די חורבות״, זיך געצויגן דורך „קריזיס״, „גורל״, און ער איז געוואָרן דער געקרוינטער מקונן פֿון אונטערגאַנג „ביי די טייכן פֿון מאַזאָוויע״ — ווי ער פֿעלט!

ג ע ש ל י י ד ע ר

ביי די ברעגעס פון טייך לעך אין בייערן האָט ער אַזוי־אַזוי פּראָזאַיִש געפונען זיין מאַסן־קבר.

אין דעם גרויסן יידישן חורבן איז אויך פאַרצערט געוואָרן אַ גרויסער שילדערער פון דער אָ תקופה.

האָנאָראַר

פאַרמאַטערט געקומען פון דער אַרבעט, זיץ איך אַ פאַרנאַכט פון אױ־גוסט 1943 אויף מיין געלעגער און כאַפּ אַ וואָרט מיט די אַנדערע דריי שכנים פון אונדזער ענגן צימער. די אויגן פון יעדן איינעם קערן זיך כסדר צו די נאָך צוויי געלעגערס וואָס זיינען שוין ליידיק, און די עיקר רייד איז — קייזערוואַלד. ביי אַ חודש ווי דער אויפגעקומענער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דער דערביי־יקער פאָרשטאָט האָט אָנגעהויבן רייסן שטיקער פון דער געטאָ דאָ אין ריגע. כמעט יעדע עטלעכע טעג ווידער אַ פאָדערונג אויף נאָך און נאָך אַ פאַרטיע אַרבעטסקראַפט פאַר אָט דעם אַכזריותדיקן מקום, דעם קאַצעט, וואָס זיין נאָמען אַליין, קייזערוואַלד, וואַרפט אָן שוידער... פאַמע־לעך נעמט אָבער דער טאָן פון אונדז פיר קלינגען מונטערער. עפּעס אין גע־טאָ־קאָמיטעט לאָזט זיך היינט ניט מערקן, אַז מען שטעלט צוזאַמען אַ נייע רשימה. הייסט עס, שוין געענוי אַ וואָך ווי קייזערוואַלד שוויגט. רעדט מען טאַקע, אַז פון דאָרטן זאָל מען שוין בכלל מער ניט פאָדערן...

דעם לייכטערן געפיל אין צימער פאַרשטאַרקט נאָך דער אַריינשפּרונג פון אַ גאַסט. דער לערער גרשון גליקמאַן איז ניט קיין גאָר יונגער און זעט נאָר אויף אַ האַלב אויג. זיין גיין איז אָבער שטענדיק אין געאייל און דאָס פּנים האַפּערדיק. די גאַנצע ענערגיע זיינע לייגט ער אַריין אין דער קינ־דערשול, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ. טרעפט ער זיך אָפט מיט מיר, וואָס איז אים באַקאַנט ווי אַ געוועזענער לערער אין קאָוונע און אַ שרייבער. דעם אָוונט קומט ער אַריין, גליקמאַן, אויך מיט אַ באַרויקונג וועגן קייזער־וואַלד. און ווי זיין שטייגער ניצט ער שוין אויס די בעסערע שטימונג און וואַרפט מיר אָן אַן אַרבעט פאַר זיין שול.

מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, אין די ערשטע טעג ווי איך בין גע־

בראַכט געוואָרן מיטן „קאָוונער טראַנספּאָרט״ אין ריגע, האָט שוין דעמאָלט מיך דאָ געהאַט אויפגעזוכט גליקמאַן. געקומען איז ער מוטיקן מיך. צוזאַמען מיט די אַלע פינף הונדערט מענטשן פון טראַנספּאָרט בין איך עס אויך גע־כאַפּט געוואָרן אין קאָוונער געטאָ, און געוואָרן אַרויסגעריסן פון מיין היים, ווו עס זיינען געבליבן אין גרעסטן עלנט און לעבנס־סכנה די פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. האָט שוין גליקמאַן גענומען דערמאָנען אויך זיין פרוי און זיינע קינדער. די פאַמיליעס פון די ייִדן אין ריגע! אין דער גרויסער אַקציע דאָרט, ענדע 1941, זיינען צוזאַמען מיט די אַלטע און שוואַכע געוואָרן צו־גענומען אַלע־אַלע פרויען און קינדער... איז געזעסן גליקמאַן און גערעדט ווייטער. נאָך דעם מוראדיקן חורבן האָבן די דייטשן איינגעשרומפּט דעם שטח פון דער ריגער געטאָ, און דאָס אָרט הייסט שוין אָפיציעל „מענער־קאַזערנירונגס־לאַגער״, אַ מחנה פאַר אַרבעטס־קרעפטיקע מענער. האָבן זיך דאָ איבערראַשיק איינגעפונען ביי עטלעכע צענדליק קינדער, וואָס די פּורעניות האָט זיי דאָס מאָל — מעשה ניסים — אויסגעמיטן. רוט ער שוין ניט, גליקמאַן. איז עפּעס אין אַ ווינקל פון אַ גרעסערן בנין פאַרלייגט גע־וואָרן אַ שול, אַ שול פאַר אָט די קינדער... מוטיקט ער מיך, דעם ליטוואַק, און פאַרנעמט זיך ברייטער וועגן דעם אָנטרייב זיינעם אין דער שולאַר־בעט. אויף יעדן איין תלמיד וואָס דאָ אין ריגע, האַלט ער, דאַרף מען קוקן ניט ווייניקער ווי אויף טויזנט תלמידים. דאָס איז לויט דער צאָל פון די אומגעבראַכטע ייִדישע קינדער אין לעטלאַנד... וויל ער עס איינשפּאַנען אויך מיך אַ ביסל אין דעם חינוך. אין אַ פרייער שעה זאָל איך מיט די קינדער פירן אַ שמועס, דערציילן וואָס.

די דערוואַקסענע מענטשן אין געטאָ אָדער לאַגער האָבן דאָרט אַפילו נאָך יאָרן ניט פאַרגעסן די נאָרמאַלע צייטן און אַלץ געלעבט מיט דער פריי־הייט. פאַר די קינדער אָבער זיינען אָט די אַנשטאַלטן גאָר גיך געוואָרן — אַ לעבנסרוים. די דראָטן אַרום מיט די באַוואָפנטע שומרים, דער רוצח־דיקער טויער און די דייטשע קאָמענדאַנטור, דער געטאָ־קאָמיטעט און די פונקטן פון פראָדוקטן־פאַרטייל — דאָס איז געווען זייער וועלט. אין די שפּילן זייערע צווישן זיך האָבן דעם גרעסטן אָרט פאַרנומען די עס־עס און די געטאָ־פּאָליציי, די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, דאָס דורכטראָגן אין געטאָ אַריין

פּראָדוקטן און די אונטערזוכונגען ביים טויער, און די אַקציעס מיט רעכטס־לינקס... האָט די אַרבעט אין שול געמאַכט איינזען די לערער, אַז פּאַר די תלמידים אין דער געטאָ זיינען אויך שטאַרק ניט צוגעפּאַסט די לערנביכער מיט די בילדער און טעקסטן פון זאַכן, דערשיינונגען און אַ לעבנס־שטייגער העט־ווען־ווו. ממש פרעמד זיינען געווען די ביכלעך פאַר די גאָר יונגע קינדער, די אָנפאַנגער וואָס לערנען נאָך דעם אַלף־בית און זיינען עס די מערהייט אין שול, ווייל זיי קאָנען נאָך ניט גיין אויף אַרבעט. די אַ האָבן גליקמאַנען פאַרשאַפט אַ באַזונדערע זאָרג. און ווי באַלד אַז איך בין געווען אויך אַ מחבר פון לערנביכער, האָט ער אויף מיר אַרויפגעוואָרפן צו שאַפן דאָ פאַר די קינדער עפּעס־וואָס־פּאַסיקס. און ווידער מיט זיין חשבון: איין און צוואַנציק זיינען די תלמידים־אָנפאַנגער, און צו מאַכן אויס־אַנאַלפאַבעטן די אַ איין און צוואַנציק טויזנט ייִדישע קינדער — לוינט שוין די מי!

איז אויך די אונטערנעמונג אַדורך מיט הצלחה. שוין לענגער ווי אין שול איז געווען די פייערונג „לכבוד דער ליקווידאַציע פון עם־הארצות אין געטאָ", און יעדער לייענענדיקער און שריפטיקער תלמיד האָט באַקומען אַ דיפּלאָם, שיין געצייכנט פון מיין קאָוונער איצקע פוכערט, דער זעלבער געטאָ־קינסטלער וואָס האָט עס דאָ פאַר מיר אילוסטרירט די אַלף־בית־טאָוולען מיט דער „כרעסטאָמאַטיע"... איצט, אין דעם אויגוסט־אָוונט 1943, אין דער בהלה פון קייזערוואַלד, ביי דער כסדרדיקער ליקווידאַציע פון דער געטאָ אַליין, פון דער גאַנצער געטאָ — איז גליקמאַן געקומען ווידער מיט אַ שטיקל אַרבעט. אָט טאַקע קייזערוואַלד, אָט דער קאַצעט וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף דער געטאָ, האָט נאָך אַ באַזונדערע אויסווירקונג אויף דעם קליינוואַרג. פון שרעק האָבן די קינדער גענומען שטאַמלען, און אַ סך פאַרבייטן אַפילו די קלאַנגען. גאָר שלעכט איז מיטן גימל און קוף. ריגע ריידן זיי אַרויס רידע, קייזערוואַלד — טייזערוואַלד, און אויך די אַלע דריי שול־לערער, פּיקס ווישניעווסקי און גליקמאַן, רופן זיי — פּיטס, ווישניעווסטי, דליטמאַן. פאָדערט זיך, הייסט עס, אַ שטיקל רעפּעראַטור אין דער אויסשפּראַך! און אַזוי ווי היינט האָט די פּאַניק וועגן דעם קאַצעט אַ ביסל נאָכגעלאָזן און

די שטימונג צווישן מענטשן פילט זיך אַ בעסערע, וואָלט געוועזן אַ יושר אָנצושרייבן עפּעס אַ צוגאָב צו דער כרעסטאָמאַטיע...

אויף מאָרגן, האַלב זעקס פרי, קלאַפּט שוין גליקמאַן אין טיר. איידער מען גייט אַרויס צו די אַרבעטס־קאָמאַנדעס קומט ער עס, ווי אַלע מאָל, אָפּנעמען די באַשטעלונג. נעם איך אים באַלד פאַרלייענען דאָס אָנגעשריבע־נע. ווי מיר האָבן שוין אונדזער איינגעשטעלטן פּרינציפּ, דאַרף עס זיין דורכויס פאַרבונדן מיט דעם אָרט, און אויך די נעמען פון די העלדן וואָס מער פאַקטישע; און דאָס מאָל באַזונדער — מיט אַ סך אותיות גימל און קוף.

לייענט זיך דאָס מעשהלע:

קראַנק

גדליה איז קושקעס ברודער.ביידע געבליבן פון זייער גאַנצן געזינד. גדליה איז שוין כמעט אַ גרויסער. גייט ער טעגלעך צו דער צוואַנגאַרבעט. איז געוואָרן גדליה קראַנק. קומט ער צום דאָקטער. ער באַקלאָגט זיך. ניטאָ קיין קראַפט צו גיין אין קאָמאַנדע. מיר קייקלען און טראָגן גרויסע גראָבע קלעצער. מיר זעגן און האַקן די שטיקער. קוים ער קומט צוריק אין געטאָ אַ לעבעדיקער.

דאָקטער קרעצער איז גוט און צוגעגלעך. באַקוקט ער געדולדיק גדל־יהן. זאָרגעוודיק קלאַפּט ער אים מיט די פינגער אין רוקן, טאַפּט און גלעט דעם קאָפּ, הייסט אַרויסשטעקן די צונג. דער דאָקטער זאָגט: עס טויג ניט צו ליגן קראַנק. דער קאָמענדאַנט קראַוזע שיקט אַ שטרענגע קאָנטראָל. אַ קראַנקייט רופט ער קונצעריי. עס קאָן אויך אונטערקומען אַן אַקציע. קלייבט מען שטענדיק אַרויס די קראַנקע און ווייניק־קרעפּטיקע.

דאָקטער קרעצער גיט גדליהן אַ קאַרטעלע צו קעלמאַנען אין געטאָ־קאָמיטעט. האָט קעלמאַן גערעדט מיט נח קאַסלען פון אַרבעטס־לייטונג. גדליה האָט באַקומען אַ גרינגערע קאָמאַנדע. מיטן קאָלאָנען־פירער קאַגאַן איז ער אַוועק אין זעקסטן פאָלק. דעם גאַנצן טאָג געגראַבליעט און גערייניקט גראָזן פון די שטעגן. דער אויפקוקער האָט ניט געשלאָגן און גאָר ווייניק געיאָגט.

פאַר נאַכט איז גדליה צוריקגעקומען מיט אַ זעקעלע. באַקוקט אים דער בענדלדיקערביים געטאָ־טויער קעגן לינת־הצדק. נאָר מיט איין קלאַפּ קומט

ער אָפּ. אים געלינגט אָבער דורכצוטראָגן דאָס פּעקל. אינעווייניק איז גע־וועזן קאַרטאָפל. גלייך גיבן זיך גדליה מיט קושקען אַ נעם צום אָפּקאָכן. דאָס געקעכטס איז געווען געוואַלדיק געשמאַק!

דאָס אָנגעשריבענע טראָגט צו גליקמאַן נאָענט־נאָענט צו זיין קוים זעעוודיק אויג און, ווי זיין שטייגער, לייענט ער באַטראַכט פּאַר זיך. נאָך ניט באַוויזן ענדיקן דעם כתב־יד און זאָגן מבינות, קומט אַ האַסטיקער קלאַפּ אין טיר. אַ געטאָ־פּאָליצמאַן איז דאָ מיט אַ מעלדונג, אַז איך בין גענומען אויף קייזערוואַלד.

לאַנגזאַם נעם איך דאָס פּאַפּיר וואָס גליקמאַן האָט געהאַט איילִיק פּאַר־שטעקט. איך זעץ זיך אַוועק און שרייב צו נאָך אַ טייל:

געזעגענונג

קינדערלעך, איך בין גערופן קיין קייזערוואַלד. פּונקט צוועלף אַ זייגער מוז איך קומען צו דער קאַצעט־קאָלאָנע. גוטע און האַרציקע, זייט געזונט. איר זאָלט בלייבן לעבן און נאָך זיין גליקלעך!

גרייט צום מאַרש מיט דער קאָלאָנע, לויפט אָן די לערערין פּיקס און ביי איר זייט דער זיבניאָריקער קושקע מיט נאָך אַ חבר זיינעם. אַ פּעקל גיבן זיי מיר אַריין אין דער האַנט צוזאַמען מיט דער איין ברכה — בלייבן לעבן. איך קוק נאָך ווי די דעלעגאַציע גייט צוריק און עס שטעלט זיך מיר גאָר ניט פּאָר, אַז סך־הכל אין צוויי אַ האַלב חדשים אַרום, דעם צווייטן נאָוועמבער 1943, וועלן מיט דער אַקציע פון דעם אָ טאָג אַוועקגיין אַלע־אַלע קינדער פון דער שול; און אויך קיין איינער פון די לערער וועט ניט דער־ציִען צו דער פרייהייט.

שוין אויפן וועג מיט מיין קאָלאָנע, טו איך אָן עפן דאָס פּעקל. פינף אָפּ־געבאַקענע נאָך־וואַרעמע קאַרטאָפל און אַ לעבל ברויט, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר מיט אַן אויפשריפט אַ קינדערישער:

האָנאָראַר.

דיווידענדן

ביז העלפט אין וואַסער און מיט די רידלען אין די הענט איז געשטאַנען די קאַמאַנדע ביים גראָבן דעם קאַנאַל. אויך דאָ איז דער הויפּט־ריידער יאַ־קאָבסאָן, וואָס ניטאָ נאָך קיין וואָך ווי ער איז ביי אָט דער אַרבעט. פאַר דער מלחמה האָט ער אין דער ניט ווייטער שטאָט געהערט צו די העכערע שיכטן און איז געווען אַ באַלעבאָס פון אַ גרויסער פאַבריק. איבער דריי הונדערט שטענדיקע אַרבעטער, אַחוץ טאָגלוינער און סתם משרתים, האָבן פון אים געהאַט חיונה, און בכבודיק. ווער אין דער קאַמאַנדע ווייס עס ניט פון דעם? יאַקאָבסאָן אַליין לאָזט דאָס ניט פאַרגעסן און האַלט אין איין דער־ציילן. ווי אַ טאַטע און שיצער, באַטאָנט ער, איז ער געווען פאַר זיינע „מענט־שן”, וואָס ניט איינער פון זיי אַרבעט היינט אויך אין די קאַמאַנדעס אַרום... אויך פון ריזיקע קאַפּיטאַלן וואָס וואַרטן נאָך אויף אים, גיט יאַקאָבסאָן אָנ־צוהערן. אַקציעס פון קאַוטשוק־וועלדער אין בראַזיליע זיינען דעפּאָנירט אין אַ שווייצאַרישער באַנק. צוויי גרויסע הייזער פאַרמאָגט ער אין שיקאַגאָ. פאַרזען האָט ער אויך ניט ארץ־ישראל און האָט זיך דאָרט געהאַט איינגע־קויפט אַ פּרדס אַ הערלעכן. און נאָך „אַנטיקן” רעכנט ער אַוועק. און אויך אַלץ אין ערטער זיכערע, זיכערע אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט!.. ווי אַ פּראַקטישער מענטש מיט אַ ניכטערן שכל פאַרגעסט יאַקאָבסאָן אָבער אויך ניט דעם לאַגער מיטן אַכזריותדיקן רעזשים און דעם הונגער און וואָס מענטשן פאַלן אויס. פאַלט אָפּט אַ רגע זיין טאָן, אָבער כאַפּט זיך באַלד אָפּ:

—רעדט מען פון היינטיקן טאָג, איז אַן עק מיט אַלץ און שוין נאָך אַלעמען... זאָל אָבער נאָר אַרונטערגענומען ווערן דער „דראָט” און די גרע־נעצן זאָלן זיך טאָן אַן עפן, איז דאָך פון דיווידענדן אַליין קאָן איך זיך אויס־האַלטן, און נאָך ווי, ביז ענדע לעבן! יע־יע, נאָר די דיווידענדן!..

גאָר ניכטער איז יאַקאָבסאָנס קוק אויף די מענטשן אַרום אים. באַקאַנט ער זיך אַ ביסל נעענטער מיט וועמען אין לאַגער, הערט מען באַלד פון אים זיין פעסטגעשטעלטע מיינונג וועגן יענעמס אויסזיכטן אויף נאָך בלייבן לעבן, „וויפל פּראָצענט שאַנסן האָט אַזאַ איינער אַדורכצובראָדזשען זיך דעם קאָ־כעדיקן זומפּ און דערציִען די פרייהייט".

אויף דעם גרויסן אַרבעטס־פּלאַץ איז די באַוועגונג געוואָרן לעבעדיקער. שוין באַלד מיטאָגס־פּויזע. גרופּעס ייִדן אונטער אַ וואַך, איינצלנע אויך אָן אַ באַוואָפנטן באַלייט, האָבן גענומען גיין פון איין אָרט צום צווייטן. די בליקן פון דער קאַנאַל־קאָמאַנדע זיינען געווענדט צום אויפזעער, צו דעם מייסטער ראָבערט. יענער איז אָבער פאַרטאָן אין מעסטן און פון זיין געזיכט איז ניט אַראָפּצולייענען כאָטש אַ וועלכן סימן אויף באַלדיקן אָפּרו.

— שוין איין מאָל אַ רשע! ער וועט זיך דיר אַליין ניט אָפּרוען, אַבי נאָר זיינע ייִדן זאָל עס אויך ניט — מורמלט צווישן זיך דער עולם.

פון אָט דעם אויפזעערס לאַפּעס און פון זיינע גרינע אייגעלעך איז זיך ניט אַרויסצודרייען, ווער רעדט נאָך נעלם ווערן אַ ווילע. אַ סך ייִדן פון די קאָמאַנדעס אַרום זיינען שוין צעזייט און וואַרפן זיך איבערן גאַנצן גרויסן פּלאַץ. מען מאַכט די מיסחרים מיט די אַרישע ארבעטער. אַנדערע ריזיקירן נאָך האַרבער און כאַפּן זיך שוין צו אויך אין דערבייִיקן דאָרף. דאָס אַלץ אָבער ניט ביי ראָבערטן. אַ קלאָגעדיקע קאָמאַנדע זיינע. און ווי שוין דעם ייִדן וואָס פאַלט אַריין צו אים אין די ידים!

— מיט אַלע מיטלען מוז מען זען פּטור צו ווערן פון דעם קאַנאַל! — גיט יאַקאָבסאָן פאַרביטערט אַ שפּיי — אַזאַ ערטעלע איז דאָ אָנגעמאָסטן אפשר נאָר פאַר אַ מלמד...

ק., דער געוועזענער לערער און שרייבער, לאָזט אַרונטער זיינע אויגן. שוין איבער דריי חדשים ווי די מאַכערס אין לאַגער, די ייִדישע קאַפּאָס, האָבן עס אים אונטערגערוקט צו ראָבערטן. הייליק געהאַט צוגעזאָגט האָבן זיי אים, אַז צייט אַ וואָך, אָדער העכסטנס צוויי, באַקומט ער פון זיי די אמתע גאָלדענע קאָמאַנדע; אַרבעטן וועט ער דאָרטן אויף טרוקן, און אונטער אַ דאַך, און צו מאָל נאָך קריגן וואָס צוגעוואָרפן פון אַ דערבייִיקער עס־עס־קיך.

און אַט ווערט ער דאָ אויסגעריסן אַזוי לאַנג, און די גרויסע לייט קענען אים שוין ניט. זיי לאָכן זיך אויס פון זיין נאָכאַנאַנדיקער געבעטעריי וועגן אַרויס־ראַטעווען אים לפּחות פון דעם מייסטער!

אַ קלענערע גרופּע מיט דעם אויפזעער אירן האָט פאַרבייגעמאַרשירט. פון די רייען האָט צום קאַנאַל אַ שטראַל געטאָן אַן אויג פון אַ הויך־געוויק־סיקן בחור. זיין פאַרהאַרטעוועטער אָנבליק האָט אויפגעשיינט מיט אַ וואַרעמ־קייט און באַלד האָט ער ווי פאַרטרוילעך גענומען וואָס אַריינשושקען דעם אָנפירער, וואָס זיין ענטפער איז געווען אַ לייכטער קאָפּשאָקל. אין געציילטע, לויפיקע און שפּרייזיקע טריט איז שוין דער יונגער געשטאַנען לעבן ק.

— אַ וואָך ווי איך בין אין דעם לאַגער; זייט איר אויך דאָ!.. האָט איר אַט די אָפּגעבאַקענע קאַרטאָפל... כאַפּט זיך גאַר אַריין היינט אָוונט צו מיר אין בלאָק, בלאָק פיר. קאָן זיין אַן אויסקוק אויף זופּ. און אפשר נאָך וואָס...

ראָבערט האָט צום בחור געטאָן אַ שליידער אַ שאַרפן בליק און שוין מיט רוגזה זיך געלאָזט צו אים. דער האָט אָבער באַלד געצויגן פיס צוריק צו זיין מאַרשירנדיקער קאָמאַנדע און מיטן אויגנבליק געווען אין שוץ פון זיין אויפזעער.

— פּויזע; אָבער זיך ניט פונאַנדערגיין!.. — האָט ראָבערט אויסגעזייט פון זיינע שוואַרצע פּויליקע ציין און מיט אַ צאָרן, ווי צוליב זיי, צוליב די יידן זיינע, מוז ער עס מיטן דערינען זיך אָפּרייסן פון זיינע מעסטונגען.

אויפן גראָז אַרום קאַנאַל האָבן זיך די מענטשן אויסגעצויגן. די בליקן זייערע לאָזן ניט אָפּ קיין איין באַוועג פון דעם בייזן אָדון. שווייגעוודיק־פאַרביסן שטייט ער און דאָס קעסעלע זיינס ליגט נאָך ביי אים אין טאָרבע. אָבער אָט גיבן אים אַ רוף עטלעכע מייסטערס, די קאָלעגן זיינע, וואָס ציִען זיך דורכן פּלאַץ צו דער לייטונגס־קיך, און ער גייט אַוועק מיט זיי.

אויפן גראָז האָבן עטלעכע פון זייערע קעשענעס אַרויסגענומען שטיקלעך ברויט, ברעקלעך קעז. אַנדערע האָבן געזופּט קאַלטע טיי. ק. האָט זיך מיט זיינע קאַרטאָפל אָפּגעדרייט אַ ביסל אָן אַ זייט. יאַקאָבסאָן קערט אַלץ בליקן צו אים און וואַרפט אַרויס אַ פראַגע מיט כלומרשטן גלייכגילט:

— איז ער אייערער אַ קרוב אָט דער חברה־מאַן?

— אַ געוועזענער שילער, מיט אַ יאָר צען צוריק.

— אָט דאָס אַלץ? — האָט זיך יאַקאָבסאָן געטאָן אַ שטעל־אויף.

— און די צוויי מיידלעך, די ביידע שוועסטער וואָלק, וואָס אַרבעטן אין דער עס־עס־קיך? — נעמט שוין פֿאַרשן אַ צווייטער ייִד — איך האָב ניט איין מאָל באַמערקט ווי זיי וואַרפֿן אייך איבער פֿון פֿרויען־לאַגער גאָר ניש־קשהדיקע שטיקלעך ברויט.

— אויך שילערינס, שוין אַ יאָר אַכט.

— קאָן זיין אַז פֿאַר זיי איז ער געווען אַ לערער אַ מוסטער... — פּרוווט ווער אַריינבראָקן מיט איראָניע.

—איך גלייב עס ניט —פֿאַרענטפֿערט זיך ק. — ניט ווייניק פֿעלערן בין איך געהאַט באַגאַנגען קעגן מיינע שילער. די פּעדאַגאָגיק האָט ניט קיין גרונט.

— דיווידענדן! — איז יאַקאָבסאָן אויפֿגעשפּרונגען, ווי דערשיטערט פֿון אַ וועלכן אויפֿבליץ — באַטראַכט נאָר, פֿאַר מיר ליגט אַ ריזיק פֿאַרמעגן איבער אַ גאַנצער וועלט, און צענדליקער מענטשן וואָס האָבן יאָרן לאַנג געהאַט פֿון מיר ברויט, דרייען זיך דאָ אַרום... און אָט ביי אַזאַ פֿייער־קריזיס, האָט אַ שלימזל אַ מלמד אַן איבערוואָג פֿון פֿראָצענטן שאַנסן צו דערציִען ביז דער פֿרייהייט... אָט גאָר אַ שפּאָגל נייע טעאָריע פֿון דיווידענדן!

ג

לאַגער שטעכינהאַרץ

אַיאָ אַ שטעטל !

בלומען, בלומען

מוזיקאַנטן שטורעמען

לאַגער שטעכינהאַרץ

ביי פינף טויזנט „איזראַעליטן" זיינען צונויפגעשלעפּט אין די געוועזענע מיליטערישע קאַזאַרמעס פון לאַנדסבערג און דער גאַנצער תחום הייסט דאָ איצט: „לאַגער פאַר אויסגעוואָרצלטע". איינגעשלאָסן זיינען דאָ יידן, אַן עדה איינע פון די גרעסטע צווישן די צעשפּרייטע הייפלעך, אָט די לעבעדיק־אָפּגעשפּרונגענע שפּליטערלעך פון די טויזנטער צעשמעטערטע קהילות איבער איראָפּע. ניט קיין געזינדלעך גאַנצע לעבן דאָ; מענטשן ניט פון די זעלבע שטעט אָדער אַפילו מדינות. אַ געמיש פון וויסטע יחידים. ניט איינער דאָ איז נאָר אַ שריד ופליט פון אַ הונדערט קעפּיקער פאַמיליע, פון אַ שטאָט אָדער גאָר אַ געגנט אַ גאַנצער.

לאַנדסבערג אַם לעך, בייערן.

פון דער מיוחסדיקער פעסטונג דאָ האָט אין 1924 אויפגעשיינט פאַר דער דייטשער וועלט אַ חיבור פון אַ פּריווילעגירטן אַרעסטאַנט, פון איינעם אַן אַדאָלף היטלער — „מיין קאַמף".

1944 איז לויטן גייסט פון אָט דעם טויטאַניש־קאַנאַניזירטן טראַקטאַט פאַרלייגט געוואָרן אין אָט דער געגנט אַ צאָל יידן־לאַגערן. די אַרבעט און זאָרג אַרום דעם איז געוואָרן אָנגעטרויט אַ דערבײַיִקן גרויסן אַנשטאַלט, דעם וועלט באַרימטן „דאַכאַו". און די נייע לאַגערן האָבן זוכה געווען צו ווערן פּיליאַלעס, טעכטערלעך פון אָט דעם גרויסן טאַטן. דאָס פאָטערלעכע אויג איז געווען וואַך ביים אויסגעפינען די פּאַסיקע פלעצער און פּראַקטיש אין בויען. שנעל איז דער וואַלד־זומפּיקער באָדן געוואָרן אויסגעשטאַטעט מיט קאַרטאָן־און ערד־בודעס. שפּאָרעוודיק איז מען דאָ געווען אויך מיט אַנדערע איינריכטונגען, און אין קיין איינעם פון די אַלע פּונקטן איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרן אַפילו אַן אויוון, לויטן מוסטער פון דער דאַכאַו־צענטראַלע. די זאָרג

און די אַלע פּראַקטישע אויסרעכענונגען האָבן זיך טאַקע באַלד גענומען באַ־רעכטיקן. דורך אַ ניין חדשים צייט אין אָט דער פּרעסיקער געגנט, די דייטשע סיביר, האָבן די לאַגערן געמאַכט אַן אומזאָץ פון צירקאַ 80,000 נפשות, און צום אָנהייב מאַי 1945, ביי דער ליקווידאַציע פון די אַ קאַלטע קרע־מאַטאָריעס, האָט דער באַלאַנס געוויזן אַ גאַר־גאַר בכבודיקן טויטן־קאַפּיטאַל, צעזייט אין גריבער אַרום, און נאָך אַ וואָסערע 8,000 לעבעדיקע.

די לעבעדיקע זיינען געווען לעבעדיקע שאַרבנס. און געבליבן זיינען זיי ביים ביסל לעבן צוליב אַ מעשה סטראַטעגיע פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס האָט אומדערוואַרט אַריינגעמאַרשירט אין דעם ווינקל בייערן, און שוין פאַריאָגט די שומרים פון די לאַגערן — און באַפרייט.

שוין פיר חדשים נאָך דער באַפרייונג. אַ סך יידן האָבן זיך נאָך געהאַט געוואָרפן אויסצוזוכן זייערע נאָענטסטע, די מענטשן פון זייערע מישפחות. איז שוין טייל דאָ צוריק, און איינצלנע טאַקע אויך מיט ווענען פון זייערע אייגענע. אַנדערע מעסטן נאָך וועגן, לאָזן זיך איבער דערפער, שטעט, לענ־דער. אפשר־אפשר! ענערגיש אַרבעט אויך אַן אינפאָרמאַציע־דינסט מיט רעגיסטראַציע פון די לעבן־געבליבענע, מיט ציילונגען און סטאַטיסטיק. און אַ שניידיק וואָרט איז שוין פאַר דער צייט געפאַלן:

שארית־הפליטה.

נאָר אַן אילוזיעס, האָפענונגען.

גרונטיק האָט געאַרבעט דער דייטשער אויסראָט־אַפּאַראַט; איז טאַקע וויניק, גרויליק וויניק, דער איבערבלייב יידן פון חורבן.

באַקומען די אַ מענטשן ערטער צום וווינען — לאַגערן. „לאַגערן פאַר אויסגעוואָרצלטע".

אַז קיין מענטשן האָט איר, יידעלעך, חס־ושלום ניט געמאָרדעוועט, איידל פאַרגאַזט אַפילו ניט — טאָ וואָס פאַר אַן אַרומגיין פריי איבער דעם הערן גאָטס ערד, גאַר וועלן וווינען פאַר זיך, און נאָך אפשר אויך אין אַ מעבלירטן צימער!

אַ קשיה אויף סעמיטן־קאַצעטלער. זיי קאָנען זיך נאָך נעמען אַרומטרייבן איבער אַזוינע הייליקע ווי לאַנדסבערגער גאַסן! גענוג אַז ביים פאַרבייגיין

זייער אָפּגעשפּאַרטן ווינקל קומט שוין אויס ניט אין נאָבעלן שטאָטבירגער זיך אָנצושטויסן אויף די ניט־אַרישע פּנימער, און זייערע בליקן — גאָר שטעכיק.

און ייִדישע חוצפּה ווייס פון אַ גרענעץ? אין אַ בייזער שעה קאָן נאָך חלילה וועמען פון דער באַנדע איינפאַלן אָוועקצושפּאַנען אין דער דערביי־יקער מינכען, גאָר אין דער „הויפּטשטאָט פון דער באַוועגונג" אַליין!

קיש־קיש, אין אַ לאַגער אַריין, צוריק הינטער אַ צוים!

אָט אַזוי. מיט אַ בכבודיקער וואַך, מיט אַ דעמאָקראַטישן שלאַגבוים. ווי דען?

אַהאַסווערן!.. שיניס! — צעבייזערן זיך אָפּט די שומרים פון לאַגער — די לעצטע יאָרן זייט איר געוווינט געווען צו אַ ווייכערער פּאַנאָראַמע? בע־סערס געהאַט?

זיצן מיר און וואַרטן אויף בעסערס.

דער אייביקער ייִד פון געטאָ און קאַצעט האָט שוין אויך ניט קיין צייט!

אַיאַ אַ שטעטל?

ביי פינף טויזנט ייִדן דרייען זיך אַרום אין דעם אָפּגעשלאָסענעם לאַגער. אַ גרויסע טייל אָן אַרבעט. חול המועד־ייִדן. אָט די באַזונדער גייען נעבעך אויס פאַר אַ טראָפּן נייס פון דער „גרויסער וועלט אַהינטערן דראָט". שאַדט אָבער ניט אויך זיי אַ קראַץ צו געבן. מיט בערג סענסאַציעס, טשיקאַווע און איבערראַשנדיקע ידיעות וואַרפן זיי זיך באַלד אַרויס. זיי דערציילן פון ריי־בונגען צווישן דזשאָינט און אונרראַ, און פון צווישן דיביידע מיט די נאָך אַנדערע „קערפּערשאַפטן", וואָס האַלטן אויס די לאַגערן. און זיי וויסן פון ממש דער לעצטער פּאָליטיק פון די ענגלענדער בנוגע ארץ־ישראל. און אַלץ געטרוי, פון זיכערסטן מקור. גאַראַנטיע!

ווי אין דעם אַלטן באַקאַנטן שטעטל.

אַ גאַליציאַנער ייִד מיט אַ פאַרוואָרפן רעקל איבער די פּלייצעס בלאָזט אַרויס הויך און פאַרקלערט דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס, פאַרקוקט זיך סקעפּ־טיש־בייגעריק אויף דער פּאָר „איחוד"־יוגנטלעכע, וואָס קלעטערן אַרום איבערן דאַך פון קאָנצערט־זאַל. אַ בלוי־ווייסע פאָן ווילן זיי אַרויסהענגען לכבוד זייער קאָנפערענץ דאָ. מיטן וויטערדיקן צי פון פּאַפּיראָס לאָזט ער אַריין זיין כמורעוודיקן קוק אין דעם גלי־עוודיקן טאַבאַק־אַש, וואָס שיט זיך איבער זיינע לאַנגע ביינערדיקע פינגער און איבער דעם איינגעטאַטואירטן קאַצעט־נומער פון זיין פאַרקאַשערטן אָרעם. זיינע באַמבלדיקע מחשבות טוען אַ פלאָס פון אַדורך די פאַרביסענע ליפּן:

— אָט דער צוזאַמענקום וואָס ווערט דאָ געמאַכט, און מיטן גאַנצן טראַסק און קנאַק... אויב אויף איין טראָט וויטער וועט עס אַ טרייב טאָן דעם אייזעלע משיחס...

אַן אויטאָ־געוויש פון יענער זייט טויער קערעוועט אָפּ דאָס רעדל צו־

ריק־גרייפערישע אויגן און שלייפעוודיקע צינגער, וואָס זיינען געווענדט קעגן דעם גאַליציאַנער ווילדן פעסימיסט. אַ גרופּע דעלעגאַטן איז אויף אַ לאַסט־אויטאָ אָנגעפּאָרן.

בליקן און פּיס וואַרפן זיך צו די דראָטן, צום טויער. ניט קיין לאַנגע קאָנטראָל דאָרט, און די אָנגעקומענע געסט גיסן זיך באַלד אַריין אין עולם, מישן זיך אויס.

— שלום עליכם !.. עליכם שלום !.. פון וועלכן לאַגער אַ ייִד ?

— איר זייט דאָך עפּעס רעפּרעזענטאַטן — פּאַרוואַרפט קלוגעטשקע אַ פּאָליטיקער — איז טאָקע די קאָנפערענץ באַדראָט פון גאַנצע דריי שפּאַל־טונגען ?..

זאָל דאָס אַלץ זיין שטעטל ?

טאָוולען ברייטע הענגען קעגן איבער דער לאַגער־קאָמענדאַנטור, אָנ־געפּיקעוועט מיט מודעות.

אַ ציוניסטישער מנין ראש־השנה און יום־כיפור אין ספּאָרט־האַלע.

דער „ועד היהדות החרדית" מעלדעט קעגענעריש וועגן גאַנצע צוויי בתי־תפילה: אין גאַראַזש און אין קאָנצערט־זאַל ביי דער קאַנטינע. דערביי שוין אויך אַן „אַכטונג־אויפפאָדערונג" צו די רעליגיעזע ייִדן: אַ דרינגענדיקע רעגיסטראַציע פון אַלע מענער און פרויען — אין זייער אייגענע אינטערעסן !

די רעליגיעזע יוגנט־פּאַראייניקונג, ווידער, לאָזט וויסן פון איר טעטי־קייט, און מיט פּאַרמעסט. „איה"ש שבת קודש פרשה... קומט פאַר אין דעם אייגענעם לאָקאַל אַ טראַדיציאָנעלער, וויכטיקער און העכסט־אינטערעסאַנ־טער שלוש־סעודות". אַלע חברים מוזן אָבליגאַטאָריש דערשיינען. און בכלל — „רעליגיעזע יוגנט, קומט מאַסנוויין !"

און אָט ווו אַנדערע האַלטן נאָך. ביי דער זייט פון דער יוגנט וואָס איז שוין אַזוי אָרגאַניזאַציאָנעל צעמענטירט, האָט הינטער זיך אַזאַ טראַדיציע און רעדט צו אירע מענטשן גאָר באַפּוילעריש; און פון דעכער פּלאַטערט מיט פאָנען דער אַלמעכטיקער „איחוד" און האַלט שוין אָפּ אַ גראַנדיעזע קאָנפערענץ — ערשט איצט פרוווט נאָך צו פּאַרוואַרפן אַ ווענדקע אין בור־בלדיקן וואָסערל דאָ אַ ניי־געבאַקענע איניציאַטיוו־גרופּע. „בברכת ציון ובשם

גבורת ישראל" ווערן די אַלע וואָס „טראָגן אין האַרצן אַ פּונק אחריות פאַר דעם געבאָט פון דער שעה און זייערע מוחות זיינען ניט אָפּגעטעמפּט פון צו באַגרייפן די הויכע אידעע" — אָט די אַלע ווערן פריינדלעך געבעטן זיך למען השם ווענדן אין צייטווייליקן סעקרעטאַריאַט.

דאָס שטעטל, דאָס שטעטל!

און פון שטעטלשער ראָמאַנטיק פעלט דאָ אויך ניט. פאַרביי פיין אויפגעפּאַסטע בלומען־בייטעלעך ציט זיך אַ ריי צום מיטאָגקעסל. אַ ברונעטער ברייטפּלייציקער בחור קומט צו מיט אַ קליין קעסעלע און אַ געשפּאָלטענער ליימענער שיסל. חברה טיילער וואַרפן זיך איבער מיט אַ געמיטלעך שמייכל:

— גיס צוויי, פאַר אים מיט פריילן... אַ וואָך שוין, און מען דאַרף אַלץ דערמאָנען!..

ווייטער אַ שטיקל זיצט אין שאָטן פון אַ פּול באַלאָדענעם קאַשטאַנבוים אַ חנוודיק מיידל מיט אַ קאָפּ שוין אָפּגעוואַקסענע און פיין געקרויזטע האָר. אַ מענערישן זאָק שטאָפּט זי. איינע אַליין, און רעדט אויף אַ צפּיעשטשעט קול:

— דאָכט אַ מענטש איז פויל צו שטעלן אַ טראָט אַפילו אַדורך דער גוואַלדאָוונער שטרעקע פון דעם לאַגער, און די זאַכן איז מיטן יעדן טאָג גרעסער אין זיי דער חורבן!

— ווי? כ'בין טויב אויפן לינקן אויג... — שפּרינגט אַרויס פונעם דערבייאיקן פענצטער אַ פאַרבאַנדאַזשירט פּנים מיט ברענעוודיק־אַנקוועליקע בליקן: — כ'לעבן, זי מיינט דאָך אַז שפּאַצירן מוז מען נאָר מיט איר, און דווקא ווען אַלע זעען...

און ווי דאָס רוב זיסע ראָמאַנען, קומט דאָ אויך צו די שפּילערייען אַ גיכער סוף.

אָט קלייבן זיך ווידער פאַר דעם אָפּישן־טאָוול אַזוי פיל מענטשן און יעדער שלינגט דאָרט אַזוי פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ פריש אַרויסגעקלעפּטן פּאַפּיר:

מודעה. רעליגיעזער אָמט. טעקע 3.

עס ווערט געמעלדעט, דאָס פאָלגנדע פּערזאָנען האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן חתונה צו האָבן:

הבחור שלמה זיסלמאַן, געבוירן 8.5.22 אין ראַדאָם, געווען אין די לאַגערן טרעבלינקע, בוכענוואַלד און דאַכאַו, איצט אַדרעס: בלאָק 8, צימער 126, — מיט הבתולה שרה זיסקינד, געבוירן 7.6.24 אין קאָוונע, ליטע, געווען אין די לאַגערן שטוטהאָף און דאַכאַו, איצט אַדרעס: בלאָק 6, צימער 85.

און אַזוי ווייטער, אַ לאַנגע ריי פון הבחור מיט הבתולה.

פּערזאָנען, וועלכע האָבן באַגרינדעטע מאָטיוון קעגן די הייראַטן, ווערן געבעטן צו קומען אין רעליגיעזן אַמט, שרייב־שטובע, אין די שעהן פון 9 ביז 12.

דער רעליגיעזער אַמט שפּילט דאָ, ווייזט אויס, אַ ניט קליינע ראָלע. טאָקע באַזונדער אויף דעם חתונה־געביט. וואָרעם ניט אַלע מאָל לויפט די ליבע ווי מיט אַ גוטן שליטוועג. אַ שטן שטעלט זיך אָפּט מאָל אַוועק און פאַרמעסט זיך ניט אַנדערש ווי אָפּצוהאַלטן דעם גאַנצן ראָזן־און־פּורפּור־מאַרש!.. אַ פולן שאַכטל פיש־קאָנסערוון, אַ ניט־געעפנטע פושקע קאָנדענסירטע מילך און פינף נאָך נייע ראַזיר־מעסערלעך פון דעם קוים דערוואָרטן דזשאָינט־פּאַקעט גיט דאָרט אין גרויסן בלאָק אַ בחור זיין טייערן שכן אין צימער, ער זאָל אים אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר זיין כלה. און דער עקשנט זיך געפּיללאָז. בעט זיך און סטראַשעט דער חתן:

—איך שטעל אָפּ אַן אָפיציעלע חופה, דעמאָלט הייבט דיך אַרויס דער רעליגיעזער אַמט ווי אַ שפּענדל!

— נו־נו, האָסט זיך נאָך מיט מיר ביז אַהער ניט פאַרמאָסטן אין אַ געריכט אָדער אַזוי אין אַ געאַמפּער — איז יענער האַרצלאָז און האַרט ווי מיר־מלשטיין.

ניין־ניין, ווידער עפּעס ניט־שטעטל.

אין אַ ווינקל פון אַ גאַראַזש שטייט אַ לאָדזער ייִד פאַר אַן עולם פון אַ צוואַנציק פרויען און קנעלט מיט זיי די חכמת הצושניידעריי פון דאַמען־קליידער. קרייד צום צייכענען איז קענטיק שווער צו באַקומען. אויף ניי־

מאַשינען זיינען גראָד דאָ הבטחות. אַ שער אַ פאַרזשאַווערטע מיט אַ צעקאַ־דערט שטיקל שטאָף האָט ער שוין אין האַנט.

אַ פרישׂ פּנים שטערט אַביסל די לעקציע. אַ מין גאַסט־דעלעגאַט־צוקוקער.

— איז ווער דאָ פון קאָוונע? ליטע? — שלייפט דער מענטש זיין באַ־גלאָזטן קוק אין די ווייבערישע בליקעלעך.

— ניט פאַר זייערע ווייסע הענטעלעך... — פאַלט דעם ליטוואַק אַ שטאָך אין פוילישן דיאַלעקט.

וואָס איז דאָ טאַקע מיט די ליטווישע פרויען? גייען זיי אַרום סתם ליידיק? ניין. נאָך ערגער.

— די ליטוואַקעס אַלע זיצן דאָך אין די ביוראָס... — שנירלט זיך אַרויס ביי אַ צווייטער פרוי פון אַ פאָר בלויע ליפּעלעך.

אַ זייטיקער מענטש קען טאַקע ניט וויסן די שווערע, פאַרוויקלטע און אומפאַרענטפערלעכע פּראָבלעמען פון לאַנדסבערג. אַ דאָרטיקער אָבער, נאָר אַ ניט־ליטווישער, קלערט עס באַלד יעדן איינעם אויף:

— ניט אַזוי לייכט גייט עס דעם ראַט אונדזערן אין דער אַרבעט. שטעלט זיך פאָר, אויף צום באַזעצן די 58 העכערע און בעסערע פּאָסטנס זיינען אין גאַנצן לאַגער דאָ נאָר 57 ליטוואַקעס!

און רעדט מען מיט זיי אַליין, אַט די ראַטמענער און אָנפירער, קומען זיי אַרויס מיטן גראָבן פינגער. ווייסעד, אַ מענטש דאַרף גאָר קענען האַלטן אַ פעדער אין האַנט, און אַז בכלל דאַרף אַ געזעלשאַפטלעכער טוער זיך קענען אויך אַרויסזאָגן, און טאַקע האָבן וואָס צו זאָגן.

ליטוואַק־חזיר, צלם־קאָפּ!

עס וועלן נאָך גיין פּאַפּירן אויך, ווו מען דאַרף. רעכט צום גענעראַל אייזנהאַוער, דעם אייבערקאָמאַנדיר פון דער אָקופּירטער זאָנע אין דייטש־לאַנד, און אַפילו קיין אַמעריקע וועט מען שרייבן, אַזש צום פּרעזידענט טרו־מאַן אַליין!

איאָ אַ שטעטל?

בלומען, בלומען

אַ קאָנפערענץ איז היינט אין לאַגער.

אַ קאָנפערענץ אַ יידישע, אַ נאַציאָנאַלע, די ערשטע געוויס נאָך דער באַפרייונג. און דאָ — אינעם סאַמע האַרץ פון דעם נאָך־מבולדיקן בלוט־זומפּ.

מענטשן ציען זיך אין האַרבסטיקן וועטער ביסלעכווייז צום זאַל, כאַפּן זיך ביים אַריינגאַנג אַפּילו אַ שפּאַר טאָן. איינער פּרוווט צו זיין אַ מליץ־יושר פאַר אַ צווייטן, אַריינשושקען וועגן אַמאָליקער חשיבות. מען גיט אָן סימנים.

— אַ פּרטיס־ציר אָדער אַן אַריינגאַנג־בילעט! — זיינען שטרענג די אָרדענער מיט די בלוי־ווייסע בענדער.

— זאָל עס פעלן אַ האָר פון אַמאָליקן שטעטל! — טייטשט אויס ווי מיט פּראָטעסט אַ מיטליאָריקער וואָלינער ייִד אָט די גאַנצע צערעמאָניע און גייט זיך אַוועק קאָלט צוריק.

דער זאָל אינעווייניק שיינט אויסגעפּוצט. די ווענט שרייען מיט פאַרבי־קע און שלאָגיקע פּלאַקאַטן. אַ היים אַן אייגענע ווילן די אויסגעוואָרצלטע! מאַניפעסטירט ווערט דאָס יידישע רעכט אויף ארץ־ישראל; און גרייט זיי־נען די געוועזענע קאַצעטלער צום אויסקעמפן דאָס רעכט!.. בענק ברייטע אויסגעשטעלט איבער דער האַלע און באַזעצט מיט איינגעקאָרטשעטע סקע־לעטן. פּלעצער אַ סך זיינען באַלייגט מיט צעקאָדערטע היטלען, וואָס זאָגן אַז אויף דעם געזעס האָט שוין ווער אַ חזקה. די בעלי־חזקות אַליין דרייען זיך אַרום אין זאַל, שמועסן און פרישן אָפּ זייערע אַמאָליקע פּאַרטייישע אָנ־שויונגען. אַנדערע שאַרן זיך אַרום די ווענט און קוקן אַריין אין די בלעטלעך פון די גרופּירונגען וואָס זיינען שוין אויפגעקומען אין די לאַגערן און פאַר־

ליגן עס ביי דער קאָנפערענץ זייער אַגיטאַציע. די מענטשן לערנען פּשט אין די אַרויסגעהאַנגענע פּראָגראַמען, שטעלונגען און קאָנצעפּציעס. אויסגע־צערט־טרוקענע פינגער דרייען זיך דאָ אין וויכוחים און מען באַמיט זיך צו איינגעפינען פּרינציפּיעלע סתירות. שטאַרק ניט מסכים איז איינער מיט דער רויטער „קאָנסטרוקטיווער פּלאַטפאָרמע", וואָס לייגט אויס פּונקט פאַר פּונקט אַ צורת־חיים, ווי עס מוז זיין געגנוי געאָרדנט דאָס לעבן אין ארץ־יש־ראל, געזעלשאַפטלעך און עקאָנאָמיש.

פעלט דאָך דאָ טאַקע כמעט צי גאָרניט פון שטעטל.

אַיאָ, כמעט גאָרניט — כמעט.

אַן עסטראַדע דערהייבט זיך. פון אויבן בילדער און ווידער פּלאַקאַטן. די בינע אַליין און פאָדערגרונט — בלומען. מיט בלומען געדיכט אַרומ־געשטעלט, אַנגעשטעלט, אַנגעפּיקעוועט און איינגעטונקט. כריזאַנטעמעס, פּיאַלקעס, היאַצינטן, קאַנוואַליעס, ניט־פאַרגעס־מיך, און נאָך און נאָך.

אויגן ברייטערן זיך, דער שטערן פאַרקנייטשט זיך. וואָס, פון ווען אַן איז עס ביי גלות־ייִדן אַזאַ צוגעבונדנקייט צו בלומען, אַזאַ שפּע?

אַהאַ, — וואַרט, באַטראַכט נאָר, באַנעם עס ריכטיק, טיפער.

יאָ, און פון ווען איז עס אין אַ קליינשטעטלדיקער אַטמאָספערע אַזאַ אויס־געלאָשענע שטימונג, עפּעס אַזאַ אַפּאַטיע, גליווערדיקע רו׳קייט?

וואָס, דאָס שטעטל איז עס?.. ווי אַזוי שטעטל? ווו אַזאַ שטעטל?

טאָ ווו זיינען די, לאָמיר טאַקע זאָגן — אָט די קינדער?

געהערט, שיקט זיך עס, אַ פינף טויזנט קעפּיקער פאַראווינץ־מקום — אַן אַ סימן קליינוואַרג?

אַ קאָנפערענץ איז דאָ היינט. אַ גרויסער צונויפקום, הייסט עס; רעדעס און אַ קאָנצערט. דערוואַקסענע מענער און פרויען ציען זיך אַהער לאַנגזאַם דורכן לאַגער, מיטליאָריקע ייִדן שפּאַצירן באַזאַכט אין זאַל... ווו זיינען אָבער די יונגאַטשעס און ווייסע חברהניקעס. אָט די הויפּט־מחותנים אין שטעטל ביי אַזאַ מעשה, ביי נאָר אַזאַ געשעעניש? געזשומעוועט וואָלט דאָך מיט זיי! זיי וואָלטן צעטראָגן ביי דעם אַריינגאַנג די ביידע סדרנים, די אָרדענער מיט זייערע פאַרביקע בענדער. און ווען שוין יע אָפּגעטריבן פון טיר, העט —

זיי קלעטערן שוין איבער ווענט, קלעפּן בײַ די כלערליי שפּאַרונעס, פון אַ הינטער די קוליסן, איבער דער סצענע, פון וווּ מען זעט זיי ניט. ניט אָפּוּוערן זיך פון זיי, אָט די מזיקים און קונדיסים!

יונגאַטשעס איר, ווייסע חברהניקעס, קונדיסים — וווּ זײַט איר?!

מיט בלומען אַרומגעשטעלט די בינע. און אָט פון רעכטס, איבער אַן אָפּקלייב פון שימערירנדיקע געוויקסן, צאַרט־צאַרטע שפּראָצן — אַ שוואַר־צער זייל און אויפשריפט:

זכור את אשר עשה לך עמלק.

פאַרשמעקט איר דאָ ניט, ווייסינקע כריזאַנטעמעס, עפּעס מיט אַ קאָנ־טראַמאַרקע פון אונדזערע בלומען־נשמות, די בלומען פון אונדזער לעבן?

בלומען, בלומען.

אויף דער טריבונע שטייט שוין אַ רעדנער. ער איז באַקאַנט דעם עולם. מען ווייס אויך אַז ער איז געווען פּאַטער פון אַ געזינד, און איז נאָר אַליין געבליבן. פאַרגייט זײַן צעריסן האַרץ אין אַ בלוטיקן צאַפּל איבער דעם גאָט־לעסטערדיקן אומרעכט, וואָס אַ טרייפענע וועלט האָט מיט אונדז אָפּגעשפּילט. שיינע מענטשן האָבן אין די מלחמה־יאָרן געליאַרעמט הלמאי די באָמבעס מאַכן חרוב קונסטשאַפונגען. און קיינער האָט זיך ניט געקימערט, און קיין וואָרט איז ניט געפאַלן וועגן די קלוגע, שיינענדיקע קעפּלעך פון אונדזערע קינדערלעך — די עכטע פּראַכט און קונסט פון דער וועלט!

אַ שוידערנדיקן שטעל גיט זיך דער עולם אין זאַל. דער טיפער ווײַ־ציטער שטראָמט אַדורך די קעפּלעך פון דער עדה בלומען. די צאַרט־פאַרבלײַ־טע און געלאָקטע קריינדעלעך טוען זיך אַ צי מיט צעעפנטע, קאַלירפולע און פאַרקלעמטע אייגעלעך צו די וואַרעמענקע טרערן־טוי איבער די פאַר־וועלקט־בלאַסע געזיכטער. אַ פיאַלקע וואָס טוליעט זיך אַזוי יתומדיק פונעם געשטעל אירן, ווי אויף פינגער־שפּיצן, בײַ די לענדן פון דעם קאָנוווּלסיוו־שטורעמדיקן אָראַטאָר, פאַררייסט צו אים, ווי כליפּיק־פאַרגאַנגען, אַ בלוי־פאַרגלאָצטן קנאָספּ פון אַדורך איר יונג־צעעפנטע און אויסגעצוואָגענע בלע־טעלעך, קוקט אַריין ווײַסט און אומבאַהאָלפן:

— טאַטע!

אַ שפע פון בלומען אין די אַלע ייִדישע לאַגערן. הענט פון געווזענע מאַמעס און טאַטעס פּאַסן זיי ציטערדיק אויף, צערטלען זיי. ניטאָ ווער עס זאָל זיי בגנבה פון דער זייט אַ פליק טאָן. קליינוואַרג שפּילט זיך ניט אין „חתן־כלה־מזל־טוב", און מיידעלעך מיט פינקלדיק־פּיקחותדיקע אייגעלעך קאָקעטירן ניט מער פאַר זייערע חברים יאַטעלעך. מיט שימערירנדיקע און פיין שמעקעוודיקע בלימעלעך פלעגן עס די קליינע בראַנד־פייערלעך רייצן די ייִנגלעך, זיך שטופּן אין דער מיט פון זייערע שפּילן, זיך לאָזן אַ ריס טאָן אַ שטענגל פון בוקעט; און באַלד נעמען פאַרגיסן טרערן, יאָגן זיך איבער דער גאַס מיט געשרייען:

— וואַרט, לאָבוסעס, מירן שוין אַלץ דערציילן אייערע טאַטעס!

וואַקסט, בלומען, רויִק געדייעט היינט; איר זייט די קדישימלעך אונדזערע!

און די שטאָלצע קאַשטאַנען־ביימער קאָנען אָט איצט אויך, אין האַרבסט אַריין, טראָגן שווער זייער רייפן יאָך פון די פול באַלאָדענע צווייגן. קיינער גנבעט זיך צו זיי ניט; קיין קאָכיקע קאַרשן־אייגעלעך לויערן מער ניט און זיינען ניט קאַפּאַבל מיט די לופטיקע גופימלעך זיך דראַפּענען איבער פלויטן צו דעם שפּיגלדיק־שפּילעוודיקן פּרוכט. פריי פוילן קאָן איצט די אַזוי קינדיש געגאַרטע און שוין אויסגעשפּילטע פּרי אַרום דעם שטאָלץ־ברוינעם שטאַם אויף דעם בלוט־זאַפּיקן באָדן!

קיין שפּיל און קיין קינדערפרייד.

אין מינכענער טראַמוויי צווײ יונגע אָנגעפּאַרבענע דייטשקעס. יעדע מיט אַ קינד אויפן שויס. נאָכן זיך איבערדערציילן איינע פאַר דער אַנדערער די חכמות פון די „פּופּעס" זייערע, נעמען זיי זיך פון לאַנגווייליקייט אַרומקוקן די מיטפאָרנדיקע. איינע שיסט אַלץ ביטולדיקע בליקן אויף אַ ייִדישער פרוי פון אַ צווייטן ווינקל און שושקעט דערביי דער שכנטע אירער:

— די געוועזענע קאַצעטלערינס פוצן זיך אַלץ אין בלומען־קליידער; קיין געשמאַק פון דער מאָדע.

וואָלט אפשר כדאי געווען אָנוואַרפן פאַר אָט די צווײ רויִקע קעפּ אַזאַ מין בילד. — אַ שטייגער־למשל, אַ שטרענגע וואָך פירט זיי אַרויס צוזאַמען

מיט די פּיצלעך אויף אַ פּלאַץ. זייביידן, די מאַמעס, באַפּוילט מען גיין רעכטס, און פון זייערע הענט גיט מען אַ ריס די קינדער און אַ שליידער — לינקס. און אַזוי ווייטער און ווייטער. ניטאָ מער די „פּופּעס"...

האַ, שאַרפּאויגיקע גרעטכענס, מאַדע־דאַמען איר, וואָס פּאַר אַ געשמאַק־ און פּאַסאַן־קליידער וואָלט איר, אָט איר טאַקע, געטראָגן דעמאָלט ?

אַ שפּליטער פון אַ פאַרצווייגטן מוזיקאַלישן שטאַם פון דער ייִדיש־ זינגעוודיקער ווילנע איז דערשינען מיט פּרויען־שטים אויף דעם קאָנצערט לכבוד דער קאָנפערענץ. איין זינגערין, אין גאַנצן צוויי לידער ; איינס פון זיי, און דאָס ערשטע — אַ וויגליד.

זינגסטו, הייסט עס, זיס־שטים דו, אויף דער בינע דאָ פּאַר די בלימע־ לעך, וואָס רינגלען זאַנפט דיינע טריט און גיסן זיך צוזאַמען אַזוי חנוודיק מיט דיין בלומענקלייד — אָט זיי מיינסטו עס איינשלעפערן ?

זע, ווי שטיל זיי זיינען, די שיינע געוויקסן, און ניט ווייניק פון זיי דרעמלען שוין אויך, אויף אייביק.

אַך, מיט דעם האַרציק וויגליד מיינסטו עס — קינדער.

ליטישע ייִדישע טאָכטער, ווייסטו גאָר ניט דעם אַלטן מינהג פון אונד־ זערע מאַמעס, אַז מען וויגט ניט אַ קינדערבעטל וואָס איז ליידיק ?

מוזיקאַנטן שטורעמען

נאָך יאָרן געטאָ און קאַצעט, אָפּגעכאַפּט פרייען אָטעם פאַר די עטלעכע חדשים, ווייזן זיי זיך ווידער מיט די כלים אויף אַ פרייער בינע. דער ערש־טער לאַגער־אָרקעסטער גיט איינעם פון זיינע ערשטע קאָנצערטן לכבוד דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די באַפרייטע ייִדן.

איינגעפאַלענע, אַזוי איינגעשרומפּענע פיגורן. באַקאַנטע מוזיקער נאָך פון אַמאָל. זיי האָבן געשפּילט ווי אינסטרומענטאַליסטן און דיריגענטן אין פיין־באַרופענע אָרקעסטערס. איינער פון דער קאַפּעליע האָט ביי זיינע אַמאָליקע לאַנד־באַלעבאַטים זיך אַפילו פאַרשאַפט אַ נאָמען פון אַ מוזיק־פאַרשער זייערער; ער האָט זיך געגראָבן אין די געזאַנג־מאָטיוון פון דאָרף און בעטלער, שענק און קלויסטער... אַלע מאָל זיינען אָבער אָט די מענטשן גע־ווען קלאַסיש רויִק ביים שפּיל, אָן אַ וועלכן איבערציטער, אומזיכערקייט. קיינער פון זיי איז אויך ניט געווען פון די מיליטער־מוזיקאַנטן, ביליקע באַ־ראַבאַן־פּויקער. היינט רוישן זיי מיט די כלים אַזוי שרײַיק. אָנגרייפעריש. אַזאַ צוקלייב דאָ ביי זיי פון ברוּיזנדיקע מאַרש־מעלאָדיעס, מיט אַזוינע ראַ־שיקע, יאָגערישע און ליידנשאַפטלעכע טענער. סאַראַ געשפּאַנטע קורצ־אָטעמדיקייט, מיט ברען און שנעלסטן טעמפּאָ!

איינער פון די מוזיקאַנטן האָט שוין מיט יאָרן פריער, אין די גוטע צייטן, פאַרוואָרפן זיין כלי, זיין בלאָז־אינסטרומענט. די לונגען זיינען אים געוואָרן שוואַך און דער אָטעם קורץ. היינט געניגט אים שוין כוחות אויף אַזוי שטאַרק אַריינאָרבעטן. ער סאָפּעט. פרייכט אונטער און יאָגט מיט פיבער.

אַלע זיי, אויף די כלים, פּלאַקערן, רייסן איין, מיט אַ ליאַרעם. וואָס און ווער מיינען זיי עס דאָ, דאָס הייפל שפּילער, געוועזענע קאַצעטלער, צו פאַרפּויקן, איבערשרייען, אויפשטורעמען?

למה רגשו מוזיקאַנטן ?

אַן אומרו אַזאַ טריבער יאָגט און ווירבלט אַדורך דער יִדישער קאַפּע־לע. עפּעס מאַנט אין די פּאַרשוינען, פּיבערט אין זיי און רייסט זיך צום אויס־דרוק. נאָך אַדורכמאַכן אַזאַ האַמעטענעם קורס פון דעם פּראַקטיצירטן ראַסיזם, האָט ביי די מענטשן אין זייערע נאַציאָנאַל־אויסגעטאָנענע נשמות זיך דאָך איינגעקאָרבט טיפערס וואָס פון יִדישקייט. שרייט היינט משמעות וואָס אין זיי, זוכט אַ תיקון.

קיין הייסע יִדן זיינען מוזיקער, בדרך כלל, ניט געווען. באַקאַנט זיינען געווען אין דער אַלטער היים די פּאַרשוינען וואָס פּלעגן זיך ניט קהלן און פּלעגן זיך באַמיען צו זיין וואָס ווייטער מיט דעם יִדן פון אַ גאַנץ יאָר. הויך ציוויליזירט האָט זיך געהאַלטן דער אויפגעקומענער דראַגיסט מיט זיינע מאַל־פּישע מאַניִרן און באַלזאַם־באַנאַלע קאָמפּלימענטלעך פאַר יעדן פּריצל. צווי־שן די הערשערישע קרייזן האָט אַזוי דזשענטלמעניש אָפּעררירט דער גאַלאַנ־טער פאָטאָגראַף מיט זיין ראַפינירטער לופטיקייט ביים איינשטעלן די „פּאָ־זעס״, און דער עיקר מיט זיינע העכסט־אונטערטעניקע ווענדונגען — צום שמייכלען. ביי דער זייט פון אָט די האָט זיך דער מאָדערנער מוזיקאַנט גע־רעכנט ווי דער ערשטער פון די „קאָסמאָפּאָליטן״ אין יִדישן לעבן. אָן נאַצ־יאָנאַלן ווידערשטאַנד ; מיטלויפער און מיטטענצער פון דער דאָמינירנדיקער און אָפיציעלער געזעלשאַפט.

מיטן סמיטשיק צוזאַמען האָבן האַרץ און מוח זיך עלאַסטיש געבויגן און געוואָרפן. האָט די וועלט נאָר פּאַרקוקט זיך פון אַ געפּאַרעמטן נאָז אָדער קאָפּ־שיידל, האָט באַלד דער טאָן־קינסטלער זיך געכאַפּט צו פאַרבאָרגן זיין שטאַם און פּרצוף. פאַרן פּובליקום איז דאָס פּנים פון מוזיקאַנט בכלל נאָר זיין אינסטרומענט, און דאָס לשון — זיין טאָן. הערן לאָזט ער זיך אָפּט אויך פון אַ פאַרבאָרגעניש, פון אַ סצענישן אונטערגרונט, און געוויינלעך אין אָנשטרענגונג מיטצוהאַלטן דעם טאַקט. שטענדיק מיטגיין דעם שפּיל, זיין וואָס גלאַטער. נאָר אָן אַ דיאַלעקט. אָן אָפּנייג איז פּסול. „טרייפער טאָן״ ווערט עס גערופן. אָנהאַלטן דעם אַנסאַמבל, שטרענג מיטבאַגלייטן און דורכויס זיך צונויפגיסן — אָט דאָס איז דער כלל גדול ביים אָרקעסטראַנט.

מיט דער אַ ריכטונג שטעלט זיך שוין איין ביי דעם מענטשן אויך זיין

שטיקל נשמה. פֿאַרבלענדן און פֿאַררייבן יעדן זעלישן קנייטש, פֿאַרטויבן יעדן טיפֿערן ווידערקלאַנג. חלילה ניט אייגנדיקס, שטיגער, פּנימיות !.. אַט אַזוי אומבאַמערקט־גלאַט. אָן אַן וועלכן טיפּיש באַזונדערן שפּור זיך אַדורכ־שלייכן אין געזעלשאַפֿט, אין לעבן. נאָר מיטלויפֿן, ניט אָפּשטיין פֿונעם אָנגע־נומענעם טאָן און איינשאַלטן זיך אין גרויסן כלל, אין דעם מעכטיקן און הערשנדיקן.

ווי שטאָלץ, ווי פֿריידיק פֿלעגט אָנווייזן דער מוזיקער אויף זיין קינד: הערט נאָר זיין אויסשפּראַך; אויב אַ סימן פֿון זשאַרגאָנישן דיאַלעקט! און ווען די פּרוי אָדער קינד האָבן נאָך געהאַט אַ ניט־ייִדישן אויסזען !..

די פֿריילעכע קאָמפּאַניע. אַלץ לייכט און טענצלדיק גענומען. אייבער־פֿלעכלעך. טיפֿער ווי אַ טאָן און טאַקט איז זעלטן ווען זייער געהער דער־גאַנגען. דאָס אויג — געוויס ניט צו ווייט. אַ צוגעשניטן וועסט און פֿראַק מיט שאַרפֿן עק, צעפֿליגלטער קראַוואַט און שטייפֿע מאַנישקע.

זיי שטורעמען היינט אויף דער פֿרייער עסטראַדע. דאָס פֿריש באַ־פֿרייטע לעבן שפּאַרט מיט פֿאַרצערטן אָטעם און רייסט זיך אַזוי כמורעווודיק פֿון־אַדורך די כלים פֿון לאַגער־אָרקעסטער.. אַנדערע מוזיקאַנטן זיינען שוין ווי אין פֿאַרעם, אָבער אַזוי שווערמוטיק, געדאַנקען־באַלאַסטעט. דאָס אויג טיף פֿאַרקראָכן אין קאָפּ אַריין, און דער בליק — בליי באַלאָדן און גריבלדיק. ווי דאָס שטייט זיי צום שפּיל!

ייִדל מיטן פֿידל און בערל מיטן באַס זיינען אויך אין קאַצעט צו פֿיל עלאַסטיש, לייכט בייגעוודיק.

מיטן שפּיל־אינסטרומענט אין האַנט, און צוזאַמען מיט אונדזערע זינ־גער, האָט דאָס מוזיקאַלישע געזינדל גאַנץ פֿיין משמח געווען די פֿייניקער און רוצחים, געשפּילט פֿאַר זיי „טיפּיש יודישעס", געזונגען און אונטערגע־טאַנצט.

חברה איז דאָ גאָר ווייט אַוועק. שפּאַנען געציילטע פֿון קאָנצערט־שטוב האָט מען עשאַלאָנען קינדערלעך געפֿירט אין גאַז־חדר אַריין; אין קרעמאַ־טאָריע דערביי האָט געברענט אַ פֿייערל; און אַ רבינס זינדל, אַ יאָסעלע, אַ טיפּיש קינד פֿון אַ חדר־מלמד און מיט אַ שטים טאַקע פֿון אַ סאָלאָווײ, האָט

אין באַגלייט פון צוויי קלעזמאָרישע פידעלעך — פאַר אַ שעפּער זופּ פון מערֶ־
דערישן געזאַנג — זיך פאַרכליפּעט פאַר די, אַט די עס־עס און קאַפּאָס, מיטן
הייליקן חדר־ליד, מיט „קום אהער מיין יינגעלע, איך וועל דיר תורה
לערנען״... קאַדרילן און כשר־טענץ האָט מען „דערפּאָלגרייך״ דורכ־
געפירט. און חתונה־לידער, מוזיק פון כלה־באַזעצן — ווען צעפּ האָט
מען געשוירן פון כלה־מיידלעך און די קעפּ געשליידערט צום אויסראַט...
נאָך אַ טאָג אָפּפראַווענען די „רייכערדיקע חתונות״ פאַר די יידישע טאַטע־
מאַמעס און זיידע־באָבעס פלעגן עס די מחותנים־אונטערפירער זיך לאָבן
מיט די זיס־שטימיקע זינדעלעך און אייניקלעך, געקוואָלן פון זייער „אַכציק
ער, זיבעציק זי״.

אוי ווי מען האָט ניט געשאַנעוועט דעם „כל נדרי״, דעם „אהבת עולם״,
דעם „קדוש, קדוש״!

איז געקומען אַ חזן אין קאַצעטל, קיין קייזערוואַלד ביי ריגע. און ניט אַ
פּעכאָטנער, נאָר דער ש״ץ פון אַ באַרימטער קהילה. אין דער אַלטער, גרוי־
סער און לעגענדעס־באַשטראַלטער שול פלעגט זיך דאָרט דער ציבור מתפּ־
ללים אַרונטערלאָזן מיט טרעפּ. און ביי דעם ערפאָרכטיקן עמוד פון די דורות
וועלט־חזנים איז ווידער געווען אַ טרעפּ טיפער. אין דער נידער איז געשטאַ־
נען דער שליח־ציבור. געוווּסט האָט ער אַז דער וועג צום הימל ציט זיך פון
דער טיפעניש, ממעמקים.

האָט אַזאַ אַ חזן אָנגעשטעלט פּיפּיקע שדכנים צו די מעכטיקע פון קאַצעט,
זיך קוים דערוואַרט דעם גויישן זונטיק, און אַזוי גרויסאַרטיק אין בלאָק דעם
דריטן — אוי, האָט ער געזונגען! אויבנאָן איז געזעסן דער טייטשער אָבער־
קאַפּאָ „איקס״, וועלכער פלעגט האַלטן ווי אַ חרפה און בזיון פאַר זיין גרוי־
זאַמער גבורה, ווען אויף אַוועקצולייגן קאַלט אַ יידן, האָט ער יענעם געדאַרפט
מיט די ידים אַ „גלעט טאָן״ מער ווי דריי מאָל... ביי דער זייט האָט זיך גע־
קאַטשעט זיין טרייער תלמיד און געהילף איגנאַץ דער פּאָליאַק, וועלכער
האָט ביי דער אַרבעט זיך געהאַט אַ מינהג כמעט יעדן טאָג צו גוזר זיין אויף
איינעם אָדער מער פון זיין קאָמאַנדע יידן צו שפּרינגען אין דערבײַיקן טיפן
וואַסער אַריין. קומט שוין יענער יע אַרויס אַ לעבעדיקער, נעמט זיך איגנאַץ
מיט אַ שטעקן צו „אָפּטרייסלען״ דאָס וואַסער פון אים און מיט אַ כמאַליע

אין קאָפּ אַריין — „קרוינען״ פאַר אַ שווימער... פון צווייטער זייט האָט גיפ־טיק געשטראַלט וואָלאָדקאַ, דער אוקראַיִנער, וואָס האָט זיך דערפינדעריש געקליגלט מיט זיין גייסטרייכער רישעות אַריבערצושטייגן נאָך דעם רבין „איקס״ צוזאַמען מיט דעם עלטערן חבר איגנאַץ... פאַר דער אַ אוי־דיטאָריע, אוי, האָט ער געזונגען — דער חזן ראשון פון דער עיר ואם בישראל!

— רב חזן, ווייסט איר ניט, האָט איר דען ניט געהערט פון „על נהרות בבל״? — האָט אים נאָך אַ קאָנצערט זיינעם אַ פרעג געטאָן אַ ייִד אַ תמים. — אייך איז דאָך געוויס באַקאַנט, רב חזן, פון יענעם פאַרלאַנג פון די פאָלקס־פאַנגער און פייניקער צו משמח זיין זיי און זינגען משירי ציון. און ייִדן־לוויִים, אונדזערע אַמאָליקע שפּילער און זינגער, האָבן אויף ווערבעס אויפ־געהאַנגען זייערע האַרפעס, די אינסטרומענטן זייערע, און זאָלן נאָך האָבן אַרונטערגעשניטן זייערע פינגער. די פאָלקס־שונאים זאָלן זיי ניט קאָנען אַפילו אויפצווינגען צום מאַכן לוסטיק...

— וואָלטן כאָטש די קאַפּאָס געגעבן גוטע זופּ; די הייִנטיקע איז דאָך היילע מיים!.. — קרעכצט אָפּ טרוקן דער לעצטער ש״ץ פון דעם חזנים־באַרימטן עמוד אין דער אויסגעהרגעטער קהילה קדושה.

קיין פיינערן טאָן האָט שוין ניט געקענט אַרויסגעבן די לעצטע סטרונע אין דער צעבראָכענער האַרפע פון דעם געשענדטן מקום־קדוש.

אָט ווי רוצחיש עס דערלויערט די טיפסטע מדרגה פון דערהויבענעם ממעמקים!

ממעמקים קראתיך, איקס..

פאַר דעם קלענסטן פאַרגרייז, און ווער רעדט נאָך פאַר לייכטזיניקייט, פלעגן טאַטעס און זיידעס זיך קלאַפּן אַ לעבן דעם על־חטא פון בקלות־ראש. הייִנט האָבן דערוואַקסענע קינדער פאַרלוירן דעם קאָפּ אַליין, דעם לעצטן פונק פון כבוד אייגענעם.

על חטא!.. שטורעמט, מוזיקאַנטן, אויף דער פרייער בינע, פאַרבראַזגעט און רייסט זיך וואָס שטאַרקער אַרויסצושלאָגן דעם צאַפּלדיקן אומרו פון אייך, און שוין אויך פון די חברים אייערע, די זינגער און טענצער. דאָס געמיט שרייט!

די פריילעכע קאָמפּאַניע... מיטן פאָלק איז מען געווען ניט איי־איי. ברייט דאָס האַרץ, באַהעמיש, אָבער ניט טיף אויף אַ ניט־מוזיקאַלישער אידעע. קיין טיפערן ווי דעם נאָטן־שליסל האָבן זיי גאָרניט געזוכט אויף צו עפענען, אַנטפּלעקן און לייזן מער פאַרוויקלטע לעבנס־פּראָבלעמען. אַלץ ווי קלאָר פאַרשטענדלעך, און לייכט גענומען.

ווייטלעך טאַקע פון פאָלק, אַ ביסל אַנגעצויגן קעגן אַלטן שטאַם. אָבער צו אַ טאַטע־מאַמע זיינען די מענטשן געווען צוגעבונדן. גאַנץ אָפט האָבן על־טערן געלאָזט רייסן פון זיך דעם ביסן, כדי נאָר צו געבן דעם קינד אַ מוזי־קאַלישע אַנטוויקלונג. און אַ מוזיקאַלישער טאַלאַנט האָט אויך אַ שייכות מיט ירושה.

פאַרטע פאַרטיסימאָ, פּוריאַזאָ!.. וואַרפט זיך שפּאַנעוודיק דער בויגן ביי דעם צעפּאַטלטן בחור אויף דער עסטראַדע. זיין קאָפּ מיטן בלאַסן געזיכט פאַרט נאָך מיט פלאַטער. די אויגן שוועבן מטושטשדיק דורכן זאַל גאָר העט־ווייט, העט־ווען... ניט באַרוּקט איז נאָך דער מענטש פון יענער גרויסער אַקציע. באַלד ווי מען האָט זיך דערוווּסט וואָס מאָרגן שטייט פאַר אין געטאָ, האָט ער שוין ניט אָפּגעלאָזן די צעשוידערטע טאַטע־מאַמע. מיט זיינע געבראָ־כענע כוחות האָט ער זיך אַלץ געמיט אַרויסצושלאָגן פון זיי די פאַרלוירנקייט; זיי צוגעפּוצט, געמונטערט און ווידער אַ מאָל געקליגט זיך אַרויסצוברענגען ביי זיי אַן „אַרבעטספּעציקן" אויסדרוק... דער געשטאַפּאָ־סאָרטירער האָט אָבער ביים פאַרביימאַרש אַוועקגענומען די אַלטע, און אים, דעם מער קרעפטיקן זון, געשיקט אויף דער רעכטער זייט, צוריק אין געטאָ אַריין. אַ ריזיקער אַעראָדראָם צום בויען האָט נאָך אויף זיינע ניט־דערליידיקטע מוסקלען געוואַרט.

— געדענק דאָס קינד!.. — האָט זיך אין זיינע צערונענע חושים דעמאָלט אַ שניט געטאָן אַ לעצטער קלאַנג פון טאַטע־מאַמע, באַגלייט מיט אַ דורכ־זיכטיקן בליק, שוין פון אַ „יענער זייט".

אַוודאי געדענקט ער; ניט פאַרגעסן פאַר די גאַנצע קאַצעט־יאָרן. ביי גויים, זייערע גוטע פריינד, האָבן עס די עלטערן אויסבאַהאַלטן די מיזינקע, זיינס אַ שוועסטערל. אָבער איצט, נאָך דער באַפרײַונג — ניט אַרויסצוקריגן זי! די גוט־באַצאָלטע גאַסטגעבער דעם קינדס זיינען שוין געוואָרן די באַ־

לעבאַטים אויף גוף און נשמה. זי שפּילט קלאַוויר אַזוי פיין, דאָס מיידל, איז זייער מוזיקאַליש און געבענטשט מיט דורות טאַלאַנט, — טאָ וואָס האָט ער, דער זשידעק, צו פּרעטענדירן? אַ שטיין אין קאָפּ, אַ קויל וועט נאָך וועןֹ פליען צו אים, דעם פרעמדלינג, פאַרן פּרוּוון צולייגן אַן אויער צו דער שיי־נער מוזיק פון זיין לייבלעכער שוועסטער, פאַר זיין ניט וועלן באַנעמען אַז דאָס פייערן מענטשן דעם טאָג פון יענער גרויסער אַקציע אין געטאָ — אַ חגא פון דעם יודענריין!

פּאַרטיסימאָ, פּואָקאָ!.. יאָגט דער בחור און ווירבלט איבער דער עס־טראַדע. אַ סובטילע סטרונע מיטן לענטאָ־שטייגער איז שוין פון לאַנג ווי געפּלאַצט אין זיין כלי. פאַרפלויגן דער צאַרט ווייכער טאָן. אויס פּיאַניסימאָ.

ער אויך, דער ניט־יונגער וויאָליניסט. צעבראָסטעט און אויסגעפייניקט. ער אויך טרעפאָ, פּאַרטיסימאָ. אויף דער עסטראַדע שפּילט ער דאָ מיט דעם זעלבן אינסטרומענט וואָס מיט צענדליק יאָר צוריק. מיט דעם זעלבן פידל און מיט זיין פעכיק־געדיכטער שעוועליור און פלאַקערדיקע בליקן פלעגט ער עס דעמאָלט־דעמאָלט זיך פלייסן צווישן יוגנטלעכע זיין גלייכן; און מיט אַזאַ דערפאָלג געשפּילט זיין יוגנט־ליבע. טעמפּעראַמענטפול געשפּילט פידל און ליבע.

צוזאַמען מיט דעם פידל און מיט דער וויב, זיינע ביידע צאַרטע לעבנס־באַגלייטער, איז ער עס געבראַכט געוואָרן פאַרן טויער פון יענעם מוראדיקן קאַצעט מיט די אומהיימלעכע קוימענס פון וויטן. דער עס־עס וואַרפט אַ בליק אויף די דריי, קאַלקולירט באַלד מיט זיין גרויס געניטשאַפט, פון וועמען לאָזט זיך דאָ ציען מער נוצן, און פייערדיקער גורל פאַלט אויף דער אַלטער מיטגייערין.

דער אַלטער אַליין מיט זיין פידל איז אָבער ניט דער אַמאָליקער לוי מיט דער האַרפע. דאָס גלייכן זיינען די אַנדערע פון דעם אָרקעסטער אויך ווייט ניט די העלדן פון „על נהרות בבל״. האָט מען שוין צוזאַמען מיט די שפּי־לעוודיקע כלים זיך אַדורכגעשלאָגן דורך לאַגערן האַרטע און פינצטערע. ביז דער באַפרײַונגס־שעה.

אָט האָבן עס דאָרט מענטשן אַרום דאַכאַו, אין דער ערשטער, גליקלעכער

און שוידערדיקער מינוט, זיך אַזוי צעכליפּעט: עלטערן אונדזערע ווו זיינען שוין? קינד און ווייב!.. און ער, דער גרויער מוזיקאַנט, אַ וואָרט פון זיין קנייטשיק־פאַרביסן מויל ניט אַרויסגעזייט. ביחידות און טרערן־זשיפּנדיק צו־געפאַלן קושן זיין צווייטע ליבע — דאָס פידעלע.

היינט פאַרגייט ער אין פאָרטיסימאָ, דער אויסגעפייניקטער קינסטלער. ער פייערט מיטן בויגן און גיסט זיך אַנגרייפעריש צוזאַמען מיט זיינע חברים מוזיקאַנטן. טיאַכקעט נאָך וואָס אין די טיפענישן?.. שפּיל עס אַרויס פון זיך, שפּאַן אָן אַלטן אָטעם צוזאַמען מיט דיין מיטגעלעבטער כלי און ברענגטביידע ביינאַנד אַרויס אויפשיטערנדיקע דערמאָנונג פון אייער דריטן לעבנס־חבר. פּואָקאָ, פּאָרטיסימאָ!..

ניט קיין שלעכטע פאַמיליע־מענטשן זיינען דאָס רוב מוזיק־לייט. אָפּט נאָר ציגיש געכאַפּט, פעפערדיק. דאָס מאַכן רייטלדיק מיידלעך און יונגע ווייבלעך דערגייט ביי זיי טייל מאָל צו אַן אידעע. יע, ניט איבערקלייבעריש מיט אַ וואָרט; עס זאָל נאָר נעמען. די ווערטלעך פון חברה קלעזמאָרים זיי־נען פון שטענדיק סחורה פאַר פאָלקלאָריסטן.

אַזוי אימפּעדיק איצט איבער דער כלי, דאָ אויפן צווייטן ברעג עסטראַ־דע. דאָס בלאָנדע פנים צעשרויפט, און די לויפיקע אויגן פיבערן... מיט אַ צענדליק יאָר צוריק אין שטאָטישער ווינטער־נאַכט, שטייט דער זעלבער אי־בער ברייטן טראָטואַר, שטראַליק געאָרעמט מיט זיין יונג ווייבל, אַ קלאַוויר־לערערין. פּיפּיק־פּאַרשייט ציט ער אָן אין די רייד זיינע מיט חברה באָהעמע דווקא מכוח אַ דאַמען־שניידער. ער קערעוועט אַלץ קעגן דער שעמעוודיקייט פון זיין פרוי און דערציילט וועגן אַ רעפּאַראַטור אין איר קלייד און מאַנטל; עס בעט זיך שוין אויף גאָר ברייט...

די פרוי איז אים געווען טייער. און צוליב איר איז ער געווען גרייט צו אַמפּערן זיך מיט זיין מאַמען,ביים האָדעווען דאָס ניי־געבוירענע מיידעלע. דורך שפּאַרונעס פלעגט די יונגע פאָר אַריינקוקן אין קינדער־צימער. לוי־ערן אויף דער אַלטער, צו טוט זי ניט וואָס ניט־ריכטיקס.

— מאַמע, וויפל מאָל אָנגעזאָגט, אַז וויגן אַ קינד איז אַלטמאָדיש!

— שוין דאָס ביסל נחת אויך ניט! — פלעגט די באָבע אָפּבורטשענען

און נאָך לאַנג האָט איר פּנים געפלאַמט, ווי געכאַפּט ביי וואָס שרעקלעכס.

צייט און געדולד צום האָדעווען דאָס קינד האָט אָבער געהאַט נאָר די אַלטע. האָט זיך אויך געשפּרייט איר ממשלה איבערן איינציקן אייניקל. און — אוי וויי! די מאָדערנע עלטערן האָבן פאַר זייער פּיצל שוין געהאַט פאַרויסבאַשטימט אַ גאָר־געהויבן אייראָפּעיִש לשון ווי איר מוטער שפּראַך; און גאָר־גאָר איז געווען גרויס זייער ציטער פאַר טאָמער אַ וועלכן יידישן אַקצענט אין דעם קינדס צינגל. און — אָט!

ממש גרויליקע קלאַנגען פלעגן זיך דערשניידן צו זייערע אויערן. מיטן קינד שפּילט זיך עס די באָבע. — אַכאַפּטשיק!.. אַם־אַם!.. קאָסינקע... סאַראָקע וואָראָנע. ניענע, האַיטע... מורזע!..

מיט אָבערגלויבנס און יענטעוואַטע שפּרוכן האָט די באָבע געקאָרמעט דאָס מיידעלע. נאָר אַ ניס פון דער קליינינקער, האָט ניט פאַרפעלט באַלד דער אָנקוועליקער אָפּהילך:

צו געזונט, צום לעבן,

צום וואַקסן, צום קוועלן!

ניט געהאָלפן דאָס שרייען און איינטענהן פון דער יונגער שנור; ניט איינצוצוימען די אַלטע!.. ביים באָדן דאָס קינד איז שוין קיינער ניט געווען איר גלייכן. אומפאַרבייטלעך האָט זי זיך דערביי געפּילט, און אַלץ איז ביי איר געגאַנגען מיט ליד און גראַם:

פּוזש־פּוזש־פּוזש, זשאַבקעלע,

גיב אַקאָרשט דאָס לאַפּקעלע!..

בום־בום, רויט־זיס עפּעלע,

לאָז זיך איינזייפן דאָס קעפּעלע!..

אַ העמדעלע אַראָפּ,

אַ געזונט אין קאָפּ;

אַ רייניקע אַרויף,

אַ געזונט אין גוף!..

דאָס מיידעלע האָט זיך טאַקע איינגעגעבן אין דער ליבער באָבעשי, געוואָרן מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו איר. און דער גורל אַליין האָט אויף דעם צוזאַמענבונד אַרויפגעבערענט זיין וויסטן שטאַמפּ. אין טאָג פון „אַקציע פון

קינדער און אַלטע" זיינען אין געטאָ די בײדע געוואָרן אַריינגעשליידערט אין איין לאַסטוואָגן... ניט געהאָלפן האָט דער צערייצטער אויפשפרונג פון דער יונגער מאַמען און אור־קרעפטיקער ראַנגל. קאָלבעס פון ביקסן האָבן גע־שמעטערט איר שטורמישע עקשנות, הינט דרעסטירטע האָבן מיט ציין הייסע זיך געשניטן אין איר קאָכיקער פאַרביסנקייט.

בום־בום!.. שפּיל, מוזיקאַנט, גרייף אָן און צי מיטן בליק דיין וויסטן. פון אַ קוימען אַ הויכן שלענגלען זיך, מיט קאָפּ־שפּאַלטנדיקן בראָטן־גערוך, לעקעלעך מיט קאָסינקע־פינגערלעך, באַזוימטע מיט אויגן אַלטע טרייע; און דיין ווייב אין שטוב כאָרכלט אַרויס איר לעצטן אָטעם מיט געביל אַ ווילדן.

שפּיל, מוזיקאַנט, צי מיט שטורעם, רייס איין — פינצטער און טויב אַרום!

טויט און עלנט הילן אונדז און שטיקן דעם פרייען אָטעם. ניט אינסטרו־מענטן, גלידער וויינען. פאַרשניטן לעבן טוט זיך צאַפּלען אין געיאָמער פון וויסטן דורותלאָזן אומקום.

טויט הילט אונדז. צווי בלומען פון ווייסן גאַלאָן שווימען אַרויס פונעם שוואַרצן קליידער־קרעפּ, וואַרפן זיך מיטן אומהיימלעכן טעמפּאָ איבער ברוסט און לענד פון דער שפּילערין ביים קלאַוויר. שאַרבנס זיינען עס. מיט דער פלאַמיקער קלאַוויאַטור טאַנצן מיט פון־ווו שאַרבנס.

די „פריילעכע קאָמפּאַניע". געוועזן אַזאַ. אויך ביי אונדז געוועזן פרייד און לעבן.

שטורעמט, שפּילער פון אייער טרויער, פון אונדזער אַלעמענס.

קלאָגט אָן די מחבלים פון דער וועלט, דעם הערן־און חורבן־פאָלק, אַלאַרמירט און שפּאַלט מיט אייער שאַלן די מויערן פון רישעות. חרם זאָלן אַרויסשרייען די שופרות אייערע. פאַריאָגט זאָל ווערן די לעבנסלוסט ביי די פאַרוויסטער און שטאָם־פאַרלענדער פון אונדזער פאָלק!

קיין טראָפּן גליק, קיין שטראַל פרייד זאָל באַשיינען די צעלטן פון עמלק. שטורעמט!

[לאַנדסבערג־לעך, סעפּטעמבער 1945]

ד

אַ צייטונג, אַ צייטונג !

דאָך ניט קיין מומיעס

קאָנגרעסיש

אין שול אריין !

זאַמלען און פאַרצייכענען

סוב־היסטאָרישע קהילות

אונדזער משיחיזם־גאַסט

אַ צייטונג, אַ צייטונג!

אָט אין די אָנקומענדיקע האַרבסט־טעג 1945 קומען מיר דאָ צו די באַפרייטע ייִדן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט דער בשורה:

אַ צייטונג, אַ וועכנטלעכע, אַ ייִדישע, הייבט אָן אַרויסצוגיין אין מינכען.

אַ צייטונג, אַ ייִדישע צייטונג!

אַ בלאַט־צייטונג, געדרוקט, טאַקע מיט די לויכטיקע פּירקאַנטיקע ייִדישע אותיות, — די טייערע אותיולעך, גאָלדענע אותיולעך, וואָס דורות אויף דורות פלעגט זיי דער ייִד אויפנעמען מיט אַ ברענענדיקן קוש. פון די ייִנגסטע יאָרן האָבן מיר פלאַמיק געדריקט אונדזערע ליפּן צום אלף־בית, צום סידור, צו יעדן ייִדישן ספר ביים עפענען אים און פאַרמאַכן.

העליש פלאַקערט די בענקשאַפט צום ייִדישן אות און וואָרט, וואָס איז פון אונדז אַזוי גרויזאַם פאַרשטומט געוואָרן און פאַרשניטן. צאַפּלדיק שטייט נאָך פאַר די אויגן אָט די ווילדע צערייצטקייט, וואָס אַ ייִדישער ספר אָדער שריפט פלעגן אַרויסברענגען ביי די רוצחים. נאָר דער אָנבליק פון אָט די פּירקאַנטיקע האָט ווי מיט אַ באַהאַלטענעם כוח ניט איין מאָל אָנגעוואָרפן אַ מין פּחד אויף די חיות, עפּעס־וואָס פלעגט זיך אַ צאַפּל טאָן אין זיי. און באַלד־ווידער פלעגט די ניכפּה זיך צעצינדן אין זייערע טרייפענע אָדערן און וועלפישע בליקן.

די הייליקע פאַרמעטן זיינען, ווי אַלע פון אונדז, געשליידערט געוואָרן אין שייטער. טייערע און זעלטענע אוצרות ספרים זיינען פון די טמאדיקע הענט געוואָרן פאַרברענט. ניט אָבער אונדזער אייביקער גייסט, און ניט די פייערדיקע כישופדיקע אותיות!

און אָט מיט די „אותיות פורחות" שיינט אויף ביי אונדז אַ בלאַט. אַ צייטונג, אַ ייִדישע צייטונג!

מיר וועלן עס אַרויסגעבן דעם בלאַט.

מיר, די געוועזענע קאַצעטלער — „פיגורען, זאַו־באַנדע, ציגיינער, פער־דאַמטע״, און מיט די נאָך אַלערליי פערלדיקע טיטלען... יאָרן לאַנג האָבן מיר דאָך ניט געטאָרט אַריינקוקן אין אַ צייטונג, אַפילו אין דער ווילד־העצערישער און שקרים־פולער „פּרעסע״. האַלטן נאָר אַ „כתיבה״ אָדער זיך איבערגעבן „חדשות״ — מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט! וויפל ברידער אונד־זערע זיינען אַוועק צו דער תליה כלומרשט פאַר „אויסערונגען געגען דויטשן פאָלק״!..

מיר, וואָס נאָר דער יינגסטער פון אונדז האָט דאָ אָנגעזען און איבער־געלעבט ימים מיט רישעות, טעמפּע שינאה, סאַדיזם, וויסטע רציחה — האָבן עס דורות גאַנצע אויך אין זייער רייכסטער פאַנטאַזיע די אָרעמסטע השגה ניט. ווייל אַזוי איז שוין אונדזער היסטאָרישער וועג: אַדורך לייבנ־גרובן פון קאַלכאויוון צום גאַזאויוון, פון די נימרודס ביז די היטלערס, — און דאָס פאָלק לעבט איבער זיי מיט זייער פעלקיש־ראַסאָוועד און איידלבלו־טיקער הערשאַפט צוזאַמען!

מיר די פייער־געפּרוווטע, געלייטערטע; אונדזער אויג איז שוין גענוג־גענוג אָנגעזאַפּט און געניט און געשליפן... אַ טיף־טרויעריקער קאַפּשאָקל, האַרציקע מיטגעפיל־ווערטער און אַפילו אַ טאַשנטיכל ביי די אויגן נאַרן אונדז נאָך ווייט ניט. פון אונטער זיבן און זיבעציק שעפסן־פעלן דערקענען מיר באַלד דעם וואָלף. ניט מיר זאָלן זיך אין אונדזער צייטונג לאָזן פאַרפירן פון „פיין־סימפּאַטישע״ אויסדרוקן און סתם־אָנציעוודיקע אידעען. אַלץ וועט דאָ ווערן ריכטיק געוויגן און געמאָסטן — און דעם אמת אין די אויגן!

אָט מיר וועלן עס איצט אַרויסגעבן אַ צייטונג; וועלן שרייבן, מאָנען, באַמערקן וועגן יעדן און אַלץ. מיר וועלן זאָגן אָפן וואָס מיר פאָדערן און וואָס מיר ווילן — און וואָס אונדזערע שונאים ווילן ניט.

אונדזער צייטונג פאַרנעמט זיך ניט צו ווערן אַ שטענדיק־בקביעותדיקער אָרגאַן פון אַן איינגעזעסענער באַפעלקערונג. מיר ווילן דאָ נאָר אַן אונטער־וועגס־בלאַט, לאָזן הערן די שטים פון דעם גרעסערן געזעמל יידן, די צוזאַ־מענגעטריבענע פון פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע לענדער. הייַנט זיינען מיר דאָ אין אונדזער געוואַנדער פון דער נאַצישער קנעכטשאַפט, אָט דער לעצטער

בלוטיקער פונקט אין דעם לאַנגן פינצטערן גלות לעבן — צו דעם לאַנד פון אונדזער נאַציאָנאַלער פרייהייט, קיין ארץ־ישראל. דער טרויעריק־באַרימטער „מאַרש נאָך טיראָל" פון די קאַצעטלער, אין די לעצטע גסיסה־מינוטן פון נאַ־ציזם, האָט עס אונדז אַהער צונויפגעיאָגט. די חרובדיקע מינכען, אָט די גע־וועזענע הייליקע „הויפּטשטאָט פון דער באַוועגונג" איז עס געוואָרן דער צייט־ווייליקער צענטער פון אונדזער עלנט־פּאַרוויסטן לעבן. און אָט פון דער וואַנ־דער־סוכה אונדזערער אין אשכנז הנופלת, אין דעם מפלהדיק עמלק־לאַנד, — וועלן מיר לאָזן הערן אונדזער פרייע נאַציאָנאַל־אויפלעבנדיקע שטים — די שטים פון די ווירקלעכע אחרונים לשעבוד!

אָט דאָס יידישע וואָרט און אייביקע שריפט שליסט אונדז ווידער צו־זאַמען מיט דעם גרויסן ציבור פון אונדזערע ברידער פון נאָענט און ווייט איבער דער ברייטער יידישער חרובער און בויענדיקער וועלט. העלפן וועט עס אונדז גרינטלעכער זיך פונאַנדעצוקלייבן אין די אָן אַ צאָל טראַגיש פאַר־וויקלטע פּראָבלעמען. מיר וועלן אויך לאָזן הערן אונדזער געדאַנק און זיך טיילן מיט דער מיינונג פון יידן אין ארץ־ישראל און אין די תפוצות־הגולה.

זאָל אַ וועלט וויסן אַז מיר לעבן, אַז מיר האָבן אַריבערגעלעבט!.. טאַקע נאָר מיזערנע ברוכטיילן, אין גאַנצן רוינירטע, מיט טייכן בלוט אָפּגעגאַנגענע — אָבער מיט אַן אַנטשלאָסענעם ווילן ווייטער צום לעבן.

לעבן!

[„אונדזער וועג" נומער 1, מינכען, אָקטאָבער 12, 1945]

דאָך ניט קיין מומיעס!

„דויטשעס מוזעאום", מינכען.

די מייסטערווערק פון זייער מוזיי האָבן די דייטשן אין די מלחמה־יאָרן געהאַט אַרויסגענומען. פאַרבאַהאַלטן פון די באָמבאַרדירונגען, וואָס האָבן די געגנט טאַקע אַ ביסל רויִנירט. פּירט איצט אין דער גרויסער ־גרויסער געביי־דע איר מלוכה „אונררא", די אָרגאַניזאַציע וואָס זאָרגט פאַר מלחמה־קרבנות. יאַרידעווען דאָ אוקראַיִנער, פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן, אונגאַרן. ביסלעכווייז האָבן דאָ באַקומען אַ דריסת־הרגל אויך ייִדן.

ווו טרעפט מען אַ ייִדן אין דייטשן מוזיי? ניט אויפן הויף צווישן די ליי־דיקגייער; ניט אינעווייניק פּאַרטער, אין קאַפע, ווו אונטער קלאַנגען פון ביליקער מוזיק ווילן זיך די וואָס קאָנען זיך עס פאַרגינען. אויך ניט ווייטער אַבי־סל, דאָרט אין די צימערן פון די קורסן, ספּאָרטזאַל און אוניווערסיטעט, ווו אַ בכבודיקע צאָל פון פּאָגראָם־פּראָפעסאָרן און אַנדערע שיינע לייט, „גוטס־טוער" פון אונדזער פאָלק, האָבן זיך גאַנץ וואַרעמלעך איינגעטוליעט אונטער די ברייטע פליגלען פון „אונררא".

ניט אין די געמיטלעכע און קולטורעלע ערטער. ווייטער, ווייטער געגאַנ־גען! אָט דאָרט אין די האַלב־חרובע און אָפּגעלאָזענע זאַלן־שפּײַערן, פּאַר־פּינצטערט־שמוציקע, אוי, אין די אַזוי אומהיימלעכע און פּרעסיקע קאָרי־דאָרן־באַראַקעס. אָט דאָרט־דאָרט זיינען צונויפגעוואָרפן הויפנס שפּליטער פון „עם הניבחר". דאָ זיינען עס פּלאַצירט די ייִדן אין זייער אומ־ענדלעכן, געיאָגטן און געפּלאָגטן נע־ונד־וועג. אויף קויטיקע און שיטערע שטרוי־זעק, אין ענגשאַפט, קאָפּ אויף קאָפּ; צווישן שמאַטעס טרעמפּלען אַרום אין אָפּגעטראָגענע, צעפּליקטע מלבושים, האַלב־נאַקעטע מענער, פרוי־ען און אויך קינדערלעך.

ניט קיין משפּחות, פֿאַמיליעס גאַנצע, ניט פֿון די זעלבע שטעט אָדער אפילו מדינות. אַ געמיש איז דאָ פֿון וויסטע יחידים. מען גיט אַ רייד מיט וועמען, אַ פֿאָרש, ווייזט זיך אַרויס אַז דער איז אַ לעבנגעבליבענער פֿון אַ הונדערט־קעפּיקער פֿאַמיליע, אָדער אַ שריד־ופּליט פֿון אַ שטאָט אַ גאַנצער. וואָס האָבן שוין די מענטשן ניט איבערגעלעבט און ווו זיך ניט אויסגעוואַל־גערט — שוין נאָך דער „באַפֿרײַונג"? לאַנג האָבן זיך אַ סך פֿון זיי געפּייניקט אין וואַנדערניש דורך וועגן און אומוועגן. זיך געריסן אין צוגן און געוואָרן אַרויסגעוואָרפֿן. דורך פֿייער זיך דורכגעגנבעט אַ גרענעץ, איז מען געוואָרן געיאָגט צוריק פֿון דער צווייטער זייט. טעג און וואָכן און חדשים געשלייכט זיך דורך פֿעלד און וואַלד, בערג און היילן. שאָסייען און באַנען און טראַנס־פּאָרטן זיינען פּריי מיטן גרעסטן כּבֿוד פֿאַר גריכן און יוגאָסלאַוון, פֿאַר אוז־בעקן און טאַדזשיקן, פֿאַר יעדן וואָס קערט זיך נאָך דער מלחמה צוריק צו זיין היים און פֿאָלק. פֿאַר יידן אָבער — איז דאָ בכלל אויף דער וועלט אַזאַ פֿאָלק? יע, אויף אַריינצושליידערן אַ מענטשן אין אַ געטאָ, אין אַ קאַצעט אָדער גאַזקאַמער זיינען שוין די כאַרטן־אויערן פֿון דער ציוויליזאַציע אָנגע־שפּיצט אויפֿצוכאַפּן אַ שטים אַפֿילו פֿון אַ יידישער עלטער־באָבע אין פֿאַר־וואָקסענעם קבֿר. קומט אָבער היינט צום אויסטיילן 50 גראַם מאַרמעלאַד פֿאַר אַ פּול־יידן, איז הרגע זיי אַוועק די וועלט־אדונים, אויב זיי האָבן גאָר אַ באַגריף אָדער ווען געהערט פֿון אַזאַ פֿאָלק!

איז דאָך טאַקע דאָס הכּנסת־אורחים אין דעם דייטשן מוזיי אַ לייטישער זשעסט מצד דער מענטשהייט פֿאַר אַזאַ פּעבל, טיפֿן פֿון מחוץ־למחנה. דער גן־עדן אַליין פֿאַר אָט די לעבעדיקע עקספּאָנאַטן. און אפשר שוין אויך לקיים מה שנאמר, וואָס דער פֿירער אַליין האָט געזאָגט, אַז אַ לעבעדיקן יידן וועט די וועלט קאָנען זען נאָר אין אַ מוזיי...

ליגט דאָ, אייביקע יידעלעך און אומבאַקאַנטע „שטאַטנלאָזע"! טויגעוו־דיקע זייט איר גראָד. אָט האָט ווער פֿון אייך ערגעץ „אָרגאַניזירט" אַ צע־פּוילטן טעפּיך, האָט ער דאָך אַ מלכותדיקע דעקע! פֿלינק־רירעוודיק זייט איר; אַ גרויסער באַטרעף ביי אייך אַ שפּאַציר צו טאָן דורך די קילאָמעטער־דיקע קאָרידאָרן און איבער טרעפּ צום וואַסער־קראַן אָדער טואַלעט. דאַכט אַ „לומפּן־געזינדל"", זעט ווי שיין זיי האָבן זיך אויסגעמייסטערעוועט כּלים פֿון

פּאַרראַסטן בלעך אויף דער געשמאַקפּולער זופּ און קאַפּע, וואָס זייער אויס־זען דערמאַנט אַזוי דעם שליים פון אַן אָפּגאַס־גרוב.

אַ געזאַנג! יע, דאָ זינגט מען.

אין פאַרנאַכט־טונקלקייט, אַדורך נפשות פאַרלייגטע און אומבאַלויכטע־נע קאָרידאָרן, צווישן אָפּלעגערן און מיסט נעמען שפּאַנען די פיס מיט די געשפּאַנטע אויערן אין איין געצי צו קלאַנגען אַזוינע מונטערדיקע, מיט התרוממות. אין ענגשאַפּט און שמוץ האָבן מענטשן־שמאַטעס אין דעם שבת־דיקן טאָג פאַרלייגט אַ יום־טובדיקן ווינקל. יום זה מכובד!.. אַ מין טיש באַדעקט עפּעס העל־ווייס; מיט פּעניצלעך באַשמירטע ברויט און געהויבענע טענער פּראַוועט דאָ שבת־מלכתא איר שלוש־סעודות. יוגנט מיט צונטערע אויגן הילכט און פלאַקערט מיט דעם „למרות הכול ואף על פי כן" און „צור משלו"...

נייך, ניט מומיעס זיינען די אָ, די ברכי אמונה, געבענטשטע מיט אמונה, פייער געפּרוווטע.

אַ געזאַנג ווייט ניט פון אונטערגאַנג. פון ווייטערדיקן אויפגאַנג!

און דאָך, לייגן אויף די לאַפּעטקעס די אַזוי פיל אָפּגעקומענע־און־אויפ־קום־לעכצנדיקע מענטשן — איז אויך ניט קיין גרויסער יושר מצד דער וועלט־גערעכטיקייט. אַ פּונק כאָטש פון גוטן ווילן, אוי ווי עס ווילט זיך דאָך מערקן אין אָט דעם פינצטערן גרויל!

קאָנגרעסיש

וואַלן. מיט מזל שוין פאַרגעקומען וואַלן ביי דער שארית־הפליטה. דע־מאָקראַטיש. אייגענע פאַרוואַלטונגען אין די לאַגערן, קאָמיטעטן אין די שטעט. בעט זיך שוין פון זיך אַליין אַן אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר, אַ געוויילטער צענ־טראַל־קאָמיטעט. איז מען ייִדן באַפרייטע — מען זאָגט, מען רופט אונדז אַזוי — נו־נו, טאָ ווו איז אַ פריי וואָרט אויפן ברייטערן פאָרום, אַ ברייט־עפנטלעכע מיינונג און מענטשן צענטראַלע געוויילטע?

און מיט מזל! מורמלער האָבן זיך דערבורטשעט און שרייער זיינען דערוויל שטיל. אין אַ גוטער שעה האָט דער צונויפקום באַקומען אויף אַ באַשטימטן טאָג און אָרט. מינכען, יאַנואַר 27, 1946. מיטן ריכטיקן נאָמען האָט זיך נאָך שאַרף־פילפולדיק געוואַקלט. ביז די לעצטע טעג. קאָנפערענץ, ערשטער קאָנגרעס, צי גאָר צוזאַמענפאָר? קאָנגרעס האָט געזיגט. „דער ערשטער קאָנגרעס פון די באַפרייטע ייִדן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד".

ניינציק דעלעגאַטן פון לאַגערן און שטעט, פון פּראָווינצן און פּונקטן. געוויס אויך פיינע מענטשן, די שליחי־ציבור. אַבי ווער וועט דאָך ניט שפּרינ־גען צו אַזאַ געהויבענער עסקנות. און געסט גאָר חשובע פון אויסלאַנד. טאַקע אויך פון די סאַמע אונדזערע ברען־פּונקטן — ארץ־ישראל און לאָנדאָן.

אַזאַ אַטראַקציע ציט צו וועלט־זשורנאַליסטן. בפרט נאָך ווען דערביי אין נירנבערג נודיען זיך די פּען־מענטשן שוין מאָנאַטן און צערן זיך אויף דעם געצערטלטן פּראָצעס פון דעם הערן גערינג און קאָ. יאָרן מענטשן־האַס, מאָרד און בלוט גליווערן אין דעם גערעכטיקייט־פּאַלאַץ אַדורך אַ פאַר־זשאַווערטן קאַליידאָסקאָפּ פון שטויביקע אַקטן, קליגערישער רעטאָריק און באַנקקוועטשערישע פאָרמאַליטעטן. אַזוי פיל מאָל ווערט דאָרט דעקלינירט

דאָס אייביקע וואָרט „ייִד". לוינט דאָך אַראָפּצוכאַפּן זיך אַ זונטיק קיין מינ־כען. עפּעס אַ ייִדישער צוזאַמענקום דאָרט, אַ „קאַהאַל" אַזאַ. טאַקע אָנקוקן די מחותנים אַליין. הייפּלעך פון זיי לעבן נאָך אַלץ!

זונטיק 12 בייטאָג. די עפענונג פון קאָנגרעס איז היינט אָוונט. פאַר דער פּרעסע פאָדערט זיך אָבער אַ באַזונדערער אויפנעם. באַוואָפנט מיט פּיל־פעדערס, שיסן די זשורנאַליסטן אין די נאַטיצביכלעך אַריין. טראָג זיי אונטער נאָר שאַרפס, לעבעדיקס, אַט כאָטש געגני וועגן דער צאָל אויסגעהר־געטע ייִדן. ראַבאַי קלויזנער, וואָס איז אַ טשאַפּלעין פון דער היגער אַמעריי־קאַנער אַרמיי און אַן איבערגעגעבענער טוער פאַר די באַפרייטע ייִדן, ער דרייט דעם עיקר טראָפּ דווקא אויף די לעבעדיקע. יע, די לעבעדיקע, די וואָס זיינען שוין ניצול געוואָרן פון טויט, זיי ווילן אויך — לעבן. אַ סך האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט אין זייערע אַלטע היימען, און געוואָרן איבערגעגנו־מען דורך נייע פּאָגראָמען. איז אַ צאָל פון זיי ווידער דאָ, נאָך וואַלגערנישן אונטערוועגס, און שוואַרצן גרענעצן... ווי ביטער איז אָבער דאָס לעבן דאָ, שוין אין די „פרייע" לאַגערן!.. יעס־יעס, מעי דיר מיסטערס!..

ד"ר גרינבערג און ד"ר גרינהאַוז גיבן וויטערדיקע דערקלערונגען. די ייִדישע ייִדן־זשורנאַליסטן, ווי קלוגמאַן־שבתאי, מ. י. נירענבערגער און מאַריאַן זשיד, זיי זיינען אויך געקומען פון נירנבערג. אין דעם שמועס שפּילן זיי די ראָלע פון מפרשים. זיי צעקייען עס גרינטלעכער די דערקלערונגען פאַר זייערע פּען־קאָלעגעס פון פּראַצעס און מ'זען זיך אַז די פּריצים זאָלן למען־השם ווערן וואָס טיפער באַאיינדרוקט. פּלוצעם ווערט מאַריאַן זשיד גאָר אַליין אַ מקשן, און דווקא מיט אַ הייסער קשיה. קאַרדינאַל פאַולהאַבער גיים אים אָן. דער באַרימטער קאַרדינאַל, וואָס זיין הייליקער זיץ איז מינכען, טאַקע דאָ אין שטאָט, קומט ניט באַגריסן דעם קאָנגרעס. אַזוי זאָגט מען. זיין עמינענץ זאָל האָבן צוגעשיקט נאָר אַ בריוועלע, אַז ער האָט ניט די מעגלעכקייט צו קומען. מער ניט. איז טאַקע דאָס אַלץ, אין גאַנצן ?.. תיקו.

צו דער פייערלעכער עפענונג ציט זיך אַן עולם. צום זאַל. ניט סתם אַ זאַל. אַ זאַל מיט אַ האַ־הידיעה, מיט אַ קאָליר. אַלטער גלאַנץ, געהויבענער

יִחוס. אַזש־אַזש! „גרויסער ראַטהויז־זאַל" פון מינכען. אין סאַמע אַלטן היי־ליקן צענטער פון שטאָט, אויפן מאַריען־פּלאַץ פּונקט אַנטקעגן דער הויכער קינסטלערישער סטאַטוע פון דער מאַדאָנע, די „פּאַטראָנאַ באַוואַריע".

ברייטערן זיך די שפּאַצירנדיקע אויגן ביי די דייטשע פּייערטאָג־בירגער: וואָס דער געזעמל פון „יודען"? און גראָד אין דעם פּלאַץ, און דווקא צו דעם זאַל דעם פייערלעכן... אָט דאָס איז „נידערלאַגע"! דאָס איז די פּרוכט פון ניט־געלונגענעם קריג! און אָט אויך פּאַרטאַטשישע אַרבעט; ניט געקאָנט די יידן שוין אויסרייכערן ביז ענדע, ביז איינעם!..

טאָ וואָס זאָל שוין זאָגן דער זאַל אַליין, דער גרויסער פייערלעכער זאַל פון אַלטן ראַטהויז מינכען? ווי די אַלט־שוואַבישע אָרנאַמענטן, טיפּיש־בייערישע סקולפּטורן, מיוחסדיקע בילדער, ריין־דייטשע קונסט! וויי־וויי, וויפל יידן ווימלען און גריבלען דאָ היינט. טיפּישע אָסט־יידישע פּנימער מיט די שוואַרצע אויגן זייערע, אַלץ קוקן זיי אָן, רוקן אַריין די קרומע נעזער. און באַלד וועט זיך נאָך עפּענען אַ זשאַרגאָנישער פּיסק, העברעיִש אויך!..

איבער דער עסטראַדע אויף דער וואַנט צום סופית אַ פּעט־געמאָלן בילד. אַ הויך־אַדעליקער פּערסאָנאַזש אין רייך־פּאַרביקן טאָן. אויבן, אין הינטער־פּאַן, שוועבט פון זיין קרייץ יעזוס אַליין. הונדערטער יאָרן אוודאי פּאַזירט ער שוין דאָ אין דעם אַלטן ראַטהויז, האָט שוין מיט דער זעלבער באַרעמהאַרצי־קייט צוגעשמייכלט ווער וויס צו וואָס און צו וועמען... אַז ביי דעם קאַרדינאַל דיינעם געפינט זיך ניט די מעגלעכקייט צו קומען היינט אַהער, איז אפשר פּאַרוואַלגערט זיך דאָך־דאָך ביי דיר אַליין אַ טראָפּן מעגלעכקייט צו וואַרפן אַ בליק פון ליבע אויף אונדזער חתונה'קע, האַ, נאַצי־יעזוס? ניט צו דער־קענען דיך, ישוע אונדזערער; אוי קענען מיר דיך, יעזוס?

ד"ר זלמן גרינבערג רעדט. ער איז דאָ דער וואָרטזאָגער פון דער שארית־הפליטה. קאָן ער געוויס ניט פּאַרבייגיין אָן אַ וועלכער „ווידמונג" פאַר דעם אָרט פון קאָנגרעס — מינכען, די „האַופּטשטאַדט דער בעוועגונג", די גע־בורטנעסט און רעזידענץ פון נאַציזם. און באַלד נעמט זיך ביים פּאַרזיצער אויפוויקלען די הגדה פון די באַפרייטע. עבדים היינו להיטלער... וואָרט פאַר וואָרט, זאַץ פאַר זאַץ, בילד פאַר בילד, ווערט פון דער באַפרייונגס־הגדה גאַר

אַן אַגדה, אַ לעגענדע, כמעט ניט מער. וואָלט עס נאָך געווען אַ מעשהלע אַ מונטערס. ניין־ניין, אַ ביטערע אַנטוישונג. און דאָך. ער ענדיקט מיט מונ־טערע ווערטער, אין גייסט פון „אויב אירווילט, איז עס ניט קיין לעגענדע". און טאַקע בפירוש: ניט דער גוטער ווילן פון די באַפרייער, נאָר פון די באַ־פרייטע אַליין. „מיר וועלן אייראָפּע ניט בויען!.. מיר וועלן דאָ ניט בלייבן!.. אונדזער איינציקע היים איז ארץ־ישראל און פאַר אַן אייגענער מדינה דאָרט שטייען מיר אויך צום קאַמף!"

תחת כנפי השכינה... אַ הזכרה. אַ חזן אין טלית און מיט אַ הויכער יאַרמלקע צעזינגט זיך מיט דעם טרויעריקן ניגון. צונטערן די אויגן, און די אויערן זאָפּן: אַחינו, אַחיותינו, עוללינו, טפּנו... — „די עלטערן אונדזערע פאַרגעסט מען, און שוין ניט ביי איין הזכרה" — שעפּטשעט פאַרקלעמט ווער פון דער זייט. און דער מענטש רעדט ניט סתם. די אַלטוואַרג פלעגן טאַקע אַנמאַכן ניט ווייניק שוועריקייטן. ביי אַן אַקציע איז געווען די סכנה, אַז אַט־אַט קאָנען ווערן באַפּוילן אויף „לינקס" אויך יינגערע וואָס שטייען לעבן אַן אַלטן, צוליב זיין „ניט־אַרבעטסקרעפטיקן" איינדרוק. ווי די הויט האָט געציטערט אַז ביי דער אַרבעט פלעגט זיך אַ ווייז טאָן אַ קאָמיסיע פון עס־עס און פלעגן נעמען קוקן אויף דער „טיכטיקייט", און פון זייער „אַלגעמיינעם איינדרוק" איז עס אָפּגעהאַנגען דער גורל פון דער גאַנצער קאָמאַנדע!.. און באמת, ביי דער אַרבעט זיינען עס דאָס רוב אַלטע געווען די „מוסולמענער", פלעגן שרעקלעך אונטערהינקען אין דער נאָרמע, און צרות פון מייסטער האָט געהאַט די גאַנ־צע קאָמאַנדע. היינט זייער מאַרשירן, באַזונדער טאַקע צוריקוועגס פון דער אַרבעט, ווי די פיס זייערע פלעגן זיך פּלאָנטערן, און זיי פלעגן פּטרן דעם גאַנצן מאַרש, און אַזוי אויפבערענגען די פּאַטרולן און די קאַפּאָס!.. געווען מייסטערס וואָס פלעגן פאַרלייגן די קאָמאַנדעס צו אַרבעטן אַקאָרד, און וואָס פריער די אַרבעט ווערט גערענדיקט, ווערט מען קאָנען גיין צוריק אין לאַגער. ביי אַזאַ שאַנס פלעגן אָבער די עלטערע באַלד שטיין אין וועג. בעטן פלעגן זיי זיך און אויך שרייען: אַקאָרד־מאָרד!.. פלעגט מען זיי ניט איין מאָל אויסלאַכן, די צעקראָכענע בריות, און חברה טאַנצט אַריין אין דער שנעלער אַרבעט. נו, איז צוריקוועגס האָבן די קאָמאַנדע־מענטשן געמוזט

טראָגן אויף זיך אָט די זעלבע מוסולמענער. די צאָל קעפּ וואָס זיינען אַרויס פון לאַגער מוזן דאָך ווערן געגוי צוגעשטעלט צוריק ביים טויער. שרעק אָפּטע און אָנשיקעגישן געווען מיט די אַלטע. זאָלן מיר זיי נאָך האָבן אין זינען ביי אַ הזכרה? און אָט האָט אויך דער קאָנגרעס וועגן זיי ניט פאַרגעשריבן אין דעם טעקסט פאַרן חזן!

שוין אָן די גאָט־נשמה־שולדיקע עלטערן, איז דער גרויסער זאַל גאָר־גאָר ענג און קליין אויפצונעמען כאָטש אַ טייל־טיילכל פון די הזכרה־פאַרבעטענע נשמות הקדושים, ווי סאַמע רוחניות אַ נשמה זאָל ניט זיין. נאָר ביי די ווער־טער „מזהירים כזוהר הרקיע" איז געגוג געווען איין קינדעריש בלינצל, אַ געדאַכט בלינצל פון אייגעלעך בלויע און שוואַרץ־פייערדיקע — אָפּצושטעלן דעם אָטעם אין די כליפּיקע העלדזער פון אָט דעם גרויסן רוים. ניין, די נשמות הקדושים האָבן זיכער אַפילו זיך ניט מטריח געווען צו דערשיינען, אויפשוועבן אין דעם זאַל. צו פיל טעווטאָנישער גייסט. האַרב און שטיקנדיק איז דער שיין אונטער די פליגלען פון דער גלאַנצנדיקער פמליה אַרום דעם אַריש־צעש־טראַלטן יעזוס. ווי רוצחדיק פּאַכען אַרום אים זיינע מלאָכימלעך מיט די פליגלען!

דער חזן האָט אויסגערופן: תחת כנפי השכינה. ניט אָבער דאָ, נאָר ניט אַהער!

דוד בן־גוריון. טאַקע דער וואָס אויף די בילדער, דער חבר און גדול. ווייס ווי אַ טויב. דער אָנבליק איז אָבער דורכויס גרוי. דאָס גאַנצע פּנים אין צוקן; טיפע קנייטשן, שווערע ברעמען. אין לעבנס־געווירבל אויסגע־בייטשט און פאַרהאַרטעוועט. דאָס מויל פון ברייטן שניט, שלינגעריש. ליפּן אָבער דינע, עלאַסטישע, שליסן זיך יעדע ווילע צוזאַמען פאַרפּרעסט, ווי אַ וואַלמויער, משמעות קעגן אַ צו שאַרפן וואָרט וואָס רייסט זיך פון אינערלעכן געברויז. פאַרביסן, אָפּוואַרטנדיק שרייט אין דעם מאָמענט זיין שטורמיש־שטומע פאַרשוויגנקייט.

זיין שלאָגיק וואָרט איז באַבליצט מיט לויכטיקן געדאַנק, אַדורך כמאַרעס דורכגעטראָגן. און דער געדאַנק אַליין איז געשמידט און געליטערט מיט מעשים, מיט אַרבעט אומדערמידלעכער. אַ פּועל פון דער צווייטער עליה

אין ארץ־ישראל. אַ ספק צי ער האָט בשעתו אין פעלד אָדער אין כרם פּרע־טענדירט אַפילו צו זיין אַ פּאַראַרבעטער. דער רידל און מיסטשויפל אין האַנט האָבן אים גאָר דערשטופּט צו זיין הויכער פּאָזיציע.

בן־גוריונס טאָן וויברירט, שליידערט און שלענגלט זיך אין טאַקט מיטן דיריגירנדיקן בליק, וואָס שפּיזלט זיך אים פון די קוים צעעפנטע אויגן. יעדער בליק זיינער איז אַ פאָקוס פון דורות פיין־און־אייביקער האָפענונג. דעפּרעסיע און רעוואָלט. יוסף חיים ברענער און הירש לעקערט. אַזאַ קאָן זיך ווי לאַנג אַרומטראָגן מיט אַ באָמבע אין בוזעם. שפּרינגט אָבער אָן די דרינגלעכע מינוט, שרעקט אים ניט דאָס עקספּלאָדירן.

אַ קאָפּ אַ גאָר פיינער דאָמינירט איבער דער גאַנצער מאַסיוו געבויטער פיגור. פון אויבן אַ הויכער, ברייט געקאַרבטער און גלאַנציקער שטערן, פון די אַמאָליקע זיידעס אונדזערע מיט די „אייזערנע מוחות און מעשענע בתים". נידעריקער לאָזט זיך שאַרף אַרונטער דאָס פּנים מיט אַ שפּיציק געטאַקטן קינבאַק, מילד באַחנט מיט גוטס פון אַ ליבער באָבעשי. פון אַזאַ צונויפגוס שיינט אַרויס בן־גוריונס קאָפּ. אַזוינע קעפּ פאַרלירן זיך ניט.

צו דער שארית־הפליטה איז ער אַרונטערגעפאָרן, און שטייט דאָ אין אַלטן מינכענער ראַטהויז. פאַר די זשורנאַליסטן פון ארבע פינות עולם, אין דער גאַנצער פינצטערער עפנטלעכקייט, וויל ער עס פון דאַנען האַלטן אונדזער דין־תורה מיט דער וועלט. אַ בעל־דין, אַ טוען, איז ער אַ גאָר שטאַרקער. אויף גויִיש אויך. רעדט ער אויף דעם לשון פון פאַלשן אַלביאָן און דזשאָן בול דעם מאַרעוויכער. אַרגומענטן פעלן אים ניט. פאַרזיכטיק, אָבער לייכט און פלינק פליִען זיי פון זיין מויל. טענות שווערע, וואָגיקע, מוראדיקע. ער רעדט אין נאָמען פון אַ פאָלק וואָס איז שוין געוועזן אַ קיימן־לן „נאָך פאַר דער בריטישער אימפּעריע און נאָך אַ סך פריער פון דער קריסט־לעכער אייראָפּע". און אָט דעם געפלאָגטן און שוין וויפל מאָל אָפּגענאַרטן פאָלק איז ארץ־ישראל אַזוי ליב און טייער, ניט ווייניקער ווי גרויס־בריטאַניע דעם ענגלענדער. פרעגט ער דעריבער, בן־גוריון: וואָס נאָך קאָן מען אונדז שוין טאָן? מיר האָבן גאָרניט צו פאַרלירן, אַז מיר האָבן — גאָרניט. הייַנט איז אונדזער לאָזונג: זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין!

דער אַלטער „אם אין אני לי..." פון אַזאַ „אין" פלוס דעם „אין", וואָס

מיר האָבן גאָרניט צו פאַרלירן — קאָן שוין אַרויסקומען אַ „יש". פּייער אַליין!

דער יידישער עולם אין זאָל האָט אפשר די גויאישע ווערטער ניט אַזוי געענוי פאַרשטאַנען. דעם מיין אָבער, די כוונה — אוי האָבן עס די שפּליטער־יידן אויפגעכאַפּט. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און שטורמישן הסכם!

„פאַר וואָס? !..." מיט אַ פאַרוואָס אַ ווייטאָגדיקן פלאַמט אויף די שטים פון ד"ר יצחק שוואַרצבאַרד. אַן עסקן פון גרויסן פאַרנעם אין דעם געוועזענעם יידישן פּוילן און ברייט באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט. הייַנט זיצט ער אין גלות־לאָנדאָן. אין שליחות פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס איז ער איז עס געקומען אַהער צו דעם „טראַגיש־הערלעכן" קאָנגרעס און פון דער טריבונע האַלט אויך ער אַ דין־תורה מיט דער וועלט. ניט אָבער וועגן אונדזער עתיד. וועגן דעם עבר שטורעמט ער, שיט מיט פּייער. דער אָקערשט פאַרלאָפּענער בלוטיקער עבר, אָט טאַקע דאָ אין דער „הויפּטשטאָט פון דער באַוועגונג", און קילאָמעטער געציילטע פון דאַנען — דאַכאַו... „ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, זאָגט אַ איר, דייטשן! פּרעכטיקע קירכן אַרום און אַרום האָבן עס מיט זייערע פרומע מתפללים אַזוי רויק צוגעקוקט. זאָגט — פאַר וואָס? ! !"

אויף דעם פאַרוואָס דערוואַרט קיינער ניט אין דעם זאַל אַ תשובה. ד"ר ווילהעלם העגנער, מיניסטער־פּרעזידענט פון בייערן, באַגריסט וואַרעם דעם קאָנגרעס. פּערזענלעך אַ מאַן זייער אַן אָנשטענדיקער. רעדט ער מיט טיפן באַדויערן וועגן דעם וואָס געשען און פאַרזיכערט אין נאָמען פון זיין רעגי־רונג צו טאָן דאָס בעסטע אויף צו פאַרבעסערן וואָס עס לאָזט זיך. מיט געפיל רעדט ער. עס פעלט אויך ניט קיין מינאָר־לירישער טאָן. השתפכות־הנפש.

אוי גאָט, ווי גרויס און ווי טיף דיין גייסט איז נאָך אין אונדז, אַז געביילטע פויסטן קאָנען אָט אין איין אויגנבליק לייז ווערן און — פריינדלעך אַפּלאָדירן!

אין שול אַריין!

1

„ייִדישע יוגנטלעכע, אין מלאכה־שול און אין קורסן ראַטעוועט נאָך אייערע פאַרלוירענע בעסטע יאָרן!" — מיט אַזאַ רוף האָט זיך אונדזער צייטונג שוין לענגער געהאַט געווענדט צו די ייִנגערע מענטשן פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד. דער קולטוראַמט ביים ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען האָט צו דער יוגנט אויך אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף מיט אויפקלערונגען וועגן דער נוציקייט פאַר זיי צו באַזוכן אַ שול אָדער לערנען אַ פאַך. נאָר דאָס קאָן זיין די איינציקע גאַראַנטיע פאַר זייער עקאָנאָמישן און גייסטיקן עתיד.

די געציילטע שולן און מלאכה־קורסן ביי אונדז ווענדן אויך אָן ניט ווייניק פראָפּאַגאַנדע אויף אַריינצוציען וואָס מער מענטשן אין זייערע לערן־אַנשטאַלטן. צווישן די אַפּישן אין די לאַגערן און אין די דאָרטיקע צייטונגען לייענען מיר גאַנץ אָפט פאַרשיידענע אויפרופן, ווענדונגען און אויפקלערונגען מכוח דעם. די רעזולטאַטן פון דעם אַלעמען זיינען גוט באַקאַנט. שולן און קורסן זיינען דאָ ווייניק, און דער באַזוך אין זיי איז שוואַך, זייער שוואַך.

קאַטאַסטראָפעס האָט אונדזער פאָלק געהאַט איבערגעלעבט גענוג־גענוג. און אָט פאַר אונדזערע אייגענע אויגן — אַזאַ חורבן. עס וועט אָבער ניט זיין קיין גוזמא, אַז דאָס אָפּקערן זיך פון ספר און אויסלאַכן בילדונג און דאָס ניט וועלן וויסן מלאכה — אַז דאָס זאָל באַצייכנט ווערן אויך ווי אַ ווייטאָגדיקער סימפּטאָם פון אונדזער לעצטן חורבן.

לאָמיר זיין אָפן. דאָס שוואַכע לייענען און שרייבן, ניט האָבן קיין השגה פון די ערשטע און גרונטיקע ידיעות וואָס אַ קינד אין די נידעריקע קלאַסן

פון אַן עלעמענטאַר־שול ווייס עס — מיט דעם שעמען זיך דאָך ניט איצט ביי אונדז אויך גרויסע, שוין דערוואַקסענע מענטשן. אַנדערע — ווי זיי וואָל־טן אַפילו שטאָלצירן מיט זייער ניט־קענען. עם־הארצות און גראָביונגיש־קייט טריומפירן!

די סיבות פון דעם זיינען אונדז אויך גוט באַקאַנט. ניטאָ נאָך אפשר אויף דער וועלט קיין מער קלאָרע סיבות. קלאָרע און גוט־פינצטערע סיבות. יונגע חברה, נאָך גאָרניט אָדער ווייניק פאַרזוכט פון לערנען, זיינען אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון די עס־עס, קאַפּאָס, מייסטערס און די נאָך אַנדערע. אָט די לייט זיינען עס געוואָרן זייערע דערציערס און פעדאַגאָגן. ווייל די נאַ־טור איז נאַטור, און אַ מענטשלעך באַשעפעניש איז ביז זיין פוליעריקייט אונ־טערגעוואָרפן דערציִערס. משועבד צו זייער השפעה, כחומר ביד היוצר. איז דער לערער א גוטער אָדער אַ שלעכטער, ברוטאַל אָדער צאַרט, נישטיק אָדער אינטעלעקטועל — פון אים לערנט דער יוגנטלעכער און שטאַרק איז די ווירקונג. זיינען קינדער אַריינגעפאַלן אין די לאַגערס און אין דער צוואַנגאַרבעט, זיינען עס יענע־יענע אויטאָריטעטן געוואָרן דאָרט זייערע דערציִערס.

אין קאַצעט קייזערוואַלד־שפּילווע ביי ריגע, האָט אונטער אַ מייסטער, אַ גזלן אַ ווילדן, געאַרבעט די קאָמאַנדע „רעזשי", וואָס איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון קינדער אין עלטער פון 12—14 יאָר. איז דאָרט אויסגעקור־מען דעם שרייבער פון די שורות צו הערן אַזאַ מין שמועס צווישן עטלעכע קאָונער ייִדישע יינגלעך:

— זע, וויפל קאָקס דו שעפּסט אָן מיטן רידל; קאָווע־לעפּעלעך!..

— פונדעסטוועגן האָט דער מייסטער יענעם מאָל דיך גערופן „בלעדער הונט!" און מכבד געוועזן מיטן שטאָק...

— און אויף וועמען האָט ער ערשט נעכטן געזאָגט: „אומפערבעסער־לעך" ?.. גראַדע וועגן מיר, וויסן אַלע, זאָגט ער די לעצטע צייט אַלץ „טאָדע־ללאָז" און „אויסגעצייכנט!"

און אַזאַ מייסטער, און צו אים טיפן גאָר־גאָר פינצטערע און שווער־פאַרברעכערס — איז זייער „דערציִעריש" וואָרט געווען פאַר אונדזערע

קינדער ווירקונגספול; מיט אַ גוטער מיינונג האָט מען זיך אויסגעפיינט און מיט אַ שלעכטער, חס־ושלום, זיך געערגערט.

צו אַזאַ מדרגה זיינען עס דערגאַנגען די קינדער וואָס פלעגן גיין אין די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, די איינפּאַכע האַרעפּאַשניקעס. אין די לאַגערן האָט אָבער עקזיסטירט נאָך אַ גאַנץ אַנדערע קאַטעגאָריע פון יוגנטלעכע. דאָס זיינען געווען די מער־באַוועגלעכע און באַזונדערש פיפיקערע. אַזוינע האָבן די קאַצעט־באַלעבאַטים „סימפּאַטיזירט". פון אָט די פלעגן זיי זיך אויסוויילן „פּיפּעלס", די אונטער־שמשים זייערע. מיט דעם אָפּפאַל פון זייערע טישן האָבן זיי צוגעצויגן די יונגע אומדערפאַרענע קרבנות און פלעגן זיי איינשפּאַנען אין נאָכשמעקן און שפּיאָנירן די ייִדן אין לאַגער, דערטאָפּן ווער עס האָט נאָך וווּ אַ פאַרשטעקטע מטבע, און נאָך אַזוינע איידעלע שליחותלעך. און אַז זיי גייען טאַקע אויך אין די דרכים פון זייערע רבנים, פלעגן דאָ די יונגען וויזן בריהשקייט אין אויסלאַכן ייִדן, שיקאַנירן און דערגיין די יאָרן די עלטערע קאַצעטלער, באַזונדערש די שוואַכערע, די „מוסולמענער". זיך־לען אייגענע מענטשן מיט די נידעריקסטע און שרעקלעכסטע ווערטער, שפּילן אין קאָרטן, שיכרות און אפילו זיך איינשאַפן אַ „כלה" פון פאַרהונגערטע פרויען — איז עס דאָך געווען דער סאַמע פיינער פאַסאָן ביי די אויסגע־ווילטע יאַטעס.

יאָ, אונדזער יוגנט דאַרף מוז נאָך פיל, זייער פיל לערנען, אַרויסבערעכן פון זיך דאָס עקלדיקסטע, זיך אויסניכטערן, באַקומען באמת אַן איבערדער־ציִונג. און דעמאָלט — ווערן מיט מענטשן גלייך.

נאָר אַ שול, אַ גרונטיקע שול, קאָן עס אפשר מאַכן!

2

די מענטשן פון דער שארית־הפליטה זיינען אַלע געשטראָפטע און אָפּ־געקומענע. גאָר ניטאָ ביי אונדז ווער מערער, ווער ווייניקער. אַלע־אַלע האָבן זיך גוט אַדורכגעפייניקט גענוג און איבער גענוג. יע, גענוג געשטראָפטע, אָבער דאָך ווייניק געמוסרטע, ווען מיר האָבן אין זינען אַז מוסר איז אַ סיסטעם און לערע פון מאַראַל, עטיק. זאָגן אָבער יענעם מוסר, איז גאָרניט פון די אָנגענעמע זאַכן, און ניט יעדער איינער איז אויך ראוי דערצו. ווילט זיך נאָר מאַכן באַמערקונגען.

מענטשן ביי אונדז, און דער עיקר די יִונגערע, מיינען דאָך, און גלייבן טאַקע, אַז אַ שיין פּאַרקעמטע שעוועליור האָר, הויכע גלאַנציקע שטיוול, אַן אויסגעגאָסענער לעדער־מאַנטל אד"גל — אָט דאָס, און נאָר דאָס, איז די קולטור אַליין. אַ ספר לייענען, אַ צייטונג, קענען שרייבן, רעכענען ניט נאָר אויפן קאָפּ און פינגער, נאָר מיט געשריבענע ציפער און אויף פּאַפּיר — דאָס אַלץ איז אַן עסק פאַר אָפּגעלעבטע מענטשן, פאַר בטלנים און טויגעניכטסן. די איינציקע „גייסטיקע" געבאָטן, אויף וועלכע די טויגעוודיקע זיינען נאָך גרייט צו איינגיין, איז דער קולט פון קאָרטנשפּיל, באַזוכן אַ שונד־רעווי אָדער צירק. ווייטער אָבער ניט.

ווער רעדט נאָך פון זיין אָנשטענדיק, זיך פאַרהאַלטן מענטשלעך כאָטש אין דער עפנטלעכקייט. עטוואָס זיין צוריקגעהאַלטן מיט די עלנבויגנס און צונג, טאַקטיש זיין... וואָלטן אָבער די מענטשן געלערנט און אַביסל דערצו געלייענט, וואָלטן זיי געוווסט אַז אַזוינע מידות זיינען ניט קיין בייזער און פאַרדרייטער אויסטראַכט, נאָר זיינען אַ נאָרמאַליטעט, אַ זאַך פון זעלבסט־פאַרשטענדיקייט אין דער גאַנצער קולטורוועלט.

דאָס לעבן אין געטאָ און קאַצעט האָט געוואָרפן זיך און געקערט ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ. כמעט מיט יעדן טאָג, און אפילו שעה, פלעגט זיך בייטן די לאַגע, פלעגן אָנפאַלן ענדערונגען. ווידער אַ נייס, אַן אָנשיקעניש, אַ גזרה! מען האָט זיך ניט איין מאָל אין די געטאָס גענומען צום בויען גרעסערע זאַכן, אָנשטאַלטן, אַפילו מאַסיווערע בנינים. פּלוצלינג אַ קלאַנג, און שוין אַ באַפעל, — דער גאַנצער אָרט מוז פּאַלאַזט ווערן אין מינוטן, גאָר אַן „איבער־זידלונג" אא"וו. ענלעך צו די מעשיות ווי מתים פאַרזאַמלען זיך אין מיטן נאַכט, פּלאַנעווען, האַוען, שמייען, ביז — אַ קריי פון האָן... אין אַזאַ ווירבל־דיקער און ווילדער אַטמאָספער איז געוואָקסן אונדזער יוגנט. קיין באַגריף ניטאָ ביי די מענטשן פון דויערדיקייט און באַזעסנקייט, פון ווערטיקייטן פאַרוואָרצלטע און באַשטייִקע. דאָס גלייכן אויך וועגן קוואַליטעט, בילדונג, כאַראַקטער. אָט האָט אַ מייסטער צי אַ שאַרפירער אויפן ערשטן קוק זיך אויס־געקליבן אַ ייִדן פאַר אַ מין געהילף, און דער מענטש איז גראָד אַ לייטישער. אין אַ פּאָר טעג אַרום שטייט שוין דער זעלבער מיט דער קרייצהאַק אין גראָבן און אויף זיין אָרט איז באַשטימט אַ פאַרשוין וואָס צייכנט זיך אויס מיטן

שטעקן אויף יענעמס רוקן, שליידערט דערביי מיט דראָונגען און מיט די נידעריקסטע זילדווערטער, גנבעט און גזלט אָפן דעם לעצטן ביסן און שטי־קל בגד פון די אייגענע העפטלינגען און טיילט זיך עס מיט זיינע באַלעבאַ־טים...

האָט איינער אין לאַגער ניט גערעדט מיט קיין האַמעטנער שפּראַך און מען האָט פון אים ניט געהערט קיין גראָבן וואָרט — וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער געהאַט ביי די שטאַרקע לייט און ביי די פּיפּעלס און אַנדערע יונגנטלע־כע ? און אַז ביי דעם זעלבן שפּילט ניט אין די הענט אַזוי גוט דער רידל אָדער קרייצהאַק און ער זעט נאָך אויס צו זיין אַ פּרומער אָדער גאָר עפּעס אַ געלערנטער !..

די מער באַזעסענע און מיט לעבנס־דערפאַרונג זיינען געווען בכוח צו קוקן קריטיש אויף אַזעלכע דערשיינונגען. די גדולה פון די אַ טיפּן, האָבן זיי געוווסט, קאָן בכלל ניט אָנהאַלטן לאַנג. אַ ווערטל פלעגט דערביי אָנגיין : „קאָנסטיטוציע־פּאַראַגראַף 48״. דער אינהאַלט פון אָט דעם „פּאַראַגראַף״ זאָל זיין אַזאַ : ווער עס איז אַ מענטש וועט בלייבן אַ מענטש, און ווער אַ גאָר־נישט — וועט אים זיין גאַנצע היינטיקע ראָלע ניט העלפן. ביי די יִנגערע אָבער האָט שוין די גאַנצע אַטמאָספער אויסגעזען ווי נאַטירלעך, אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט : אַזוי איז געוויס דער דרך־הטבע און דרך־העולם.

איז איינער פון די ערשטע באַדאַרפן פון אונדזער יוגנט, צו באַקומען דעם גרונטבאַגריף פון גוטע מידות און שלעכטע מידות, און אַז דער רעזשים פון די עס־עס מיט זייערע טויטנקעפּ און קאַפּאָס איז נאָר געווען אַ פאַר־ביילויפיקער עפּיזאָד. די הערשאַפט איז טאַקע געווען אַן איינגעשטעלטע, מיט אַזאַ גרויליקער אָרדענונג — אָבער אין גאַנצן אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג, דורכויס־דורכויס אַ יוצא מן הכלל. און ווילן מיר ווייטער לעבן — דאַרף מען זיין צוגעגרייט צום לעבן. און נאָר אַ שול קען דאָס מאַכן ; אילוסטרירן און אי־בערצייגן דעם גייסטיק־פאַרקריפּלטן קרבן, אַז אין דער גרויסער וועלט און פון אַלע מאָל האָט אַ האַלט נאָר די בעסערע זיטלעכקייט, פעסטע מאָ־ראַל און גרונטיקע וויסן. נאָר אַזוינס ווערט איינגעשאַצט און ערנסט גענומען.

און אחרון־אחרון. אָבער גאָרניט דאָס לעצטע אַז עס רעדט זיך פון לערנען. נייך, טאַקע ראשית חכמה. יִדישקייט, יהדות, יִדיש וויסן — כאָטש

אַ טראָפּן! נאָך אַלעמען זיינען אונדזערע יוגנטלעכע דאָך שרידים פון דורות מיט עפּעס אַ היסטאָריע און אַ קולטור... ווי ניע־בע־ניע־מע, און אַפילו שפּאָטיש, האָט דאָ ווען אַ גרופּע יוגנט אָנגעקוקט איינעם וואָס האָט זיי אַ פרעג געטאָן וועגן אַ דוד המלך, וועגן אַ ירמיהו! וואָס תהילים איז, ווייס יע איינער פון דער קאָמפּאַניע: „די עלטערע מוסולמענער אין לאַגער פלעגן עס פּליסטערן, ווי אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט קיי־גומי... און די אַנדערע פון עולם פאַלן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

אין שול אַריין, אומגליקלעכסטע יידישע קינדער!

זאַמלען און פאַרצייכענען

צו דער גרינדונג פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיס־
יע פון די באַפרייטע ייִדן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, מינכען.

1

אַ גרויסע צייט האָבן מיר אַדורכגעמאַכט און איבערגעלעבט. די נאָענטס־טע, טייערסטע פון אונדז זיינען אומברחמנותדיק פאַרשניטן געוואָרן. קהילות אין די טויזנטער זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן. צוזאַמען מיט זיי אויך אוצרות ספרים, זעלטענע אַרכיוון, מוזייען און נאָך אַזוי פיל אַזוי פיל וויכטיקע דאָ־קומענטן פון אונדזער גרויסן עבר. אַלץ אַן אבדה שאינה חוזרת.

צער און זאָרג פאַרשאַפט אונדז איצט אויך דער גורל פון די דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט די אונדזערע גאָר לעצטע יאָרן, אַט דער אויסער־געוויינלעך היסטאָרישער מאַטעריאַל פון דער אָקערשט פאַרלאָפענער תקופה גופא.

קאַפּיטלען די שרעקלעכסטע האָבן זיך אָפּגעשפּילט איבער די גלות־לענדער. און אויך פון שטעט גאַנצע, פון קהילות אַזוי פיל, איז דאָך ניט גע־בליבן אַפילו קיין איין לעבעדיקער ייִד, אַ שריד ופליט, וואָס זאָל דערציילן פאַר דער וועלט און פאַר דורות. פאַרפאַלן געוואָרן, און אויך פאַרלוירן געגאַנגען אויף אייביק, היסטאָרישער מאַטעריאַל, כראָניק, זיכרונות און פּינקסים. מענטשן מיט נאָך ליכטיקע מוחות האָבן אין די פינצ־טערסטע טעג, און אונטער דער דראָונג פון טויט, געקליבן זאַכן פון היסטאָ־רישן ווערט, פאַרצייכנט פאַקט פאַר פאַקט פון דער איבערלעב, געשריבן ברייטערע איבערבליקן. געוויינלעך פלעגט דער מאַטעריאַל ווערן זאָרגעוודיק ווי פאַרשטעקט, באַגראָבן אָדער אָנגעטרויט אין געהיים צו פריינדלעכע ניט־

ייִדן. געבליבן זיינען אָבער היינט אַזוי ווייניק פון די כראָניקער און שרייבער. און פון די אומגעקומענע זיינען כמעט אויך ניטאָ זייערע נאָענטע. איז שווער, זייער שווער, צו וויסן און דערגיין, ווו דער ווערטפולער מאַטעריאַל ליגט אָדער איז מגולגל געוואָרן.

טאָן לאָזט זיך נאָך יע וואָס דערביי. טאָקע ניטאָ שוין, צום טיפסטן באַדויערן, די שרייבער אַליין, אָבער גוטע באַקאַנטע, וואָס זיינען געבליבן לעבן, זיי קאָנען נאָך אפשר יע וויסן אָדער דערגיין ווו דער מאַטעריאַל איז געווען אויסבאַהאַלטן אָדער געפינט זיך איצט. אויף אַזוינע מענטשן ליגט אַ חוב קדוש צו טאָן וועגן דעם. ווי שנעלער מוזן זיי זיך אויך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די געהעריקע ייִדישע מוסדות און טאָן אַלץ אויף צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך נאָך!

רעדט זיך וועגן ידיעות פון די חורבן־יאָרן, דאַרפן מיר אָבער פאַרשטיין ניט נאָר דאָס שוין־געשריבענע, וואָס מוז ווערן אויפגעזוכט. עס איז אַ חוב היינט צו ריידן אויך וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַל וואָס פאָדערט זיך נאָך צו ווערן געשריבן. און די פאָדערונג גייט שוין צו אונדז אַליין, דער שארית־הפליטה, די לעבנגעבליבענע וואָס טראָגן נאָך לעבעדיק אין זיך דעם חורבן. יעדער יחיד ביי אונדז איז היינט אַן עדות פון היסטאָרישע געשעענישן און קאָן ביישטייערן גאָר וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר דעם גרויסן דאָקומענטאַציע־בנין פון דער אָקערשט פאַרלאָפענער תקופה. נאָך די אַלע גרוילִיקייטן און ליידן וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, געפינען זיך נאָך צווישן אונדז מענטשן וואָס קענען נעמען אַ פעדער אין האַנט און פאַרצייכענען דאַטן און פאַקטן פון זייערע איבערלעבענישן. דאָ איז ניט וויכטיק די ליטעראַרישע פאָרעם. דאָס גאַנצע געוויכט מוז אָבער געלייגט ווערן אויף דער ריכטיקייט. בשום אופן ניט לאָזן פריי די פאַנטאַזיע. יעדער אַנגעגעבענער פרט מוז זיין פון דער ריינערווירקלעכקייט — ווי טרויעריק און דערשיטערנדיק, און צו מאָל אויך אומאַנגענעם, עס זאָל ניט זיין.

2

די אַרבעט פון זאַמלען און פאַרצייכענען די פּאַסירונגען פון די לעצטע יאָרן מוז פון אונדז געטאָן ווערן ווי פריער. היינט איז נאָך פריש אין זכרון

אַלץ וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. אונדזערע רעשטלעך לעבנגעבליבענע פון די געטאָס און קאַצעטן זיינען איצט נאָך אַלע כמעט צוזאַמען. כל זמן מיר זיינען נאָך נישט צעשפּרייט און פונאַנדערגעפלויגן איבער דער וועלט, קענען מיר, ביים אויפשטעלן די זיכרונות, זיך אויך אויסהעלפן איינער דעם צווייטן מיט אַ דאַטע, דערמאָנען אַ וויכטיקן פּרט, אויפמערקזאַם מאַכן דעם חבר אויף אַן אָנגעגעבענעם טעות. דערצו זיינען די ייִדן דאָ נישט פאַרנומען מיט פּרנסה, האָבן מיר צייט צום שרייבן און זיך פאַרנעמען מיט זאַמלען היסטאָרישן מאַטעריאַל. לאָמיר דערפאַר אַזאַ געלעגנהייט ווי בעסער און ראַציאָנעלער אויסניצן. יעדער אָפּלייג פון אַזאַ אַרבעט איז אַ חטא לא יכופר! מיר וועלן אָנהייבן פון זאַמלען.

אין דייטשלאַנד, וווּ מיר זיצן איצט, איז דאַכט ניטאָ קיין איין אָרטשאַפט, וואָס דאָרט זאָל זיך נאָך ניט איינגעפינען דרוקזאַכן וואָס האָבן אַ גאָר די־רעקטע שייכות מיט אונדזער לעצטער געשיכטע. גאַנץ אָפט זעען מיר נאָך די אַנטיסעמיטישע אויפרופן, פּלאַקאַטן, זשורנאַלן, ביכער, פאַראָרדענונגען, בילדער אד״גל. אַזוינע זאַכן דאַרפן ווערן געזאַמלט, זאָרגעוודיק אויפגע־היט און איבערגעגעבן צו אַ ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוציע. אין פיל דערפער און שטעט געפינען זיך נאָך די שוואַרצע טאָוולען, וואָס פלעגן וואָ־רענען די אַריער נישט צו האַנדלען מיט ייִדן. מען קען נאָך טרעפן פאַרשיי־דענע שילדלעך און מודעות פון דעם מין. לאָזט זיך עס, דאַרף מען אין אָריגינאַל צושטעלן אין היסטאָרישן אַנשטאַלט. ווען נישט, איז אָפּפאָטאָגראַ־פירן אָדער לכל הפחות אַראָפּשרייבן די טעקסטן און אַרומשרייבן.

און דאָ בעט זיך מאַכן אויפמערקזאַם, אַז אויף אַ דאָקומענט גופא דאַרף מען נישט צושרייבן קיינע פירושים אָדער וועלכע באַמערקונגען. ריכטיקער און צוועקמעסיקער איז עס צו מאַכן אויף אַ צוגעלייגטן פּאַפּיר.

ווייטער קומט דאָס זאַמלען און אויפהיטן פון זאַכן וואָס געפינען זיך שוין אין ייִדישן רשות. אַ סך האָבן נאָך זייערע קאַצעט־בגדים, היטלען, שיך, קאָמבינירטע רוקזעק און טאָרבעס, די פּרימיטיוו־אויסגעשמידטע מע־סערס, לעפל און נאָך „עס־געשיר". ביי אַנדערע זיינען נאָך זיכער פאַראַן פון די אויסגעפונענע שוסטערישע „געצייג" אין די קאַצעטן, די שוך־זוילן געשניצטע פון האָלץ מיט די אייגענע הענט, די אויסגעמייסטערוועטע שאַכט־

לען אויף צו האַלטן די „צולאַגעס״ אאַ״וו. אויך אַזוינע זאַכן דאַרפן בלייבן לזכרון און איבערגעגעבן ווערן אין די געהעריקע אינסטיטוציעס.

און פון האַנטאַרבעט צו גייסטיקע שאַפונגען.

אין געטאָ און קאַצעט זיינען געשאַפן געוואָרן אַ סך לידער, אַנעקדאָטן, וויצן, משלים, ווערטלעך, אַגרופּענישן, צונעמעניש, פאַראַלן, קללות, ווינטשע־נישן אאַ״וו. שוין ניט ריידנדיק וועגן די לידער, און ניט וויניק טאַקע אויך פיין־קינסטלערישע, האָט דאָס רוב אַ ווערטל אויך אַ גאַר טיפּישן באַטייט, דערמאָנט אונדז און דערציילט פּיל. נעמען מיר צב״ש דעם נאָמען היטלער. פון מורא פלעגט ער צווישן די ייִדן גערופן ווערן: דער האַ (ה), אַלטער בחור, דער קירזשנער, קאַפּעלוש־מאַכער, דער צורר הגדול, דער ימח־שמו, דער האָן, אַשמדאַי, דער סוס (פירער), דער ארבעה (4) אאַ״וו. אַ ברויט, למשל, פלעגט הייסן: אַ לחם, אַ לחמא, פּאַפּינקע, מאַמעטשקע, קייעוודיקע, אַ לאַרע אאַ״וו.

דאָס אַלץ, אָנהייבנדיק פון לידער ביז יעדן ווערטל, מוז ווערן פאַרציי־כנט. מען קאָן זיך ווענדן וועגן דעם אויך צו אַנדערע און דאָס געהערטע באַלד און פּינקטלעך פאַרצייכענען. וויכטיק איז ביי יעדן ווערטל, ליד אָדער אַנדערער שאַפונג, צוגעבן, פון וועלכע ייִדן דאָס שטאַמט. „דער היי״ צב״ש פלעגט ווערן באַנוצט פאַר היטלערס נאָמען דער עיקר צווישן ליטוואַקעס; „דער אַלטער בחור״ — צווישן פּוילישע ייִדן.

ביי הייַנטיקן טאָג און די איצטיקע באַדינגונגען אונדזערע, דאַרף די אָנ־געוויזענע אַרבעט ניט פאַלן קיין ייִדן צו שווער. דערביי זאָל יעדער איינער געדענקען אַז ער קאָן זיין אַ הילף אין דעם אויפבוי פון אַ גרויסן היסטאָרישן בנין פון דעם נאָענטסטן עבר, און זיין קאָן די מיטווירקונג — אַ וואָגיקער צו־שטייער צו אונדזער דורותדיקער קולטור און פרעכטיקן ייִדישן פאָלקלאָר.

3

ריידן מיר וועגן שרייבן, פאַרצייכענען וואָס מיט אונדז האָט לעצטנס פּאַסירט.

יעדער דערוואַקסענער ייִד קען שרייבן. איינער מער, איינער ווייניקער. צייט צום שרייבן קאָן זיך נאָך איצט ביי יעדן איינעם איינגעפינען. וואָס צו שרייבן פון די לעצטע יאָרן, אָדער צי פעלט אַ וועלכן ייִדן זיכרונות אויף צו פאַרפיקסירן — וועגן דעם דאַרף מען אַפילו ניט פרעגן. בערג מיט נאָך

פּריש־צאַפּלדיקע זיכרונות פאַרפּילן דאָך אונדזערע מוחות. וואָלטן טאַקע געדאַרפט פאַרפליצט ווערן אונדזערע אָרגאַניזירטע היסטאָרישע קאָ־מיסיעס מיט כתב־ידן און מעמוארן און באַשרייבונגען פון דעם אַלץ וואָס מיט אונדז איז געשען אא״וו. איז אָבער,ליידער און ליידער, ווייט ניט אַזוי.

ייִדן האָבן פאַרוואָרפן די פעדער? ניין, ניט ריכטיק. ייִדן שרייבן גראָד פיל פאַר דער לעצטער צייט, און דאָס שרייבן איז יע פון די לעצטע יאָרן. צי דערפון וועט אונדזער היסטאָריאָגראַפיע האָבן אַ וועלכע נוץ — אַ ספק גאָר אַ גרויסער. עס געניגט נאָר אַ באַזוך אין אינפאָרמאַציע־אָפּטייל פון ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען. וואַרפט מען אַ בליק אויף די צענד־ליקער און הונדערטער דיקע און געדיכט פאַרשריבענע בריוו, וואָס ייִדן ברענגען דאָרט יעדן טאָג אויף איבערצושיקן אין מרחקים. מענטשן קאַרגן ניט קיין טעג און נעכט אויפן שרייבן די בריוו. באַמערקסטו ניט איין מאָל ווי איינער לייענט פאַר פאַר אַ צווייטן זיין בריוו, און דו הערסט ווי ער באַ־שרייבט פאַר זיינעם אַ קרוב ערגעץ ווו וועגן זיינע איבערלעבענישן פאַר די לעצטע יאָרן — ווערסטו פאַרגאַפט פון די בפּרוטרותדיקע, אוממיטלבאַרע און צאַפּלדיקע שילדערונגען. ממש דאָקומענטן פון ערשטן ראַנג! — גלייך לינקס פון דעם בריוו־טיש אַרבעט שוין אין אַ צימער אַ היסטאָרישע קאָמיסיע. עטלעכע ייִדן זיינען מיט איבערגעבנקייט אַריינגעוואָרפן אין זאַמ־לען, אויסגעפינען און סאָרטירן מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אונד־זער עבר; זיי פאַרטיילן אויך אַנקעטעס און גיבן אָנווייזונגען וואָס און ווי אַזוי צו שרייבן. ניט אָבער צו טרעפן אַזאַ איינעם, וואָס ביים צונויפשטעלן זיין גלות־לאַנגן בריוו צו אַ פאַרוואָרפענעם קרוב און פריינד, זאָל ער זיך אויך מאַכן אַ קאָפּיע, אָדער אַרויסנעמען די מער וויכטיקע ידיעות, און צו־גלייך מיטן איבערגעבן זיין אויסגעשטאַפּטן קאָנווערט אין אינפאָרמאַציע־אָפּטייל, זאָל ער אויך מיט אַ צווייטן, כאָטש מאָגערן, פּאַפּירל אויף אַ מינוט אַ פאַרקערעווע טאָן זיך דערביי אין די צווייטע טיר אַריין, אין היסטאָרישע קאָמיסיע. דאָרט איז מען אויך אפשר ניט ווייניקער נייגעריק צו וויסן פון זיינע איבערלעבענישן און מען נייטיקט זיך גאַנץ אָפט אין אַ וויכטיקן פּרט.

דאַרף מען אונדזערן אַ ייִדן וועגן דעם באַמערקן, דערמאָנען!

און אָט ווידער אַ טיר, אויך אַ ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע. די טיר פון דער

רעדאַקציע „אונדזער וועג״. פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ ווינקל צווישן געסלעך־געקנויל פון מינכען־אַלטשטאָט. און גראָד די טיר האָט שוין צו פיל מזל צו שרייבעריי. פוילן זיך ניט ייִדן אַרומצובלאָנדזשען, צו קריכן דורך געדרייטע קאָרידאָרן און שלעפן זיך אַהער טרעפּ־אַרויף צום וויפלטן שטאָק. מאַנוס־קריפּטן ברענגען זיי. דאָס רוב אינהאַלט — נאַרישע פילאָסאָפיע, סתם פּי־לאָלאָגיע, גראַם־שטראָם. היינט איבערגעדראָשענע פּובליציסטיק! נאָר אויף דער טעמע „על דאטפת אטפוך״, וואָס די גרויסע נאַציס ווערן אין נירנבערג איצט אַליין געמישפּט, האָט די רעדאַקציע אַריינבאַקומען די שווערע צענד־ליקער אַרטיקלען. און עס שרייבן מענטשן ניט קיין וויסטע פּראָפּאַנען, וואָס גייען אויס צו ווייזן אַז זיי זיינען מיט אַ „פּעדער אין האַנט״. געפעלט אָבער די מענטשן בעסער צו זיין צוועלפטראַנגיקע פילאָסאָפן און פּובליציסטן איידער ערשטראַנגיקע אויטענטישע שרייבער פון זייער אייגענער געשיכטע.

אמת, אַקטועלע טעמעס, טאָגפראַגעס, זיך וואַרפן מיט אַ „וואָגיק וואָרט״ אין קאָשיק פונם קהלשן וואָגשאָל, אין די פליגלען אַריין פון די געזעלשאַפט־לעכע ווינטמילן —איז פון אַלע מאָל אַן אָנציעוודיקער און לייכטער וועג. און טאָקע זיכרונות פון אַ טרויעריקן עבר, און באַזונדער אונדזער גאָר נאָענסטער עבר, זיינען גאָרניט אַזוינע „זינגעוודיקע״ און גיסן זיך ניט לייכט פון האַר־צן. ניט אַלץ אָבער וואָס איז פּעדער־לייכט און צום האַרצן איז אויך דויער־האַפט, צוועקמעסיק און העכסט־וויכטיק. ייִדן, גיט זיך אָפּ אַ חשבון!

מיר ריידן, הייסט עס, מכוח שרייבן, ניט ווייל ייִדן קאָנען חלילה ניט שרייבן, זיינען עס ניט גורס, אָדער האָבן בכלל ניט קיין חשק צו נעמען אַ פּע־דער אין האַנט. מיר ריידן דאָ וועגן נעמען זיך די געהעריקע ריכטונג ביים שרייבן, טאָן דערביי נוצלעכע פאָלקסאַרבעט און ניט זוכן דעם לייכטערן און אָנגענעמען וועג.

ייִדן, נאַטירט, פאַרצייכנט פון אַלץ וואָס מיט אייך האָט די לעצטע יאָרן פּאַסירט. זשאַלעוועט ניט קיין מי, גורט זיך אָן מיט געדולד און אויסדויער, זייט דערביי וואָס מער אָביעקטיוו און זאַכלעך. לאָמיר צולייגן אַ האַנט אויף בויען און שאַפן וואָס ווערטפול פאַר אונדזער גרויסן פאָלקס־מאָנומענט — ייִדישע געשיכטע!

[דעצעמבער 1945]

סוב־היסטאָרישע קהילות

היסטאָריע ניע זשעלאַיעם

שוין דריטע יאָר נאָך אונדזער באַפרײַונג, און פאַר דער צייט האָבן מיר דאָ אויף דער דייטשער ערד איינגעשטעלט אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. אין די לאַגערן פאַר די אויסגעוואָרצלטע און אין אַ צאָל שטעטלעך און שטעט זיינען דאָ געוויילטע פאַרוואַלטונגען, קהילות־קאָמיטעטן, וואָס פירן אָן אַ ברייטע און רעפּרעזענטאַטיווע טעטיקייט מיט אָפּטיילונגען און אָפּצווייגן. קומט מען אַריין אין אַ קאָמיטעט און מען דאַרף צו דער היסטאָרישער קאָמיסיע, איז אָבער אומזיסט דאָס וועלן באַלד זען אַזאַ אָפּטייל. ניט צו געפינען לעבן פּרעזידיום און אויך ניט לעבן אַ ווירטשאַפטס־אַמט אָדער פּאָליציי־אָפּיס. איז שוין יאָ דאָ ביי דער קהילה אַ היסטאָרישע קאָמיסיע, איז איר אָרט אויף אַ בוידעם־שטיבל, אָדער אין אַ טונקעלן אָפּגעלעגענעם ווינקל, ניט ווייניק אויך אין צימערלעך אומבאַהייצטע און מיט ניט־באַגלאָזטע פענצטער, און אויך אפילו אין אַ „רוים" פון אַ פּשוטן טואַלעט, טאַקע ווי אין איינעם פון אונדזערע גרעסטע און אויך פאַרריסענע לאַגערן אַרום סאַמע מינכען.

שוין איבעריק צו פרעגן וועגן דער באַציִונג פון די קאָמיטעטן צו די מענטשן פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס, צו אָט די מיטאַרבעטער וואָס וויקן זיך אין דעם חורבן פון דער לעצטער עפּאָכע, זוכן גבית־עדותן, פאַרצייכענען די פאַקטן, זאַמלען היסטאָרישן מאַטעריאַל. מיר ווייסן אויך ווי אַזוי די מענטשן ווערן טראַקטירט מצד אונדזערע רעדל־פירער. גאָר די נידעריקסטע אין די לאַגערן־היעראַרכיעס זיינען פאַררעכנט די מיטאַרבעטער פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס. אַלס קאָמיטעטן־אָנגעשטעלטע דערגרייכט זעלטן־זעלטן זייער אַ קאַטעגאָריע צו עפּעס אַ

העכערן שטאַפּל. און קומט נאָר אויף דעםווירטשאַפטס־מאַכער א וועלכער אָפּדוכט פון אַ חשש, אַז פון דזשאַינט אָדער אונרראַ קאָן ווערן פאַרמינערט די שטיצע, איז דער מיטאַרבעטער פון היסטאַרישער קאָמיסיע דאָס ערשטע כפרה־הינדל; זיין קאַטעגאָריע איז שוין אַרונטערגערוקט נאָך ני־דעריקער, און דער צוטייל פּאַר אים פון פּראָדוקטן, בגדים אד״גל, וואָס איז דער לוין פון די באַאַמטע, איז שוין „אויסגעגליכן מיטן באָדן צו גלייך״, ווי אין די לאַגערן ווערט עס דעפינירט. כמעט אין די אַלע קהילות אונדזערע איז שוין אָנגענומען אַזאַ כלל גדול: האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ קירצונג פון די אָנגעשטעלטע אָדער אַ מינערונג אין דער פּראָדוקטן־צוטיילונג, איז אַ חוק ולא יעבור אַז צווישן די ערשטע קרבנות מוזן פיגורירן די מיטאַרבע־טער פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס. פונקט ווי זיי, די היסטאָרישע בטלנים, וואָלטן עס געווען די הויפּט־פאַרברויכער פון די פּראָדוקטן־און קליידער־מאַגאַזינען. ווער דען טאַקע, אויב ניט זיי רוימען עס דאָרט אויס, כאַפּן און אָפּערירן מיטן גאַנצן אַרומכאַפּ?

שפּרינגט אויף אַ פראַגע, צי די גבאים אונדזערע, די קהלשע פאַרזאָר־גער, האָבן שוין טאַקע ניט קיין באַצ:ונג צו דעם וואָס איז מיט אונדז פאַר־לאָפן? ווילן זיי עס טאַקע פאַרגעסן און ניט מער הערן דערפון? חס ושלום! פאַרקערט, זיי שווייגן שוין גאָרניט און האַלטן אין איין דערמאָנען — די 6 מיליאָן!.. מיט דעם אָפּערירט מען ביי יעדער נאָר געלעגנהייט, צי ביים רייסן זיך צו אַ קהלשן בענקל און צי ביים אַרויסקריגן אפילו אַ שטיין אויף אַ קראָ־וואַט פון אַ דייטשן דאָרף־בירגערמייסטער. די מענטשן, הייסט עס, גייען צו צו דער גאַנצער זאַך נאָר געשעפטסמעסיק. מיטהעלפן אָבער צום פאָרשן די פּרטים פון גרויסן פאָלקס־חורבן, טאָן וואָס וועגן זאַמלען היסטאָרישן מאַ־טעריאַל — דאָס גייט זיי ניט אָן. זיי דאַרפן עס ניט. און אפשר אַמאָל לוינט זיי אויך ניט.

„שקאָלעס ניע זשעלאַיעם״, מיר ווילן ניט קיין שולן פאַר אונדזערע קינדער, מוחל די מאָדערנע בילדונג וואָס מען קומט אונדז רעקאָמענדירן!.. אַזוי פלעגן אויף זייער רוסיש אָפּענטפערן אונדזערע אַמאָליקע מנהיגים צו די פאָרשטייער פון דער צאַרישער רעגירונג. וועגן אָט דער שטעלונג פון די ייִדישע עסקנים האָבן זיך יאָרן לאַנג געפירט וויכוחים. און די מיינונגען

זיינען געווען פאַרשיידענע. קיין חילוקי דעות קאָנען אָבער ניט זיין וועגן דער האַלטונג פון די היינטיקע תקיפים אונדזערע בנוגע אַזאַ ענין ווי די היסטאָרישע אַרבעט. פון דער באַציִונג זייערער שפּרינגט אַרויס אַ מין „היס־טאָריע ניע זשעלאַיעם". דאָ קענען שוין קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. איין ענטפער נאָר קאָנען פון אונדז באַקומען די הויכגעשטעלטע אַדונים: די הענט אַוועק פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס!

קהילות, אויף דער וואַך!

דאָס שלעכט באַהאַנדלען די מענטשן וואָס אַרבעטן לשמה ביים זאַמלען היסטאָרישן מאַטעריאַל, און בכלל די באַציִונג פון אונדזערע כלל־טוער צו דער טעטיקייט פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס, האָט אַרויסגעבראַכט צווישן דער שארית־הפליטה גאָר אַ זייטיקע פלעיאַדע פון אייגנאַרטיקע „היסטאָריקער". סתירות און טשיקאַוועסן האָבן אין אונדזער לעבן זעלטן ווען געפעלט. איז איצט אויך אונדזער היסטאָריאָגראַפיע, אַ גע־ביט וואָס האָט זיך מקדמת דנא גערעכנט ווייט־ווייט פון אַ פּראַקטישן — איז היינט אַריין אין קורס. מיט אַ קאָמערציעלן פליים האָבן זיך מענטשן אַ וואָרף געטאָן אויף זאַמלען און „באַאַרבעטן" היסטאָרישן מאַטעריאַל פון דער ייִדי־שער קאַטאַסטראָפע. זייער פּראַקטישער חוש פון עולם־המיסחר זאָגט זיי עפּעס אונטער אַז פון „פּעטע" היסטאָרישע אָביעקטן קען מען היינט אין אַ וועלט וואָס מאַכן, ניט ערגער ווי פון דעם האַנדל מיט דאָלאַרן און שווייִ־צאַרישע זייגערלעך. פילאַטעליסטן, טיפּישע הענדלער פון בריוומאַרקעס, טראָגן זיך אַרום מיט בילדער, מיט מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס פון די שרעקלעכסטע עקזעקוציעס איבער ייִדן. זיי בייטן זיך איינער מיטן צווייטן. קומען אויך אין די היסטאָרישע קאָמיסיעס אָנבאָטן זייערע אַרטיקלען לויטן קורס פון טאָג. „די בילדער — איינס שטאַרקער פון אַנדערן!" הערט מען גאַנץ אָפט ווי די מענטשן לויבן אַריין זייער סחורה. און ווער רעדט נאָך ווען צו אַזעלכע פאַלט אַריין אַ שריפטלעכער דאָקומענט, אַן אָפּשריפט פון אַ נאַציִשער גזרה, איבערגעלאָזענע זיכרונות פון געטאָ און קאַצעטן!..

פיינלעך, באמת פיינלעך, אַז היינט דאַרף מען ריידן צו די שליחי־ציבור פון דער שארית־הפליטה וועגן דער וויכטיקייט פון דער היסטאָרישער אַר־בעט ביי אונדז. דאָס זאַמלען היסטאָרישע דאָקומענטן און פאַרצייכענען די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן איז דאָך פון אונדזערע הויפּט־אויפגאַבעס. דאָס איז אַזוי קלאָר און בולט פאַר יעדן איינעם, און אַ וועלכע נאָר פאַר־נאַכלעסיקונג פון דער זאַך איז אַן עוון לא יכופר. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַ באַדויערלעכער, אַז ביז אַהער האָבן דאָס רוב קאָמיטעטן ניט געלייגט קיין אויפמערקזמקייט אויף דעם געביט.

אין שייכות מיט די לעצטע וואַלן און אויפקום פון נייע קאָמיטעטן און קהילות־פאַרוואַלטונגען, דאַרף געלייגט ווערן שטאַרקע האָפענונג, אַז אויך בנוגע דער היסטאָרישער אַרבעט וועט זיך די באַציִונג פון די עסקנים ענ־דערן, און צום בעסערן. די ניי־געוויילטע קהלס־לייט האָבן ביי די וואַלן אַלץ גערעדט פון נייע אידעען, וועט געוויס זייער צוגאַנג צו אונדזערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּראָבלעמען זיין דורכגעדרונגען אויך מיט טיפער געזעלשאַפט־לעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פון זיי איז צו דערוואַרטן באמת אַן אַנדער באַציִונג, אַ דורכויס פּאָזיטיווע, צו די היסטאָרישע קאָמיסיעס, וואָס געפינען זיך אין רשות פון די אָרטיקע קאָמיטעטן.

אומגעהייער איז די אַרבעט וואָס די היסטאָרישע קאָמיסיעס האָבן נאָך צו טאָן. אין די לאַגערן און אין די שטעט דאָ ביי אונדז געפינען זיך די הונ־דערטער מענטשן פון אומבאַקאַנטע געטאָס און קאַצעטן, פון מקו־מות וואָס וועגן זיי זיינען נאָך בכלל ניט פאַרצייכנט וועלכע ידי־עות. מוזן אָט די מענטשן ווי פריִער ווערן אויסגעהערט אין די אָרטיקע היסטאָרישע קאָמיסיעס, און זייער עדות־זאָגן דאַרף ווערן פּראָטאָ־קאָלירט. עס מוזן נאָך אויך פיל געזאַמלט ווערן היסטאָרישע דאָקומענטן פון די פאַרשיידענע פּערזאָנען און אַנשטאַלטן, ווי אויך פאָטאָ־בילדער, מוזייאַ־לע חפצים אא״וו. ביי אַ גוטן ווילן קאָנען די קהילות אונדזערע אויך ניט וויניק אויפטאָן אויף איינצאַמען די אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן אין זייער ביזנעס־אַרבעט פון זאַמלען היסטאָרישע דאָקומענטן. דערמיט וועט באַזייטיקט ווערן אַ שטיק שענדלעכע הפקרות, וואָס עס הערשט ביי אונדז אויף דעם געביט. מיט דער מיטווירקונג און הילף פון די קאָמיטעטן איז

וויכטיק איינצואָרדענען אויסשטעלונגען פון היסטאָרישע עקספּאָזיטן אין אונדזערע גרעסערע לאַגערן און אין די שטעט מיט אַ גרעסערער ייִדישער קאָנצענטראַציע. דערמיט ווערט צווישן מענטשן געמאַכט פּאָפּולער דער געדאַנק פון מיטאַרבעט און זיי באַקומען דעם אימפּולס צום שרייבן זייערע איבערלעבונגען, ווי אויך צו זאַמלען היסטאָרישן מאַטעריאַל און איבערגעבן עס אין די געהעריקע אינסטאַנצן. אַזאַ אויסשטעלונג איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אין לאַגער פון פּאָקינג און האָט טאַקע געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. ווי געזאָגט, קאָנען אונדזערע קהילות־קאָמיטעטן נאָך העלפן אַ סך־אַ סך אין דער אַרבעט פון זאַמלען און פון פאַרצייכענען די געשעענישן אונדזערע אין די חורבן־יאָרן. איין גרויסער עיקר אָבער דערביי — אויפריכטיקע זאָרג און ערנסטע באַציִונג צו דער זאַך.

דער בנין פון אונדזער חורבן־מאָנומענט וואַרט אויף זיינע ציגללייגער און מיטבויער. לאָמיר ניט סאַבאָטירן די אַרבעט !

אונדזער משיחיזם־גאַסט

ה. לייוויק, דער גרעסטער דיכטער אין ייִדיש, שוין גרוי, דערשיטערט און איינגעפאַלן פון ייִדישע צרות — ער איז געקומען צו אונדז, צו דער שארית־הפליטה.

האָט זיך דער גאַסט אונדזערער געלאָזט פון זיין היים אין דער ווייטער אַמעריקע, זיך געלאָזט ביי דער איצטיקער צייט דורך אומוועגן און איבער וויסטע וועגן און־שטעט אַזש אַהער — איז עס ניט אָן געהויבענע כוונות פון שליחות. זיכער אָ כוונה ניט איינע האָט עס באַוויגן לייוויקן אַרונטער־צולאָזן זיך היינט צו אונדז.

דער אָ שליח איז דער גאַר־אַנגעהעריקער מיט אונדז, דער שליח מיטן האַ־הידיעה. ער איז דאָ דער מענטש אריינצובליקן אין די נשמה־פאַרוווּנדטע, אין די אַרויסגעקראָכענע פון די מ"ט שערי־קאַצעט און נאָך טיף פאַרזונקענע אין מידבר פון גייסטיקער לעטאַרגיע. טאָ ווער זאָל אונדז אַריינברענגען לעבנסמוט, לאָזן הערן אַ דערלייזעריש וואָרט — אויב ניט לייוויק?

ער איז געקומען.

קאַפּיטל פאַר קאַפּיטל פון דער לאַנגער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע ווערן אַנאָכבאַגלייט פון משיחיזם־באַוועגונגען. אין צייטן ווען די מענטשלעכקייט פאַלט שוין גאָר טיף און רישעות און אַכזריות נעמען טריומפירן ביזן הימל — פלאַקערט אויף אין יחידישע הערצער אַן אייגנדיקער רעוואָלט קעגן דער צייט. עס ברויזט אויף דער באַגער צו אַן אוניווערסאַלער דערלייזונג, צו דער ביאַת־המשיח, און די שרעקלעכע צרות ווערן אָנגענומען ווי אַ לעצטער הכרחדיקער דורכבראָך־עטאַפּ ערב דעם אַלמעכטיקן ניצחון פון גערעכטיקייט — חבלי־משיח.

גרויס און פילפאַרביק איז די פּלעיאַדע פון אונדזערע דערלייזער־בונטאַרן, ווי לאַנג און אָנגעזעצט מיט צרות איז דער ייִדישער מאַרטירער־וועג. נאָר צו דערמאָנען בר־כוכבא, אשר לעמלין, דוד הראובני, און אַפילו שבתי צבי. יעדער ישועה־ברענגער אָדער דערלייזער שטייט אויפן בלוטיקן שוועל פון אַן עפּאָכע, וואָס איר קיִן־צייכן באַוועגט עס אים און רופט צו זיין דער אַפּאָסטאָל פון זיין פאָלק. די טרעגער אַליין פון די גרויסע משיחישע באַוועגונגען הייבן זיך טאַקע אויף פיל העכער פון זייער סביבה און צייט. אָבער דער דור זייערער דינט פאַרט פאַרן אויסגאַנגפּונקט, די באַזע, פון וואַנען זיי פאַרנעמען זיך אין די העכסטע הייכן, צו דער מלכות־שמים, אַחרית־הימים. די באַוועגונגען פלעגן פאַרכאַפּן גרעסערע טיילן פונעם פאָלק, אַדורכשטראָמען מענטשן מיט שטורמישע כוואַליעס פון האָפענונג און מוט. מיר ווייסן אויך אַז גאַנץ אָפט פלעגט זיך אַ פּרשה גאולה אויסלאָזן מיט אַ ביטערן מפטיר, מיט ניט ווייניק אַנטוישונג און גייסטיקער פאַרקריפּלונג.

ווי אַן איבעררייס איז פאַר די לעצטע דורות געקומען אין דער הערא׳ישער קייט פון משיחיזם, אין אונדזער הערלעכער פאָלקס־קרעאַציע. די נייע דער־פינדונגען, דער צעבליטער ראַציאָנאַליזם און מאָדערנע דיאַלעקטיק זיינען ווייט ניט יענע מיסטעריעזע קוואַלן צום מאַכן שפּראָצן און צעוואַקסן אָט דעם פּורפּור־הייליקן אָפּיום. חורבנות און דערשיטערונגען אין אונדזער לעבן האָבן פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער שוין גאָר־גאָר ניט געפעלט. וווּ אָבער היינט פרייע נאַיִווע פאַנטאַזיע, משיח־איינגלייבעניש ? די מאָדערנע וויסנ־שאַפט און טעכניק דינען די ריין־פּראָדוקטיווע צוועקן, ווי מאַסן־רציחות און גיפטיקע העצעריי. איז אָבער, ווידער, די היסטאָריע אָפט אַזוי „טאַמעוואַטע" און אויך אין איר נייעסטן גאַנג איז זי פול מיט „אָפּנייגן" צו די אַלטע דרכים. זיינען דאָ נאָך די גרונט־סיבות, צרות און גרוילן, וואָס פלעגן אין די אַמאָליקע תקופות אַרויסברענגען אַ משיחיזם־געוויקס — קומט שוין אויך איצט אויף אַ מין ענלעכע בליִונג. קיין שלמה מולכוס טראָגן שוין ניט אויס אונדזערע צייטן. די משיח־עמבריאָנען פון די לעצטע עפּאָכעס טראָגן זיך דאָס רוב אויס אין — געזאַנג. אַ געזאַנג פון גאולה. ווי רעדט לאה צו איר טויט־באַשערטן

אין „דיבוק״: „אין די חלומות פון דער נאַכט וועלן מיר צוזאַמען וויגן אונד־זערע ניט־געבוירענע קינדערלעך... מיר וועלן זיי זינגען לידעלעך״...

נאַרמאַל צי ניט נאַרמאַל. די ייִדישע צרות פאַר די ערשטע צוואַנציק יאָר פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, די ווילדע רוסישע בילבולים מיט די רדיפות און גזירות און גירושים, און די פּאָגראָמען פון 1919, האָבן ביי אונדז אַרויסגעבראַכט דעם טרוימער און זינגער פון אַ נעאָ־משיחיזם — ה. לייוויק.

זיצט ער שוין יאָרן, דער דיכטער, אויף די חורבות פון אונדזער לעבן, פירט דעם חשבון פון וועלט און דורות, און שפינט מיט זיין גאולה־ליד „די קרוין פון ריינער קדושה און פון צדק״. ער קוקט אויס מיט גאולה־פאַרחלומטע אויגן אויף די פּאַרשפּעקטיקטע טריט פון אַ משיח. מיט זיין גאַנצן וועזן שפּירט ער:

דער סדר פון פּאַסירונגען איז ניט צעריסן,
און וועט קיין מאָל ניט צעריסן ווערן;
און ווער עס קען דעם סדר ניט באַנעמען — וויי צו אים!

לייוויקס משיח־מיסטעריע הייבט זיך אָן מיטן „גולם״. דאָס ווערק גע־שריבן אין ייִדיש, פאַר ייִדן און פון אַ ייִדן נאָך אַ וועלכן — די האַרציקייט און נשמהדיקייט אַליין. און די פעדער פון אָט דעם מענטשן האָט אַרויסגע־בראַכט אַ וויזיע פון אַזאַ רויען, ברוטאַלן עפּיגאָן־געשטאַלט אין דער משי־חיזם־קייט — דער גולם!

אין ייִדיש געשריבן, ייִדן זאָלן עס אויך לייענען. ניט פאַר אונדז אָבער די וויזיע.

„דורך טויט און בלוט און לעצטן אָטעם״ — וועמענס טרוים און פּאַראָל איז עס?

מיר האָבן שוין מיט די אייגענע אויגן געזען די ייִדישע „בלוטדאָרשטי־קייט״.

לייוויק דער טיפער דיכטער האָט אינטויִטיוו אָנגעהאַלטן דעם פּולס פון אונדזער צייט. האָט ער דערשפּירט די ווייען פון דור, און זיך דערהויבן אין דער בחינה פון „נביא נתתיך לגויים״ — און אויסגעטרוימט דעם „גולם״.

שוועבט איבער דעם ווערק דער בלוטיק־פייערדיקער איבערשריפט: משא עמלק.

דערשינען איז די דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם" אין 1921. פאַרביי נאָר איין יאָר, זעט שוין די וועלט די דראַמע וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער „אייביקער שטאָט". מיטן „מאַרש אויף רוים" ברענגען מאָסן אַריין אויף די פּלייצעס זייער גולם־דערלייזער און זעצן אים אַוועק מיט שטורעם אויפן הערשער־טראָן. דער פירער!.. געטאָן האָט עס אַ המון, אַ פאָלק. און מסתמא אויך מיט אַ כוונה אַ ווויל־געמיינטער, ניט ווייניקער אפשר ווי ביי לייוויקן דער מהר"ל, ביים שאַפן זיין גולם. און דער פירער־דערלייזער אויף דער וועלטבינע בערלין, אָט די דראַמע וואָס האָט דאָ אָנגעהאַלטן ביז מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק!..

איז אפשר גענייגט לייוויק, אונדזער ליבער גאַסט, צולייגן דאָ אַן אויער צו רייד פון דעם פאָלק, וואָס האָט עס מיט זיינע שטימען און מיט אַזאַ התלהבות איבערגעגעבן דעם שטן די שליטה? שרייבט מיט רעכטפאַרטיקונג איינער אַן אינזשעניר אין אַ היגער צייטונג: „ווער האָט זיך געריכט אַז דער פירער וועט ניט זיין געהאָרכזאַם דער קאָנסטיטוציע און ניט שטעלן זיין מאַנדאַט ווידער צו פרייער אָפּשטימונג?"...

דער פאַרפירערישער ווידעראַנאַנד צווישן דעם גולם־שאַפער און זיין ווערק, דעם גולם אַליין! האָט די פינצטערע קראַפט שוין אַריינגעכאַפּט דעם שם־המפורש, מעג עס זיין פון אַ מהר"ל אַליין, און בקדושה ובטהרה — שווער מיטן כאַפּן צוריק!

קיין נירענבערג וועט זיך נאָך אַוודאי פאַרקערעווען לייוויק. אין דער שטאָט קומט דאָך איצט פאָר דער גרויסער מישפּט. וועט ער דאָרט זען און הערן ווי ממזריש און האָפערדיק עס אָפּערירן אין זייער פאַרטיידיקונג די גולם־שערבלעך!

דער גולם חלומט דאָ אין לאַנד פון יעדן ווינקעלע; איבער אָט דעם באָדן שפרייזט איצט לייוויק.

„דער גולם חלומט" הייסט באמת לייוויקס אַ וויטערדיקע משיח־פּאָעמע. אלף הבדלות אָבער פון דעם גולם־גערמאַניקום. מיט יעדן נייעם ווערק איז לייוויק געגאַנגען אַלץ נענטער צו אונדזער אַלטן מקור, ברוח ישראל סבא.

און זיין גאולה־געזאַנג, אין גרויסן פאַרנעם, איז ווייט ניט קיין הספד־עלעגיע נאָך ניט־דערגאַנגענע אָדער ניט־באַשערטע גאולים, אַ „ליד פון גאָרניט". זיין שירה איז אַ העראָישע אָדע ערב דער גרויסער שעה פון דערלייזונג, אַן אויפמאַרש־געזאַנג צום טריומף פון צדק.

ליד נאָך ליד, בוך נאָך בוך — ווערן מיר פאַרכאַפּט אַלץ שטאַרקער פון לייוויק דעם אונדזעריקן, אונדזערער מיט האַרץ, נשמה און וויזיע!

אין די טויערן פון רוים, די אַמאָליקע וועלט־מעטראָפּאָליע, צווישן מצורעים און קאַליקעס, זיצט אַ בעטלער, און איז פאַרטאָן אין איבערבינדן זיינע ווונדן. דער איז עס דער צוקונפטיקער משיח. אַזוי איז גורס אַן אַלטע יידישע לעגענדע. לעבנס־פאַרשטויסענע, אַ ליידנדיקער שפּל־רוח — אין אַ סביבה פון אַזעלכע קען מען פילן אויך הערלעכס. יסורים, דאָס אָפּקומען פון מענטשן, מאַכן אָפּט אויפקומען דערהויבענע אימפּולסן, ברענגען אויף דערלייזערישן שוווּנג.

טראָגט ער זיך לייוויק, וואַנדלט דאָ צווישן די מענטשן, זיינע אַדורכגעפלאָגטע ברידער פון שארית־הפליטה, פּרוּווט אַדורך זייערע אויסגעווייטיקטע געזיכטער, פאַרטיפט זיך צו אַרויסלייענען דיליידן און האָפענונגען. זיכער וועט ער נאָך אין גיכן אויפשיינען מיט נאָך מער דערהייבונג און מיט נאָך און נאָך מעכטיקע דערלייזערישע ווערטער.

און מיר —

אַנגעטאָן איז לייוויק אין אַן אוניפאָרעם פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און פיגורירט דאָ אָפיציעל ווי אַן אָפיציר פון אונרראַ, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע. די שארית־הפליטה באַטראַכט אָבער ווייט ניט אָט דעם שליח ווי אַ קאָמאַנדירטן פונקציאָנאַר. זיין גייסט איז נאָך געוונוג שטאַרק אַדורכצושטראַלן דעם אויסערלעכן לבוש. ווי אַ דוד הראובני איבער די גאַסן פון רוים זעען מיר אים אָן, דעם פּרינץ פון ליטעראַטור און שר־הרוח אונדזערן.

מיר האָבן אַזוי געוואַרט אויף אים. ער איז דאָ.

טיפער גייסט, שיינער גרייז, גרויסער גאַסט!

[„אונדזער וועג", מינכען, 29.4.46]

ה

נבואה אויפן שנירל

אָן אַ שטערן

טויטער גראַנגל

ביטול האש

נבואה אויפֿן שנירל

קיין מינכעץ צו זיין טאַטן, וואָס איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון קאַצעט, איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן דאָס קינד. זיין קליינטשיקער ווּקס און צוזאַמענגעצויגן קערפּערל מיטן אומדערזעטלעכן אַפּעטיט, און דער טרויער פֿון זיינע גרויסע בלויע אויגן — האָבן אָנגעוואָרפֿן שרעק. אים ווערט באַלד דרייצן יאָר און ער האָט שוין גאָר אַ סך איבערגעלעבט. ביי דריי יאָר האָט ער זיך געהאָדעוועט אין אַ געטאָ. האָט ער אויך געזען ווי מענטשן ווערן דערשאָסן און געהאַנגען. דער טאַטע איז פֿאַר זיינע אויגן געוואָרן געכאַפּט און אַוועקגענומען און יאָרן איז ניט געווען קיין ידיעה פֿון אים. מיט דער גאַנצער געטאָ האָט דער ייִנגל דורכגעמאַכט אַזוי פֿיל אַקציעס. דאָס לעצטע מאָל האָט אים די מאַמע אַדורכגעשמוגלט ממש אונטער די אויגן פֿון מלאך־המוות. מיט איר מסירת־נפֿש האָט אים די מאַמע ענדלעך אויך אַדורכגעגנבֿעט פֿון געטאָ און איבערגעגעבן צו אַ קריסט, וואָס האָט אים אַריבערגעבראַכט צו אַ פּויער אין אַ וויטן דאָרף. דאָרט האָט ער געפּיטערט חזירים, ווידער געהונגערט און געוואָרן שיקאַנירט פֿון אַ גאָספּאָדיניע אַ מרשעת. אַז די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון דער געגנט, האָט זיך דאָס קינד געלאָזט צוריק אין זיין שטאָט אַריין. ניט געפֿונען האָט ער אָבער ניט די מאַמען און ניט די שוועסטער; אומגעבראַכט זיינען זיי געוואָרן ביי דער ליקווידאַציע פֿון דער געטאָ. ניט געווען איז שוין אויך איבער דעם גאַנצן לאַנד קיין איין לעבעדיקער קרובֿ פֿון זייער גרויסער פֿאַרצווייגטער מישפּחה. איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין אַ סאָוועטישן דערציִונגס־הויז און געווען צוזאַמען מיט נאָך עלנטע קינדער. אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיין טאַטע לעבט יאָ און ליגט קראַנק אין דייטשלאַנד. האָבן אים גוטע מענטשן מיטגע־

שלעפּט אין די ווייטע, שווערע און סכנותדיקע וועגן — און דער זון איז געקומען צו זיין טאַטן.

דער ייִנגל איז געווען אַ פֿעיִקער און גייסטיק אַנטוויקלט. דערצויגן האָט ער זיך אין אַ העברעיִשער שול און געהאַט גערעדט פריי אויף דער שפּראַך. אויך אין געטאָ האָט זיין מאַמע ניט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר זיין לערנען. אין דעם דערציִונגס־הויז פלעגט ער אויך פון ווו אויפזוכן העברעיִשע ביכער און אין פאַרבאָרגעניש זיי שלינגען. איצט ווידער מיט דעם טאַטן, וואָס איז שוין אַרויס פון שפּיטאָל און זיך געדונגען אין שטאָט אַ צימער, האָט דאָס העברעיִש גענומען צוריקלעבן אין קינדס מויל. ניט געווען נאָך אָבער צו געפינען לערן־און לייען־ביכער אין העברעיִש. וואַרפט איבער דער טאַטע נאָך אַ מאָל זיין בינטל ביכער און זעט אַ תרי־עשר, זיין איינציקן ספר פון תּנ״ך, וואָס איז אים לעצטנס צוגעפאַלן. דער תּנ״ך! דורות ייִדישע קינדער האָבן דאָך געלערנט נאָר פון אים, אויסווייניק געקענט פּסוקים און קאַפּיטלעך גאַנצע. און אָט קומט דער ייִנגל פון „דאָרטן״, האַלט אין קריטיקירן די „קליין־בורזשואַזיע״ און רעדט מיט אַזאַ שינאה וועגן די „קאַפּיטאַליסטן״ — וועלן אים דאָך געוויס זיין צום האַרצן די רייד פון עמוסן מיט זיין שפּאָט איבער די רייכע, וואָס „ליגן אויף בעטן פון עלפנביין״ און די אויסגעפּאַשעטע דאַמען, די „פּרות הבשן״... איין מאָל און נאָך אַ מאָל האָט דער טאַטע דער־קלערט דעם זון די שטראָפרייד פון אָט דעם נביא, דעם האַרעפּאַשניק און וואָס איז אויך געווען אַ פּאַסטעך, און די אויגן פון דעם קליינעם האָבן געשטראַלט און די לעכעלעך אין זיינע באַקן האָבן זיך געטיפט פון אַנקוועל. ער בלייבט דאָך דעם גאַנצן טאָג אין צימער, און ביז דער טאַטע קומט צוריק, נעמט ער זיך אָן מיט חשק אויסצולערנען דעם גאַנצן קאַפּיטל אויסווייניק!

די אָ אויפגעלייגטקייט איז שוין אין אָוונט ניט געווען צו מערקן אויף דעם ייִנגלס פּנים. ווי נאָר דער טאַטע האָט גענומען דעם תּנ״ך אין דער האַנט, האָט זיך דאָס קינד אָנגעהויבן דרייען אויף אַלע זייטן, ווי עפּעס געזוכט, און איז פּלוצלינג ניט געוואָרן אין צימער. אין אַ ווײַלע אַרום אַ קלאַפּ אין טיר, און עס איז אַריין די באַלעבאָסטע פון דער דירה, אַן אַלטע דייטשקע. אין איין האַנט האַלט זי אַ דין שנירל און ביי איר צווייטער האַנט דער ייִנגל,

אַזוי אָפּהענטיק און זיין פּאַרלוירענער בליק איז געווענדט צו איר מוטיק־איינ־געשטעלטן פּנים, ווי זי וואָלט דאָ געווען זיין שוץ. יאָרן אָן עלטערן און אָן אַ היים, געיאָגט און געפּלאָגט, עלנט און פאַרוואָרלאָזט — האָט עס אין דעם קינד אַריינגעגעבן אַ באַזונדערע גאַרונג צו מיטגעפיל און צו אַרויסגעוויזענער פריינדשאַפט. און די אַלטע באַדויערט אַזוי דעם גורל פון די „אומגליקלעכע יודען" און טאַדלט די בייזע נאַציס, וואָס „קיינער האָט דאָ אין לאַנד ניט געוווּסט פון זייערע פאַרברעכערישע מעשים, און נאָר שאַנד אָנגעמאַכט דעם דייטשן פאָלק"... איז היינט דעם יינגל געפאַלן שווער דאָס אויסלערנען זיך אויסווייניק די פסוקים פון עמוס, דעם אַלטן תנכישן לשון. ער האָט אָבער אויך ניט געוואָלט אַז דער טאַטע זאָל אים חושד זיין אין פוילקייט. האָט ער אויסגעפונען אין דעם בינטל ביכער אַ בראָשור פון דער ארץ־ישראל־בריגאַדע און זיך באַטראַכט גאָר אויסצולערנען אויסווייניק אַ מאַרשליד, אַנשטאָט עמוס. וועגן אָט דעם בייט האָט ער אין זיין קווענקלעניש געוואָלט הערן אַ ווערלכע הסכמה, כאָטש פון ווּעמען. אין שטוב איז געווען נאָר די דייטשקע. האָט די אַלטע זיך אַרויפגעטאָן די ברילן פעסט אויף דער נאָז און גענומען אַריינקוקן אין די „מערקווערדיק־אומגעווייגלעכע" בוכשטאַבן און באַלד מיטן גאַנצן ערנסט אָנגעהויבן פאַרגלייכן דיביידע „טעקסטן", באַטראַכטן די גרייס פון די אותיות אין יעדן איינעם און ציילן די שורות. פון נאָך מער פּינקטלעכקייט האָט זי גענומען אַ שנירל און געמאָסטן די לענג פון יעדער שורה אין דעם קאַפּיטל פון עמוס און אין פערזן פון דעם סאָלדאַטן־ליד — און האָט אויסגעפונען אַז פון דעם קינדס זייט איז דאָ ניטאָ קיין נאַרעריי און יידישע קאָמבינאַציע. איז זי עס איצט אויפן יינגלס רוף אַריין אין צימער מיט דעם שנור אין דער האַנט און נעמט ממליץ זיין:

— זאָל דער הער פאַרצייען זיין בוב, דעם פיין־דיסציפּלינירטן. ער איז געווען ערלעך, און גענוי אויסגעלערנט; אָט דער שנור...

דערשטוינט איז דער טאַטע. ביים זון, הייסט עס, איז נבואה־רייד דאָס זעלבע ווי אַ סאָלדאַטיש לידל... און זיין טרויעריקער בליק פאַלט באַלד אויף אַ פּסוק פון צעעפנטן עמוס: „בניך ובנותיך בחרב יפלו ואדמתך בחבל תחלק", דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן פאַלן דורכן שווערד, און דיין ערד וועט ווערן צעטיילט מיט אַ שנור...

טראַכט ער איבער נאָך אַ מאָל די גרויליקע רייד פון דעם נביא, וואָס שרעקט און שרעקט מיט ווערן אַרויסגעריסן פון זיין ערד דעם אייגענעם פאָלק וואָס איז דורות פאַרוואָרצלט אין לאַנד. חורבן און גלות זאָגט ער פאָר. דער אַ פּאַסטעך און ערדמענטש איז דאָך דער ערשטער און אויך איינ־ציקער נביא מיט דעם זאָג פון צעטיילן דעם ערדבאָדן פון זיינע ברידער מיט אַ שנור!.. און דעם טאַטנס געדאַנק איז שוין געווענדט צום נביא אַליין:

יאָ־יאָ, דיין פאָלק איז פאַרטריבן פון זיין ערד, און גייט אָפּ אין גלות מיט טייכן בלוט. די זין און טעכטער פאַלן ניט נאָר דורכן שווערד; די צייט האָט שוין צוגעטראַכט אַפילו גאַז־אויוונס... און איינצלנע רעשטעלעך קינדער האָבן זיך נאָר מיט ניסים געראַטעוועט, געפּיטערט חזירים ביי גויים, און די עם־האַרצות פרעסט זיי.

יאָ, מקוים געוואָרן, פול־פול מקוים געוואָרן דיין פאַרכטיקע נבואה, עמוס.

ביסטו שוין געשטילט אין דיין צאַרן, אַדוני בוקר ובולס שקמים, פּאַסטעך פון רינדער און צוריכטער פון ווילדע פייגן?

פאַרשניטן, ניטאָ שוין אַזוי־פיל־אַזוי־פיל פון די וואָס האָבן געטרונקען מיט דאָרשט דיינע רייד. און די רעשטעלעך יונגטלעכע, שיטערע־שיטערע רעשטעלעך, זיי באַגרייפן שוין ניט די הערלעכקייט און מהות פון דיינע זעונגען. און אָט אַ האַנט, אַ האַנט אַזאַ פרעמדע, גייט איבער דיינע פסוקים — מעסט מיט אַ שנור.

האָסטו דאָ אויך אַ חשבון, אַ פשוטן חשבון פון „דריי און פיר”, ווי דיין פשטותדיק לשון אין דיין ספר תנ״ך.

צופרידן ביסטו אָבער געוויס ניט, ערפאַרכטיקער זעער.

[מאַרץ 1946]

אָן אַ שטערן

אַ דעלעגאַציע פון ליטעראַרישע און קינסטלערישע כוחות איז אין מינכען דערשינען פאַר די גרויסע עסקנים. צעוואָרפן זיינען די לאַגערן פון דער שארית־הפליטה איבער שטיקער דייטשלאַנד, און דער עולם דאָרט איז צו־נויפגעקומען פון די פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע — האָבן שוין אָט די מענטשן באַוויזן זיך צוזאַמענצורייידן און זיינען דאָ מיט אַ קולטורעלע פאָ־דערונג. אַ געדענק־אָונט פאַר יהודה הלוי!

דער ערשטער שטעלט זיך פאַר אַלס פובליציסט און קריטיקער צוזאַ־מען שוין מיט אַ באַדויער וואָס אַזוי ווייניק ווייסן איצט וועגן דער גרויסער ראָלע וואָס ער האָט געהאַט געשפּילט אין זיין שטאָט און לאַנד. באַלד שפּרינגט ער אַריין אין שפּאַניע מיט הונדערטער יאָרן צוריק. וווּנדערלעך האָט זיך דאָרט דעמאָלט צעבליט — צעהיצט ער זיך — דאָס יידישע גייסטיקע שאַפן. מוראדיקע טאַלאַנטן זיינען דערשינען אויף דעם דרום־מיזרחדיקן האָ־ריזאָנט אין אייראָפּע. די „גאָלדענע תקופה" הייסט יענע צייט אין אונדזער געשיכטע. און דער פּרינץ פון דער שאַפונג, דער ברילִיאַנט אַליין, איז געווען יהודה הלוי, דער גרויסער פּאָעט און פילאָסאָף. איז לעצטנס געוואָרן אַכט הונ־דערט יאָר נאָך זיין טויט, און מען שווייגט. ער קאָן דאָך ווערן אין גאַנצן פאַרגעסן!

ריידן נאָך עטלעכע פון דער דעלעגאַציע וועגן יהודה הלוין, און לאָזן זיך שוין אויך אַוועק חשיבותדיק וועגן זיך אַליין. יע, אַ געדענק־אָונט פאַר אַזאַ שימערירנדיקן אבן־טוב, ווי יהודה הלוי, באַטאַנען זיי, מוז ווערן געמאַכט אויף גרויס, טאַקע אין איינעם פון די שענסטע זאַלן אין מינכען. און זיי זיינען די רעדנער.

שטייט ניט אָפּ נאָך איינער און נעמט דערציילן וואָס פאַר אַ דערפאָלג־

רייכער דיריגענט ער איז געווען. אין דעם לאַגער ווו ער איז לעצטנס מגול־גל געוואָרן, האָט ער אַן אָרקעסטער, פון מוזיקאַנטן און אויך זינגער וואָס זיינען געווען באַרימט. די קאָנצערטן זייערע זיינען שוין באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט. איז שוין צייט אַרויסצוגיין אויף ברייט. די מינכענער עס־קנים מוזן זאָרגן אויך פאַר קונסט!

אין אַ רעפּעראַט כמעט פאַלט אַריין דער מענטש וואָס גיט זיך אָן פאַר אַ פּאָעט און נאָוועליסט. אין אָט דער סאַמע גאָלדענער תקופה — דער־קלערט ער — האָט נאָך איינער פון דער גלאַנצפולער פּלעיאַדע זיך טרוי־עריק צעזונגען איבער זיין ביטערן גורל. אברהם אבן־עזרא האָט ער געהייסן, און אים איז נעבעך שלעכט געגאַנגען. און ווי אַ מענטש וואָס גלייבט אין דער פאָרויסבאַשטימונג פון די שטערן אין הימל, האָט ער וועגן זיין צרהדיק לעבן זיך אויסגעדריקט — „געבוירן אָן אַ שטערן"... אַ ניט־בעסערע מערכה אין לעבן האָט צו דער זעלבער צייט געהאַט יהודה הלוי, אַ קאָלעגע פון אבן־עזראן, דעם מזל־קלאָגער, און אַ ביסל עלטער פון אים אין יאָרן און נאָך מער־מער גרעסער אין גאונות און שאַפן. דער „אָן אַ שטערן" האָט אים גאָר פעסט באַגלייט, יהודה הלוין, אין זיין אויסגעבענקטער נסיעה קיין ארץ־ישראל. איבערן ים האָבן זיך מטורפדיק געטראָגן כמאַרעס אויף כמאַרעס און פאַרפינצטערט דעם שיין און דעם וועג. אין געווירבל האָבן כוואַליעס גרויליקע ווילד געשליידערט די פלאַטערדיקע שיף און געקערט זי צו די לויערנדיקע אָפּגרונטן... מיט ניסים שוין דערצויגן צו דער יבשה, איז גאָר קנאַפּ באַלויכטן זיין וויטערדיקער וועג. קיין פעסטע ידיעה ניטאָ אַפילו פון זיין טויט. נאָר אַ לעגענדע שטראַלט, ווי דער פּאָעט ליגט צעטראָטן אונטער דעם פערד פון אַ רייטער, ביים קושן די ערד און באַגריסן דאָס הייליקע לאַנד מיט אַ ליד, זיין לעצט ליד... אָן אַ שטערן!

אַ גאָר שוואַכן אויער לייגן צו עטלעכע פון די מינכענער צו די רייד פון דער דעלעגאַציע. זיי פינטלען אויך צו קונציק איינער צום אַנדערן ביים דערהערן די גדלות וואָס די מענטשן גיבן אָן וועגן זיך. לויט זייער בידנעם אויסזען, איז די כוונה דאָ מסתמא צו קריגן אַן אַמעריקאַנער פּאַקעטל פון שפּייז, בגדים... אויך זיי אַליין, די עסקנים, אַלע־אַלע, זיינען שטאַרק ניט

זיכער אין אַלץ וואָס יעדער איינער פון זיי גופא דערציילט זיך אָן פון זיין גרויסן עבר ערגעץ ווו אין זיין שטאָט, אין זיין לאַנד... דער פּראַקטישער חוש זאָגט אָבער אונטער אויך די כלל־טוער וואָס זיינען שוואַך אין געשיכטע און וואָרנט זיי, אַז דער בעל־דבר וואָס די מענטשן אָפּערירן אַזוי מיט זיין נאָמען, אָט דער יהודה הלוי — ער איז מסתמא יע אַן אַנטיקל, אַ פעסטע וואַלוטע. זיינען זיי אויך מסכּים אויף אַ פייערונג לכבוד אַזאַ איינעם אין אַ פיינעם זאַל.

מיט אַ געהויבן לשון קומען די ייִדן צו די מאַגיסטראַט־לייט פון דער גרויסער מינכען. העפלעך איז דער דייטשער אָדון. ווי געוויינלעך הערט מען פון אים באַלד אויך דעם זאָג, אַז פון אַלע מאָל איז ער געווען אַן אויסגע־שפּראָכענער קעגנער פון די נאַציס, און זיינע בעסטע פריינד זיינען געווען ייִדן. באַטריבט וועגן זייער גורל, באַדויערט ער די שטאָט מינכען, וואָס איז דורך דער פיינדלעכער באָמבאַרדירונג אומברחמנותדיק צעשטערט, און עס זיינען חרוב געוואָרן אַ גרעסערע צאָל פּרעכטיקע זאַלן... אַ לופט צעבייסט זיך אים אין טיפערן טראַכטן, טראַקטירט ער אויך מיט בקיאות אין יודאַיִזם.

— יעהודאַ האַלעווי... איז ער ניט, אָט־דער־אָט־דער, איז ער ניט געווען דער גרינדער פון דער מאָסאָנען־באַוועגונג?.. אָבער שוין רעכט. אויף אַ פּרייטיק, דאָך אַ קאַטוילישער פאַסט־טאָג, קאָן שוין אָנגיין מיט אַ זאַל.

שטייט שוין יהודה הלוי מיט זיין מערכה גאָר פיין. אָט־אָט וועט טריומ־פירן זיין אָנדענק אין באַרימטן מינכען. גרויס און הערלעך וועט זיין דער אָוונט. פון גאַנצן אַרום וועלן זיך ציִען ייִדן פון שארית־הפליטה, די מענטשן וואָס האָבן דורכגעלעבט אַזוי פיל אומגליק און וויקן זיך היינט אין ניט ווייניק פלאָגענישן.

שמייכלט דער טייוול, ווינקט צו דער שלימזל. און אַ רב ווו אין אַ לאַגער ביי די טיראָלער אַלפּן, אין דער רעזידענץ פון די מוזיקאַנטן, פאַרגלאָצט די אויגן פרום און פשטלדיק — אין די שטערן אַריין.

— רבי יהודה הלוי... — האָט אין אַ פאַרנאַכט דער מרא־דאתרא זיך גע־נומען גרונטעווען פאַר זיינע צוזאַמענגערופענע גבאים — וואָס איז ער אָט דער וואָס מען האָט זיך צערעדט פון אים? עפּעס אַ מין ליטעראַט?.. אין די

תפילות גייען דאָך אַריין זיינע שירים, שירי־קודש; איז דאָך אַ קיימא־לן אַז ער איז פון יענע־יענע הייליקע דורות. אַ קדמון! טאָ וואָס פאַר אַ פראַ־ ווען אַ יאָרצייט נאָך אַ גאון און צדיק יסוד־עולם גאָר מיט אַן אָרקעסטער? און אַפשיטא שוין אין אַ פרייטיק, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ חשש אַז די מוזיק קאָן זיך פאַרציִען ניט נאָר ביז דער שקיעה, נאָר אַפילו ביז אַ שבת־שטערן...

לכן, אַן איסור גמור!

ווי מען פירט דורך אַן איסור, זיינען מקדמת־דנא פאַראַן ביי ייִדן וועגן און מיטלען. איז דער בעל־דבר אַ קצב, אַסרט מען אים די שחיטה; איז ער אַ שוחט, נעמט מען צו פון אים דעם חלף. און היינט דאָ ביי אַזאַ מעשה־ נורא, ווען די עבירה־ברעגגער זיינען, בעוונותינו הרבים, די אָרטיקע מוזי־ קאַנטן, און זיי זיינען עס די הויפּט־מחותנים דאָרטן אין גוייִשן זאַל — איז במוסכם כולם געוואָרן אָנגענומען אַ החלטה צו טאָן אין דער זאַך.

ביים סאַמע פאַראַדנעם אָפּפאָר פון דעם געהויבענעם אָרקעסטער צו דער פייערונג קיין מינכען, אָט־אָט רירט זיך שוין דער צוגעשיקטער אויטאָבוס, איז אָנגעלאָפן דער רב. און פון דעם פה־קדוש איז אַרויס אַ גזר־דין כהאי לישנא:

— שמעו נא, קלעזמער, די כלים אַהער!

דאָס אַוועקנעמען די אינסטרומענטן פון יעדן מוזיקאַנט, איז שוין די אַרבעט פון די גבאים, דעם רבס קאָזאַקן, וואָס זיינען דאָ געווען גרייט. און צוזאַמען מיט די אָרקעסטראַנטן ליגט שוין אויף די לאָפּעטקעס דער משורר־ווירטואָז יהודה הלוי... דער עולם אַרום דעם אויטאָבוס איז סתם צופרידן פון דעם גאַנצן טומל. ווי אַנדערע פאַרשטייען, רעדט זיך דאָ עפּעס פון אַ שרייבער וואָס אים האָט פאַרטראָגן צו דער געבענטשטער שארית־ הפליטה און האָפּט עס נעבעך אויף כבוד. שמייכלט אונטער איינער און באַדויערט אָט דעם שלימזל מיטן לשון פון קאַצעט:

— ניט זיין מאַזעלע...

באַקלאָגט געוואָרן ממש איז ערשט אין מינכען דער ביטערער גורל פון יהודה הלוי. זיך דערוווסט אַז אויס אָרקעסטער און בטל די גאַנצע פייערונג, האָבן זיך מיט טרויעריקער זאָרג צעגאָסן די ליטעראַטן, וואָס זיינען שוין געווען גרייט מיט זייערע רעדעס.

— ער קאָן טאַקע ווערן פאַרגעסן... — האָט זיך צעזיפּצט דער קריטיקער.

— אָן אַ שטערן, אַז געבוירן אָן אַ שטערן... — האָט ווייטאָגדיק גע־מורמלט דער פּאָעט.

קוקט אָן איינער פון די עסקנים דעם מענטשן וואָס דערמאָנט כסדר אַז ער איז אַ שרייבער און אַז מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק איז ער געווען ברייט באַקאַנט. נעמט ער זיך אָן די עוולה, הייסט עס, פון יהודה הלוי, וואָס אַ וועלט געדענקט אים איבער אַכט הונדערט יאָר — און ער וויל דורך זיין רעדע שוין אויך געבויט ווערן, זיך אַרויסהייבן... וואַרפט אים דער מינכענער צו:

— פאַרגעסן ווערן... ווער קאָן ווערן פאַרגעסן, ווער ?...

אַ צווייטער פון די מינכענער עסקנים גייט שוין ניט אַוועק מיט זיינע מחשבות אַזוי טיף. ער פאַרשטייט בכלל ניט אָט די שרייבאַרעס און אינטע־ליגענטן, ווי זיי זיינען פאַרזאָרגט וועגן עפּעס איינעם אָן אַמאָליקן און ערגערן זיך אַזוי וועגן זיין שלעכטן מזל... צעקלעמט זיינען זיי, די הונגעריקע פנימער. און דער אָנטו זייערער ?.. שיינריידערס, בעל־דרשערס. אַ ספק אויב זיי וויסן אַפילו דעם ריכטיקן קורס פון אַן אַמעריקאַנער דאָלער, און ווער רעדט שוין דעם טאָגפּרייז פון קאַפע און סיגאַרעטן, אָדער אַ שווייצאַרישן זייגערל... שוש־קעט ער אַריין דעם שכן זיינעם מיט אַ ווונק:

— אָן אַ שטערן געבוירן, אָן אַ שטערן... און אָט זיי אַליין ?

טויטער געראַנגל

אָנגעפּראָפּט מיט פּובליקום איז דער זאַל פון ייִדישן לאַגער, אַ לאַגער פון שארית־הפליטה. אין דרויסן איז דער זומעראָוונט שיין, גוט וואַרעם, און דאָ אין דעם געוועזענעם מיליטערישן גאַראַזש איז הייס שטיקנדיק. די מאַסן שטראָמען אָבער אַהער. אינעווייניק, שטופּן זיך אַ סך אַלץ נענטער צו דער טריבונע. די פּאַרטייען האָבן שטרענג אָנגעזאָגט זייערע מענטשן צו זיין דאָ היינט פּעסט פּאַרטראָטן. אין גיכן וועלן זיין אויך וואַלן, שאַדט ניט ביי אַן עפנטלעכן צונויפקום שוין צו שטיין אויף דער וואַך. אויך סתם מענטשן, פּאַרטיילאָזע, ציִען זיך אַהער אָן אַ צאָל, פון נייגער אַליין. צווישן די לאַנגע בענק דרייען זיך אַרום קליינוואַרג און ביי אַנדערע פרויען אויף די הענט אויך פּיצלעך קינדער. וואָס גייען אַרויס יעדע ווײלע מיט אַ געפּישטש. דעם אויבנאָן אין זאַל פאַרנעמען די גרויסע עסקנים פון דעם זעקס טויזנט קעפּי־קן לאַגער. די עיקר מחותנים זיינען אָבער די קולטור־טוער און אויף זייער וואָרט וואַרט עס דער עולם. אַ ליטעראַרישער מישפּט קומט דאָ היינט פאָר.

מעכטיק האָט זיך איבער די לאַגערן אַ טראָג געטאָן אַ כוואַליע פון קול־טור־אונטערנעמונגען. גאָר אין גאַנג זיינען ליטעראַרישע מישפּטים. טוט אין דער זאַך יעדער דירעקטאָר און פאַרשטייער, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צו דער שארית־הפליטה. יעדער איינער זעט נאָר ניט אָפּצושטיין מיט זיינע אויפטועניש און נאָך מער זיך אַרויסצוהייבן אַקעגן די קאָלעגן זיינע אין די אַנדערע לאַגערן. אין די באַריכטן וואָס דייוו בוט, דער דירעקטאָר פון דעם לאַגער, שרייבט קיין ניו־יאָרק צו זיין צענטראַלע פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע, האָט נאָך פאַר די גאַנצע צוויי יאָר קיין מאָל ניט געפעלט אַ ברייטערע באַשרייבונג אויך וועגן דער קולטורעלער טעטיקייט אונטער זיין אָנפיר. קאָן בוט אַוודאי ניט בלייבן הינטערשטעליק מיט דעם לאַגער זיי־

נעם, דעם ברייט־באַקאַנטן, און האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מי אין אָרגאַני־זירן אויף גרויס דעם ליטעראַרישן מישפּט.

בוט בויט... — חכמהנען זיך די מענטשן אין לאַגער אויף זאַכן וואָס זייער אַמעריקאַנער דירעקטאָר וואַרפט זיך אַריין מיט צו פיל פלייס. האָט ער גרונטיק דורכגעטראַכט און געקומען צום באַשלוס, אַז כדי דער אָוונט זאָל דורכגיין וואָס מער לעבעדיק און דער גרויסער דערפאָלג זאָל האָבן דעם שטאַרקן אָפּקלאַנג טאַקע אַזש אין ניו־יאָרק, אין זיין הילפס־צענטראַלע — איז דער עיקר אַ גוטע רעזשי; דער אָנפיר מוז זיין געשיקט און גלאַט. האָט ער געזען אַז דער פּאָרזיצער זאָל זיין נחום אַמדור, דער רעדאַקטאָר פון לאַגער־צייטונג. אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן. טאָמער עפּעס אַ שטער, אַ צווישנפאַל, וועט ער שוין וויסן דורכצופירן קונציק און שפּילעוודיק... אַ הנאהדיק שמייכל צעגיסט זיך בוטן איבערן פּנים, אַז ער דערמאָנט זיך פון זיין לעצטן שפּאַציר דורכן לאַגער צוזאַמען מיט אַמדורן. אַ מענטש איז ער וואָס בלאָזט זיך ניט און האָט פאַר יעדערן אַ וואָרט. איז זיי אַנטקעגנגעקומען איינער אַ ייִד און אַמדור טוט אים אַ פרעג, צי ער איז טאַקע אַ בעל־שימחה. „יע, געבוירן אַ מיידעלע", איז דער ענטפער. „קומט דאָך אייך, הער שור, דער אמתער מזל־טוב! — פּאַטשט ער דעם באַקאַנטן אין פּלייצע און ווינקט אים צו — און ווען אַ ייִנגל, וואָלט איך ניט באַגריסט? דאָ האָט איר אָבער פון מיר דעם אמתן־אמתן מזל־טוב!!".. „ע, פּאַני רעדאַקטאָר, — איז שוין דער בעל־שימחה איראַניש — מיט אַ יאָר און דריי חדשים צוריק האָט איר מיר אויך געהאַט אָפּגעגעבן געגוי אַזאַ מזל־טוב, געגוי, און דערביי איז גאָר געווען אייער דערקלערונג, אַז דער אמתער־אמתער מזל־טוב קומט מיר, ווייל עס איז אַ ייִנגל!"..

אַמדור דאַרף אָבער לאַנג ניט זוכן קיין ענטפער. „אָט־אָט! — כאַפּט ער זיך טאַקע אָן דעם ייִדנס ווערטער — איך, אַוודאי געדענק איך. איר אָבער, הער שור, פאַרגעסט פון גרויס שימחה אַז אַ טאָכטער חתונה מאַכן איז אָפּט גאָר ניט אַזוי לייכט. איז אָבער אייער ייִנגל אַ ביסל עלטער, וועט שוין שפּע־טער ווער פון זיינע חברים וואָס וועלן קומען צו אייך אין שטוב, וועט שוין אין אַ מזלדיקער שעה איינער פון זיי וואַרפן אַן אויג אויף דער ייִנגערער שוועסטער. ווען אָבער פאַרקערט, און די מיידל איז עלטער?.. טאַקע דאָס

איז געווען מיין כוונה ווען איך האָב באַגריסט צום געבורטס פון יינגל; און אַט הערט איר היינט פון מיר ווידער די אמתע־פּאַסיקע ברכה!"...

קיין בעסערן ווי אַמדור פאַר אַ פאַרזיצער פון ליטעראַרישן מישפּט, האָט בוט טאַקע ניט געדאַרפט זוכן.

אין זאַל ווייס מען אויך, אַז פּראָקוראָר אויף דעם ליטעראַרישן מישפּט איז שכנא פּלומפּ, וואָס איז אַן אָנפירער פון אַ לינקער פּאַרטיי און דער מייסטער אויף קריטיקירן און זוכן פעלערן. וואַרט מען אויף זיין שטאַרקער רעדע. ווי אַ געוויילטער אין לאַגער־קאָמיטעט און מיטגליד פון יידישן צענטראַל־ראַט אין מינכען, און דערצו שטייט ער בראש פון דעם היגן קולטוראַמט, ווייסן זיינע נאָענטע, אַז פּלומפּ איז שטענדיק פאַריאָגט. שענקען אָבער אויף זיין אָנטייל אין דעם היינטיקן אָוונט, האָט ער ניט געקענט. אויף בוטס פאַרלייג האָט ער זיך באַלד אָנגענומען צו זיין דער באַשולדיקער און אויך אויסזוכן דעם ליטעראַרישן ווערק, וואָס זאָל עס געשטעלט ווערן צום מישפּט, און מיט זיין רעדע שוין געבן דעם עיקר־טאָן פונעם אָוונט. ער האָט אויך מסכים געווען מיט דעם אַמעריקאַנער, אַז דורך דער אונטערנעמונג דאַרפן שוין די מענטשן דאָ ווערן אויך ליטעראַריש באַווירקט צום אויפהערן זיין אָנגעוויזן אויף פילאַנטראָפּישן אויסהאַלט; פאַרלאָזן זאָלן זיי די לאַגערן און מיט אייגענער איניציאַטיוו זיך אויפזוכן ווו וווינערטער און בויען ווידער אַ ניי לעבן...

מיט זיין אימפּעט האָט פּלומפּ נאָך באַוויזן היינטיקן פאַרנאַכט אַ בלעטער צו טאָן אין עטלעכע פון דעם באַרג לערנביכער וואָס ליגן ביי אים אין קולטור־אַמט, און אַ צופרידענער געקאָנט באַלד לויפן צו בוטן, אין דעם אָפיס פון דער אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַציע. געזעסן זיינען שוין דאָרט די אַלע אַנדערע אָנטיילנעמער פונעם מישפּט, און פּלומפּ האָט זיי איילִיק איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אַ סיפּור־המעשה, וואָס ער גייט עס באַשולדיקן. האָט יעדער איינער זיך גענומען צוגרייטן צו זיין ראָלע און שוין געוואַרט אויף דער עפענונג פונעם אָוונט.

מיט דער אָרדענונג אין זאַל פירט אָן שימיק, דער פּאָליציי־שעף פון לאַגער. ביי קולטור־אונטערנעמונגען האָט ער שוין פּראַקטיק אין אויפקוקן אויפן עולם. גאָר קונה־שם געווען האָט ער זיך ביי דעם אָוונט לכבוד דעם פּאָעט

לייוויק, וואָס האָט געהאַט באַזוכט דעם לאַגער ווי אַ דעלעגאַט פון אַמעריקע. נאָך די פייערלעכע און קנאַקעדיקע באַגריסונגען און געזאַנג פון כאָר, איז דער גאַסט אַריין אין אַ לענגערער רעדע. האָט מען זיך פון די בענק גע־נומען ציִען צו דער טיר. שימיק האָט אָבער ניט געלאָזט שטעלן אַזאַ גרויסן שרייבער אין ביוש און אויף זיין באַפעל האָבן די פּאָליציסטן קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט. פון טומל איז דער רעדנער גאָר געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. איז שימיק צוגעשפּרונגען צו דער בינע און אים וואָס אַריינגעשושקעט. איז שוין לייוויק געוועזן מיט אַן אַנדער פּנים און האָפּערדיק האָט באַלד גע־קלונגען זיין ווענדונג:

— רבותי, מען רייסט זיך ביי די טירן. מאַך איך אַ קליינע הפסקה, וועלן אויך די מענטשן פון דרויסן האָבן די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין זאַל און רוּיִק זיך אויסזוכן דאָ אַ פּלאַץ.

דער פאַרהאַנג איז שוין אויפגעהויבן. ביי אַ גרינעם טיש זיינען אויסגע־זעצט איין ריי און נאָך אַ ריי מענטשן, און יעדערער באַלאָדן מיט בכבודיקן אויסזען און מיט טיף־ערנסטן אַריינטראַכט. דער עולם אין זאַל זעט באַלד אין זיי די ריכטער, פּאַרטיידיקער און באַשולדיקער פון דעם ליטעראַרישן מישפּט. די אַלע זיינען גוט באַקאַנט אין לאַגער ווי פּאַרטיי־טוער, שרייבער און רעדנער. אויך די עקספּערטן און עדות, וואָס זיצן אין דער הינטער־ריי, זיינען מבינים אין ליטעראַטור און מיט קריטישע פעיִקייטן, און עטלעכע אויך לערער פון דער שול. אַ קלוגע פּאָר ווערטער לאָזט הערן רעדאַקטאָר אַמדור, דער פּאָרזיצער. פייערלעך באַגריסט דירעקטאָר בוט די גרויסע קולטור־אונטערנעמונג, אין נאָמען פון זיין אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַצ־יע. און באַלד זיינען שוין אַלע בליקן געווענדט צו שכנא פּלומפּן, דעם פּראָ־קוראָר, וואָס שטעלט זיך ביים רעדנער־פּולט.

פון די צוגעפּיילטע ווערטער און שאַרפן טאָן הערט זיך באַלד אַרויס, אַז דאָ פאַרנעמט זיך אַ קריטיק אין אַ ברייטער פאָרעם. פאַרמאָסטן איז דער רעדנער צו פאַרמישפּטן ניט נאָר אַ ליטעראַריש ווערק, נאָר אויך דעם מחבר וואָס האָט עס געשריבן. ביידן !.. און עס שווימט אַרויס אַ מעשה מיט אַ יינגל וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ שניידער און פלעגט נייען בגדים פאַר די גבירים

פון שטאָט. שפּאָגל נייע מלבושים פלעגן פּאַרטיק ווערן אונטער דער נאָדל פון דעם בעל־מלאכה און מיט זיין שוויס — פאַר די רייכע מיט זייערע קינ־דער. און ביי זייער אָנטאָן די פּרעכטיקע קליידער אויף די אויסגעפּאַשעטע לייבער, פלעגט זיך נעמען פון אַלע זייטן טראָגן צו זיי דער ווונטש „תתחדש״, טראָגן געזונטערהייט !.. דאָס איינציקע קינד אָבער פון דעם אָרעמען שניידער איז געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס. שטענדיק, אַפילו אין די יום־טובים. האָט דאָס יאָטל געטרוימט צו האָבן אַליין אויך אַ נייעם בגד און, דער עיקר, שוין הערן אַ מאָל ווי אויך אים ווינטשט מען „תתחדש״... אַ בעל־חלומות איז דער יינגל, אַ קראַנקער פאַנטאַזיאָר. ניט די שמאַטעס אויף זיין פאַר־שמאַכטן קערפּער ברענען אים, רופן צום קאַמף קעגן גביר, דעם בלוטזוי־גער, נאָר דאָס פּוסטע וואָרט „תתחדש״ פאַרנעמט זיין מוח. די ליידנשאַפט צום דעם תתחדש שטייגט שוין גאָר, ווען אָט דער העלד איז שוין אַ דער־וואַקסענער און נייט אַליין אויך נייע בגדים. און ווידער נאָר פאַר יענעם. מיט זיין תתחדש־מאַניע האָט דער בחור אויפגעפרעסן דאָס לעבן זיך אַליין און זיינע נאָענטע — ביז ער גייט אַוועק יונג פון דער וועלט. און דעמאָלט ערשט הערט ער פון שוואַרצע מלאכים דעם תתחדש—צו זיינע נייע תכריכים.

און דאָ דערהייבט זיך מיט קוראַזש און צאָרן די שטים פונעם באַ־שולדיקער :

— חברים און בירגער, דאַרף מען נאָך האָבן אַ מער בולטע אילוס־טראַציע פאַר אַ בייזוויליקער פאַרקריפּלונג פון אַ פּראָלעטאַרישן קינד, וואָס וואַקסט אין ביטערן דלות און ווערט אויך אַ פּראָלעטאַריער ? אַ טיף דענ־קענדיקע נשמה איז אָט דער באַצויבערנדיקער שניידעריונג, דער כשרער פּראָלעטאַריער בן פּראָלעטאַריער ! ווערט ער אָבער אין דער דערציילונג „תתחדש״ אַרויסגעשטעלט אין אַזאַ שענדלעכן ליכט, איז געשילדערט אין אַזאַ אַנטי־פּראָלעטאַרישן באַנעם, דורכויס באַהויכט פון שענדלעכער שפּאָ־טעריי און סקאַנדאַליעזער קאַריקאַטור !

אַ ציטער גייט אַדורך דעם זאַל. עולם גיט זיך אַ רוק נאָך נענטער צו דער טריבונע. דעם רעדנערס ווערטער נעמען גאָר שטאַרק באַווירקן, ווערן אַזוי איבערצייגנדיק !.. אַ צערודערונג מערקט זיך גאָר בולט אויף פּנימער ביים גרינעם טיש, אויף דער בינע. דאָ זיצן פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען

אין לאַגער, און ניט איינער פון זיי איז שוין פון פריִער געווען פול מיט חשד. איצט ווערט טאַקע אַלץ מער קלאָר וווהין אָט דער פאַרביסענער קעגנער, דער פּראָקוראָר, צילט. פּאָליטיש וויל ער דאָ שלאָגן! יע־יע, אָט האָט ער אין פולן ברען זיך שוין געגעבן אַ וואָרף־איבער צו אַ צווייטן פּונקט פון דער באַשולדיקונג. און זיינע רייד שניידן ווי חלפים:

— די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן האָבן שוין איבערגעטראָגן ניט ווייניק באַליידיקונגען מצד דער יידישער ליטעראַטור. פאַר זייערע באַליבטע העלדן האָט ביי שרייבער געגאָלטן דער רב, דער למדן און כלי־קודש, דער שיינער בעל־הבית און קהלשער תּקיף. מיט אָט די פאַרשווינען האָבן זיך געצאַצקעט און געלאָבט אונדזערע ליטעראַטן, ווייל זייער פּסיכאָלאָגיע איז אויך געווען דורכויס אַ קליינבירגערלעכע. און יונגערהייט האָבן זיי געקוועטשט די באַנק פון ישיבה... אָבער נאָך האַרבער! די דערציילונג „תּתח־דש", וואָס חוזקט אַזוי אויס דעם פּראָלעטאַריער און מאַכט צו שפּאָט זיין פּאָליטישע באַוווסטזיניקייט — די אַ פאַרפירערישע שילדערונג געהערט צו דער פען פון אַ מאַן וואָס זיין נאָמען דינט שוין יאָרן לאַנג ביי איינער פון אונדזערע פּאַרטייען ווי דער סימבאָל פון ריינעם געוויסן, און ער איז נאָך דערהויבן ווי אַ גרויסער פריינד פון דעם אַרבעטס־מענטשן. דעם שענד־לעכן סיפּור קעגן יידישן אַרבעטער האָט גראָד געשריבן אַ מענטש וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס גייסטיקער פאָטער פון אַ געוויסער אַזוי־גערופענער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי אויף דער יידישע גאַס; די דערציילונג „תּתחדש" איז אַ שאַפונג ניט פון קיין אַנדערן ווי פון י. ל. פּרץ!..

אַ געהויבענע צופרידנקייט האָבן אַרויסגערופן דעם באַשולדיקערס ווערטער ביי זיינע פּאַרטיי־פריינד אויף דער בינע, און אויפן ווונק האָבן די מענטשן זייערע אין זאַל אויסגעבראָכן מיט אַ דונערדיקער פּאַטשעריי. באַלד איז מיט שטורעם געקומען דער ענטפער מצד די אַטאַקירטע פּאַרטיי־לייט, און דורכן זאַל האָט זיך אַ שניט געטאָן צוריק אַ הילכיקע פייפעריי מיט גערוף:

— די הענט אַוועק פון גרויסן קלאַסיקער!

— און פאַר וואָס רירט זיך ניט דער רעדנער אַליין קיין טראָט אָן גליי־מערדיקע שטיוועלעך? און זיין קאָקעטירן מיט די גאַליפּיי־הויזן פון גאַבאַר־דין און געגאָסענעם לעדער־מאַנטל!.. — זיינען געלאָפן וויטערדיקע אָנ־

גריפן —אַהאַ־אַהאַ, פאַר וואָס קיצלט דעם חבר פּראָקוראָר דווקא צו הערן יעדן טאָג אַ תתחדש איבער זיינעם אַ נייעם אויספּוץ ?..

— דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך ניט לאָזן שפּייען אין קאַשע! — האָבן זיך אָבער אַנטקעגן צעדונערט בענק גאַנצע.

אַרויס זיינע די קליינע קינדער מיט אַ נייעם געפּישטש, וואָס איז באַלד אַריבער אין אַ הילכיקן געוויין... מיטן גלעקל אין איין האַנט און מיטן טיכל צו ווישן זיך דעם שוויס אין דער צווייטער האָט שווער געאַרבעט דער פאָר־זיצער. מיט קלוגע ווערטער און שטאַרקע ווערטער, אָבער אַלץ נייטראַלע ווערטער, האָט ער הייזעריק גערופן דעם עולם צו אָרדענונג. ער האָט כסדר דערמאָנט אַז דאָ איז ניט קיין וואַל־מיטינג, און אויך ניט קיין פּאַרטייל פון אַ נייעם טראַנספּאָרט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן און קאַפּע. און אַז ביי אַ מישפט פּאַסן זיך בכלל ניט צו פיל קיין אַפּלאָדיסמענטן. אַלץ מוז דאָ ווערן רוּיק אויסגעהערט, קאַלט און זאַכלעך געוויגן די טענות פון יעדן צד. דע־מאָלט ערשט וועט ווערן אַרויסגעטראָגן דער געהעריקער און גערעכטער פּסק־דין... ווידער און ווידער האָט זיך איבערן זאַל געריסן דער רוף פון אַמדורן:

— רו און קולטורעלע האַלטונג!

באַרויקן דאַרף אַמדור, דער פאָרזיצער, ניט נאָר דעם גרויסן עולם. צו טאָן האָט ער אויך מיט שימיקן, דעם פּאָליציי־שעף, וואָס האַלט זיך פאַר אַ באַזונדער ספּעציאַליסט אין מאַכן אָרדענונג אויף אַ פאַרזאַמלונג מיט ליטעראַטור. געהערט די שטאַרקע ווערטער פון דעם פּראָקוראָר, און ווי קעגן איינעם ווערט עפּעס געוואָרפן אַ שאַרפע באַשולדיקונג, און אָט גאָר דער טומל — האָט ער באַפוילן צו שליסן אַלע טירן. האָט מיט אים דער פאָר־זיצער געהאַט איינצוטענהן, אַז דאָ רעדט זיך ניט פון אַ „געפערלעכן פאַר־ברעכער" און אַז אָט דער „טיפ" קאָן זיך דאָ פון זאַל בכלל ניט אַרויסשאַרן.

ניט ווייניק זאָרג האָט אַמדור אויך פון בוטן. ווי צעשראָקן איז ער פון דעם טומל, דער אַמעריקאַנער דירעקטאָר! מורא האָט ער אַ פּנים גאָר שטאַרק פאַר אַ דורכפאַל פון זיין אונטערנעמונג. אין אַנדערע לאַגערן זיינען שוין די ליטעראַרישע מישפּטים דורכגעגאַנגען אין אָרדענונג; און ווי ער ווייס,

האָבן זײַנע קאָלעגן, די דירעקטאָרן דאָרט, שוין אָוועקגעשיקט קיין ניו־יאָרק די גלענצנדיקע ראַפּאָרטן !..

אַמדור איז אָבער אַ בריה ניט נאָר מיט אַ גלײַכװערטל און בכלל מיט זײַן גלאַטעוודיקייט. מיט דער פּען קען ער אויך גאַנץ פֿײַן צוװאַרפֿן אַ שטע־כלקע. און זעלטן װער עס װיל זיך פֿאַרטשעפּן אַפֿילו מיט אַ מיטאַרבעטער פֿון זײַן צײַטונג. די מענטשן פֿון זײַן שטאָט, װוּ ער איז פֿאַר דער מילחמה געװען רעדאַקטאָר, זײ װײסן גאָר גוט אַז מען דאַרף זען צו לעבן מיט אים בשלום. אַ דאָרטיקע פּרוי דערצײלט אַלץ, װי אין יענע יאָרן האָט זי אַלײן אין דער יאַטקע מיט אירע אײגענע אויגן בפֿירוש־ממש געהאַט געזען, װי בײַם אַרײַנגײן פֿון דער שװעגערין פֿון דעם צײַטונג־אַדמיניסטראַטאָר אַמ־דורס — איז פֿון דער האַנט בײַם קצב אַרויסגעפֿאַלן די האַק.

אונטער דער פֿעסטער האַנט פֿונעם פּאַרזיצער קומט צום װאָרט דער פֿאַרטײדיקער. און נאָך אים האָבן גענומען גײן די עדות און עקספּער־טן פֿון יעדן צד. ניט אומזיסט האָבן זיך די פּאַרטײען אין לאַגער געגעבן די מי צו מאָביליזירן זײערע בעסטע אינטעליגענטע קרעפֿטן פֿאַר דעם אָוונט. פֿאַר דעם ריכטער־טיש זײַנען אָװעק רעדעס, לאַנגע און קורצע, פֿײַערדיקע און אײַז קאַלטע. און אַלע דורכגעפֿלאָכטן מיט פּילפּולים און טעאָריעס פֿון פֿילאָסאָפֿיע, פּראָלעטאַרישער קולטור, האָריזאָנטאַלן און װערטיקאַלן סאָ־ציאַליזם. אַ פּלאַמיקע מחלוקת האָט זיך אַנטװיקלט צװישן די עקספּערטן מכוח מינדערװערטיקײט־געפֿילן און נאָך פּסיכאָלאָגישע קאָמפּלעקסן בײַם מענטשן. אײנעם אַן עדות איז גאָר געלונגען אויסצוברענגען, אַז דער גע־מישפּטער שנײַדעריונג, װעדליק ער איז געמאָלן אין דער דערצײלונג — דאָס איז דער טיפּ פֿון דעם טרויעריק־באַקאַנטן האַנטװערקער אין די קאַ־צעטן. מיט זײער אַסאָציאַלן פּירעכץ האָבן ניט װײניק שנײַדער און שוסטער געטריבן די הונדערטער און טויזנטער מענטשן אין די נעגל פֿון פֿראָסט און טויט !.. בײַ די װערטער האָט זיך קלאָר געלאָזט מערקן װי דאָס פּנים פֿלאַמט בײַם װירטשאַפֿט־לײַטער דאָ פֿון לאַגער. זײַנען מיט אַ מאָל אויסגע־װאַקסן נײַע עדות פֿון עולם, עדות גאָר ניט קײן פֿאַרבעטענע, און אַלע דורכ־װיס מיט פֿאַרטײדיקן דעם באַרימטן מחבר. „פּלוסן" אַן אַ שיעור האָבן זײ גענומען באַצײכענען אין זײַנע װערק. איז שוין אויך געשטיגן דער קוראַזש

פון דעם הויפּט־פּאַרטיידיקער ווידער אין אַ רעדע. אַלאַרמירט האָט ער דער עיקר קעגן דעם באַשולדיקן פּרצן אין ניט־פּראָגרעסיווקייט און אין אַנטי־סאָציאַליזם. „וואָס הייסט — האָט ער זיך געקאָכט — וואַרפן אַזאַ שמוציקן שאָטן אויף אַזאַ ליכטיקער פּערזענלעכקייט, ווען קינד־און־קייט ווייסן אַז פּאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט איז פּרץ ווי לאַנג אָפּגעזעסן אין שליסל־בורגער פעסטונג. און אויב אין איינער אַ דערציילונג איז ער באַגאַנגען אַ וועלכן אָפּנייג פון עכטן סאָציאַליזם, קאָן אים פולקום מכפר זיין דאָס ליד זיינס „די שבועה", וואָס אונטער אירע קלאַנגען האָט די יידישע רעוואָלוצ־יאָנערע אַרבעטערשאַפט צענדליקער יאָרן געמאַרשירט אין האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דער רעאַקציע!"

מיטלען גאָר אַ סך זיינען געוואָרן אָנגעווענדט רעכטצופּאַרטיקן דעם יידישן קלאַסיקער. אויך דער פאָרזיצער האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. ניט איין מאָל האָט ער בולט אָפּגעווייכט פון נייטראַלער האַל־טונג און אַלץ מער געבויגן דעם מישפּט לטובת דער פּאַרטיידיקונג. צו לעצט זיינען אַפילו די ריכטער געווען אומבאַהאָלפן קעגן דער גרויזאַמער באַשול־דיקונג. לאַנג האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף זייער געשלאָסענער און שטורעמ־דיקער זיצונג. צום ווייפלטן מאָל איז געוואָרן איבערגעשריבן דער אורטייל, און די גרעסטע שוועריקייטן האָט געמאַכט דער ראש פון דער ריכטער־קאָלעגיע, קדיש פליגל. גראָד ער, וואָס האָלט זיך פאַר אַ גאָר גרויסן פּאָעט און נאָך אַן אייגן אָפּגעדרוקט לידל באַפאַלט ער ממש יעדן איינעם וואָס ווייזט אים ניט אַרויס קיין התפּעלות פון זיין שאַפונג. מיט אים האָבן זיך עס עטלעכע ריכטער געהאַט באַזונדער צו אַמפּערן. ביי נאָר אַ גוט וואָרט וועגן פּרצן, האָט ער דעם מענטשן אָנגעקוקט מיט גיפטיקן ביטול, ווי יענער וואָלט דאָ מלמד זכות געווען אויף עפּעס אַ טאַלאַנטלאָזיקייט, אויף אַ וועלכן גראַ־פאָמאַן.

און דער לעצטגילטיקער פּסק־דין, וואָס איז ביי אַ פייערלעכער שטיל־קייט געוואָרן אין זאַל פאַרגעלייענט, האָט געקלונגען אַזוי: „דער געריכט, צוטרעטנדיק צום באַהאַנדלען דעם ענין מיט טיפסטן ערנסט און העכסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און נעמענדיק אין אַכט די אַלע טענות וואָס זיינען

געהערט געוואָרן און די אַלע פֿאַקטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם העלד פֿון דער דערציילונג „תתחדש״ — טראָגט דער געריכט אַרויס אַן אורטייל קעגן דער שענדלעכער אַסאָציאַלער טענדענץ פֿון דער גאַנצער שילדערונג צוזאַמען מיט איר מחבר י. ל. פּרץ״.

אַ ניט־לייכטער אורטייל איז אין לאַגער געפֿאַלן איבער דעם ייִדישן קלאַסיקער. דאָס געוויסן ביי די מענטשן איז אָבער געווען ריין. פֿאַקטן אַן אַ שיעור זיינען געבומען געוואָרן אין אַכט, אַ סך־אַ סך איז געטאָן געוואָרן דורכצובורעכן די שווערע באַשולדיקונג וואָס שטעלט אזוי פּרצן אין סכנה צו פֿאַרלירן זיין פּאָפּולאַריטעט אין לאַגער, און דער עיקר צווישן די לינקע מאַסן. אַלץ איז געוואָרן אָנגעווענדט אויף ריינצווואַשן דעם גרויסן שרייבער פֿון דעם מוראדיקן חשד אין אַנטי־סאָציאַליזם.

די מענטשן אויף דער בינע און אויך פֿון די פֿאָדערשטע רייען האָבן אָבער זיכער ניט געהאַט באַמערקט ווי מינוטן פֿאַרן לייענען דעם פּסק־דין האָט זיך אויף זיינע צוויי הילצערנע קוליעס אַריינגעלאָזן חיליק, חיליק קרופּ. „פֿאַרן־אמת״ הייסט ער ביי אַלעמען, און דעם צונאָמען טראָגט ער נאָך ווי אַ ירושה פֿון זיין מישפּחה אין ליטווישן שטעטל. טאָקע ניט מער ווי אַ שלאָסער פֿון פֿאַך, אָבער ר׳האָט שטענדיק אַ סך געלייענט. אין לאַגער דאָ ליגט ער אַלץ מיט די קראַנקע, מחמת זיינע אָפּגעפּרוירענע פֿיס און נאָך מחלות פֿון קאַצעט, און שלינגט שוין ביכער גאָר אַן אַ צאָל. אים מיטצובאַטייליקן אין דעם ליטעראַרישן מישפּט, האָבן אָבער די אָנפֿירערס ווייניק חשק געהאַט. שוין צו פֿיל באַקאַנט זיינע טענות און בייסיקע קריטיק קעגן די היגע עסקנים, און דערביי זיין זאָג אַז ער קעמפֿט נאָר פֿאַרן אמת. דערצו איז חיליק לעצטנס זייער אָפּגעשוואַכט און אים איז שווערלעך אַפֿילו דאָס אַראָפּגיין פֿון בעט.

ביי דער טיר זיך אַוועקגעזעצט, האָט חיליק געבומען אויספֿרעגן די אַרו־מיקע און שוין געוואָלט וויסן פֿון אַלץ אויף דעם אָוונט. באַלד איז דער גאַנ־צער אויבנאָן געווען גאָר איבערראַשט פֿון דעם פּלוצלינגן זעץ אין אַ וואַנט צוזאַמען מיטן געשריי וואָס האָבן זיך אַ טראָג געטאָן פֿון די לעצטע בענק. איבערגעריסן געוואָרן דאָס שלוסוואָרט פֿונעם פֿאָרזיצער אין זיין רעכטן

באַצייכענען דעם גרויסן דערפּאָלג פון דעם ליטעראַרישן מישפּט און אין זיין דאַנקען דעם דירעקטאָר בוט מיט די אַלע אָנטיילנעמער...

לעבן דער בינע איז שוין געשטאַנען פּאַרן־אמת. און ווידער אַ זעץ מיט אַ קוליע און גלייך אויך אַ פּאַרמעסט מיט דעם זעלבן האַלץ צו די מענטשן אויבן — האָט ער גענומען ריידן. „די שבועה", וואָס איז געוואָרן דער הימען פון דער בונדישער פּאַרטיי, האָט אָנגעשריבן ניט פּרץ נאָר אַנסקי. ווייטער האָט ער אויסגערופן, אַז פּרץ איז געזעסן ניט אין שליסלבורגער פעסטונג, וואָס איז געווען אין פעטערבורג, נאָר אין טורמעס אַרום וואַרשע און אין וואַרשע. און דער עיקר, די דערציילונג „תתחדש", וואָס איז דאָ געוואָרן אַזוי שרעקלעך פאַרמישפּט צוזאַמען מיט יצחק לייב פּרץ — האָט די דערציילונג געשריבן ניט פּרץ נאָר דוד פרישמאַן... דאָ ערשט האָט זיך חיליק פאַרנומען אָראַטאָריש:

— פּרץ און פרישמאַן!.. יאָרן לאַנג איז צווישן זיי ביידן אָנגעגאַנגען עפּעס אַ ברוגז, מיט אַ שטאַרקער רכילות־טרייבעריי. לייען איך אָפּט, אַז דער אמתער שולדיקער זאָל האָבן געווען פרישמאַן... און אָט פון דעם היינטיקן אָוונט קען מען זען אַז עס איז טאַקע אַזוי. דאָך שוין אַ סך יאָרן ווי די ביידע שרייבער זיינען אויפן עולם־האמת, איז פרישמאַנען ווידער געלונגען אַרויפצוּוואַרפן אויף זיין קעגנער די שולד גאָר פון זיינער אַן אייגענער שטיקל אַרבעט... אַ טויטער גראַנגל!

ווי גאָרניט איבערגעריסן, האָט דער פאָרזיצער ממשיך געווען זיין שלוסוואָרט. ער האָט ווייטער געצויגן מיטן באַדאַנקען די אַלע אָנטיילנעמער פון דעם מישפּט. און מיטן זעלבן טאָן צו לעצט דערמאָנט אויך חיליקן, וואָס „זיינע באַמערקונגען פירן דירעקט צו פּרווידן"...

אויף די פּלוצלינג צעעפנטע מיילער און פרעגנדיקע בליקן, האָט דער רעדנער ווי באַוויליקט צו שטילן דעם נייגער פון די מענטשן מיט וואַרפן די ווערטער „לאַפּסוס" און „זיגמונד פרויד". און גענומען דערקלערן, אַז מאַכן אַ פעלער, האָבן אַ טעות, וואָס הייסט לאַפּסוס אין געלערנטן לשון, איז לויט דעם באַרימטן פאָרשער ניט סתם אַ צופאַל. עס איז דאָ אַ גרונט דערביי, און נאָך מער — גאָר־גאָר טיפע הינטערגרונטן... און אַז אויף דעם

מישפּט איז געוואָרן פֿאַרביטן פּרישמאַן אויף פּרץ — זעט מען שוין אַז עס איז ניט אָן אַ גרונט. מוזן טאַקע ווערן געזוכט די סיבות... און אין נאָמען פֿון דעם גאַנצן פּובליקום האָט אַמדור, דער פֿאָרזיצער, פּייערלעך אויסגע־דריקט דעם פֿאַרלאַנג, אַז וועגן די באַציִונגען צווישן די בײדע גרויסע שרײַ־בער זאָל ווערן אײַנגעאָרדנט ווידער אַ ליטעראַרישער מישפּט, אַ באַזונדער מישפּט. און גאָר אין גיכן!

צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם האָט שטורעמדיק מיטגעפּאַטשט דײַוו בוט. פֿאַר זײַנע אויגן איז שוין געשטאַנען די צופֿרידנקייט אויף די פּנימער פֿון די ניו־יאָרקער באָסן, ווי זיי לייענען עס דעם באַריכט זײַנעם — וואָס גייט אַרויס באַלד מאָרגן פֿרי.

[מינכען 1947]

ביטול האש

צום אָנדענק פון פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן

אַ נאָמען מיט אַן אָפּקלאַנג

אַ פּנים־חדשות אין די לאַגערן פון דער שארית־הפליטה. דעלעגאַטן פון כל המינים זיינען קיין נייס ניט ביי די הייפלעך לעבן־געבליבענע ייִדן וואָס קאָנצענטרירן זיך אין דייטשלאַנד. זעלטן ציט שוין אַ גאַסט אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. דער נייער מענטש פּראווועט אָבער בכלל ניט קיין פּוריע און שטעלט זיך גאָר ניט אין פּאַסאָן פון אַ דעלעגאַט, אַ שליח. די קהלשע קאָכלעפל טאַנצן ניט אַרום און מען זעט ניט לעבן אים עפּעס אַן עסקן. אַ פּנים קיינער האָט וועגן אַזאַ ניט באַקומען אַ וועלכע ידיעה אָדער צירקולאַר ניט פון צענטראַל־קאָמיטעט אָדער פון סוכנות, דזשאָינט, אונררא, היאַס, אָזע, און אויך ניט פון די פּאַרטייען. די ייִדישע צייטונגען, וואָס דערשיינען ביי דער שארית־הפליטה אין אַ גרעסערער צאָל און פון אַזוי פיל שאַטירונגען, איז אין זיי ניטאָ אַ בילד פון דעם גאַסט. אַז בכלל איז אין דעם גאַנצן וואַלד בלעטער ניט צו געפינען קיין איין שורה וועגן אָט דעם באַזוכער. ניט באַשטימט איז פאַר אים קיין ביוראָ־צימער, וואָס עס ווערט געגעבן יעדן שטיקל שליח. איז שוין קיינעם ניט קשהדיק, וואָס אַזאַ האָט ניט באַקומען קיין אויטאָ מיט אַ ספּעציעלן שאָפער. מעגלעך אַפילו אַז ער איז געקומען אַהער ווי יעדער בשר־ודם, פּראָסט פּשוט מיט דער באַן אָדער מיטן אויטאָבוס.

אריינגעקומען שבת דאַווענען, לאָזט ער זיך ניט צו דער מזרח־וואַנט. די שטראָמע פיגור אָבער פון אורח און די אויגן זיינע, וואָס פינקלען מיט אַ

האַרציקן שמייכל פון אונטער די ברילן, און בכלל זיין ליכטיק פנים — מאַכט נייגעריק. קומט אויס די גבאים פאַר גלייך, אַז אָט דעם דאַרף מען מכבד זיין מיט א פיינער עליה. גיט מען אים דעריבער אַ פרעג, ווי דער מינהג, דעם נאָמען זיינעם, נאָמען פון טאַטן און ייחוס, צו ביים אויפרופן צו דער תורה דאַרף דער נאָמען פון זיין טאַטן ווערן באַטיטלט מיט „הרב״. זאָגט ער: איך וויל די גאַנצע תורה; הגבה״ איז מיר אַ גרויסער כבוד. און צו אַזאַ כיבוד, ווי באוווסט, איז ניטאָ דער „יעמוד״ און קיין נעמען און טיטלען. נאָכן דאַוונען שטעקן אים מתפללים אָפּ אַ „שלום־עליכם״ און פרעגן שוין אויך ווי ער הייסט. שמייכלט ער לויכטיק און מורמלט אַרויס אַ נאָמען, און באַלד ווערט ער ניט. איז גאָר ניט קלאָר, ווער בעצם איז אָט דער. מיינס־טנס מענטשן אין דעם לאַגער זיינען ליטוואַקעס, און דער נאָמען וואָס זיי האָבן געהערט איז זיי פשוט פרעמד. אין אַ ווײַלע ארום האָט זיך ביי איינעם אַ באַמבל געטאָן אַ לידל, געהערט אַמאָל אויף אַ חתונה אין דער ליטע. עפּעס האָט דער בדחן ליצנותדיק געזונגען וועגן אַ חסיד וואָס שרייבט אַ בריוו צו זיין רבין. זינגט זיך דער אַדרעס אין אַ מין רוסיש: ו מיעסטעטשקאָ לאַדיניו, מאהילאָווסקאַ הובערניו, דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייער זאַלמאַנו... זאָל דער אורח, לויטן קלאַנג פון זיין פאַמיליע־נאָמען, מיינט דער ייִד, ניט זיין אַן אָנגעהעריקער מיט דעם ראַבין פון ליד, ר׳ שניאור זלמן? און געהערט האָט ער, אָדער ווו געלייענט, אַז דער „שניאור״ איז אַריינגעפלאָכטן אין די פאַמיליע־נעמען פון די אַלע וואָס זייער אָפּשטאַם איז פון אָט דעם אַמאָליקן גרויסן חסידישן צדיק. און דוכט אים אויך, דעם ליטוואַק, אַז אין אַמעריקע אָדער ארץ ישראל איז דאָרט דאָ איינער מיט אָט דעם פאַ־מיליע־נאָמען, און יענער איז אַ שרייבער און אַ באַרימטער פאַרשער. האָט דאָס אַלץ ניט אַ וועלכע שייכות מיט דעם וואָס איז אָט אָקאָרשט דאָ געווען?

בין־רגע איז פון דעם גאַנצן חקרן און גריבלער געווען איין געלעכטער. הער נאָר, הער אַ דערטראַכטעניש! אַזוי אויפדרייען און צוזאַמענפלאָנטערן דאַרף מען קענען... אין דער ווילע פון די שליחים האָט דאָך דער גאַנצער יחסן פאַר זיך ניט אַפילו קיין באַזונדער צימער!..

די ערשטע וואָס האָבן דעם פרעמדן ניט געלאָזט בלייבן אומבאַקאַנט — זיינען געווען קינדער. בישטיק איז געווען די צאָל זייערע אין לאַגער, אָבער

שווער ביז גאָר האָט געלאַסטעט אויף זיי אַן עבר. יעדער איינער מיט זיינע גרויליקע איבערלעבונגען. פול און אָנגעלאָדן זיינען זיי מיט זיכרונות — און דאָס מויל ניט אַ וואָרט. עקשנותדיק מיידן זיי אויס צו ריידן פון דעם וואָס מיט זיי איז פאָרלאָפן... הערט מען אָט פון די יינגלעך און פון די מיידלעך, אַז מיט דעם מענטשן האָבן זיי יע גערעדט, און גאָר אַ סך. אַזוי לייכט צו דערציילן פאַר אים, און פון אַלץ, אַלץ. געשטעלט האָט ער זיי נאָך פראַגעס, אַזוינע שיינע און אינטערעסאַנטע. זייער מיינונג וויל ער וויסן אָט מכוח די לימודים און וועגן זייערע חברים, מכוח דעם וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, און אַפילו צו די שפּילן זייערע קוקט ער זיך אַזוי צו. אַ מענטש אַזאַ גוטער און ליבער!

נאָך אַ פּאָר טעג האָבן וועגן אורח ברייטער גענומען ריידן דערוואַקסע־נע. גאָר פרי איז ער שוין אויפן גרויסן פּלאַץ פון לאַגער. מיט זיין פיינעם שמייכל וואַרפט ער דאָ איין טומל זיין בליק אויף אַלץ, און שטעלט זיך אָפּ מיט מענטשן. גאָר אַן ענין איז ביי אים דאָס כאַפּן אַ שמועס, און באַזונדערש מיט עמך. די פראַגעס זיינע און באַמערקונגען זיינען דאַכט גאַנץ פּשוטע, און יעדן מאָל ברענגען זיי אַרויס די פאַרשיידנסטע תשובות און דערווידערונגען, און אַפילו היציקע וויכוחים. אָבער אָן אויפרעגונגען. אַז ער איז דערביי, קאָכן זיך בכלל ניט מענטשן. אדרבה, די וויכוחים זיינען גאָר אַ פאַרגעניגן און גיבן אַ סך צו. זיינע הסברים זיינען דורכגעמישט מיט מעשיות פון חסידים און צדיקים, פון פּאַסירונגען מיט רבנים און אויך מיט גרויסע מענטשן ביי די אומות העולם. ממש אַ תענוג! אַ פריינדלעכער מענטש און אַן אינטערעסאַנ־טער. מען זאָגט, אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר.

ניט צו גלייבן

ביסלעכווייז האָבן זיך מענטשן מער דערוווסט וועגן דעם גאַסט. מען האָט גערעדט, אַז ער איז אַ גדול און איז עפּעס אַ נשמה־פאַרשער. איינער האָט אויך גענומען דרינגען, אַז מיט זיין דרך ההתנהגות זאָל דאָ דער פּראָפעסאָר גאָר גיין אין די טריט פון די קדמונים ביי די חסידים. די גרונטלייגער פון חסידות

פלעגן זיך פירן אין פשטות, און ניט אויף איינעם פון זיי האָט מען ביז זיין ניתגלה ווערן געקוקט ווי אויף אַן עם־הארץ...

ביי דעם וויסנשאַפטלער גופא האָבן זיך אָבער אין זיינע פאָרשונגען גע־נומען פאַרגנבענען אַלץ מער ספקות און נאָכטראַכטענישן, און ער האָט שוין באַלד ניט געוווסט וואָס דאָ טוט זיך. געקומען אַהער איז ער אייגנטלעך מיט דער כוונה צו טרעפן דאָ סוביעקטן וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ וועלט ליידן און ניט לאַנג צוריק זיינען זיי נאָך געווען קאַנדידאַטן פאַר די גאַז־אויוונס. נאָך אַזעלכענע איבערלעבונגען זיינען זיי אין פסיכישן זינען געוויס מוראדיק פּראָבלעמאַטיש. דערשיינונגען גרויליקע, וואָס מען טרעפט עס גאָר ניט, וועט ער אַנטדעקן. און אָט גאָר — ניט צו גלייבן. די קינדער זיינען ליבע און גוטע. סאַראָ אויגן לעבעדיקע און קלוגע. היינט זייער חשק צום לערנען! גערעטענע קינדער, געזונט פיזיש און גייסטיק און אַ רעכט ביסל פון זיי גוואַלדיקע בעלי־כישרונות און טאַלאַנטירטע. און אין לאַגער דאָ דער דער־וואַקסענער עולם — סתם אַ מחיהדיקער און ווונדערלעכער. וואָס דעגע־נעראַציע? ווו צוזאַמענגעבראָכן? אַלע זיינען זיי זיכערפול און פול מיט לע־בנסלוסט. אַחוץ דער יושרדיקייט ביי זיי, און די אַנדערע מידות טובות, געפינט ער בכלל איין דאָ אין די מענטשן גייסטיקע כוחות, אַפילו ריזן־כוחות. טאָ ווו זיינען, אויב אַזוי, די נאַרמעס און באַהויפּטונגען וואָס די פסיכאָלאָגן האָבן אַרויסגעזאָגט און אָפּגעפסקנט?

איבערראַשט און דורכויס געשפּאַנט, האָט דער פּראָפעסאָר זיך געלאָזט אין איינעם פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס האָבן ניט געפעלט אין דער סביבה. געוואָלט האָט ער פון דער נאָענט אָנקוקן כאָטש איין טיפּ פון די „אַנשטאַלטן״, וואָס ניט לאַנג צוריק זיינען נאָך דאָרט געווען אַ סך פון די יידן. אַזאַ מין מקום פאָדערט זיך טאַקע זען מיט די אייגענע אויגן. און ווי ווייט זיין דימיון וועט אים אויסטראָגן, וועט ער זיך קענען אפשר פאַר־שטעלן ריכטיקער דעם מצב פון די מענטשן וואָס האָבן דאָ געלעבט... באַ־גלייט האָבן אים מענטשן וואָס זיינען אַ שטיק צייט געווען אין דעם קאַצעט און קענען זיך גוט אויס אין דער געגנט. הערט ער פון זיי דערקלערונגען. אויף דעם אָ זומפּיקן פּלאַץ, ווייזן זיי, פלעגן עס פאַרקומען די אַפּעלן. צוויי מאָל אַ טאָג זיינען די קאַצעטלער געשטאַנען אויף די פיס ביי יעדן ווע־

טער, און אָפּט שעהן גאַנצע. גאַר לאַנג פלעגט זיך ציִען דער אַפּעל בעת אַ סעלעקציע. אין דעם אַ ברייטן גראָבן איז עס געווען די שפּאַרע פאַר די וואָס זיינען ביי די סעלעקציעס געוואָרן אָפּגעסאָרטירט און האָבן עס אין דעם אָרט געוואַרט אויפן אָנקום פון די לאַסטאויטאָס, וואָס פלעגן אָפּפירן די מענטשן אין קרעמאַטאָריע. און דער סלופּ וואָס פאַרנט דאָ אויפן פּלאַץ, איז אַ רעשט פון דער תליה. בשעת די אַפּעלן פלעגט מען עס הענגען. און אָט די דרייקאַנטיקע ערד־פּריזמעס, וואָס ציִען זיך אין רייען־רייען, דאָס זיינען די „דעכער״ פון די באַראַקעס, אין יעדער גרוב פלעגן זיין צו פופציק מאַן.

— וויל אפשר דער הער פּראָפעסאָר אַריינקריכן אין דעם באַראַק? — ווענדט זיך איינער. — אָט דאָ געגנוי איז געווען מיין נאַרע. אין יענעם אַ ווינקל פלעגן מיר עס דאַוונען בציבור, אַז עס איז געווען אַ וועלכע פרייע רגע און עטוואָס זיכערקייט פון אַ בייז אויג. אין די באַראַקעס פלעגן פאָרקומען אויך רעפעראַטן, מיט וויכוחים. אַ מאָל פלעגט חברה מאַכן אויך פאַרווילונגען מיט אַ רייכער פּראָגראַם פון לידער און דעקלאַמאַציעס, וויצן און אַפילו אַ לעבעדיקע ציַיטונג. פאַר אַזאַ פאַרגעניגן האָבן שוין די ביכולתדיקע געמוזט ביים אַריינגאַנג צאָלן. האָט ווער געגעבן אַן עק סיגאַרעט, און דער אַנדערער אַ פענעץ ברויט, און ווער אַ ביסל זופּ אָדער ביי אַ לעפעלע מאַרמעלאַד. די הכנסה איז געווען לטובת די גאָר שוואַכע, די „מוסולמענער״.

— איז נאָך געווען ביי די מענטשן מוט? שאַפונגסגייסט און באַגער צו געזעלשאַפטלעך לעבן? — רייסט זיך אַרויס ביים גאַסט אַ פראַגע, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך פאַר די באַגלייטער. ביי זיי איז דער איינדרוק, אַז די ווערטער האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעשריִען צו זיך אַליין.

דורך פייער

איין טאָג איז דער פּראָפעסאָר צוגעפאָרן אין יענעם מקום, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַרן ערשטן און סאַמע גרעסטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד. פון דאַנען זיינען עס אַרויס די גאָר מאָדערנע ספּעציאַליסטן און פּראַקטיקער אויף אונטערדריקן דעם מענטשן און צעטרעטן אים דורך און דורך.

באַרימט איז געווען דער אַנשטאַלט מיט זיינע „איינאַרדענונגען", און אויך אַ נייעסטע קרעמאַטאָריע האָט דאָ ניט געפעלט. דעם אַ באַרופענעם בנין איז ער טאַקע באַלד געגאַנגען אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן. אויפגערעגט און פאַרשלאָסן אין זיך, האָט ער קיין דערקלערונגען ניט געוואָלט הערן פון די פריינד זיינע, אָט די געפרוווטע קאַצעטלער וואָס זיינען געקומען אַהער מיט אים. די גאַנצע אינסטאַלאַציע דאָ און אויך די מכשירים זיינען ביי אים געווען ווי איינגעקריצט אין האַרצן און אין מוח. אַ סך האָט ער זיך אַ פּנים אָנגעהערט און ניט ווייניק האָט ער וועגן דעם אָרט געטראַכט. אַלץ איז אים דאָ געווען ווי באַקאַנט.

טיף פאַטראַכט איז דער פאַרשער געשטאַנען אין אַ טריבן מאָרגן פון אַ בייערישן האַרבסט פאַר יענער שמאָלער אייזערנער טיר און לאַנג געקוקט אויף דעם קליינעם שילדל, וואָס האָט עס געדאַרפט דאָ פאַרפירן די געבראַכטע קרבנות מיט דער תמימותדיקער אויפשריפט: „בראַוזעבאַד". אין קאַמער אינעווייניק האָט ער געגומען טאַפּן די רערן פון „דוש" און געפּרוווט צוקומען אין דער הייך צו די שפּריצערס, — אַ מאָל שפּירט זיך נאָך דער ציקלאָן־גאַז... מיטן זעלבן שטעגל וואָס די פאַרגאַזטע קערפּערס פלעגן ווערן אויטאָמאַטיש אַריבערגעפירט, איז ער אַריין אין צימער פון די אויוונס. באַקאַנט זיינען אים דאָ געווען אפילו די לאַנגע קאָטשערעס און שאַר־אייזנס, וואָס זיינען געשטאַנען גרייט, ביי דעם שלונד פון דער פייערלאָך.. באַלד גלייך האָט ער אַרונטערגעוואָרפן זיינע שיך און זיך געזעצט אויף דעם בעטאָן אַקעגן אויוון...

חול־המועד איז דעמאָלט געווען, חול־המועד סוכּות. מאַכט איין ייִד אויפמערקזאַם דעם אורח, אַז יום־טוב פּראַוועט מען ניט קיין אבלות. ענטפערט ער מיט אַ שטים פאַרשטיקט פון טרערן:

— אייביקער טרויער איז אין אַזאַ אָרט פאַר דעם מענטשן; נייך־בייך, ניט קיין „זעענסווירדיקייט"...

ער הערט ניט אויף צו ווישן די ברילן, וואָס פאַרטויען זיך אים יעדע ווײַלע. זיינע אויגן וואַרפן זיך אָן אויפהער פון אויוונלאָך צו די געזיכטער פון די מענטשן, וואָס זיצן שוין אויך מיט אים אויף דער ערד. אָט שטעלט זיך אָפּ לענגער זיין בליק אויף זיי, און אָט איז שוין זיין קוק מיט אַ שליידער צו־

ריק צום שלונד, טיפט זיך אין דעם טײוולאַנישן חלל... נאָך אַ האַסטיקן און שאַרפן הוסט טוט ער אַ זאָג פאַרטראַכט:

— פונדעסטוועגן האָבן דאָך אַ ביסל מענטשן, טאַקע גאָר אַ שרעקלעכער פּראָצענט, יאָ אויסגעהאַלטן אין אַזעלכענע מקומות, און ניט צו זען ביי איין קיין באַזונדערע נעוורען... די ערדבודעס. ווי האָט מען דאָרט גאָר געקאָנט לעבן? און נאָך די ענגשאַפט!.. און אַט אַזאַ מין „איינאָרדענונג" וואָס פאַר אונדזערע אויגן?.. קאָנט איר מיר איבערגעבן כאָטש עטוואָס פון דעם „קוק" אייערן אין יענע טעג אויף דעם אַלץ?..

נעמט איינער זאָגן:

— איך געדענק די רייד פון מיין טאַטן עליו השלום. נאָך דער סעלעקציע איז ער מיט די אַנדערע אָפּגעסאָרטירטע געזעסן און געוואַרט צום אַרויספירן. ניט ווייט בין איך דערביי געשטאַנען און זיך צוגעהערט ווי ער באַרויִקט די מענטשן. ראשית, האָט ער איינגעטענהט, תשועת השם כהרף עין, גאָטס הילף קען דאָך קומען מיטן אויגנפּינטל. והשנית, סוף אדם למות, און ניטאָ קיין אויסנאַם, און קיינער בכלל ווייס ניט וויפל יאָרן אים איז באַשערט... שטעקט דאָ טאַקע דער גאַנצער ירגזון נאָר אין גאווה. סטייטש גאָר, טראַכט זיך דער גרויסהאַלטער, היתכן אַז מיין גוף זאָל חלילה פאַרברענט ווערן און אַוועק מיטן רויך? איך, איך בין דאָך ניט אַבי ווער, טאָ ווי זשע אַנדערש פאַר מיר ווי אַ בכבודיקע לוויה און אַ קבר ניט אַבי ווו!.. טאָ לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים! — האָט דער טאַטע אַ רוף געטאָן צו די מענטשן מיט אים אין דער שפּאַרע. און מיט די פּסוקים אין מויל האָט זיין קאָפּ צוגעשאָקלט צו מיר, ביים רירן זיך פון לאַסטאויטאָ.

האָט דער אַנדערער, שוין אַן עלטערער, וואָס זיצט אויסגעטאָן די שיך ביי דער צווייטער זייט פון פּראָפעסאָר, האָט דער ייִד גענומען ריידן:

— די ענגשאַפט, ווי האָט מען געקאָנט לעבן אין אַזאַ ענגשאַפט... ייִנגלווייז האָב איך ביי אונדז אין שטאָט געהערט פון אַ מגיד. איין מאָל האָט ממשלה גוזר געווען אויף אַ חסידישן רבין, אַז ער זאָל פאַרלאָזן זיין וווינאָרט און ווערן פאַרשיקט אין דעם מיליטערישן ראַיאָן פון דער גרויסער פעסטונג ביי בריסק. האָט זיך רב יאָשע בער, דער מרא דאתרא, דערוווסט וועגן דעם צדיק, וואָס געפינט זיך בשכנות פון זיין קהילה. געקומען

אים באַזוכן, זעט ער אַז דער פאַרשיקטער איז מיט אַ זון דאָ צוזאַמענגעשפּאַרט אין אַ פּיצל כאַלופּע. פרעגט דער רב: ווי אַזוי טוט איר זיך אַהין אין אַזאַ ענג־שאַפט אַז דאָס שטיבעלע איז אַפילו ניט קיין דלד־על־דלד? ענטפערט דער רבי; איז דאָ אַן עצה, ווערט מען נאָך קלענער...

— דערמאָנט האָט איר וועגן אַ מגיד ביי אייך אין שטאָט, — טוט אַ פרעג דער פּראָפעסאָר — פון וואַנען זייט איר אייגנטלעך און וואָס איז געווען אייער באַשעפטיקונג?

— אַ ווילנער, און אַ סטאָליער פון דורות.

— פון ווילנע? ירושלים דליטא?..

איז ווידער דער אורח אַריינגעפאַלן אין שווייגן. אין דער אַ שטאָט איז דער אַלטער רבי, דער ערשטער און גרעסטער רבי פון זיינע זיידעס, געקומען טאָן וועגן חסידות, און מען האָט אים דאָרט אַפילו ניט צוגעלאָזט צו אַ וויכוח, און איז אַוועק מיט חרפּה. האָט זיך נאָך קרוב הונדערט פופציק יאָר פאַר־טראָגן דורך אַ פאַלקסמענטש אָט פון דער זעלבער שטאָט אַזש אַהער אַ טיפּיש חסידישע מעשה, וואָס דערמאָנט אַזוי דעם קבלהשן צימצום־היש. און דווקא דאָ, ביי די שרעקלעכע אויוונס, האָט זיך אָט דער מושג מתקשר געווען מיטן ביטול־היש פון דעם ליטווישן מוסר, וואָס לערנט דעם מענטשן ניט צו מאַכן קיין וועזן פון זיין אייגענעם איך; און געוואָרן איז פון דעם צימצום־היש און ביטול־היש — אַ ביטול האש!.. ווי ווונדערלעך זיינען די יידן בייגעשטאַנען!

— איז שוין דער דענקער באַהערשט ווידער פון אַ מחשבה. וועט אים נאָר געלינגען דורכצופירן אין אַ ברייטערן פאַרנעם די פאָרשונגען וועגן דער שארית־הפליטה, וועלן אין זיין ווערק קומען צום אויסדרוק דער עיקר אָט די מענטשן, די בעלי־מלאכות און די אַנדערע שיכטן פון מיטלשטאַנד. פערל וועט ער אַרויספישן פון זייער עבר און זיין אויג וועט זיין וואַך אויף דעם ווייטערדיקן לעבנסגאַנג דעם זעלישן ביי זיי. דאָס בוך וועט זיין, בעזרת השם, אַ מין המשך פון דעם זיידנס באַרימטן „תניא״, וואָס איז געשריבן לשם דעם מיטלען מענטשן און הייסט אויך „ספר של בינונים״.

דערמאָנט זיך נאָך אַ ייִד און דערציילט:

— עטלעכע וואָכן האָב איך געאַרבעט אין אַ קאָמאַנדע דאָ דער־ביי, דאָרטן ביי יענע בנינים. טאָג־טעגלעך פלעגן מיר זען ווי דער

רויך פון דאַנען שפּאַרט אַרויס, שטייגט און שלענגלט זיך, און ווערט ניט. האָט איינער פון די מענטשן אַ זאָג געטאָן: אַפילו אויף תחית־המתים וועט פון אונדז ניט בלייבן אַ רעשטל... איז באַלד אַרויס אַ ייִד פון מונקאַטש: „אמר ה׳ מבשן אשיב, אשיב ממצולות ים״, גאָט האָט געזאָגט: פון בשן וועל איך אומקערן, איך וועל אומקערן פון די טיפענישן פון ים; ניטאָ אויף דער וועלט קיין אָרט, וואָס גאָט וועט פון דאָרט ניט אומקערן די מתים צום לעבן. און דער וואָס האָט געזאָגט „מבָשן״, קאָן אויך מחיה מתים זיין פון רויך, מעָשן!..

האַלט אָן דער פּראָפעסאָר ווייטער דאָס שווייגן און זיין בליק איז אין גאַנצן אין דעם שרעקלעכן שלונד, טיפט זיך און טיפט זיך אין אויוון... די מענטשן וואָס זיינען אַדורך דעם פייער, ווערט ער זיכער, אָט די זיינען אַ קוואַל פון ביטחון און מעשים טובים. געלייטערטע זיינען זיי אַרויס פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זעליש און קערפּערלעך זיינען זיי אימוניזירט. יסור־רים פאַרפיינערן און שטאַרקן באַזונדערש דעם כלל, דעם קאָלעקטיוו... יאָ, אַ גרויס בוך וועט געשריבן ווערן. און אַ נאָמען אַ שיינעם וואָלט זיך געפּאַסט פאַר דעם ווערק, אַ נאָמען וואָס זאָל דייטלעך פּראָקלאַמירן די זעלטנקייט פון אָט די טייערע לעבן־געבליבענע...

און פון אויוון־חלל האָט אַ בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן אַ שריפט. יע, ער האָט שוין דעם נאָמען פאַר זיין בוך:

„די װוּנדער־געשטאַלט פון דער שארית־הפליטה״.

ו

האַרטע קאָרע

האַרטע קאָרע

אין שליחות

ניט מיט קיין לייכטן געמיט האָט אייב ניקל אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אַ דירעקטאָר אין אַ לאַגער פון דער שארית־הפּליטה. פאַרלאָזט ער, הייסט עס, ניו־יאָרק און פאָרט קיין אייראָפּע, די אייראָפּע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך דעם גרויסן ייִדישן חורבן. און אָנפירן וועט ער דאָרט מיט הייפלעך פון די לעבן־געבליבענע ייִדן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן דורך אַמעריקאַנער הילף.

גוט באַקאַנט איז ניקלען דער גורל פון די מיליאָנען ייִדן וואָס זיינען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אונטער דעם דייטשן יאָך. געבליבן זיינען פון זיי נאָר שיטערע רעשטלעך, אָט די שארית־הפּליטה. מענטשן כמעט אַלע שוין אָן משפּחות, אָן אַ היים און אָן אַן אויסזיכט זיך ווידער איינצואָרדענען אין זייער געבוירנלאַנד — זיינען פאַר אָט די הייפלעך שפּליטערס געוואָרן באַשטימט באַזונדערע פלעצער אויפצוהאַלטן זיך. אַהער האָבן עס באַלד נאָך דער מלחמה זיך גענומען זאַמלען די באַפרייטע פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָט די קאַצעטן, און אויך לעבן־געבליבענע פון די געטאָס און פון די וועלדער און אַנדערע אויסבאַהעלטענישן.

פון לענגער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ רייד מיט אים, ניקלען, מכוח פאָרן קיין דייטשלאַנד. די הערן פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט אויס ריזיקע סכומים אויף די לאַגערן פון דער שא־רית־הפּליטה, האָבן מיט אים געהאַט ניט איין שמועס. איינער פון די פילאַנ־טראָפּן האָט אים וועגן זיין שליחות דאָרט באַלד געלאָזט הערן:

— די אַרבעט איז אפשר ניט אַזוי לייכט; אויפּטאָן קאָן מען אָבער קאָלאָ־סאַל!..

ניקל ווייס ניט ווייניק אויך וועגן די לאַגערן פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד. אַ לעבן איז ער פאַרבונדן מיט יידישער געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט און מיט אָרגאַניזירן פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען. איצט איז ער פאַר זיין אָפּפאָרן אָפּגעזעסן טעג אין דער הילפס־אָרגאַניזאַציע און געלייענט אַזוי פיל פאַפירן. דער עיקר האָבן אים אינטערעסירט די באַריכטן פון מיס־טער בוט, דער דירעקטאָר אין דעם לאַגער וואָס ער, ניקל, קומט עס אַהין אויף זיין פּאָסטן. אין אַ ווינקל בייערן, ניט ווייט פון די טיראָלער אַלפּן־בערג, ליגט עס דער מקום. ווי בוט שרייבט, איז אַ גאָר גרויסע טעטיקייט אָנגע־גאַנגען אין דעם לאַגער אונטער זיין אָנפיר. די מענטשן־סקעלעטן וואָס זיי־נען אָקערשט געהאַט אַרויס פון קאַצעט און אויף זיי זיינען נאָך געהאַנגען די געשטרייפטע „אוניפאָרמען" — האָט ער געזען צו מאַכן זאַט און פאַרטריי־בן פון זיי דאָס פּרעסיקע הונגער־געפיל. יעדער איז געוואָרן באַזאָרגט מיט אַ פּאַסיקן בגד. קראַנקע זיינען געוועזן אָן אַ שיעור, האָבן זיי באַקומען מעדי־צינישע הילף. געהאָלפן האָט ער אויך די מענטשן אין זוכן די לעבן־געבלי־בענע פון זייערע פאַמיליעס און זיי ברענגען אַפילו פון מרחקים. די אַ אַרבעט פון צוזאַמענברענגען פאַמיליעס איז נאָך ווייט ניט געענדיקט און איז אַ לאַנגע צייט געווען שטאַרק פאַרבונדן מיטן גנבענען זיך דורך געפערלעכע גרענעצן און פייער, און ניט איין קרבן איז דערביי געפאַלן. דאָ דערמאָנט שוין בוט אויך די „בריחה", די בחורים פון ארץ־ישראל וואָס האָבן געהיים אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אונטערנעמונג און מיט זיי צום דינסט האָבן זיך עס געשטעלט די יוגנטלעכע פון דער שארית־הפליטה...

די לאַגער־יוגנט — וועגן זיי רעדט דער געוועזענער דירעקטאָר ברייט און התלהבותדיק. איין שטעל פון זיינעם אַ באַריכט האָט ער, ניקל, טאַקע זיך געהאַט אַרונטערגעשריבן. שורות ענטוזיאַסטישע: „יינגלעך און מיידלעך וואָס אין די געטאָס און קאַצעטן האָבן זיי כמעט אַלע פאַרלאָרן זייערע עלטערן און ברידער און שוועסטער — סאַראַ וווּנדערלעכע פליגלען האָבן ביי אָט די עלנטע אַ שפּראָץ געטאָן נאָכן חורבן! ענערגיע האָבן זיי באַוויזן שוין ביים איינשטעלן אָרדענונג אין דעם לאַגער פון שארית־הפליטה; לערן־קורסן האָבן

זיי אָרגאַניזירט, און אַ כאָר און אַ טעאַטער־גרופּע. אויך אין גרינדן און אַרויסלאָזן אַ צייטונג האָבן זיי פיל מיטגעהאָלפן. היינט די מיטינגען און קאָנ־פערענצן!.. מוטיק און בראַוו האָט זיך אַ טייל פון די אַ טיכטיקע אַ וואָרף געטאָן אין דער אַרבעט פון „בריחה", דורך סכנותדיקע וועגן אַריבערצובערענגען יידן פון מיזרח־אייראָפּע. און אַ סך זיינען אַוועק מיט דער ,העפּלה', אַט מיט די אומלעגאַלע שיפן קיין ארץ־ישראל — און קעמפן דאָרט פאַר דער באַפרייונג פון לאַנד!"

איין מאָל און נאָך אַ מאָל קוקט אַריין ניקל אין דעם לויבגעזאַנג, און זיין קאָפּ צעשאָקלט זיך סקעפּטיש וועגן דער הצלחה וואָס דערוואַרט דאָרט אין לאַגער אים, דעם נייעם דירעקטאָר:

— די שמאַנט אַרונטערגענומען; ניטאָ שוין אין לאַגער די יוגנטלעכע און ענערגישע; פאַרביי דאָרט די גרויסע טעג...

אַחוץ קיין ארץ־ישראל, ווייס ניקל, האָבן די יידן פון דעם לאַגער צו ביסלעך אַריבערגעוואַנדערט אויך קיין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. לויט דער מיינונג אָבער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי האָבן שוין די אַלע לאַגערן געדאַרפט זיין ליקווידירט. נאָכן אָקופּירן דייטשלאַנד האָבן עס גוט־האַרציקע אַמעריקאַנער גענעראַלן גענומען קאַזאַרמעס, דערפלעך און קלע־נערע פאַרשטאָטישע קוואַרטאַלן און זיי געמאַכט „לאַגערן פאַר אויסגעוואָרצל־טע" — אַן אָפּדאַך, הייסט עס, פאַר די מענטשן וואָס די דייטשן האָבן זיי געהאַט אַרויסגעריסן פון זייערע היימען און צונויפגעשלעפּט צו זיך אין לאַנד אויף צוואַנגאַרבעט. זאָגן היינט די מיליטער־לייט, און ווידער מיט גוטהאַר־ציקייט, אַז עס איז שוין צייט פריי צו מאַכן די אַלע מקומות — און ווייזן פיינקייט די דייטשן. די העכערע ראַנגען פון שטאַב האָבן זייער טענה. שוין איבער דריי יאָר נאָך דער מלחמה, גיבן זיי צו פאַרשטיין. און וואָס שייך די יידן, איז ווי גרויס עס איז ניט געווען זייער חורבן — מעג שוין אויך זיין פאַרגעסן. און אַט איז שוין דאָ אַ יידישע מדינה מיט אָפענע טויערן, באַטאָנט מען פון דער אַרמיי, און אַנדערע לענדער ווערן לעצטנס אויך ווייכער מיט זייערע עמיגראַציע־געזעצן.

מיט דער שארית־הפליטה האָט זיך לעצטנס ווידער גענומען אינטערע־סירן די גרויסע אַמעריקאַנער פּרעסע. קאָרעספּאָנדענטן פון גאָר באַרימטע

ציַיטונגען וווּנדערן זיך און קענען ניט פֿאַרשטיין וואָס ייִדן אין אַ גרעסערער צאָל זיצן נאָך אין די לאַגערן און קימערן זיך גאָר ווייניק וועגן אַ זעלבשטענ־דיק־בכבודיקן לעבן. וואָרענען זיי, די זשורנאַליסטן, און דערקלערן, אַז אין די אַ איבערגאַנגס־שטעלן ווערן די מענטשן אַלץ מער איינגעוווינט מיט דעם שפּייזצוטייל און מיט דעם גאַנצן אומזיסטן אויסהאַלט, וואָס קומט דער עיקר פֿון אַמעריקע... „האַרטע קאָרע״ נעמען די אַמעריקאַנער רופֿן אָט די עלנט־מענטשן וואָס האָבן זיך אַריינגעוואַקסן אין לאַגער און ניט אַרויסצורייסן זיי פֿון דאָרט. ניט איין ציַיטונג באַמערקט נאָך, אַז די ייִדן פֿאַרנעמען זיך מיט שוואַרצהאַנדל, מאַכן אין געהיים מיסחר מיט די דיַיטשן...

— אַ סקאַנדאַל, אַ חרפּה פֿאַר דער וועלט! — ברענען איצט מיט צאָרן די פֿילאַנטראָפּן פֿון דער הילפֿס־אָרגאַניזאַציע, און פֿעסט איז זייער באַשלוס — ניט קאַרגן קיין מי און קיין מיטלען אויף אויסליידיקן די לאַגערן, אָפּ־שניידן מיט דער האַרטער קאָרע!

די גרויסע באָסן אין ניו־יאָרק ווילן ניט הערן וועלכע אַנדערע דער־קלערונגען וועגן די מענטשן פֿון דער שארית־הפּליטה. עס רעגן זיי נאָר אויף די רייד פֿון פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן, און נאָך מומחים און גלאַט עסקנים, וואָס פּרוּוון אויסדריקן זייערע באַזונדערע מיינונגען. די תּקיפֿים פֿון דער הילפֿס־אָרגאַניזאַציע קוקן שוין מער ניט אַריין אין באַריכטן און פֿאַר־ענטפֿערונגען פֿון זייערע מענטשן אין דיַיטשלאַנד — און האָבן זיך גענומען צום בייטן די אָנפֿירערס פֿון די לאַגערן דאָרטן.

ניקלס לאַנגיאָריקע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט האָט עס געגעבן דער הילפֿס־אָרגאַניזאַציע די זיכערקייט, אַז ער קאָן זיין דער פּאַסיקער אויף אָנצופֿירן מיט דעם לאַגער. אין זיין ביאָגראַפֿיע וואָס ער האָט צוגעשטעלט האָבן די גרויסע באָסן געקאָנט לייענען וועגן זיין געוואַלדיקער פּראַקטיק אין אָרגאַניזירן סאָציאַלע הילף פֿאַר מאַסן ייִדן. נאָך אַ יונג בחורל, איז ער שוין געווען אויף אַ פּאָסטן אין דעם ק׳עוווער ייִדישן קאָמיטעט אויף העלפֿן פּאָגראָמירטע קהילות אין צאַרישן רוסלאַנד. פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט איז אויף אים אַרויפֿגעלייגט געוואָרן ביי דעם ביילים־פּראָצעס, און באַלד אויך ביי נאָך אַן עלילת־דם. גרויס אַקטיוויטעט האָט ער, ניקל, אַרויסגעוויזן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מוראדיקע בילבולים דעמאָלט אויף די רוסישע

יידן, און גירושים מיט פליטים אַן אַ צאָל; און סוף מלחמה, אין יאָר 1919 — די אוקראַינער פּאָגראָמען!.. פאַר אַ גרופּע פון די פּאָגראָמירטע האָט ער עס אָרגאַניזירט דאָס אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, און אַליין זיי אויך באַגלייט. האָבן אים די עסקנים אין יפו באַלד צוגעצויגן צו אַ קאָמיטעט פאַר געליטענע פון די אַראַבישע אומרוען אין ירושלים, און נאָך דעם אויך אין אַנדערע שטעט פון ארץ־ישראל. די אַ אַרבעט האָט עס אים, ניקלען, געבראַכט קיין אַמעריקע. און דאָ ווערט ער פאַרכאַפּט פון אַ הילפס־אַקציע פאַר די יידן אין דייטשלאַנד, און מיטן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — פאַר די יידן איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין דעם מיליטערישן אַעראָפּלאַן וואָס פירט איצט ניקלען קיין דייטשלאַנד, קומען אים יעדע ווײַלע אויפן זינען די לעצטע ווערטער פון דעם „מענעדזשער" אין זיין הילפס־אָרגאַניזאַציע. ביים איבערגעבן אים דעם מאַנדאַט און געזעגענען זיך, האָט אָט דער באָס געלאָזט פאַלן:

— מיסטער ניקל, מיר דערוואַרטן פון אייך גרויסע אויפטוען; מיר גיבן אייך אַ שאַנס!

גרויסע אויפטוען, אַ שאַנס... — די ווערטער לאָזן ניקלען ניט אָפּ דעם גאַנצן וועג. אין דעם לאַגער וווהין ער פאָרט, וויס ער, זיינען די יידן טאַקע אַלע פון זיין מיזרח־אייראָפּע. צווישן זיי איז ער געבוירן און יאָרן־לאַנג איז ער מיט זיי געווען געבונדן. איבער די מענטשן איז דאָך אָבער ערשט אַריבער אַזאַ חורבן. קאָן ער נאָך האָבן היינט מיט זיי די זעלבע בשותפותדיקע שפּראַך? און דער עיקר — מצליח זיין אין דער שליחות! אַ שאַנס... די פילאַנטראָפּן גיבן אים, הייסט עס, אַנצוהערן אַז אין זייער אַמעריקע גופא נייטיקט מען זיך שוין אין אים קנאַפּ וואָס. וואַרפן זיי אים צו מיט זייער ברייטהאַרציקייט די אַרבעט אין יוראָפּ... ביי די אַלטגעזעסענע און איינגעפונדעוועטע באַטאַבלען איז ער בכלל נאָך אַן עמיגראַנט, אַליץ אַ גרינער, און זיין ענגליש מאַכט זיי אָפּט אונטערשמייכלען... טענות גרויסע צו זיי קאָן ער אָבער ניט האָבן. די הערן פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע זיינען אים ברייט אַנטקעגנגעקומען ביים חתונה מאַכן איין טאָכטער און די צווייטע טאָכטער. פיינקייט ווייזן זיי אויך אַרויס ביים געבורט פון יעדן אייניקל. באַזונדער אויפמערקזאַם איז די אָרגאַניזאַציע לעצטנס געווען צו אים ביי דער שווערער

קראַנקייט פון זיין פרוי, וואָס איר טויט האָט אים אַזוי צעבראָכן. ווי עלנט און איינזאַם ער פילט זיך... אַוודאי האָט ער ניט געטאָרט אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאָג צו פאָרן קיין דייטשלאַנד און אַרבעטן אין דעם לאַגער פון דער שארית־הפליטה. אויך פריינד האָבן אים שטאַרק צוגערעדט צו משנה־מקום זיין, מאַכן דעם גאַנצן איבערבייט. דאָס קאָן אים אַ סך העלפן אין לינדערן די שטימונג. האָט ער געהערט פון אַלע זייטן. און ניט איינער האָט דערביי דערציילט פון פרויען געראַטענע דאָרט, פרויען אַ סך וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מענער, און אים צוגעווונקען וועגן אויסזוכן זיך די באַשערטע, און ווערן אויפגעריכט...

הללויה

אַ טאָג לפחות פאַרן איבערנעמען דעם אַמט האָט אייב ניקל נאָך געוואַלט זיין אומבאַקאַנט אין דעם נייעם אַרבעטסאָרט. זיכער ווייסן נאָך ווייניק אין דעם פּליטים־לאַגער, אַז ער, זייער נייער דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער הילפס־ביוראָ, איז שוין אָנגעקומען פון ניו־יאָרק. קאָן ער אין דעם טאָג האָבן די געלעגנהייט אָנצוקוקן דעם מקום ווי אַ זייטיקער, ריידן מיט די מענטשן פשוט און ניט־פאָרמעל — און הערן פון זיי מער אָפענע רייד. וועט עס אים אפשר העלפן אין אַרויסהאָבן גרינטלעכער די סיבות פאַר וואָס מען פאַרלאָזט ניט דעם מקום. די הערן פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע, זיינע באַסן פון ניו־יאָרק, זיינען דאָך אַזוי בייז אויף דעם און טענהן אויך, אַז די ייִדן זיינען שוין איינגעוואָקסן אין דעם לאַגער, ווי אַ האַרטע קאָרע... זיינען דער־פאַר געווען פאַר אים איבער גענוג די עטלעכע באַאַמטע וואָס זיינען נעכטן אָוונט געקומען זען אים, זייער נייעם שעף פון דער הילפס־ביוראָ, אָדער אָפיס, ווי זיי רופן. צופרידן איז ער אויך, ניקל, וואָס אין דעם מיליטער־מאַגאַזין האָט זיך נאָך ניט איינגעפונען פאַר אים קיין פאַסיקער אָפיציר־מונדיר, ווי עס פאָדערט זיך אויך פאַר אַ ציווילן פון זיין ראַנג דאָ אין דער אַמעריקאַנער אָקופּירטער זאָנע פון דייטשלאַנד. ניט־מיליטעריש געקליידט, וועט ער זיך געוויס ווייניקער וואַרפן אין די אויגן פון מענטשן. וועגן פאַרן היינט אין דעם

אויטאָ, וואָס וואַרט שוין אויף אים פון דעם טאָג ווי עס איז אַוועק דער פּרי־ערדיקער דיירעקטאָר, האָט ער אַפילו ניט געוואָלט הערן. צו פוס איז ניקל אַרויס, כאָטש דער לאַגער איז ניט גאָר נאָענט פון דעם מיליטער־הויז וווּ ער האָט זיין ווינזיץ.

„די־פּי־סי״ — דיספּלייסד פּעירסנס קעמפּ, לאַגער פון אויסגעוואָרצלטע פּערזאָנען — זאָגט ניקלען אָן אַ מיליטעריש שילדל אין אַ קורצן ענגליש, אַז ער האָט ריכטיק געטראָפן דעם וועג. אין דעם שטח פון די אַלטע גרויסע קאַזאַרמעס און אַרום זיי קלענערע בנינים און נאָך צוגעבויטע האָלצבאַראַקעס — אָט דאָ דאַרף עס ערגעץ זיין דאָס ביוראָ פון זיין אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַציע. אָפיציעל איז דאָס אָרט אָפּגעשלאָסן, אָבער זייטיקע מענטשן קומען אַ פּנים גאַנץ אָפט אַהער און זיינען פאַר דעם עולם דאָ ניט קיין זעלטנ־קייט. שוין ביי דעם אַריינגאַנגס־טויער טרעפט ניקל אַפילו אַ באַזוכער פון זיין אַמעריקע און אויך צוויי ייִדן פון דרום־אַפריקע, וואָס זיינען געקומען אַהער זיך זען מיט קרובים. אין זיין וויטערדיקן גאַנג גיט זיך ניקלס ייִדיש פריי אַ מיש מיט די דיאַלעקטן פון די לאַגער־ייִדן, וואָס שטאַמען פון די פאַר־שיידענע לענדער און געגנטן אין מיזרח־אייראָפּע, און ער באַקומט באַלד אַ קאָמפּלימענט וועגן זיין לשון, וואָס איז אַזוי זאַפטיק און כמעט ריין פון ענגלי־שע ווערטער, ניט ווי ביי די אַנדערע אַמעריקאַנער געסט.

אַ צי טוט ניקלען צו אַ גרעסערן רעדל מענטשן וואָס שטייען און שמו־עסן. דער אַרבעטסטאָג דאַרף שוין זיין אין ברען — און דאָ וואַלגערט זיך צייט. דאָס רעדל שטייט לעבן אַן אָפּגעזונדערטן באַראַק וואָס לאָזט זיך הערן מיט אַ דאַוונענדיקן קול. די שמועסער אָבער זען זיך ניט אָן אַלע דווקא קיין שטאַרקע דאַוונערס. אַנדערע שטייען גאָר אָן היטלען און לאָזן הערן שאַרף־אַפּיקורסישע ווערטער. וועגן גאָט און ייִדישקייט היצט מען זיך עס... מיט אַ „וואָרט״ מישט זיך דאָ אַריין אויך דער מנין און פאַרקאָכט נאָך מער דאָס רעדל. אַ געזאַנג אַ העכערער וואָס גיט זיך אַ טראָג פון די מתפּללים אין באַ־ראַקל, צעעפנט אין רעדל דאָס מויל פון איינעם וואָס איז געקליידט אַזוי שרעַיִק, דאָס פּנים צעשפּוזשעט און האָר לאַנגע רייסן זיך צו די שמאָלע פּליי־צעס. אַ בלאַסע פייכטקייט וואַרפט זיך פון זיינע גרוי־אויסגעטאַרטשעטע אויגן און די ביידע הענט שליידערן זיך צו די אָפענע פענצטער פון שטיבל, צו די

ייִדן וואָס דאַוונען דאָרט, און צום חזן וואָס זעט זיך וואָס זעט זיך ווי ער הייבט אויס אין זיינע הענט די ספר־תורה און בייגט זיך צום אָרון־קודש. מיט רוגזה שוימט דער מענטש:

— גדלו, זאָגן זיי, מען דבקהט זיך מיט גרייסן און דערהייבן זיין ליבן נאָמען!.. זיין וועלט ווערט דאָך געפירט נאָר מיט צדק און מיט יושר און מיט רחמים. מיט אונדזערע אייגענע אויגן האָבן מיר געזען די שענסטע מעשים וואָס זיינען געוואָרן אָפּגעטאָן, און טאַקע מיט אונדז אַליין. און ער מיט זיין באַרעמהאַרציקייט און השגחה־עליונה האָט דאָך געוויס געזען!.. אָט ראָלט מען אויף די הייליקע תורה, מען לייענט אָפּ די עטלעכע פסוקים, און שוין וויקלט מען צוזאַמען צוריק, מען פאַרבינדט און פאַרדעקט מיט דעם מענ־טעלע, און ווייטער אין אָרון־קודש, פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען מיט דעם פּרו־כת. און ווידער וועלן זיך צו דעם רחום וחנון צעזינגען דער חזן און עולם מיט מתיקות: וירם קרן לעמו, לבני ישראל עם קרובו, ער האָט דערהייכט דעם שטאָלץ פון זיין פאָלק, דעם פאָלק ישראל וואָס איז אים נאָענט... די זשמורקעס וואָס מען שפּילט דאָ, אַ בלינדזען!.. אָפּן זאָל בלייבן די תורה, אויסגעשפּרייט אויפן שולחן, מיט דעם לא תרצח, און מיט די אַלע הייליקע געבאָטן, און מענטשן זאָלן צוגיין און עפּעס זאָגן. אוי, האָבן וואָס צו דערציילן, און ווייזן אויף די אייגענע קערפּערס, אונדזערע ייִדן, די בני ישראל עם קרובו!.. זאָל צוגיין חיליק, וואָס שטייט דאָ לעבן מיר. זאָל ער אויף זיינע קוליעס צוהאָפּס־לען צום אָפענעם ספר און אַ וויז טאָן די אָפּגעפרוירענע פיס פון קאַצעט. און דערציילן פון די נאָך חולאתן וואָס ער איז מיט זיי באַגליקט געוואָרן אין די דייטשע מוסדות. און דעם אומקום פון זיין הויזגעזינד!.. אוי, האָבן מיר וואָס צו דערציילן! איז טאַקע אַ דאַנק און אַ לויב זיין ליבן נאָמען, הללויה!..

אַ ייִד אין אַ רבנישן הילוך און מיט אַ גרויסער גמרא אין האַנט רייסט זיך אַלץ מיט אַ וואָרט און וויל אָפּהאַקן דעם רײדער. אויפן וועג צום מנין האָט עס אים דאָס רעדל פאַרשטייפט דעם טראָט, און פון די רייד דאָ פלאָ־טערט אים יעדעס הערל פון זיין צוואָקסענער בלאָנדער באָרד. אש־להבה איז ער:

— אַ שפּאָס, קדיש פליגל האָט זיך צעגאָסן!.. און אַז אַ שרייבער, אַ פּאָ־עט, און זאָל זיין אויך אַ קלאַסיקער, ווי אָט דער בעל־דברן אַליין איז גע־

וווינט צו דרשנען וועגן זיך — איז וואָס, ווייס ער שוין אויך די דרכי־הבורא, דעם גאַנצן גאַנג פון דער השגחה־עליונה? און ייִדן שטייען עס דאָ אַרום, שטייען און קלייבן מסתמא התפעלות פון אַזאַ גדול־הדור, שטייען און שווייגן!

נאָך איידער דער ייִד שרייט אויס זיינע פרומע טענות, מערקט ניקל ווי פנימער און אויגן זיינען אויסגעשטעלט צו חיליקן, צו דעם מיט די קוליעס. פון אים גאָר דערוואַרט מען אַן ענטפער. דער מענטש — אַ הויכער, אַ מאָ־גערער, דאָס פנים אויסגעצויגן און גרוילעך באַוואַקסן. די שפּיטאָל־פּיזשאַמע אויף אים זאָגט אַז ער איז נאָך געבונדן צו אַ קראַנקן־בעט; און זיין אויער איז געבויגן ביים אויפכאַפּן אַ וואָרט. הויך רעדט ער, און מאַכט באַלד לאַכן דעם עולם מיט זיין פאַרגלאָצן די אויגן און צעשאָקלען זיך מיטן גאַנצן קער־פּער און מיט די נאָך פרומע העוויות פון זיין פנים. דיק און אַרויסרופעריש איז זיין שטים:

— אַהאַ, דער ראָש־ישיבה אונדזערער, פשש!.. ער פאַרלייגט דאָך אין לאַגער אַ ישיבה. עפּעגען גייט ער אַ פלאַד פון גמרא־שאָקלערס מיט די קרו־מע רוקנס. אַ נייער אַרויספּאַר פון די אַמעריקאַנער פרומאַקעס מיט זייער וועד־הצלה... ניט גענוג דאָ דער אָפיס פון דער אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַני־זאַציע מיטן שטאַב באַאַמטע, וואָס מען רופט זיי די „האַלפּס״־מענטשן, לויט זייער ענגלישן אויסשפּראַך פון „הילפס״. יע טאַקע, פון דער גאַנצער הילף — איז האַלב פאַר זיי... איז נאָך ניט גענוג. דאַרפן מיר דאָ אויך האָבן דעם וועד־הצלה מיט די עסקנים, וואָס טייטשן מסתמא אַריין אין זייער הצלה — צאַלאָ, כולה שלי. זיי לאָזן שוין אַרונטער צו זיך אין קעשענע דאָס גאַנצע... האָט איצט געגומען דאָס צאַלאָ־מוסדל פאַרדרייען אַ קאָפּ זיינע געלט־געבערס מיט ישיבות, אַ גאָטס־קאָמאַנדע פון קרומע רוקנס!

— קרומע רוקנס... — שמייכלט אַריין געלאַסן אַ ייִד אויך אין אַ קראַנ־קן־פּיזשאַמע און פרווט גוטמוטיק צעשטרייען אין רעדל די האַרבקייט פון וויכוח — ניט נאָר דאָ ביים מנין, נאָר אויך אין שפּיטאָל רוט ניט וועגן דער סכנה חיליק, אונדזער טייערער יחיאל קרופּ. סטייטש, אַ ישיבהלע וויל מען עפּענען פאַר עטלעכע יוגנטלעכע!.. און אַז וועגן דער זעלבער סכנה נעמט נאָך ריידן פליגל, אונדזער חשובער פּאָעט, וואָס זיצט אָפּט אָפּ טעג גאַנצענע לעבן דעם בעט פון חיליקן, זיין בעסטן פריינד — איז שוין גאָר קאַראַאול!

קרומע רוקנס עליך, ישראל!.. אָבער שאַ, ניט קיין בייז די קרומע רוקנס. איך האָב שוין זייביידן ניט איין מאָל דערציילט פון די חדרים אַ מאָל. אַז די גראָבע קעפּ פלעגן בעתן לערנען עברי פאַרבייטן דעם כּ אויף אַ ב, פלעגט דער מלמד שרייען: אַ קרומער רוקן איז ניט קיין בית, ניט קיין בייזז!.. אַט־אַט, ניט קיין בייז אין דעם קרומען רוקן...

— די רויטע רוקנס, זיי זיינען כולו־טוב... — באַרוּקט זיך ניט דער ראָש־ישיבה — אַט די וואָס בוקן זיך צו דער סטאַלין־זון און שאָקלען זיך מיט באַיאָנעטן איבער זייער קיצור שולחן ערוך, להבדיל, אַט דעם „קורצן קורס" אָדער רויטן „קיצורל"; די אַ קדוש־טענצער ברענגען דאָך די גאולה!..

— אויך די זיינען צדיקים... — קרעכצט אָפּ חיליק — די רויטע פּאַרטיזאַנער האָבן מיך, און נאָך יידן, געטריבן פון וואַלד, ניט געלאָזט דאָרט בלייבן. און מיר האָבן געמוזט גיין צוריק אין געטאָ אַריין... די רויטע און שוואַרצע, פון דיביידע פראָנטן קאָן מען אַ פּנים דערוואַרטן די אמתע ישועה...

ניקל דרייט זיך אַוועק און מיינט צו לאָזן זיך גיין ווייטער־ווו איבערן לאַגער. פאַר זיינע אויגן שטייען אָבער חיליק און קדיש פליגל. די צוויי, פעסטיקט זיך אין אים אַן איינדרוק, די אַ זיינען ניט נאָר די ראָשי־המדברים דאָ אין רעדל. אַ השפּעה אַ שטאַרקע האָבן זיי געוויס אויף די מענטשן פון גאַנצן לאַגער. קאָנען אפשר אַזוינע אים גאָר ווויל צו ניץ קומען אין זיין אויפגאַבע, אין אַרויסרירן וואָס פריִער דעם עולם פון דאַנען, ליידיק מאַכן דעם מקום... זעצט ער זיך אָפּ אויף אַ באַנק, ניקל, און כאַפּט זיך באַלד, אַז דער נאָמען קדיש פליגל איז אים יע באַקאַנט. די לידער זיינע האָט ער טאַקע ניט געלייענט, און אויך ניט אַנדערע שאַפונגען זיינע. אָבער נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אים אויסגעקומען צו הערן וועגן אַט דעם. אַ מין להכעיס־טיפּ איז ער, פלעגט מען דערציילן, און אַ פראַנט וואָס קאָקעטירט אויך מיט ערגערן יענעם, און נאָך מערער — די גוטע באַקאַנטע. שוין פון זיין ערשטן לידל איז ער אַרומגעגאַנגען מיט טענות אַז מען פאַרשווייגט זיין טאַלאַנט, און דאָס פאָלק איז אים מחויב אויסצוהאַלטן!.. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, טאַקע אויך פאַר דער מלחמה, אָבער שוין אין ניו־יאָרק, דערמאָנט זיך ווידער ניקל, האָט ער פון אַ שרייבער וואָס איז געקומען פון איראָפּע געהערט וועגן אַט דעם פליגל גאָר אַ מעשה מיט אַ שווערער קרענק. דאָס מיידל וואָס

ער האָט געהאַט מיט איר אַרומגעגאַנגען און געווען אין איר שטאַרק פאַרליבט, איז פון אים אַוועק. נאָך אין זעלבן טאָג האָט ער אויף אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג געגעבן אַ פאַל, און מיט אַלע סימנים פון עפּילעפּסיע. די מחלה האָט אים שוין גענומען טרעפן אָפט, און טאַקע ניט איין מאָל ווידער אין עפנטלעכע ערטער. דאָס געפיל אַז מאַסן זעען אים אין אַ לאַגע אַזוי אָפּהענטיק און גרויליק — דאָס געפיל משמעות האָט שוין אין אים פאַרשאַרפט ביז גאָר די פאַרביטערטקייט, און אַ גיפטיקע שינאה האָט גענומען ביי אים אַרויסרופן נאָר אַן אויסזען אַ געזונטער פון אַ מענטשן...

אַ כעס באַפאַלט ניקלען אויף זיך אַליין, אויף זיין זכרון. אין ניו־יאָרק, מיט עטלעכע טעג צוריק אין דער צענטראַלע פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע, האָט ער דאָך געלייענט אַזוינס וואָס האָט אים געדאַרפט באַלד דערמאָנען !.. בוט, דער געוועזענער דירעקטאָר אין דעם לאַגער, שרייבט אין איינעם פון זיינע באַריכטן, יע, וואַרפט ער אַריין אויך וועגן אַ ליטעראַט וואָס איז געווען אַן עפּילעפּטיקער. מיטן אַריינמאַרש אָבער פון די דייטשן, דערציילט בוט, איז ביי דעם מענטשן די מחלה פאַרשוווּנדן, און אים איז געלונגען דורכצוגיין די סעלעקציעס פון די עס־עס און האָט אויך דורכגעמאַכט די געטאָ און עטלעכע קאַצעטן. היינט איז ער ווידער ליטעראַריש טעטיק און ער האַלט זיך איצט אפילו פאַר א קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור... טאָ ווי איז עס אים, ניקלען, באַלד ביים אַריינקוקן אין דעם פּאַפּיר ניט איינגעפאַלן, אַז דער אָ עקזעמפּלאַר איז געוויס יענער פּאָעט ? און אָט האָט ער דאָ אין רעדל טאַקע געהערט בפירוש דעם נאָמען קדיש פליגל. געזען האָט ער אויך די קאָנוווּלסיווע באַוועגונגען פון זיינע הענט, און פון גאַנצן קערפּער, און די גרינע קאָלירן וואָס וואַרפן זיך ווילד פון זיין בליק. און זיין קלאַמערן זיך אַלץ אַרום חיליקן, דעם צעבראָכענעם שאַרבן ? טעג זיצט ער אָפּ לעבן זיין בעט אין שפּיטאָל, אין אַ קראַנקער און חושכדיקער אַטמאָספער. זאָגט דאָך דאָס אויף אַ וויַיכן פון געזונטע מענטשן, און אפשר אויך שינאה צו זיי... איז אים, ניקלען, דינט שוין ניט, הייסט עס, דינט שוין ניט אַזוי דער זכרון. און דאָס האַרץ גיט אַ טיאָכקע מיט נאָך אַ געפיל, אַ געפיל וואָס וואַרפט אויך אָן אַ ספק אין זיין טויגעוודיקייט אויפצוכאַפּן ענינים, פאַרבינדן זיי איינע

מיט די אַנדערע און קענען מאַכן שנעל דעם געלונגענעם אויספּיר. איז שוין ניט די פריִערדיקע יאָרן ?..

דער פּחד פאַר אַלטקייט יאָגט אָן אויף ניקלען אַלערליי געדאַנקען און מאַכט אים טריב יעדן האַפּערדיקן דערוואַרט פון זיין אַרבעט. אַלץ האַרבער נעמט זיך אים מאַלן דאָס דערטרייבן די מענטשן פון דער שארית־הפליטה צו מאַכן דעם אַנטשיידענעם שריט און זיך באַשליסן צו אַ פּראָדוקטיווער, זעלבשטענדיקער און בכבודיקער עקסיסטענץ. שווער פאַר זיינע כוחות וועט עס זיין, גאָר שווער... גרויסע נוצן זאָל ער דאָ האָבן פון די מיטאַרבעטער זיינע, זעט ניקל אויך ניט. פון די אָפּיס־באַאַמטע וואָס האָבן אים נעכטן באַזוכט האָט אויף אים געלאָזן אַ רושם נאָר איין פרוי. זי האָט זיך אַזוי רייטל־דיק פאַרגעשטעלט, מיטן נאָמען תמר, און מיט אַזאַ סימפּאַטישן שמייכל... ער טאָר אויך ניט — לויפט דורך ניקלען ווידער אַ געדאַנק — ניין, ער טאָר ניט פאַרזען די מער קאָנטיקע כוחות וואָס קאָנען אים דאָ צוהעלפן אין דורכפירן זיין אויפגאַבע. און קדיש פליגל מיט זיין חבר חיליק קרופּ האָבן אויף די מענטשן דאָ אַ השפעה. דאָס האָט ער דאָך געזען ביים רעדל לעבן מנין — און קען פון די מענטשן דאָרט הערן נאָך און נאָך.

חורבן־גבאים

ווי אַן אייגענער גייט צו אייב ניקל ווידער צום רעדל מענטשן ביים לאַגער־מנין. וועגן וואָס דער שמועס גייט דאָ איצט גענוי, כאַפּט ער נאָך ניט אויף. דער טאָן אָבער פון די רייד גיט אים באַלד אַ טראָג מיט שטעטל. דאָס אומגעקומענע שטעטל, זעט ניקל, גייט נאָך און באַגלייט די יידן אויך אין דעם פּליטים־לאַגער, אַזש ביי די טיראָלער בערג פון דרום־מערב דייטשלאַנד. דאָס רעדל אויפן שולהויף איז אין יעדן ייִדישן מקום געווען דער הויפּטנערוו פון אַלע קהלשע אינטערעסן. דאָ האָבן מענטשן זיך דורכגערעדט, געפירט וויכוחים, זיך געקאָכט, און ניט ווייניק קהלשע ענינים זיינען אין די רעדלעך געוואָרן פאַרקאָכט... די שטעטלשע שולן און קלויזן זיינען שוין אויך ניטאָ, אָבער דער דרויסן פון דעם מנין דאָ אין לאַגער — איז פאַר די יידן אַ מין

שולהויף. קאָנען אין דעם רעדל אָפּשטײן ווי לאַנג די מענטשן, וואָס זײַנען נאָך אַלץ „אויסגעוואָרצלטע", לעבן פון הילף און זײַנען ניט מחויב צו אַר־בעטן...

ניט אײנער, נאָר עטלעכע צוזאַמען ריידן פאַר אַ מאָל. בײַז זײַנען די מענטשן אין רעדל וועגן עפּעס אַן עוולה פון דער אָנפירערשאַפט אין לאַ־גער. אַ מעשה מיט קאַפע און סיגאַרעטן, געשיקטע פון די אַמעריקאַנער ייִדן און דאַרפן דאָ ווערן פאַר אַלעמען פאַרטײלט — זײַנען קאַסטנס גאַנצע פון דעם גאַב־און־גוטס אַוועק אויפן שוואַרצן מאַרק!.. אין די ביטערע רייד וועגן דער אָנפירערשאַפט הערט ניקל ווי עס ווערט דערמאָנט „בוטקע", און דאָס איז בוט, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דעם אַמעריקאַנער הילפס־אָפיס דאָ אין לאַגער, און וואָס ער, ניקל, קומט עס אויף זײַן אָרט. און דער־מאָנט ווערט כסדר אויך טרובניק, וואָס איז דער פּאָרזיצער פון די לאַגער־מענטשן און איז עס זײער פאַרשטײער אין דער אָנפירערשאַפט; און אַרויס־געערדט ווערט דאָ זײַן נאָמען מיטן צוליג „מאַרעוויכער"... דערלויבט זיך שוין ניקל אַרײַנוואַרפן אַ פראַגע, ווי פון דער זײַט:

— באַשטײט די לאַגער־אָנפירערשאַפט נאָר פון די צוויי מענטשן?

— עס איז דאָ אויך אַ דריטער, אַדירי, דער לאַ־יוצלח... — גיבן זיך אַ שאָט קולות, און אײנער דערקלערט — אַדירי איז פון די ארץ־ישראל־שליחים און איז דאָ דער פאַרשטײער פון דער ייִדישער אַגענץ.

קאָן שוין ניט אײַנזיצן אויף דער דערבײַיִקער באַנק חיליק מיט זײַנע קוליעס. איבער זײַן פאַרביסן פּנים צעטראָגט זיך אַ לינדע מינע. אַדירי, וועגן דעם שליח ווילט זיך אים טאַקע וואָס זאָגן!.. אַ לעבן האָט זיך אָט דער מענטש אַרומגעדרייט אין זײַן קיבוץ, זיך אַרומגעדרייט מיט פּלענער, און אַלץ אויף גרויס. יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן, דערצײלט ער אַלײן, מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ קיבוץ אַן אינטערנאַציאָנאַלן, וואָס די חברים זאָלן דאָרט זײַן פון אַלע ראַסעס און פעלקער. ער דערצײלט אויך, אַז ניט לאַנג האָט אים פאַרנומען אַ געדאַנק צו גרינדן אין ירושלים אַ משי־חיזם־אינסטיטוט, אַ צענטער פאַר די פאַרשיידנסטע אידעען און אַלערלײ טרוימער פון אַ וועלט־גאולה, און ער האָט זיך שוין פאַרבונדן וועגן אַ זאַמ־לונג פון קאָלעקציעס און דאָקומענטן. האָט אָבער אײנער אַ פּראָפעסאָר

אַריבערגעכאַפּט זיין אידעע, און זיך גענומען אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפט צום פּאַרווירקלעכן. גאָר ווי אַן אייגענעם פּאַטענט!.. דערווייל איז אויפגעקומען די מדינת־ישראל. האָבן אַ סך פון די שליחים ביי דער שארית־הפליטה זיך אַ לאָז געטאָן צוריק אַהיים, און ניט איינער פון זיי איז אין ישראל שוין אַרויפגעשווומען אויבן־אויבן אין דעם פּקידים־שיסל. האָט דער קיבוץ פון אַדירין אַ פּנים איינגעפּונען, אַז איצט קאָן שוין אָנגיין פּאַר אַ שליח אויך אָט דער חבר זייערער, און לויט אַ פּאַרטיי־שליסל איז ער טאַקע געוואָרן באַשטימט. ווען דער ספּעציעלער שליחות וואָס איז אויף אים געוואָרן אַרויפגעלייגט, האָט מען שוין פון אַדירין ניט איין מאָל געהערט. ער דאַרף עס די מענטשן דאָ קרעפּטיקן גייסטיק, אַקטיוויזירן זיי און אַרויספירן אויף די רעלסן פון אַ פּראָדוקטיוון לעבן, און צוביילן די עליה קיין ישראל...

אויף זיינע ביידע קוליעס שפּרינגט צו חיליק צום רעדל און נעמט אויפקלערן אַ ביסל ברייטער פאַר דעם אַמעריקאַנער גאַסט:

— חבר אורי אַדירי, זכויות אויפן פּוד האָט אָט דער שליח!.. האָט אים די אַנפירערשאַפט פון אונדזער לאַגער אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. באַלד איז אים געוואָרן איבערגעגעבן אויך אַן ערנאַמט פון דער קאָנטראָל איבער די פּראָדוקטן און פינאַנסן, און בכלל איבער דעם גאַנצן אינוועטאַר. ווי אָנגעמאָסטן אָט דער רב־רב בטלן!..

— „מבול" האָב איך שוין לאַנג אָנגערופן אונדזער קאַטאַקליזם־פּרעזידיום, די חורבן־גבאים וואָס זיינען אויפגעקומען נאָכן בלוטיקן מבול — וואַרפט אַריין פליגל, דער פּאָעט, און איז מפרש אַז דאָס וואָרט איז אַ ראָשי־תיבות, מבו״ל, וואָס מיינט: מאַרעוויכער, בוט, לאַ־יוצלח...

— וואָלט כאָטש געווען אַ שטיקל אָרדענונג — שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך אַ ייִד — צוויי וואָכן האָט דער מאַגאַזין געוואַרט אויפן צושיק פון צוקער און אַלץ אָפּגעלייגט מיטן פּאַרטייל. ערשט גאַנצע קאַסטנס האָבן זיך איינגעפּונען גאָר צווישן די שיך... און נעמט מען שוין יע טיילן די פּראָדוקטן, איז ניטאָ דיין נאָמען אין ליסטע!

— אָרדענונג, אָרדענונג... — לאַכט שוין חיליק — נעבעך ניטאָ אויך קיין אָרדענונג אין לאַגער. מענטשן פאַרשטייען אָבער ניט, אַז כדי אָרדענונג זאָל ניט זיין, דאַרף מען אָפּט מאָל זיך גוט קליגלען און אַריינלייגן מי אַ סך

מער — ווי אָרדענונג זאָל יע זיין. אַוודאי, אויך אומאָרדענונג פאַלט ניט אַרונטער פון הימל; און אַחוץ דאַוונען — ווערט אַלץ געטאָן מיט כוונה... און אָט האָט די ייִדישע אַגענץ אַריינגעשיקט אַהער אַזש פון מדינת־ישראל דעם אמתן אָרדענונגס־מאַכער! די גאַנצע אָנפּירערשאַפט דאָ מיט אַלע „שאַטירונגען״ איז איין פּראָנט: שוואַרץ־רויט־בלוי...

רעדט חיליק, שטייט ניט איין פליגל אויף אָן אָרט. שוימיק איז אָפן זיין מויל און ער וויל שוין עפּעס זאָגן. ניקל מערקט אויך ווי דער עולם אין רעדל נעמט ניט צו ערנסט דעם ליטעראַט, און ניט איינער שמייכלט אונטער ווי־דערוויליק בשעת ער רעדט. אויך אויף אים גופא, ניקלען, מאַכן זיינע ווער־טער מער דעם איינדרוק פון אַ צובאַמקע, אָדער אַ פּאַטעטישער באַקליידונג צו דער מיינונג פון אָט דעם פריינד זיינעם, חיליק קרופּן, וואָס זעט זיך גאָרניט אָן דער גרויסער משכיל... און טאַקע באַלד נאָך חיליקן שיסט פליגל אַרויס:

— מער ווי אָרדענונג פעלט דאָך ניט אין לאַגער.. און קולטור? ניט צו זען דאָך אַפילו די מינימאַלסטע באַציִונג צו ליטעראַטור!.. געווג אַריינצו־קוקן אין דער „ליטעראַרישער״ זייט פון דער צייטונג דאָ. גראַפאָמאַניע בלאָזט פון יעדן שפּאַלט!.. אָט איך שרייב אַ בוך וועגן דעם לאַגער. דריי גרויסע טיילן, און מיט די ברייטסטע שילדערונגען וועגן די אַלע טיפּן, אויך פון די וואָס שטייען דאָ!..

דאָס רוגזהדיקע טייטלען מיט צעשפּרייטע פינגער אויף די מענטשן אַרום, ברענגט אויף ניט איינעם. אַ מויל שאַרפע ציין צעשטשירעט זיך מיט חוזק:

— אַ בוך שרייבט ער... און פאַרשטיין, וועט כאַטש ווער קענען פאַר־שטיין?.. אַז אָט דער „קלאַסיקער״ איז נאָך געווען אַ „צוזאָגנדיקער״ אָנ־הייבער, פלעגט ער ביי יעדן אָפּגעדרוקטן לידל זיינעם זיך אַרומגיין באַ־רימען, אַז גאַנץ שטאָט גייט אַרום מיט נאָסע האַנטעכער אויפן שטערן, פון ברעכן דעם קאָפּ אויף אויפכאַפּן זיינע פערזן...

— און געקוואָלן פון „נקמה״!.. — פאַלט צו אַ שטים.

—אַ בוך פון דריי גרויסע טיילן... — נעמט שוין נאָך איינער פון רעדל דורכפירן אַ ברייטערן חשבון מיט פליגלען — אַז שרייבן האָט ער דאָך בכלל ניט קיין געדולד. מען זאָגט דאָך וועגן אים, אַז אַ פערטל פון איין טאָג אין

וואָך זיצט ער מיט דער פּעדער, און די אַלע אַנדערע טעג גייט ער אַרום זיך באַרימען מיט זיינע שאַפונגען, און באַפאַלן מענטשן וואָס זיינען ביי אים אין חשד פון ניט דערשאַצן זייט טאַלאַנט, און ער קריטיקירט און מאַכט צו גאָרנישט יעדן אַנדער שרייבער... פון דעם „בוך" לאָזט זיך אָבער גאָר ניש־קשה צי׳ען יניקה. מיט אַט דעם דריי־בענדיקן ווערק פּאַכעט ער דאָך איבערן לאַגער שוין ביי דריי יאָר, טאָקע פון טאָג ווי ער האָט זיך דאָ באַוויזן. ווען ער שושקעט אַריין און איז מגלה בסוד וואָס ער שרייבט וועגן די אַנדערע, און וועמען ער סטראַשעט סתם. לעצטנס טראָגט ער זיך שוין אויך אַרום מיט עטלעכע פאַרשריבענע בלעטלעך, וואָס הייסן ביי אים די „טעזיסן" פון בוך. און מענטשן ווילן לעבן גוט מיטן מחבר, און עסקנים פון לאַגער און די געוועזענע קאַפּאָס פאַרזעען אים ניט חלילה...

ניקל דערוואַרט שוין ניט וועלכע הילף פון פּליגלען. ניט אַזעלכער קאָן העלפן אים, דעם נייעם דירעקטאָר דאָ אין לאַגער. אַ געלעכטער נאַר, אַז אַט דער צעבושעוועטער פּראַנט מיט זיינע ווילדע פּרעטענזיעס וועט אים ברענ־גען נוצן אין אַרויסשלאָגן די מענטשן דאָ פון דעם בידנעם און בטלנישן איינשטעל און אַרויספירן זיי אויף די רעלסן פון אַ נאָרמאַלן און פּראָדוקטיוון לעבנסוועג. וואָס ער קאָן יע דערוואַרטן פון אַזאַ איינעם, ווייס ניקל, — איז צרות. ער קען זיי אַט די טיפּן. יעדער איז זיי שולדיק, אַלע, אַלע. און אין בוזעם טראָגן זיי אַ באַמבע קעגן דער גאַנצער וועלט...

פאַרן אמת

ניקל טראַכט שוין נאָר פון חיליקן, פון דעם מיט די קוליעס אין דעם רעדל מענטשן. פון די אַלע וואָס שטייען דאָ אַרום אוןריידן און וואַרפן מיט ווערטלעך, זעט שוין ניקל, איז דער טאָנגעבער דווקא אַט דער איינ־וואַליד און צעבראָכענער שאַרבן. קלוג איז זיין וואָרט, שאַרף די צונג, און אַזוי אויסגעבונדן אין די אַלע ענינים פון דעם פּליטים־לאַגער. אַן אָנפירער אין דעם מקום קאָן געוויס ניט פאַרבייגיין אַזאַ איינעם, אים אויסמיידן. מיט חיליקן וועט אים, ניקלען, געוויס אויסקומען צו טרעפן זיך גאַנץ אָפט, און

אַ מאָל זיך אויך אָנשטויסן. איז דאָך כדאי טאַקע זיך שוין באַקענען מיט אים... ווערט ער אַ ידיד מיט חיליקן, וועט עס אים, ניקלען, זיכער גיין דאָ לייכטער אין זיין עיקר שליחות, אין דעם פאַרשנעלערן דאָ די עמיגראַצ־יע. מיט זיין וואָרט קאָן אָט דער קאַליקער גאָר ווויל מיטהעלפן אין אַרויס־רירן די מענטשן. אַ סך־אַ סך קאָן אַזאַ אויפטאָן! ווי שפּאַנט מען אים אָבער איין?

רוקט זיך שוין ניקל, דער אַמעריקאַנער גאַסט, נאָך מער צום צענטער רעדל און באַטראַכט חיליקן פון גאָר נאָענט. יע, גריבלדיק איז טאַקע זיין בליק און אַ פאַרביסנקייט שלאָגט פון יעדן קנייטשעלע אין זיין לאַנגן גע־זיכט. אַן אינטעלעקט אַ באַזונדערער קוקט זיך אָבער פון אים פאָרט ניט אַרויס. שטייט הינטער אַזאַ איינעם געוויס אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אָדער אַ פּאַרטיי, באַשליסט ניקל. ווערט אים שוין גאָר טשיקאַווע אַ טאַפּ צו טאָן אַקאָרשט און אַרויסהאָבן וועגן די קרייזן וואָס גיבן עס אַריין אין דעם צעבראָכענעם מענטשן די דרייסטקייט און אויטאָריטעט אין זיין ריידן... פאַרוואַרפט דער גאַסט אַ באַמערקונג, שוין מיט איראָניע:

— ווי איך זע, רב חיליק, זייט איר ניט קורץ חס ושלום אין קריטיק. אַטאַקעס אויף רעכטס און לינקס... טאָ פאַר וועמען זייט איר יאָ? פון די אַלע אייערע „פראָנטן” דאָ אין לאַגער, פאַר וועמען האַלט איר?..

מיט שעמעוודיקן קווענקל שטייפן זיך אַזוי די ליפּן פון חיליקן און אַ שמייכל איז אומבאַהאָלפן צעגאָסן איבער זיין רייטלדיקן פּנים. צעשווומען איז אויך דער בליק, און לאָזט זיך קינדעריש אַראָפּ צוזאַמען מיטן גאַנצן קאָפּ...

— פאַרן אמת!.. חיליק האַלט נאָר פאַרן אמת!.. — גיט זיך היימלעך אַ שאָט פון מיילער אַרום, און מען קומט עס צו הילף דעם גרויסן ריידער.

— „פאַרן אמת”, אַזוי רופט מען אים דאָ — איז מוסיף נאָך איינער — דעם צונאָמען, דערציילט מען, האָט ער שוין געהאַט אין זיין שטעטל, אַ ירו־שה נאָך פון טאַטן...

— להבדיל אָבער אַ ביסעלע; יע־יע, להבדיל פון זיין טאַטן עליו־השלום... — שרייט אַריין הייזעריק אַן עלטערער ייִד וואָס איז פאַר אַ ווילע אַרויס פון דאַוונען מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם. נאָך אַ טיפערן אָטעם־

איבערכאַפּ נעמט ער שוין וויכער מאַכן זיין האַסטיקן אַריינשפּרונג — וואָס אמת, חיליקס טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן, איז ביי אונדז אין שטעטל געווען דער גרויסער מעכּבֿ־הקריאהניק. זעלטן אַ שבת דער ייִד זאָל זיך ניט אָוועקשטעלן אין בית מדרש ביים צוגאַנג צום אָרון־קודש, — און ניט לאָזן אויסנעמען די תורה, איז מעכּבֿ די קריאה... ביי אונדז אין ליטע איז עיכּובֿ הקריאה געווען פאַרבונדן מיט טענות קעגן קהל אָדער סיכסוכים וואָס בעטן זיך אַ קהלשן אַריינמיש. און חיליקס טאַטע האָט אַזוינע טענות שטענדיק געהאַט. טאַקע נאָר אַ שמיד, ער זאָל מיר מוחל זיין... און דו חיליק, שעמסט זיך דאָך געוויס ניט מיט דיין טאַטן. דו ביסט דאָך ניט פון די וואָס גיבן זיך דאָ אין לאַגער אָן פאַר די גרעסטע פון די גרעסטע, וואָס האַלטן אין איין דערציילן פון זייער געוועזענער עשירות, פון זייער געהויבענעם ייִחוס... יע, איז חיליקס טאַטע געווען אַ פּשוטער בעל־מלאכה, אָבער אויסגעבונדן אין די אַלע שטעטלשע ענינים. און ווו נאָר אַ סיכסוך, אַן אָפּדוכט פון אַן עוולה — איז ער שבת מעכּבֿ־הקריאה, פאָדערט קהל זאָל מאַכן אַ טאָלק!.. אַ טאָלק אָבער אין די אייגענע רייד זיינע, ער זאָל מיר מוחל זיין, איז שווער געווען אַרויסצוהאָבן. אָן אַ מאָס און אָן עק האָט ער אין בית־מדרש געקאָנט אָפּשרייען; האָט אָפּגעשטעלט דעם דאַוונען, אָפּגעהאַלטן דעם הונגעריקן עולם — און דו הערסט ניט פון אים קיין קלאָרן וואָרט. פון זיין גאַנצן אַלאַרם האָט מען ניט געקאָנט וויסן גענוי וואָס איז זיין אייגענע מיינונג אין דעם ענין וואָס ער געוואָלדעוועט אַזוי, און וואָס ער אַליין שלאָגט פאָר. פרעגט מען אים פון עולם און מען בעט זיך הערן וועגן דעם זיין וואָרט, זיין שטעלונג. שרייט ער באַלד צוריק: פאַרן אמת!..

— טאַקע דער טאַטע!.. — רופט אויס איינער — אָט די אויערן חיליקס, זיין שווערע שמיעה איז דאָך פון די פּעטש וואָס ער פלעגט אין קאַצעט אַריינכאַפּן פון די ייִדישע קאַפּאָס פאַרן מאַנען כאָטש פון זיי אַ ביסל יושר און מענטשלעכקייט.

— הערט אָבער דעם עיקר!.. — איז שוין דער אַלטער אין ברען פון זיינע רייד און לאָזט זיך ניט איבערהאַקן — הערט אָבער, איך געדענק דאָס ווי היינט... חיליק, וועסט דאָך אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן. און איך דערצייל ניט לגנאַי פון דיין טאַטן, חס ושלום! אַ טייערער ייִד געווען רב

הירשל, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן... געווען איז עס, פאַרשטייט זיך, אַ שבת, און אַ הייסער זומערדיקער טאָג. האָט ער ביי זיין מעכב זיין די קריאָה זיך ביטער צעטענהט. אַ מעשה פון צוויי יידן וואָס האָבן זיך שאַרף קאָנקורירט ביים אַרויסקריגן אַ פּאַכט פון פּריץ, און יעדער איז געקראָכן מיט באַזונדערע וועגן... אַ טאָג אַ חמימה, אין בית־מדרש איז דושנע, און הירשל דונערט מיט זיינע געוואַלדן. ער האָט זיך געקאָכט און געוואָרנט וועגן דעם אומרעכט; אַ הימלשרייענדיקע עוולה ווערט באַגאַנגען. דאָך אַ חרפה, אַ סקאַנדאַל, אַ חילול־השם! — האָט ער געפּייערט, און פרעגט — וואָס שוויגט קהל?!.. „טאָ פאַר וועמען ביסטו?", שרייען פאַרשמאַכטע יידן פון אַלע זייטן, „הירשל, פאַר וועמען פון די צוויי האַלסט אָט דו?" — „פאַרן אמת!!" — דונערט ער צוריק, און ווידער מיט זיין ויצעקו וועגן דער גרויסער חרפה, און אַז צווישן יידן זאָל אַזוינס פאָרקומען... דער עולם איז שוין אויך אויסגעהונגערט, בעט מען זיך און מען וויל פאַרט הערן, פאַר וועלכן צד ער איז. — „פאַרן אמת!" — איז זיין ענטפער, און ער אַלאַרמירט ווייטער... פון דעם שבת אָן, נו, האָט זיך שוין דער „פאַרן אמת" אָפּגעלייגט ניט נאָר אויף הירשלען; אַלע פון זיין הויזגעזינד האָבן געהייסן מיט דעם צונאָמען... אָבער ער איז געווען אַ טייערער ייד, רב הירשל. מיט אַ האַרץ! אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן.

אָט דאָ, ביי דעם אַלטן, זעט קלאָר ניקל, לאָזט זיך ווויל אַ גרונטעווע טאָן עפּעס ווייטער וועגן דעם חיליקן. פאַרוואַרפט ער מיט אומגעדולד ווידער אַ באַמערקונג און מיט אַ פראַגעלע צוזאַמען:

— דער טאַטע, הייסט עס, האָט געזוכט יושר און געשריען וועגן עוולות. מיט וואָס איז אָבער פסול דער זון? גאָר אָפּגעשטעמפּלט אים מיט אַ „להבדיל"!..

— הער נאָר!.. — קוקט אָן דער אַלטער — דער טאַטע איז דאָך געווען אַ יידישער ייד, וואָס פאַר זיינע אויגן איז שטענדיק גאָט. און זיין „פאַרן אמת" האָט געמיינט: פאַר דער תורה, פאַר דעם דין אין די הייליקע ספרים... אַ פרומער ייד געווען הירשל עליו השלום. און האָט ער געהאַט אויפן האַרצן טענות וואָס זיינען נוגע אַ רבים, איז ער געקומען אין בית־מדרש אַריין, און געווען זיכער אַז דאָ וועט ווערן אַ טאַלק וועגן דער שרייענדיקער עוולה...

דער זון אָבער, חיליק, זאָל געזונט זיין, זעען מיר דאָך — ער שטייט דאָ ביים מנין אין דרויסן... און ניט פון היינט. שוין יאָרן ווי חיליק שמעקט ניט אַריין אין אַ מקום־קדוש. נאָך גאַנץ יונג, האָט ער זיך אין שטעטל געגומען האַלטן פאַר אַן „אויפגעקלערטן". ביכלעך געשלונגען אַן אַ שיעור, און אַלס גוטער שלאָסער־מעכאַניק פלעגט ער צוהעלפן די חברה ליגקע אין זייערע געווער־מעשיות. מען האָט עס געוווסט... ער אָבער אַליין האָט נאָר געקריטיקירט, חוזק געמאַכט פון די פּאַרטייען און אַרונטערגעריסן זייערע פירערס — און ניט געוואָלט צו וויסן מיט וועמען ער גייט.

— פּרינציפּן אין לעבן האָט אָבער יעדער דענקעוודיקער מענטש... — לאָזט ניקל ניט נאָך און רעדט שוין צום בעל־דבר אַליין, צו חיליקן — וואָלט זיך געוואָלט הערן אָט אייערן אַ פּרינציפּ.

— צוויי מאָל צוויי איז פיר! — גיט מיט די ציין אַ קריץ חיליק, שפּאַרט זיך איין טיף אין די קוליעס און זיין קוק גראָבט זיך אין דעם ברייטן פּנים מיט די דיקע האָרנברילן פון דעם אומבאַקאַנטן — אַזוי איז עס, מיסטער: פיר, און נאָר פיר, איז צוויי מאָל צוויי; און ניט פינף אָדער זעקס, און אויך ניט דריי, און אפילו נול, ווי עס קומט אָפּט אויס לויט פּרינציפּן און אויסטייט־שונגען פון די פּאַרטייען...

— שיינע ווערטער, הויכע ווערטער, צו הויכע... — נעמט זיך ניקל אָוועקשאַרן פון רעדל מיט אַ געזאַלצענעם שמייכל.

— צו שיין און צו הויך מסתמא פאַר אַזוינע לאַגער־מענטשן ווי מיר, די בידנע שארית־הפליטה... — שרייט אים נאָך די שטים פון פליגל, דעם פּאָעט — אויב אַ שיין און קרעפטיק וואָרט, פּאַסט זיך אַז דאָס זאָל ווערן אַרויס־געזאָגט פון אַ מויל בלאַנקענדיקע ציין, רויטע ליפּן, פון אַ בלוטפולן און אָלרייטניק!..

האָסטיק ווערן די טריט ניקלס און לויפיק זיינע מחשבות. עס געפעלט אים ווייט ניט דער צונויפנעם פון די צוויי. דער איינער מיט זיין באָמבע אין בוזעם; און דער צווייטער, נאָך ערגער, מיט זיין פּאַטענטירטן אמת אין האַרצן... יע, מורא האָבן דאַרף ער מער פאַר חיליקן, דעם לעבעדיקן איוב. אַזאַ „פאַרן אמת" איז ביי זיך אין די אויגן קליגער פאַר אַלעמען, און גערעכ־

טער געוויס. און זאָגט ער אַרויס זיין פאַרביסן וואָרט — איז עס אַ פּסק־דין! היינט אַז ביי דער זייט שטייט נאָך דער גרויסער ליטעראַט, און יעדעס ברעקל געדאַנק פון זיין פריינד ווערט באַלד פּאַטעטיש צוגעפּוצט — איז שוין דער אמת אויך אַ קלאַסישער...

ניקלען שטעלן זיך פאַר די אויגן די פליטים פון די יאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. סאַראַ שאַרפע טענות זיינען שטענדיק געווען קעגן יעדן אויפזעער און פאַרוואַלטער. און אויך מיט פּרינציפּן, און מיטן סטיל פון יענע רעוואָלוציאָנערע יאָרן. אים קלינגט נאָך, ניקלען, דאָס אַריינפאַר־וואָרט דעמאָלט פון יעדן בעל־טענה: „לאָזט מיר זיך אַרויסזאָגן!"... ניט ווייניק שוועריקייטן זיינען טאַקע אויך געווען ביים שיקן די מענטשן צוריק אין זייערע פריִערדיקע היימען. פאַר גרופּעס גאַנצע איז מען געווען געצוווּנגען אָפּצושטעלן דעם צוטייל אַפילו פון דעם טעגלעכן ברויט, און כמעט מיט געוואַלד זיי אַריינזעצן אין די עשאַלאָנען... טאָ וואָס קאָן ער שוין זאָגן וועגן די מענטשן דאָ אין לאַגער? דאָך גאָרניט צו פאַרגלייכן דעם יסורים־וועג פון דער שארית־הפליטה, און ניטאָ זיינען שוין אויך די אַלטע פאַרוואָרצלטע קהילות אין מיזרח־אייראָפּע — קיין סימן דאָרט ניט מער פון די ייִדישע היימען!..

שווער ווערן די מחשבות ביי ניקלען. מאָרגן זיצט ער שוין אויפן דירעקטאָר־שטול פון דעם אַמעריקאַנער הילפס־אָפּיס, און זיין הויפּט־אויפגאַבע איז — באַוועגן די ייִדן דאָ צו וואַרפן דעם לאַגער און זיך לאָזן זוכן אין מרחקים אַ נייע היים. דאָס איז דאָך דער דורכויסיקער פאַרלאַנג פון די גרויסע הערן אין ניו־יאָרק. גיי אָבער אָנטרייבן מענטשן צו אַזאַ איבערבייט אין זייער לעבן, אַז ביי דער ערשטער באַגעגעניש זעט מען שוין צווישן זיי אַזעלכע אַנשי־אמת און בעלי־לשון!..

רעכנט שוין צו ניקל צו אָט די צוויי נאָך איינעם אַ בעל־לשון, וואָס איז געווען ממש זיין ערשטע באַגעגעניש מיט די מענטשן פון דעם לאַגער. דער שאָפער פון קאָמיטעט, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט ביים אַעראָדראָם, האָט דעם גאַנצן וועג ניט אויפגעהערט צו ריידן. מיט זיין ליטווישן אויסשפּראַך האָט ער דערציילט פון געטאָ און פון די קאַצעטן און פון זיין פאַמיליע וואָס איז אומגעקומען. האָט ער, ניקל, דעם ייִדן שוין אַ פרעג געטאָן:

— טאָ וואָס זיצט איר נאָך דאָ אויף דער דייטשער ערד ?

—רעדט איר דאָך ווי לייוויק, וואָס איז אויך פון אייער אַמעריקע !..

פּאָר אַ גאַנצן ידיד האָלט זיך אָט דער עמך־מענטש מיט דעם גרויסן פּאָעט און דראַמאַטורג, וואָס האָט געהאַט באַזוכט די יידישע לאַגערן, און ער האָט עס אים אַרומגעפירט איבערן לאַנד. דערמאָנט ער לייוויקס רעדעס, ווי ער פלעגט פאָדערן אַ חרם אויף דייטשלאַנד, און די יידן דאָ זאָלן ניט בלייבן זיצן אויף דער טמאדיקער ערד... פירט ער איין טאָג דעם אורח אויף אַ שפּאַציר צו אַן אַזיערע אַרום ראַזענהיים, שוין ביי די הויכע בערג. געקומען צום ברעג, זעצן זיי זיך ביידע מיט נאָך מענטשן אויף אַ מאַטאַרשיפל און לאָזן זיך מיטן וואַסער צו עפּעס אַ באַרימטן פּאַלאַץ, וואָס שטייט דאָרט אויף אַן אינדזעלע. פאַרכישופט איז קאַנטיק געווען דער שרייבער פון דעם גאַנצן אַרום, מלא וווּנדער. די אויגן זיינען געלאָפן אויף אַלע זייטן און געזאַפּט און געזאַפּט. ווי געפּלעפּט !.. אין דער סאַמע התפּעלות טוט אים גאָר אַ קיצל דער שאָפער מיט אַ קרעכץ :

— ווען דאָס גאַנצע וואַסער איז בראַנפן און די אַלע בערג אַרום רעטשיסניקלעך, אונדזער ווילנער מלכותדיקער מאכל... איי, רב לייוויק, איז דאָך אַ געלעכטער אייער אַמעריקע מיט אירע עמיגראַציע־וויזעס, און איך דאַרף שוין ניט טראַכטן אַפילו פון ארץ־ישראל !...

צוויי יאָר ווי לייוויק איז געווען אין דייטשלאַנד... — פּרעסן זיך איצט ניקלען די שלייפן אין זיין גאַנג — שוין איבער צוויי יאָר, און דער שאָפער רירט זיך ניט פון דאַנען, ווער ווייס וויפל פון דער שארית־הפּליטה האָט זיי טאַקע פאַרשמעקט דאָס לאַנד און זיינען שוין פאַרשיכורט מיט אַן אָפּדוכט פון גילדערנע חלומות...

פון דאָס ביי נעמט ניקל דורכוועגן אין זיין מחשבה די מיטאַרבעטער אין זיין אָפיס, אָט די וואָס האָבן זיך שוין פּאָר אים פאַרגעשטעלט. נייִן, אַחוץ תמרן זעט ער ניט קיין געהעריקע מיטהילף... שווימט אים שוין אויך אויף דער פּליטים־קאָמיטעט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך דעמאָלט האָט אים אין זיינע שוועריקייטן אַ סך אַרויסגעהאָלפן ניוטאַ, די סטודענטין וואָס פלעגט קומען פרייוויליק מיטאַרבעטן ביי די פּליטים. און די פריינדשאַפט איז ביי זיי ביידן גאָר גיך אַריבער אין אַ גליקלעכן פאַמיליע־לעבן. און

איצט, נאָך ניוטאָס טויט, איז ער אַזוי איינזאַם...

צוריק צו זיין קוואַרטיר, וואַרפט ניקל ווידער אַ בליק צום לאַגער, צו די ריזיקע דייטש־מיליטערישע קאַזאַרמעס און די אַנדערע גאָטישע געביי־דעס און באַראַקעס פון געוועזענעם רייכסווער. אין שאָטן פון די בנינים דריי־ען זיך עס אַרום שוין עטלעכע יאָר הייפלעך פון די שארית־הפליטה, דורך ניסי־ניסים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם דייטשן פייער אויפן יידישן פאָלק. דאָ איז עס זייער היינטיקע היים.

אַרויס דורכן לאַגער־טויער, נייגט ער אָפּ אַ ביסל זיין וועג און פאַרנעמט זיך דורך דעם דערבייִיקן שטעטל וואָס אָטעמט אַזוי מיט ביירישן טיראָל. די איידלוויים־בלום טריומפירט און סימבאָליזירט. אויף יעדן ווינקל צלמים פעסט איינגעבויט און קאַטויליש געפּוצט. פון די הויכע שטיינהייזער מיט די ברייטע באַלקאָנען און נידעריקע דעכער בליאַקעווען פרומע וואַנגעליע־פסוקים. און ביי די אויפשריפטן אויך אַ פסוק אַ פרישער, אָבער שוין גע־מעקט און ניט דערמעקט — יודען זינד אונזער אונגליק!.. די גאַסן ווימלען מיט טיראָלער טראַכט. סאָלדאַטישער שטאָלץ שפּריצט פון די מענער מיט די פאַרביקע פעדערן אין זייערע גרינע קאַפּעליושלעך און מיט די קורצע הייז־לעך פון ווילדלעדער, באַהאַנגען מיט רימענדלעך און נאָך צאַצקעס. אויף יעדן טראָט, מערקט ניקל, צינדט זיין יידיש פּנים בליקן בייזע און גרויליקע. צו מאָל צעעפענען זיך אַלטע אויגן מיט באַרגיקן נייגער איבער זיין רייכן אויסלענדישן הילוך; גיט זיך צו ניקלס אויער הכנעהדיק אַ שניט: „גריס גאָט״!״.

„האַרטע קאָרע״... שטיקט ניקל אין זיך אַ היסטעריש געלעכטער. אויף דעם באָדן, הייסט עס, זאָלן שוין די יידן פון דער שארית־הפליטה זיין איינגע־זעסן, און אין דעם פאָלקסשטאַם איינגעפּרעסן...

פּראָצענטן

אין פּאַפּירן אַזוי פיל פּאַלט אַריין אייב ניקל. אין זיין קאַבינעט וואַרטן שוין פּאַפּקעס אויף פּאַפּקעס אויף אים, אויף דעם אויג און דער מיינונג פון

דעם נייעם דירעקטאָר אין דעם אָפּטייל פון דער אַמעריקאַנער הילפס־אָר־גאַניזאַציע, אָדער אָפיס, ווי די מענטשן רופן דאָ. געציילטע טעג איז ער פון זיין היים אין ניו־יאָרק, און דאָ איז אים די גאַנצע געגנט אַזוי פרעמד. אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז ער נאָך מיט יאָרן צוריק געהאַט געווען אין דייטשלאַנד ניט איין מאָל. אַז אים וועט אָבער אויסקומען אַנצופירן מיט אַ לאַגער פון פּליטים ביי די טיראָלער בערג אין בייערן — האָט ער זיך ביז דער לעצטער צייט אַפילו ניט געקענט פאָרשטעלן. און געוויס האָבן אויך די יידן דאָ אין זייער בייזסטן חלום ניט פאָרויסגעזען, אַז אַ צווייטע וועלט־מלחמה וועט זיך מיט מוראדיקן חורבן אַ טראַג טאָן איבער זייערע היימען אין מיזרח־אייראָפּע, וועט פאַרוויסטן זייערע נעסטן און פאַרשניידן די געזיג־דן, און הייפלעך שיטערע וועלן דורך יסורים־וועגן ווערן פאַרטראָגן אַזש אַהער, אויף דער ערד פונעם פאַרטיליקער, און שטעקן דאָ אין די לאַגערן פון די „אויסגעוואָרצלטע".

פון די פּאַפּירן גיט דעם קאָפּ ניקלס אַ הייב־ארויס אַ צייטונג, וואָס ווערט אַריינגעטראָגן און אַרויפגעלייגט אויף זיין טיש — און צעשטראַלט זיך מיט זיין בילד. „ברוך הבא, דירעקטאָר מיסטער אייב ניקל!" — קוקן אים באַלד די ריזיקע אותיות פון אויבן אין דעם לאַגער־אָרגאַן. און דאָס גרויסע און שיינע בילד וואַרעמט זיך פון ביידע זייטן מיט אַזאַ פלאַמיקן רעדאַקציע־אַרטיקל!.. מיט פריידיקע הענט צעעפנט ער דעם בלאַט — און אויך אויף די אַנדערע זייטן רעדט זיך פון אים, צו זיין איבערנעמען דעם הויכן פּאָסטן דאָ אין לאַגער. לאַנגע אַרטיקלען דערציילן פון זיין לעבן און פון זיין לאַנג־יאָריקער וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און הילפסאַרבעט צווישן פּליטים איבער אַזוי פיל שטעט און לענדער. אילוסטרירט זיינען די באַשריי־בונגען טאַקע מיט די בילדער וואָס ער האָט געהאַט איבערגעגעבן אין דער צענטראַלע פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע; און בכלל זעט זיך ניט אַז אין דער צייטונג זאָל זיין דורכגעלאָזט פון דעם מאַטעריאַל וואָס איז געוואָרן צוגעגרייט אין ניו־יאָרק און צוגעשיקט אַהער.

אין געזשום פון קאָרידאָר און פון די דערבייִיקע צימערן נעמט ניקל פּאַמעלעך אונטערשיידן אַ באַזונדערע שטים וואָס קומט פון דאָרט. היינט פרי האָט ער שוין געזען, אַז ניט גרויס איז דער גאַנצער באַראַק פון זיין ביוראָ,

וואָס טראָגט דווקא אַ גרויסן שילד מיט אַ גאָר לאַנגן נוסח: „אָפּיס פון דער אַמעריקאַנער יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר דעם לאַגער פון די אויס־געוואָרצלטע”. אין זיין זיצן פּילט ניקל ניט ווי דער ברוסט־קאַסטן גיט זיך אים אַ ריס פון טישברעט און דער קערפּער שפּאַרט זיך אָפּ מיטן רוקן אויפן אָנלען פון שטול. געשלאָסן זיינען די אויגן און די געדיכטע שווע־רע ברעמען באַוועגן זיך מיט די קנייטשן פון שטערן און מיט די לויפיקע צוקן פון גאַנצן פּנים; און דער אויער נייגט זיך אַלץ מער צו אַ ווענטל און זאַפּט אַ קלאַנג פון דער צווייטער זייט. די שטים געדענקט זיך אים. און פאַר זיינע אויגן די ריי מענטשן וואָס שטעלן זיך פאַר פאַר אים, דעם נייעם דירעק־טאָר זייערן, אין טאָג פון זיין אָנקומען פון אַמעריקע. „תמר” — האָט מיט אַזאַ צאַרטן טאָן אַרויסגעזאָגט איר נאָמען אַ באַאַמטין, שטאַלטיק און חנפול, מיט האַלטונג. אויך איר ענגליש קאָרעקט, און מיט שיינע אויסדרוקן. איצט קלינגט די שטים גראָד מיט אַ קפּדנישן בייטאָן, אַפילו מיט לייכטן געבייזער:

— ווידער מיט די צאָלן... און דווקא איך מוז עס אַרויספירן די פּראָ־צענטן...

— אַז אַליין בין איך שוואַך אויף דער פעדער — צערעדט זיך אַ מענער־שטים, רוי און געבראָכן — איך ווייס אָבער אויף וועמען מען קאָן זיך דאָ פאַרלאָזן... איז וויפל פּראָצענט מאַכט אויס געגנוי איינס פון פיר?.. און צוויי פון זיבן?.. און אָט נאָך די עטלעכע צאָלן; געגנוי די פּראָצענטן!..

— און וויפל פּראָצענט, פּונקט געגנוי, איז איינס פון פערצן?.. — פאַר־לויפט מיט אַן אומגעדולד די שטים פון תמרן, ווי זי ווייס שוין פאָרויס די ווייטערדיקע פראַגע.

אַ ווײַלע אַרום טראָגן זיך שווערע טריט אַלץ נענטער צו ניקלס צימער, און מיט אַ קלאַפּ אין טיר און מיט דעם זעלבן דיקן קול קומט אַריין אַ הויכער צעוואַקסענער און פאַרעלטערטער ייד. ער זאָגט אָפּ זיינע ברכות צום נייעם דירעקטאָר און איז גלייך מיט זייניקס. נעכטן פאַרנאַכט האָט ער געטראָפן אין לאַגער אַ יונגנטלעכן וואָס איז געבוירן אין אַ גאַליציש שטעטל, טאַקע ניט ווייט פון זיין היים אין קאַרפּאַטאָ־רוס. זיינען פון דעם בחורלס הויז אומגע־קומען טאַטע־מאַמע און אויך אַ שוועסטערל. געוועזן, הייסט עס, אַ פאַמיליע פון פיר, און פון זיי איז ער געראַטעוועט; איז דאָך פינף און צוואַנציק פּראָ־

צענט... און אַ ייִד פון ליטע, וואָס ער האָט נעכטן גערעדט מיט אים אין בית־מדרש ביי מעריב. דערוויסט ער זיך פון דעם ליטוואַק, אַז פון די זיבן נפשות אין זיין פאַמיליע האָט זיך איינגעפונען איצט אַ טאָכטער, און זי קומט שוין די טעג צו אים אַהער אין לאַגער. צוזאַמען זיינען, הייסט עס, געבליבן לעבן צוויי פון זיבן — 39 פּראָצענט... און מיט אַ טאָג פריער איז ער געווען אין אַ דערבייַיקן לאַגער און ער האָט פון דאָרט ווידער אַ רעכט ביסל צאָלן, און אָט די פּראָצענטן... קומט שוין דאָ ניקלס קליענט צום עיקר:

— מיין פאַמיליע פון פערצן, איך און מיין ווייב און אונדזערע צוועלף קינדער; בין איך אַליין. איז דאָך נאָר זיבן פּראָצענט!!

דאָרף און פעלד און פּראָצע, זעט ניקל, וואָרצלען אין דעם ייִדן. אַרויס־געריסן איז ער אָבער פון זיין דורותדיקער היים, פאַרטיליקט איז שוין מסתמא זיין געזינדל, כאַפּט ער זיך אָן און האַלט זיך ביי — פּראָצענטן. וואָס אָט דער מענטש פאַרלאַנגט פון אים, דעם דירעקטאָר, ווייס ער ניט. אַ וועלכן ניכטערן וואָרט בעט זיך אָבער צו לאָזן הערן:

— טייערער פריינד, איר פאָרשט דאָך נאָר פון די וואָס איר טרעפט לעבעדיקע. פון וויפל אָבער פאַמיליעס איז ניטאָ אויך קיין איינס פּראָ־צענט?..

— איז וואָרפן די האָפענונג!.. — גיט זיך אַ שטעל דער ייִד און איז שוין ביי דער טיר — טאָקע די נייע גוטע עצות פאַר אונדז פון אייערע אַמע־ריקאַנער. פאַרגעסן, הייסט איר; געווען, און ניטאָ מער. און דאָ וואַרטן איז שוין ניטאָ וואָס... וואַנדערן מוזן מיר אַלע פון דאַנען שנעל־שנעל, און זיך זוכן אַ היים. אַז איך האָב גאָר אויף מיין לעבן ניט געהאַט קיין ווייב, קיין קינ־דער... איך, אָט אין דעם לאַגער וואַרט איך אויף זיי. מען זוכט דאָך זיי דורך אַלע וועגן, און מען לאָזט זיי וויסן מיין אַדרעס און אַז דאָ וואַרט איך אויף זיי. אַהער דאַרפן זיי עס קומען, צו מיר דאָ!

ניקל באַווייזט שוין ניט אומצוקערן דעם ייִדן און אַ פּרווו טאָן אים נאָך וואָס צו זאָגן. גיט ער זיך פון דעם קאָרידאָר אַ קער צו דעם דערבייַיקן צימער און זוכט אַרויס די באַאַמטין וואָס האָט עס פריִער גערעדט מיט דעם מענטשן און פאַר אים געמאַכט די חשבונות. נאָך מער ווי דער קלאַנג פון

תמרס ריידן געדענקט זיך אים דאָס אײדל־ברונעטע פּנים מיט די קלוגע פאַרקלערטע אויגן. פאַרבעט ער זי צו זיך אין דירעקטאָר־צימער און וויל עס הערן וועגן דעם קליענט. טרויעריק איז איר שמייכל און געשליפן:

— אָט דער „פּראַצענטניק״?.. אַזוי הייסט ער שוין דאָ אין אָפיס. קוים וואָס ער קאָן זיך אונטערשרייבן, אָבער וויפל צאָלן מיט פּראָצענטן ער טראָגט אויף זיין קאָפּ!.. דעם לאַגער קליבט זיך ניט אַזאַ צו פאַרלאָזן. אַ ברודער פון קאַנאַדע וויל אים שוין לענגער אַריבערנעמען צו זיך. ווי קאָן ער זיך אָבער רירן, אַז ער וואַרט דאָ יעדן טאָג אויף זיינע?.. מיסטער בוט, דער פריִערדיקער דירעקטאָר, איז מיט אים געווען אַ גאַנצער פריינד, פלעגט נאָטירן זיינע רייד, הייסן אויספילן פאַר אים אַנקעטעס, שרייבן בריוו און אים דערציילן אַז ציטונגען און ראַדיאָס איבער אַ סך לענדער העלפן אַלץ אין דעם אויפזוכן פאַמיליע־אַנגעהעריקע, און פלעגט אים כסדר פאַרזיכערן אַז אָט־אָט קומט שוין ווער פון זיינע. וואַרט ער!..

איז שוין ניקלען נאָך קלערער די מערכה זיינע אין דעם לאַגער. דער פריִערדיקער דירעקטאָר האָט דאָ געהאַט אַנדערע ציטן. געקומען איז ער צו די ייִדן גלייך נאָך זייער באַפרייונג פון די נאַצישע נעגל. געווען דאָ אַ ברויזנ־דיקע יוגנט, חלוצים, פאַרטיזאַנער אָקערשט פון די וועלדער, און צו זיי נאָך אַ גרעסערע צאָל ענערגישע. מיט אַזעלכענע האָט אַ דירעקטאָר טאַקע אַנט־וויקלט אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אַ רעאַלע און קאָנסטרוקטיווע. און די ייִאושדיקע מענטשן, די אַפּהענטיקע, זיי האָט ער געקאָנט קאָרמענען מיט האָפענונגען און הבטחות — און לאָזן דאָ וואַרטן און וואַרטן. הייַנט זייַנען שוין די מער געזונטע עלעמענטן דאָ ניטאָ; און מיט זיי איז פאַרפלויגן די ראָמאַנטישע עפּאָכע פון לאַגער. הייַנט איז שוין גאָר אַנדערש אויך דער קוק פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע אויף די „אויסגעוואָרצלטע״. פון אים, דעם נייעם דירעקטאָר, ווערט געפאָדערט אַוועקצושטעלן די מענטשן פאַר דער גרויער ווירקלעכקייט, פונאַנדערקלייבן מיט זיי די אמתע לאַגע און צעשטריי־ען יעדע געדוכטע האָפענונג אויף אויסצוואַרטן נאָך וואָס אין לאַגער — און זיי פון דאַנען משלח זיין.

פּראָבלעמאַטישע סוביעקטן

— און אַזאַ תּמר, וואָס זיצט נאָך דאָ אין לאַגער אַזאַ תּמר ?..

אַחוץ איר חן און פיינע מאַנירן, האָט דירעקטאָר ניקל אויך דעם איינדרוק אַז אָט די באַאַמטין פאַרשטייט גאָר גוט די פּראָבלעמען פון דעם לאַגער און איז דאָ אויסגעבונדן אין די ענינים פון די מענטשן. זי ווייס זיכער, אַז זיין עיקר אויפגאַבע וועט דאָ זיין אין צוטרייבן די ייִדן צום אויסוואַנדערן און דערפירן צו דער ליקווידאַציע פון דעם גאַנצן מקום־מיקלט. איז זיין פראַגע טאַקע צו איר אַליין, וואָס זי פאָרט נאָך ניט אַוועק... גיט אַ שוועב איבער איר פּנים אַ נעפּלדיקע מינע און אירע אויגן לאָזן זיך פּיקחותדיק אַרונטער:

— אַזאַ תּמר זיצט נאָך דאָ; יאָ, איינגעזעסן...

וווּנדערט זיך ניקל אויף זיך אַליין. אין זיין ווענדן זיך צו אָט דער פרוי האָט ער גאָרניט געפילט דעם באַזונדערן וואָרט, וואָס ער האָט דאָ צוגעגעבן צו איר נאָמען. און ווי זי האָט עס אויפגעכאַפּט !.. אַזאַ ביוטאַ — אַזוי פלעגט ער זיך דאָך ווענדן צו זיין מיטאַרבעטערין אין דעם אַדעסער פּליטים־קאָמיטעט; אַזאַ... און אַזוי דעמאָלט ביז זייער חתונה... ציט ער שוין ווייטער מיט דעם טאָן:

— פאַרזעצט זיך אַזאַ תּמר אין לאַגער... איר וואָלט זיך געקאָנט פיין איינאָרדענען אין אַמעריקע. יאָ, גאָר פיין... און אפשר וואָרט אַזאַ תּמר אויך אויף וועמען ?..

זיין קוק קליגלט זיך אַריינצודרינגען אין אירע מאַנדלאויגן, וואָס לאָזן זיך כסדר אַרונטער; און זיינע ביידע הענט באַרירן אירע פאַרהאַרטעוועטע פינגער און פלייסן זיך אַוועקצונעמען פון איר דאָס געפיל אַז זי זיצט קעגן איר שעף. נאָר אַ יאָר פופצן זעט זי אויס צו זיין ייִנגער פון אים, באַשליסט ער, און אפשר נאָך ווייניקער... נעמט זי אָט ענטפערן. די ווערטער פון איר מויל אַזוי אָפּגעהאַקט, אָבער דער טאָן קלינגט אים אַלץ מער אָפנהאַרציק, פאַרטרוילעך:

— זיך איינאָרדענען... וואַרטן אויף וועמען... אַזאַ תּמר איז פאַר דער געטאָ געווען פיין איינגעאָרדנט. און אויך געוואַרט; געהאַפּט אויף האָבן אַ

קינד... די דאָקטוירים האָבן געוווּסט אַז דאָס איז ניט מיין שולד, און פון גע־זונט וועגן געעצהט — זיך גטן. צוגערעדט האָבן אויך די עלטערן. מיין מאַמע איז נאָך לכתחילה געווען קעגן שידוך. איר איז שטאַרק ניט אָנגע־שטאַנען, אַז אַ מיטעלער באַאַמטער פון אַ באַנק זאָל זיין מיין מאַן, און זי פלעגט ניט אויפהערן איינטענהן אין מיר: „תמר, פאַרגעס ניט, אַז די ביסט אַן איכעלע, ביכעלע, שיכעלע!"... איכעלע האָט ביי מיין מאַמען געהייסן אַן „איך", שיינע פיגור, יחוס; ביכעלע — אַ מענטש פון בוך, מיט בילדונג; שיכעלע — ניט באַרוועס, פון אַ רייכער שטוב...

— איכעלע־ביכעלע־שיכעלע, אַ פיין ווערטל... — וואַרפט אַריין ניקל און ער וווּנדערט זיך אויף דער ווייבערישער געשיקלעכקייט פון אַזאַ תמרן, אויף דעם קענען אַריינפלעכטן, אויך ביי די רייד, אַ בינטעלע פּערזענלעכע מעלות...

ביז גאָר איז אָבער ניקל גערירט פון איר דערציילן, פון דעם אויפדעקן באַלד אַזעלכענע פאַמיליאַרע ענינים, סודות ממש... אָט אַזוי איז שוין מיטן חורבן פונעם מענטשן, דערמאָנט זיך ניקל. וואָס טראַגישער דאָס אומגליק, אַלץ מער צעפאַלן די מחיצות פון זיין פּערזענלעכן וועלטל.. און ווייטער דריקן זיך שוין קאָקעטיש תמרס ליפּן:

— מיינע עלטערן פלעגן אַלץ זאָגן, זיי פלעגן טענהן, אַז שוין אַזאַ איז מיין כאַראַקטער, אַ מין נייגונג ביי מיר, צו פריינדלען זיך מיט מענטשן וואָס שטייען נידעריקער פון מיר... איך האָב מיין מאַן שטאַרק געליבט. צעבראָכן אין גאַנצן בין איך געווען אַז ער איז געוואָרן דערשאָסן. פון די ערשטע קרבנות איז ער געווען אין אונדזער שטאָט, אין דער ליטע... וואָס מער דער יאָך אונטער די דייטשן איז געוואָרן נאָך־נאָך אַכזריותדיק, האָט זיך ביי מענטשן דווקא געשטאַרקט די זיכערקייט אין אַ באַלדיקער דער־לייזונג. אין מיר האָט זיך וואָס פון טאָג צעבליט די האָפענונג אויף אַ קינד, אַז איך וועל נאָך אויך האָבן אַ קינד... מיט דעם קינד פאַר די אויגן האָב איך געגראָבן די קאַנאַלן, געשטילט דעם הונגער; און מיטן געזונטן פאַרב אין פנים דורכגעגאַנגען אַזוי פיל סעלעקציעס, אַריבערגעשיקט געוואָרן פון די סאָרטירערס אויף דער גוטער זייט... און אָט איז געווען אַ טאָג. און גאָר אָן אַ וועלכן סימן אויף אַ סעלעקציע. אין מיטן דער אַרבעט זיינען אויף

אַ דערבײַיִקן בערגל אויסגעוואַקסן עטלעכע גאָר ציווילע, שיין געקליידט, און איינער האָט געמומען קוקן מיט אַ שפּאַקטיוו. יעדע ווילע האָט אַט דער געהייסן צופירן צו זיך איינע פון די פרויען וואָס האָבן געאַרבעט אין זומפּ. און אויך מיך. הער פּראָפעסאָר, האָבן אים זיינע אַרומיקע גערופן. אויפן בערגל האָט ער די אַלע צונויפגענומענע באַטראַכט שוין פון דער נאָענט. און אויף מיר מיט נאָך פיר האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַ פעסטערע קאָנסטרוקציע... יאָ, די קאָנען זיין צוגעפּאַסט, דאַמפן מיר ניט אויס אונטער די הענט"... יאָ, וואָס וואָרט דאָ אין לאַגער אַזאַ תמר?.. אַז איך וואָרט בכלל ניט. ניטאָ שוין די האָפענונג; קאָן שוין ניט זיין... זיץ איך אין „לאַגער פון די אויסגעוואָרצל־טע"; אויסגעוואָרצלטע פון היימען, פון נאָכקום...

אויך ביים אויפברענגען אַזעלכע איבערלעבענישן פאַרלירט ניט אַזאַ פרוי איר האַלטונג, און דערציילט אַזוי קלאָר און אויסדרוקפול! ניקל באַ־וווּנדערט אַפילו איר ווישן זיך דעם שוויס פון פלאַקערדיקן פנים; ווי גראַצ־יעז!.. ער האָט שוין אָבער געזען ווי פרויען פון דער שארית־הפליטה קומען אין אַמעריקע צו זיך. זיי זיינען אָבער ווייט ניט ווי די טיפּישע אַמעריקאַנע־רינס מיט זייערע לוקסוס־פאָדערונגען פון מאַן. ער ווייס אויך פון אַ יונגער און זייער געראָטענער וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט אַן עלטערן נאָך פון אים. דער פּראָצענט פרויען אין דער שארית־הפליטה איז דאָך אומגעהויער גרויס; עס זיינען דאָ לאַגערן כמעט אָן מענער... האַלט זיך ניקל ביי זיין פרי;ערדיקער פראַגע, און זאָגט שוין אויך זיין תרופה:

— אָבער דאָס זיצן דאָ, אין דעם פינצטערן לאַגער, ווי לאַנג נאָך?.. אין אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט, צווישן מענטשן ניט־חרובע, פילט מען זיך גאָר אַנדערש...

תמרס קאָפּ דרייט זיך אום אויף איר מאַיעסטעטיש געגאָסענעם האַלדז, די ליניע פון פנים ווערט אַלץ שאַרפער און דער קוק גראָבלט זיך אין אַ ווינקל פון סופיט. פאַרקלערט קומען אירע ווערטער:

— נאָך פאַר דער מלחמה, און אידער עס איז געווען אַ שארית־הפליטה... אין בעקעריי, צו ביים קצב, און אין אַנדערע פאַרקויפשטעלן, פלעגן מיר דאָרט די ווייבער אין די ברענענדיקע שעהן נעמען אויפווייזן אַז איך בין זיי מחויב איבערצוגעבן מיין ריי: „איר מוזסט עס לויפן שטילן דאָס עופעלע,

אַנזויגן ?״... „די קינדער אייערע איילן זיך אין שול ?״... אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפט געוועזן אויך ביי אונדז אין שטאָט. וואָס האָט אָבער אָט די געזעלשאַפט געהאַט צו מיר ? רק זיך געבאָדן אין מיין בלוט !... און איצט שדכנט מען מיך מיט סאַלאָנען פון ניט־חרובע מענטשן, און געוויס מיט פאַמיליע־אַלבאָמען, און קעפלעך פון קינדער און אייניקלעך, צום גלעטן און צום זאָגן מבינות...

אַריינגעטראַכט איז ניקל און ער הערט גאָרניט דעם אָנקלאַפּ אין טיר, איין מאָל און נאָך אַ מאָל. ער קוקט זיך אויך ניט אום אויף דעם בריוו וואָס אַ באַאַמטער לייגט אים אַוועק אויפן טיש. אַ כאַפּ גיט ער זיך, אַז ער דערזעט דורך דער האַלב־אָפענער טיר פליגלען, דעם פּאַעט, ווי ער קוקט לויעריק אַריין. ער האָט אים שוין נעכטן געטראָפן און ווייס וועגן אים סך טשיקאַוועסן. מיט ניקלס בליק נעמט ער זיך אַוועקשלייכן, אָבער זיין אייגל לאָזט ניט אָפּ ביז דעם לעצטן שיין פון קאָרידאָר, אַז די טיר איז שוין אין גאַנצן פאַרמאַכט...

ניקלס אויגן צעפּעפענען זיך אויף דעם אַריינגעטראָגענעם בריוו. דאָך פון זיינע באָסן אין ניו־יאָרק, פון דער צענטראַלע אַליין ; און דער באַקאַנטער קאָנווערט מיטן אייבערשריפט פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע — שרייט מיט אַ רויטן עקספּרעס־צייכן !.. לאָזט ער תמרן ניט אַוועקגיין, לויפט מיטן גאַנצן פּנים איבערן שריפט און וואַרפט ווערטער צו זיך :

— ווי עס ברענט זיי, די נאָטאַבלען !..

אין גאַנצן מיט אַ וואָך צוריק איז ער אַן אָונט געזעסן מיט די הערן פון דער עקזעקוטיוו און גענומען פון זיי אָפּשייד. אויף דער זיצונג האָט ער עס צום לעצטן מאָל אויסגעהערט זייערע איבערגעקייעטע רייד, וואָס יעדער איינער ברענגט אַרויס מיט גרויס ווערדע, ווי זיינע אַ פריש־איינגעפאַלענע אידעע. זיינען די הערן שוין דאָ מיט אַ בריוו און לאָזן אים ווידער צו וויסן פון די פּרינציפּן זייערע וועגן ווויילטעטיקייט און פון זייער קוק אויף די אויסגעוואָרצלטע ייִדן פון מיזרח־אייראָפּע, וואָס זיצן נאָך אין דייטשלאַנד און לעבן אין די לאַגערן. ווידער אַ מאָל ווערט באַטאָנט די שטרענגע איינשטעלונג פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, אַז אָט די מענטשן מוזן וואָס פריִער אויסוואַנדערן. אַ חרפּה פאַר דער גיט ייִדישער וועלט ווערט אָט די קאָנצענטראַציע — איז באַזונדער אונטערגעשטראָכן.

און פון דאָס ניי איז אין בריוו אויסגעדריקט צוטרוי צו אים, ניקלען, אַז ער וועט שוין געפינען דעם וועג דורכצופירן אָט די אויפגאַבע, און די עקזעקו־טיוו וויל שוין זיין אינפאָרמירט פון זיינע ערשטע שריט... ברומט ער אַרויס, ניקל, ווידער:

— אַ באַריכט שיק זיי, אָט שוין... און דאָ, סוביעקטן אַלץ פּראָבלעמאַטי־שע!..

וואָס אַזוי דער אָנברען ביי די באָסן, זעט שוין ניקל פון דעם צייטונג־אויסשניט. בייגעלייגט איז צו דעם בריוו אַן אָפּגעדרוקטע קאָרעספּאָנדענץ פון אַן ענגלישער צייטונג. ווידער רעדט איינער וועגן די לאַגערן פאַר די מלחמה־אויסגעוואָרצלטע און זיין מיינונג איז ניט אַזוי געהויבן וועגן די ייִדן דאָרט. די מענטשן דרייען זיך שוין אַרום אַ לענגערע צייט אָן אַרבעט, ווערט געזאָגט אין אַרטיקל, און דער דראַנג צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און עמי־גרירן ווערט ביי זיי אַלץ שוואַכער. ניט אַלע פון זיי, שטעלט פעסט דער קאָרעספּאָנדענט, קאָנען זיך האַלטן אויף דער געהעריקער מאָראַלישער הייך און ניט איינער לאָזט זיך אַריין אין ניט־זויבערע געשעפטן, ווי עס איז שוין די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דעם פאָלק... איז דער שרייבער מסכים מיט די מיליטער־לייט פון דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד און חזרט איבער זייער פּיזמון, אַז די ייִדן ווערן שוין דאָרטן איינגעפרעסן ווי אַ האַרטע קאָרע; און ער פאַרשטייט דורכוים די געפילן פון דער דייטשער באַפעל־קערונג... און צו דעם צייטונג־אויסניט — אַ צושריפט צו אים, ניקלען. די צענטראַלע אין ניו־יאָרק וואַרט מיט אומגעדולד אויף זיינעם אַ ברייטערן רעפּאָרט וועגן דער אויפפירונג פון די ייִדן אין די לאַגערן און וועגן די געפילן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג... קומט ווידער אַ ברום:

— נאָך אַ באַריכט, אַ ספּעציעלן... זיץ און שרייב באַריכטן!..

— באַריכטן... — דריקט אירע ליפּן תמר און רעדט אויך ווי פאַר זיך, און שוין אויך מיט אַ דערמאָן אַז זי זיצט נאָך דאָ, און זיצט ווי אין גאַנצן אַן איבעריקע — שרייבן באַריכטן, צוריכטן לויט אַ געווונטשענעם געשמאַק, איז גאָר־גאָר פון די וויכטיקע פּראָבלעמען כמעט פאַר יעדן רעפּרעזענטאַנט און שליח. ווי טויגעוודיק זיינען עס אַנדערע איבערצוגעבן אַ צרהדיקע ווירקלעכ־קייט אין די הערלעכסטע קאָלירן! און אַז דער באַריכט גייט נאָך אַוועק

וויט־וויט, צו גבאים ווו אין מרחקים... האָב איך אייך, הער דירעקטאָר, אינפאָרמירט וועגן דעם ייִדן מיט זיינע צאָלן, מיט די פּראָצענטן.

נאָך מער ווי פון תמרס פאָרמעלן שפּרונג אַזש צו דעם אָנהייב פון זייער ביידנס שמועס, וועגן דעם ייִדן פון קאַרפּאַטאָ־רוס, איז ניקל ניט צופרידן פון איר לעקציע וועגן מאַכן באַריכטן. די חכמה האָט זי געוויס פון איר פּראַקטיק ביי בוטן, דעם פריִערדיקן דירעקטאָר. פון זיינע באַריכטן האָט דאָך אין ניו־יאָרק די עקזעקוטיוו אַ לאַנגע צייט אַזוי געלעקט די פינגער. אַ ברייטערע באַקאַנטשאַפט פירט תמר מסתמא אויך מיט די ארץ־ישראל־שליחים און וויס פון זייער פּראַקטיק. נעמט זי זיך דאָס רעכט אַזוי צו ריידן...

ביים אַרויסבאַגלייטן תמרן און אין עפענען פאַר איר די טיר, לויפן פון קאָרידאָר צו ניקלען ווידער אַ העלישע פּאָר אויגן — פליגל!

— ווער איז דער? — גיט זיך דער דירעקטאָר אַ ווענד מיט אַן אומרו צו תמרן, פאַרמאַכט צוריק די טיר און האָט באַלד חרטה וואָס ער האָט זי צוריקגעהאַלטן. ווי רויט זי איז, און דער שווייס שלאָגט איבערן פּנים!.. אויך איר ריידן איז מיט קווענקל:

— אָט דער?.. אַחוץ וואָס ער איז, ווי כמעט מיר אַלע דאָ, אַ „פּראָבלעמאַטישער סוביעקט", מוז מען אים באַזונדער קענען, און גוט קענען. האָט מען אַזאַ איינעם ניט ריכטיק אַרויס, איז גלייכער זיך מיט אים אין גאַנצן ניט צו טרעפן... יאָ, מיסטער ניקל, איז וועגן דעם „פּראָצענטניק" האָב איך אייך דערציילט, אָט דער ייִד מיט זיינע פּראָצענטן.

„פּראָצענטן..." — מורמלט ניקל צו זיך, קוקט נאָך די שפּילעוודיקע שולטערן תמרס און די היפטן אין איר באַוועגן זיך דורכן קאָרידאָר. און עס צעשפּילט זיך אין אים אַ געדאַנק: און דאָך, און דאָך קאָן נאָך אים אַריינפאַלן אָט דער אוצר, אַ גאָר וווּנדערלעכער ריווח פון זיין נסיעה אַזש אַהער אין דעם לאַגער אריין. יע, פּראָצענטן...

מיטן חורבן אין האַנט

„זיין מאַיעסטעט דער באַריכט!"... מורמלט אייב ניקל און וואַרפט איילֿיק צוזאַמען די אַלע פּאַפּירן פון זיין טיש. ער לייגט אויך אָפּ די אַלע אַנדערע

ענינים וואָס ער האָט זיך באַשטימט צו אָרדענען אין די ערשטע טעג פון זיין אַמט. „באַריכטן, באַריכטן!"... שטילט ניקלען ניט פון דעם איילבריוו וואָס ער האָט עס אים שוין דורכגעלייענט נאָך אַ מאָל, און לאַנגזאַם. שוין וויל מען דאָרט וויסן גענוי זיין מיינונג וועגן די אויסגעוואָרצל־טע, אָט די לעבן־געבליבענע ייִדן אין דעם לאַגער, וואָס די אַמעריקאַנער הערן האָבן עס אים אַהער אַרונטערגעשיקט צו זיין דאָ דער דירעקטאָר פון זייער הילפס־אָפּיס. שוין היינט מיט דעם געפּאַדער, ער זאָל ווי שנעלער באַ־לייכטן דעם מאָראַלישן און פּסיכאָלאָגישן מצב פון די מענטשן, און דער עיקר — ווי שטייט עס מיט זייער עמיגרירן, מיטן פאַרלאָזן דעם לאַגער און גאַנץ דייטשלאַנד און זיך לאָזן ווו זוכן נייע היימען.

די ייִדן אין דעם לאַגער, ווייס ניקל, האָבן אַן אייגענעם געוויילטן קאָ־מיטעט וואָס פירט אָן מיט זייערע אַ סך ענינים. איז זיין באַשלוס, זיך לאָזן טאַקע שוין צו אָט דעם אַנשטאַלט, און דאָרט זיך באַקענען מיט דער טעטי־קייט און טרעפן זיך מיט מענטשן.

שנעל אַרויס פון זיין קאַבינעט, ווערט ניקלס טראָט באַלד לאַנגזאַם אין גאַנג פאַרביי דעם גרעסערן ביוראָ־צימער און זיין בליק גלעט אָפּ תמרס געזיכט. ווי קלוג און חנעוודיק האָט עס אָט די באַאַמטין אים געהאַט אַריינ־געזאָגט וועגן שרייבן באַריכטן!.. פאַר דער צייט פון איר אַרבעט אין דעם אָפּיס האָט זי מיט איר שאַרפן שכל טאַקע אַרויסגעהאַט, אַז גאָר אַן עיקר אַרבעט פון אַ דירעקטאָר אויף אַזאַ געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן — איז צוריכטן באַריכטן לויטן געשמאַק פון די גבאים. שעמט ער זיך, ניקל, וואָס ער מוז זיך ווייטער נעמען צו דער מלאכה, צו זיין אַ „באַריכטערשטאַטער", ווי די היטלער־פּליטים פלעגן סקעפּטיש ריידן וועגן די העכערע באַאַמטע פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק...

אין לאַנגן קאָרידאָר פון דעם קאַזאַרמע־פליגל, וואָס איז געוואָרן דאָס זיצאָרט פון לאַגער־קאָמיטעט, האַלט זיך אָפּ ניקל ביי יעדן אויפשריפט, ביי די טאָוולען מיט מעלדונגען, ווענדונגען, פאַרטיי־אויפרופן און־פּאָלעמיק. אַ וואָרט פון איינעם אַ צימער, און נאָך אַ וואָרט אַן אָפּגעהאַקט, און ווידער אַ וואָרט מיט אַ שלוכץ און אָטעם־איבערכאַפּ — זעצט אים אַוועק אויף דער באַנק ביי דער טיר וואָס טראָגט דעם איבערשריפט: היסטאָרישע קאָמיסיע.

— גרוב... אַ סך זיך געריסן אַרויסצושפּרינגען... קלאָר געזען מיין מאַן, און דעם שוואָגער... מיין שמוליק, דער זון, זיך געדראַפּעט אויך נאָך דעם שאָס, די בלוטיקע הענט זיך געוואָרפן... און אַזוי די הענט געבליבן פאַר־שטאַרט אין ראַנד, אין דעם ליים...

אָנשטרענגט איז ניקלס געהער צו דער טיר. אין רו זיינען אויך ניט די בליקן זיינע. צוויי מענטשן זיצן לעבן אים,ביידע האַלטן פּאַפּירן אַזוי נאָענט צום פּנים, און יעדער איינער שעפּטשעט און חזרט איבער מיט טריי־סלדיקע ליפּן די ווערטער וואָס ער אַליין האָט געהאַט אַריינגעשריבן אין דעם פּרעגבויגן. די ביידע וואַרטן עס אויף אַריינגיין אויך אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע און איבערגעגעבן פון זייערע איבערלעבונגען דורך די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. יעדער פון זיי איז פאַרטראָגן אין זיין גיא־ההריגה, אין דעם ווינקל פון זיין אומקום, און דער בויגן אין האַנט טריפט מיט חורבן. איינעם גיט זיך אַ הייב די פליייצעס מיט בייזער אויף זיך אַליין: „דורכגעלאָזט דעם בלוטיקן פּרייטיק!" און ער שרייבט גלייך צו... פון דעם צימער דערהערט זיך אַ טרוקענע מענערשטים, וואָס ליידט דאָרט אַ פּנים ניט די אָפטע הפסקות פון דער ריידערין און איר פאַרכליפּען זיך. וואַרנט די שטים:

— פרוי גיטל דוקשט, איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין אַז איר זייט דאָ איינ־געלאַדן אויף אַ גבית־עדות; איז דאָך אויף צונויפשטעלן אַ דאָקומענט. מוז אַלץ זיין זאַכלעך איבערגעגעבן; און דער עיקר פאַקטן!.. פון מיר אַליין האָט איר וויפל מאָל באַקומען אַ פרעגבויגן, און די פראַגעס זיינען איינגעשטעלט לויט אַ ספּעציעלער און פעסטער אָרדענונג; און ביי יעדן מאָל איבערגעבן דערקלער איך ווי אויסצופילן, כדי עס זאָל גיין לייכטער מיט דער גבית־עדות. זייט איר שוין היינט יע געקומען, איז אָבער פון די בויגנס קיין איינער ניט אויסגעפילט... שטימונגען און אַנדערע פּסיכאָלאָגישע סיבות טאָרן אָבער ניט זיין אַ וועלכער טאָרמאָז אין דער היסטאָרישער אַרבעט!..

באַקאַנטלעך איז ניקלען דער טאָן, און דער גאַנצער נוסח ריידן. ער וויל זיך אָבער ווייט ניט אָוועקגריבלען, זיך דערמאָנען גענויער ווי ער אַליין און די חברים זיינע פלעגן אין רוסלאַנד אויפנעמען די גבית־עדותן פון די קר־בנות אין יענע יאָרן נאָך די פּאָגראָמען... באַמיט ער זיך ניט דורכצולאָזן

קיין וואָרט פון דעם קיצור וואָס דער באַאַמטער מאַכט דאָ, די „רעזומע״ פון דער פּרויס רייד, ווי געשריבן אין דעם פּראָטאָקאָל, און שוין אויך אַרויספירן דעם עדות אויף דעם „זאַכלעכן״ וועג:

„...אין בית־מדרש און אין עטלעכע הייזער אַרום האָבן די דייטשן געהאַט צונויפגענומען די ייִדן פון דעם גאַנצן שטעטל, ווו די פּרוי האָט געווינט, און געמאַכט אַ געטאָ. אין פאַרנאַכט האָבן זיך צווישן די ייִדן פאַרשפּרייט זייער אומרויִקע קלאַנגען. אַז עס איז געוואָרן פינצטער, האָט זי, די פּרוי, זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און געקליידט ווי אַ ליטווינערין זיך געלאָזט צו אַ פריינדלעכן קריסט זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר איר און דער פאַמיליע, אָדער כאָטש פאַר איר איינציקן זון... באַקומען אַ גוטן צוזאָג, האָט זי זיך געאײַלט צוריק, געוואָלט זיך מיט דער פינצטערניש אַרײַנכאַפּן אין געטאָ און באַלד נאָך אין דער נאַכט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען זיך צוזאַמען מיט די אַלע אייגענע — אין דער באַהעלטעניש אַריין. וואָס נענטער זי קומט אָבער צום שטעטל, מערקט זי אַ געדיכטע באַוועגונג פון דייטשן צוזאַמען מיט באַוואָפנטע ליטווינער, אַ וואָך אַ שטאַרקע פון עטלעכע זייטן. קריכט זי מיט אַלערליי אומוועגן און פּרווט פאַרט צו דערגרייכן איר ציל. ערשט מיטן שפּראָץ פון טאָג — די ייִדן ציִען זיך. אַרויסגעהויבן דורך נאַכט פון די געלעגערס, ווערן זיי אַלע געטריבן. אַ געיאָמער פון קינדער אין די הענט פון זייערע עלטערן, אַ קרעכצעריי פון זקנים און חולאים אויף פויערישע פורלעך. און די קאָנוואָיען איילן און שטויסן די רייען מיט זייערע קאָלבעס און מיט שטעקנס — און געבראַכט אַלעמען צו אַ גראָבן... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. מענטשן האָבן געפּרווט אַרויסשפּרינגען פון גרוב, צווישן זיי אויך דער מאַן, דער שוואָגער און דער זון...״

פון הינטער דער טיר זעט ניקל ניט די פּרוי וואָס דערציילט עס אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע און ער זעט ניט דעם מענטשן וואָס מאַכט עס דעם סך־הכול פון אירע רייד. אַלץ וואָס ער הערט אָבער איצט קלינגט אים שוין ווי אַ מין איבערחזרונג פון דעם וואָס ער האָט פריִער געהערט אין זיין אַפּיס. און דער עיקר די איבערלעבונגען פון תמרן, וואָס שוין איר שטים ווירקט גאָר באַזונדער; און די טיפע אינטעליגענץ אין איר יעדן אויסדרוק!.. אים, ניקלען, קלעקט שוין היינט מיט דער פּרשה חורבן. ווייט ניט

גענוג איז אָבער אַ פּנים דעם היסטאָריקער פון דער קאָמיסיע; אַט פאַר־
נעמט ער זיך מיט אַ ברייטן טאָן:

— פרוי דוקשט, קיין דאַטע האָט מען נאָך פון אייך ניט געהערט; און ווי
אַזוי האָט איר עס געזען דעם שיסן? פאַרגעסט אייך ניט, פרוי דוקשט, אַז
מיר האָבן נאָך בכלל ווייניק ידיעות וועגן דעם חורבן פון אייער קהילה;
טאָ באַמיט זיך צו מאַכן אין אייערע רייד וואָס ווייניקער פּערזענלעכע אָפּ־
נייגן.

— אַ דאַטע? דאָס איז דאָך דעם דריטן סעפּטעמבער 1941, י״א אלול,
מיטוואָך איז דאָס געווען. וואָס, איך האָב נאָך ניט געזאָגט?.. — וווּנדערט
זיך די פרוי אויף זיך אַליין, רעדט ווייטער און דערמאָנט ווידער כסדר איר
אייגענע פאַמיליע, און לאָזט ניט אָפּ דעם זון. — איך האָב שוין נאָכגעפּאָלגט
די מענטשן, פון ווייטן זיך געשאַרט און זיי ניט אָפּגעלאָזט פון אויג. צום
בעריאָזע־וועלדל האָט מען זיי דערפירט, און שוין דאָרט געווען אַ גראָבן.
האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אין אַ דערבײַיִקן שייער און דורך אַ שפּאַרונע
אַלץ געזען... איך זע נאָך איצט... צו ערשט האָבן זיי אפילו ניט געשאָסן.
גלייך אין וואַסער אַריין. פון די רעגנס פאַר די לעצטע טעג געווען אַ סך
וואַסער אין גראָבן. קינדער אַרויסגעריסן פון די עלטערן און זיי געשליי־
דערט. און די שוואַכע פון די פורלעך אויך גלייך אין וואַסער. ווי מיין טאַטע
האָט זיך געריסן!.. און באַלד זיך אָנגעהויבן די שיסעריי... איך זע ווי מיין
שמוליק שפּרינגט און צאַפּלט זיך ביים ראַנד. סאַראַ געראָטענער בחור, און
בילד שיין!.. מיט די הענט איינגעדראַפּעט טיף אין דעם ליים, זיין גוף אויף
אַרונטער, די פיס צעוואָרפן. און אַזוי האָב איך אים טאָקע געפונען... ווי נאָר
איך בין אַרויס פון מיין באַהעלטעניש ביים קריסט, יאָנאַס סימאַיטיס, אין
דריי יאָר אַרום, בין איך אַוועק צו דעם אָרט און גענומען אויפגראָבן. כ׳האָב
געדענקט גענוי... אויפן יִדישן בית־עולם פון שטעטל מיין שמוליקן מקבר
געווען... איצט הער איך אַז אויף דעם בית־עולם מאַכט מען אַ פּאַרק. קאָן
איך זיך ניט שענקען וואָס איך האָב אים געלאָזן. די גרויסע ייִדישע קאָמי־
טעטן וואָלטן אפשר געקאָנט העלפן וועגן אַריבערפירן אים קיין ווילנע. מען
קאָן נאָך ראַטעווען. איר ווייסט דען וואָס פאַר אַ קינד!..

— פרוי גיטל דוקשט — קלינגט ווידער טרוקן די שטים פון דעם קאָ־

מיסיע־מענטש — זייט איר זיכער אין די אַלע פּאַקטן וואָס איר גיט אָן? אַ מאָל אַ טעות אין אַ געוויסן פּונקט.

— אַ טעות?.. אַ טעות?.. אפשר לעב איך בכלל אין טעות... אַפילו דאָ אין לאַגער קוקט מען טייל מאָל אויף מיר ווי פון אַן אַנדער וועלט.. מענטשן פרעגן מיר, וואָס די אָרעמס מיינע צעפּלאָנטערן זיך מיר אָפט מיט צאַפּל, און די הענט כאַפּן זיך שאַרן און ווישן איינע איבער דער אַנדערער, און די קינבאַקן מיטן מויל קרימען זיך אַזוי... זאָל איך יעדן איינעם דערציילן פון דעם ראַנד אין גראָבן און פון דעם ליים וואָס קלעפּט די פינגער און פרעסט זיך אין די ציין?..

די צוויי ייִדן וואָס זיצן לעבן ניקלען אויף דער באַנק האַלטן נאָך זייערע פּאַפּירן אין די הענט. זיי נייגן שוין אויך מער אַן אויער צו דער טיר. ביי די לעצטע ווערטער פון דער פרוי גיט איינער אַ מורמל:

— און איך, איז ניט אומבאַטראַכט מיין קומען אַהער?.. נעכטן אָוונט אויסגעפּילט די אַנקעטע, האָב איך שוין געהאַט אַ נאַכט; וויפל מאָל אויפגעשפּרונגען פון בעט!..

— „מיטן חורבן אין האַנט"... — שמייכלט אונטער דער צווייטער ייִד — אַזוי רופט מען דאָך אָט דעם פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע. ווי נאָר ער ווייזט זיך ביי אונדזערע באַראַקעס מיט זיינע פרעגבויגנס און בראָשורעס, זאָגט מען זיך שוין אָן: מיטן חורבן אין האַנט!..

ביידע האַנטלעפּל ניקלס דריקן זיין שטערן, די באַקן און דעם גאַנצן פּנים. פאַר זיינען געשלאָסענע אויגן — ספּאַזמעדיקע אַקסלצוגן תמרס, גריי־מאַסעס, פּלוצלעמדיקער אָפּהאַק אין ריידן און בליקן בלינצלדיקע... ניקל גיט זיך אַ שטעל פון דער באַנק. ער גייט צום דרויסן, צו פרישע לופט. און די ליפּן אין געמורמל:

— מיטן חורבן אין האַנט, מיטן חורבן אין זיך...

אין פרעמדע פעדערן

פון קאָרידאָר אַרויס, דערזעט ניקל ווי אויף זיינע ביידע קוליעס נעבנטערט זיך דאָ צום קאָמיטעט חיליק. נעכטן האָט ער אים צום ערשטן מאָל

געזען, דעם אינוואַליד, זיך צוגעהערט ווי ער שטייט אין דעם לאַגער מיט אַ רעדל מענטשן און דרשנט שאַרף און מיט פאַרביטערונג קעגן אַ וועלט אַ גאַנצער, און שוין פאַרטשעפּעט אים, ניקלען, אַלס אַמעריקאַנער. „פאַרן אמת" האָבן די אַרומיקע געדופן אָט דעם דרשן — פאַר זיין זוכן ערלעכקייט. מיט אַ שמייכל לענט ער זיך אָט אָפּ אויף די קוליעס און זיין פּנים ברייטערט זיך מיט יעדן טראָט וואָס ניקל קומט אים אַנטקעגן. חיליק פּאַכעט מיט דער לאַגער־צייטונג וואָס איז היינט דערשינען מיט אַ בילד און גאַנצער ביאָגראַפיע און מיט דער באַגריסונג צו אים, דעם מיסטער אייב ניקל, וואָס איז געקומען פון ניו־יאָרק און נעמט עס אָנפירן דאָ אין לאַגער אַלס דירעקטאָר פון דעם אַמעריקאַנער הילפס־אָפיס. הייבט אָן חיליק מיט לאַכן פון זיך אַליין, פאַר זיין ניט כאַפּן זיך נעכטן ביים רעדל, אַז אָט דער אַמעריקאַנער וואָס האָט זיך געלאָזן אַזש אַהער קיין בייערן ביי די טיראָלער בערג און האָט ניט אין דעם פּליטים־לאַגער קיין קרובים — איז ניט סתם אַ גאַסט.

געמיטלעך און ווי אָפּגעוואַרט איינער דעם צווייטן, זעצן זיך די צוויי באַלד אָפּ אויף אַ באַנק און ניקל פאַרנעמט זיך מיט אַ היימישן טאָן:

— גאָר געלאָזן דאָס רעדל און געקומען אַהער ?.. שניידט זיך שוין רב חיליק אויף אַ קאָמיטעטשיק...

חיליק האָט שוין היינט אַריינגעלייענט אין דער ביאָגראַפיע פון דעם נייעם דירעקטאָר. קוקט ער אָן דעם מענטשן וואָס האָט אַ לעבן געאַרבעט, ווי עס איז געשריבן, צווישן די קרבנות פון די פּאָגראָמען און בילבולים און סתם גזירות, האָט באַגלייט עשאַלאָנען פון מילחמה־פּליטים און־פאַרטריבענע און אָרגאַניזירט פאַר זיי לאַגערן און מיט זיי אָנגעפירט. דאַרף ער יע אַ ביסל קענען דעם איינשטעל פון מענטשן און די געזעלשאַפטלעכע פירעכץ אויך אין אַזאַ לאַגער ווי דאָ. מיינט ער טאַקע אויף אָן אמת, אַז אַזאַ ווי חיליק, אַ פּשוטער בעל־מלאכה, קאָן דאָ ווערן אַ קאָמיטעטשיק, אַ גרויסער מאַן ? נעכטן ביים רעדל האָט ער דאָך, דער חשובער מיסטער, זיכער געהערט פון דעם גאַנצן יחוס זיינעם, חיליקס, אַז דער טאַטע איז געווען אַ שמיד און אַליין איז ער ניט מער ווי אַ שלאָסער...

נאָר איין מענטש דערביי, איז ווייניק אַז חיליק פאַרן־אמת זאָל זיך ריכטיק פונאַנדעררײדן. גיט זיך זיין בליק אַ טראָג מיט איראָנישן גלי צו דעם

גרוי־האָריקן ארץ־ישראל־שליח וואָס גייט פאַרביי, און שוין מאַכט ער אַ באַקאַנטשאַפט צווישן אים מיט ניקלען, דיביידע „אויסערן־כוחות״ אין דעם לאַגער. איז שוין דער אַלטער ביי חיליקן אין שפּאַן:

— חבר אַדירי, העלפט מיר כאַטש לערנען אייער נייעם קאָלעגע דעם אלף־בית פון גבאות אין דעם לאַגער. ער ווייס דאָך גאָרניט אַז דאָ איז יעדער עסקן געטונקט אין העכסטן יִחוס, איז געווען אַ כלל־טוער פון גרויסן שניט און אַן עושר. די מנהיגים אונדזערע זיינען דאָך אַלץ געוועזענע באַנקירן, פאַבריקאַנטן, ערשטקלאַסיקע סוחרים, אָדער וויכטיקע רבנים, פּראָפעסאָרן, שרייבער, פּאַרטיי־טוער...

נאָך שטאַרקער ווי נעכטן, ביים ערשטן מאָל אים זען, איז ניקל באַאיינדרוקט פון חיליקן. זיין אויג און געזעלשאַפטלעכער באַנעם, זיין צונג און הומאָר — ווי טיפּיש פאַר די בונטאַרן און טומל־מאַכער און יושר־זוכער אין די שטעטלעך. און ווי טרעפלעך ווייסן עס מענטשן צו רופן אַזאַ איינעם „פאַרן אמת״!.. האָט ער דאָ שוין אַ כאַפּ געטאָן דעם שליח, וואָס דאַרף עס אין דעם לאַגער אָנפירן דער עיקר מיט די קולטור־געזעלשאַפטלעכע ענינים — און אים פאַרוואָרפן אַ פּראַגעלע... שאָקלט ער, דער אַלטער, מיט זיין פליכעוואַטן גרויסן קאָפּ, וואָס האַלט זיך קוים אויף אַ דין־אָדערדיק העלדזל. ניקל באַטראַכט זיין קוועטשן און ברייטערן די אויגן דורך די דיקע גלעזער און ווי דאָס נידעריקע גופל הייבט מיט די פּלייצעס, וואָס איינע איז העכער פון דער צווייטער. ווי טיף און הויך צעוויגן זיך קאַרבן אין זיין ברייטן שטערן איידער ער הייבט אָן צו ריידן!

— אַזוי איז שוין אַ פּנים. אין אַן אָרט ווו עס איז אַ צוזאַמענלויף און אַ מיש־מאַש פון מענטשן וואָס קענען זיך ווייניק איינער מיטן צווייטן, דערוועקט זיך ביי אַנדערע אַ חשק צו געבן זיך אַ פּוץ אין פרעמדע פעדערן...

— אָט־אָט! — איז שוין משלים חיליק — האָבן אויך פאַרשוינען אין דעם לאַגער, טאַקע ווי זיי האָבן זיך דאָ באַוויזן, האָבן זיי גענומען באַלד דערציילן וועגן זיך געהויבענע זאַכן; זיי האָבן ניט אויפגעהערט ריידן פון זייער פר:ערדיקער גדולה, פון דער גרויסער ראָלע וואָס זיי האָבן געשפּילט פאַרן חורבן; געהאַלטן האָבן זיי אין איין באַדויערן דעם גורל, וואָס זיי זיינען נעבעך שוין ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות. און נאָר פון ברייטהאַרציקייט און

עניוות האָבן זיי דאָ אַרויפגענומען אויף זיך דעם יאָך פון דער כלל־אַרבעט...
דער לאַגער איז אָבער געוואַקסן, און וויפל פון די פריש־געקומענע האָבן דאָ
געטראָפן זייערן אַן אָרטיקן אָדער באַקאַנטן פון די פריִערדיקע יאָרן, פון
דער צייט פאַרן חורבן. האָט זיך דער עבר פון אַ סך גדולים און מנהיגים
אַרויסגעשטעלט גאָר אַנדערש. ניט איינער פון די אָפגעשלאָגענע הושענות,
איז אויף אים גאָר קיין מאָל ניט געווען קיין סימן בלעטל. אַנו, פּרוווט אָבער
אַרונטערהייבן כאָטש איינעם פון די פאַרזאָרגער און עסקנים פון בענקל!..

די גאַנצע שאַרף פון די רייד, מערקט ניקל, שניידט זיך אַלץ אין דעם
פּנים פון אַדירין. משמעות אַז חיליק, אָט דער פאַרן־אמת, זעט עס די שולד
פאַר אַזאַ אָרדענונג אויך אין דעם ארץ־ישראל־שליח. דעם נייעם דירעקטאָר
איז אַזאַ אַדירי גאַנץ באַקאַנטלעך. ער געדענקט נאָך גוט די חלוצים פון
אוקראַיִנע און בעסעראַביע. ער האָט זיי געזען גאָר אַ סך אין ארץ־ישראל
גופא. ער קאָן ניט פאַרגעסן ווי זיי האָבן אין די קיבוצים געאַרבעט, געהונ־
גערט און געזונגען. דורך די יאָרן איז דאָס לעבן אַוועק מיילן־מיילן פאָרויס
אויך אין די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן. אָבער אָט דער אַלטער אידעאַליסט
האָט זיך אַ פּנים ווייניק געביטן. תמר מיט איר פּיקחות און טיפן קוק וואָלט
עס אים, ניקלען, שוין ריכטיק געקענט זאָגן. וועט ער נאָך היינט זען זי צו
אַ פרעג טאָן...

מיט אַן אומרו קוקט אַלץ דער אַלטער שליח אויף חיליקן, דעם אָנגריי־
פער, פינטלט ווי אומבאַהאָלפן מיט זיינע גרויסע מילדע אויגן; די דאַרע
הענט שאַרן זיך איינע אָן די אַנדערע און קינדיש רייטלען זיך די איינגעפאַ־
לענע באַקן.

— זוכן סתם חסרונות... אין לאַגער קומען דאָך פאָר וואַלן, און די פירער
פון קאָמיטעט זיינען געוויילטע.

אָט דער אַדירי, ניטאָ אים וואָס צו שאַנעווען — האָט חיליק חרטה פאַר
זיין וויכּוח נאָר מיט רמזים. וועגן די וואַלן רעדט ער, דער בטלן; די פירער
פון דעם לאַגער הייסן ביי אים דעמאָקראַטיש געוויילטע... וועט ער טאַקע
מיט אים אַ רייד טאָן וועגן דעם סאַמע געוויילטן, דעם קאָמיטעט־פאָרזיצער.
פון די ערשטע געקומענע איז קלמן טרובניק אין דעם לאַגער. נאָך הויט־און־
ביינער, אָבער שוין גאָר באַוועגלעך געווען, און די שטים אַזאַ גלעטנדיקע,

און אָט גאָר מיט אַ געשריי, און מיט תקיפות. דערציילט האָט ער אַז אין זיין שטעטל איז ער געווען פון די קהילה־דאַזאָרעס, און אַ גרויסער קאָמער־סאַנט און אַן עושר פון דורות. באַלד האָט ער גענומען דאָ העלפן אָרגאַניזירן, אָרדענען, און גאָר־גאָר העלפן דעם אַנדערן. פול מיט זאָרג פאַרן כלל, און פאַר זיך גאָר אַ סך. איז ער שוין דאָ געוואָרן באַלעבאָס מיט דער הילף פון אַרומטענצער, אָפּלעקער און מיטלעקער... און אַז די פיינע מעשים האָבן שוין גאָר געריסן די אויגן און מענטשן האָבן גענומען פאָדערן אמתע וואַלן, האָט דער צדיק אַדירי אונטערגעשטעלט אַ פּאַרטיי־פּלייצע. איז שוין טרובניק געוויילט בתכלית הכשרות... גייט שוין דאָ חיליק מיטן פינגער אין אויג:

— חבר אַדירי, זעט איר גאָרניט ווי אייער דעמאָקראַטיש געוויילטער פּאָרזיצער באַלעבאַטעוועט? און איר האָט גאָרניט געהערט פון זיינע קאָמ־בינאַציעס און אַלערליי געשעפטן? איר ווייסט אויך ניט אַז אין לאַגער רופט מען אים מאַרעוויכער; צו אייער אויער איז געוויס ניט דערגאַנגען דאָס לידל: ויהי בישורון מאַכער, ויהי בישורון מאַרעוויכער...

דער גאַסט שוויגט. ער האָט שוין אויך אין ניו־יאָרק געהערט פון אַנ־דערע עסקנים אין די לאַגערן, פון זייערע מאַכינאַציעס און סקאַנדאַליעזע געשעפטן... אַ ביסל האַלט זיך אָפּ אויך חיליק. וויפל מעשיות ער ווייס וועגן דעם טרובניקן! אַז עס האָבן זיך אין דעם לאַגער באַוויזן נאָך שטעטלצער און דערהערט דאָ פון דער אַמאָליקער חשיבות פון זייער בן־עיר און פון זיין דורותדיקער עשירות, האָט איינער זיך באַלד דערמאָנט פון דעם טאַטן זיינעם, פון דעם אַלטן טרובניק. אַ רובל האָט אים אַ שכן געבעטן צו אַנטלייען. „זאָלן מיר עס ביידע פאַרמאָגן וואָס דו וואָלסט ביי מיר גענומען אויך ווייניקער ווי אַ האַלבן" — האָט דער גרויסער נגיד געענטפערט... דערציילט אַ צווייטער שטעטלצער ווידער מיט אַ הלוואה. פאַר דער מילחמה האָט זיך צו אים גופא געהאַט געווענדט קלמן אַליין, דער היינטיקער גרויסער קלמן טרובניק, בזה הלשון: „ליי מיר פינף און צוואַנציק זלאָטעס, דיר וועל איך אָפּגעבן"... רעדט ער איצט ניט פון דעם, חיליק. פאַרשווייגן אָבער אין גאַנצן דעם שליח, קאָן ער ניט.

— חבר אַדירי, לאָזן מיר טאַקע אָפּ די רכילותן וועגן אונדזער פאָרזי־צער, דעם ניי־געקרוינטן פּאַרטיי־חבר אייערן. איר זייט אויך קעגן דעם וואָס

מען רופט אים דאָ אין לאַגער „מאַרעווויכער". קאָנט איר דאָ האָבן צו אייך נאָך וואָס זיינען קעגן. די שעדלעצער, טרובניקס שטאָטישע, קומען גאָר מיט אַן אַנדער צונאָמען וואָס שטאַמט נאָך פון זייער מקום; אַ נאָמען מיט אַגאַנ־צער מעטריקע. מיט זיין שטופּוועגעלע פּלעגט ביי זיי אין שטאָט קלמן טרוב־ניק זיך אַרונטערלאָזן גאַנץ פרי אויף דעם גרויסן מאַרק און זען צו פאַרכאַפּן אַ בעסערן פּלאַץ. באַלד טאַקע פּלעגט ער נעמען אָפּלייגן זיין סחורה אויף דער ערד. ביי יעדן טיכל וואָס ער לייגט אַוועק, ביי יעדן פּעקל קעמעלעך, בינטל שנירלעך, שוואַקס, שפּילקעס — אַלץ ווערט באַגלייט מיט אַן אויס־רוף וואָס צעהילכט זיך איבער דעם גאַנצן ליידיקן מאַרק. „קויפט!.. בעסטער סאָרט, די שענסטע, ביליקסטע!.. אַהער, קויפט!!".. שלייכט זיך איין מאָל מיט שווערן טראָט־און־הוסט־און־אָטעם אַ ניט־היגער פּוילישער פּריצל. זיין אַסטמע האָט עס אים אַרויסגעטריבן פרי פון בעט, און אויך אין דרויסן ראַנ־גלט ער זיך מיט דער פרישער לופט פון גרויען מאָרגן. שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט אַן דעם ייִדן: ניטאָ דערביי קיין לעבעדיקער נפש, און ער ליאַ־רעמט... „נו, פּאַן, טשעבאַ ראָביטש רוד", וואַרפט אים צו אונדזער סוחר. די נשמה פון געשעפט, הייסט עס, איז גערודער, מאַכן אַ ווינט... „טשעבאַ ראָ־ביטש רוד", טענהן איצט די שעדלעצער, איז געוועזן זיין נאָמען ביי זיי אין שטאָט, וואָלט ער געדאַרפט אַזוי אויך דאָ הייסן!.. היינט גיי דערקלער זיי, אַז זייער קלמן טרובניק שטופּט שוין ניט קיין וועגעלע. ער איז דאָ דער גרויסער מאַכער, טרייבט וואַגאָנעס קאָמבינאַציעס, און מיט אַ פּאַרטיי־מאַטאָר און מיט אידעאָלאָגישן „רוד"!..

— גלות, די גלות־־פּסיכאָלאָגיע... — קרעכצט אָפּ אַדירי — דער פּריץ מאַכט דעם ייִדן שווער דאָס לעבן, פאַרענגט אים אין פּרנסה און דערברענגט אים צום שטופּוועגל, און ייִדן אַליין קוויקן זיך נאָך היינט מיטן געלעכטערל פון דעם גוי!.. נאָר אין אַן אייגענער מדינה קאָן זיך דער ייִד אויסלעבן בשלימות, ווייזן ריכטיקע איניציאַטיוו, צוועקמעסיק אויסניצן זיין ענערגיע, ברייט אַנטוויקלען אַ טאַלאַנט.

די חשבונות צווישן חיליקן, דעם „פאַרן אמת", און אַדיריקן, דעם ארץ־ישראל־שליח, ציִען ניט אַריין ניקלען אין וויכוח. ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער הילפס־אָרגאַניזאַציע מוז ער אויסמיידן פון מישן

זיך דאָ אין וועלכער פּאָליטיק. ער זעט אָבער אַלץ שוועריקייטן אין זיין אַרבעט אַלס דירעקטאָר. ניט לייכט וועט עס אים גיין מיטן צואיילן די עמי־גראַציע פון דעם לאַגער און נאָך פון די פאַרשוינען וואָס האָבן זיך דאָ פאַר־וויגט אין פרעמדע פעדערן און זיך גאָר פיין איינגעוואָרעמט. די אַ לעבן שוין מיט גוואַלדאָוונעם אָנשטעל און מיט גוזמאַדיקע פּרעטענזיעס. טאָ ווו זיינען עס די לענדער וואָס וועלן זיי קאָנען באַלד צופרידנשטעלן מיט אַ נייער היים?.. האַלטן אָבער נאָר אין שווייגן קאָן ער שוין דאָ אויך ניט, ניקל. פּרוווט ער זאָגן אויך זיינעם אַ וואָרט, וואָס דאַרף גאָר ניט האָבן געגוי אַ שייכות צו דעם הייסן שמועס, און דערביי שוין אַריינוואַרפן וועגן זיין אייגע־נער חשיבות.

— אין דער ערשטער וועלט־מילחמה איז מיין געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט אויסגעפאַלן דער עיקר צווישן די פּליטים. אָנגעפירט האָב איך דעמאָלט מיט אַ ברייטער און פיל־פאַרצווייגטער הילפסאַרבעט און בין געשטאַנען אין אַ פּערזענלעכער פאַרבינדונג מיט די ערשטראַנגיקע יידישע כלל־טוער און מיט גאָר הויכע רוסישע אויטאָריטעטן, ציווילע און מיליטערישע. יאָ, 1915 איז עס געווען. פאָר איך אַרונטער צו מיינע פּליטים קיין וויטעבסק. לויפט דאָרט אַ יידענע אויף דעם גרויסן בולוואַר מיט אַ געיאָמער: „אוי, מיינע דריי מויערן אין קאָוונע, הייזער פּאַלאַצן!".. קוקט איר אָן אַ פאַרביי־גייער און טוט אַ פרעג: „וואָס נאָר דריי? אייערע זיינען געווען די אַלע זעכציק מויערן אויף דער נייער גאַס ביי אונדז אין שטאָט. איר פלעגט דאָך אַלץ טענהן אַז די גאַס איז פאַר אייערע אויגן געבויט, און ווי נאָר אַ דירה איז געוואָרן פאַרנומען, זייט איר דאָרט געווען די ערשטע מיט דער טאָרבע. מיט דער אַ חזקה פלעגט איר דאָך, קונע זלאַטע, אויסדראַפּען די אויגן יעדן אָרעמאַן וואָס האָט געהאַט די העזה צו קריכן אין דער גאַס מיט די אַלע אייערע הייזער"...

פּאַטענטן

חיליק פאַרן־אמת הערט שוין ניט וואָס מען רעדט אויף צו אים און ער זעט שוין ניט די צוויי אַנדערע וואָס זיצן מיט אים אויף דער באַנק און

שמועסן עס אַלע צוזאַמען. פון דער מינוט וואָס ער האָט זיך אַוועקגעזעצט איז אָפּט געשפּרונגען זיין קוק צו דעם אָפענעם קאָרידאָר פון לאַגער־קאָמי־טעט און איז אַלץ געווען אָנגעשפּיצט צו יעדער באַוועגונג דאָרט. אָט אָבער גיט ער זיך אַ הייב אויף זיינע קוליעס און לאָזט זיך געשווינד צו דער פרוי וואָס איז אַרויס פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע.

— גיטל, ביסט פאַרט געגאַנגען !.. ניט אַנדערש פון דאָס ניי אויסלייגן די אַלע צרות און אויפוויקלען יעדן ווונד... און אַז דער מענטש פון קאָמיסיע, אָט דער מיטן־חורבן־אין־האַנט, לאָזט ניט צו רו מיט זיינע „הייליקע פליכטן, אַחריות פאַר דער היסטאָריע", דאַרפסטו זיך אַוועקפּטרן ? ווי דו זעסט אויס !..

אַדירי, דער ארץ־ישראל־שליח, מערקט די צעברייטערטע אויגן און אָנ־געשפּיצטע אויערן פון זיין צווייטן שכן אויף דער באַנק, אייב ניקל. פון ניו־יאָרק איז ער עס אַרונטערגעקומען, אָט דער מיסטער, און היינט איז זיין ערשטער טאָג אויף דעם דירעקטאָר־פּאָסטן פון דעם אַמעריקאַנער הילפס־אָפיס אין דעם לאַגער. בעט זיך טאַקע צו שטילן כאַטש מיט אַ פּאָר ווערטער זיין שאַרפן אינטערעס :

— אַ פרוי מיט בילדונג, פון אַ משפחה באַרימטע רבנים אין ליטע. איר אומגעקומענער מאַן איז געווען אַ שול־דירעקטאָר... לעצטנס האָט זיך עס צווישן איר מיט חיליקן, וואָס איז פון פאַך אַ שלאָסער, פאַרבונדן אַ פריינד־שאַפט...

אַז חיליק און גיטל זיצן שוין אויף דער באַנק, זעט ניקל אַז די פרוי איז נאָך אַ גאַנץ שיינע און געוויס אַ סך יינגער פון איר האַרצפריינד, וואָס איז פאַרט נאָר אַ בעל־מלאכה און בלייבט שוין מסתמא אַן אינוואַליד... אַ גרעסערע איז די צאָל פרויען אין דער שארית־הפליטה און טאַקע ניטאָ דאָ אַ פנים די פראַגע פון דעם מאַנס יחוס, בילדונג, עלטער... דאָס טיפע שווייגן פון די צוויי דריקט אויף ניקלען. דערמאָנט ער זיך ווי נעכטן האָט ער דאָ אין לאַגער געזען אָט דעם חיליקן ווי ער האָט גערעדט אין אַ רעדל מענטשען אַזוי פיפיק און פיקחותדיק, און לעבן אים איז אַלץ געשטאַנען איינער אַ פּאָעט. גיט ער זיך איצט אַ ווענד :

— רב חיליק, איר האָט גאָר היינט פאַרלאָזט אייער חשובן און באַרימטן חבר ?..

— קען שוין הייסט עס, מיסטער ניקל דעם „קלאַסיקער” אונדזערן, דעם פּאָעט קדיש פליגל — וויצלט זיך אַדירי — און ווייס שוין אַפילו אַז אָט דער איז חיליקס אַ גרויסער פריינד...

פּאַרן־אמת שוויגט און שמייכלט אונטער. מענטשן מיינען דאָך אַז ער לעקט האָניק פון אָט דעם פריינד... נאָך גאַנץ פרי איז ער שוין, קדיש פליגל, היינט געווען אין שפּיטאָל, אַריינגעפאַלן צו אים אין פּאַלאַטע און אויפגעוועקט אויך די אַנדערע קראַנקע. אַ זשורנאַל האָט ער נעכטן אָונט באַקומען פון אַמעריקע. דער בעסטער יידיש־ליטעראַרישער זשורנאַל אין דער וועלט, שרייט ער, און וויזט ביי יעדן בעט אויף אַ קורץ ליד — זיינס !.. האָט ער איבערגעלאָזט דעם זשורנאַל אין פּאַלאַטע, אַז ער, חיליק, דער ערשטער, און די אַנדערע מענטשן נאָך אים זאָלן גוט דורכלייענען די אַלע שאַפונגען, אַלע ביז איינע. ער וויל טאַקע הערן אַ מיינונג, ערלעך און אָביעקטיוו. אַדרבה, זאָל מען אים זאָגן — נאָר אויפריכטיק און אָפן ! — אויב ער שטעלט ניט די אַלע אַנדערע שרייבער אין שאָטן... האָבן געדולד און וואַרטן, איז ניט פליגלס דרך. אין רעדל ביים מניך, נאָך ניט באַוויזן כאַפּן אַ וואָרט מיט מענטשן — ער איז דאָ. טאָ זאָג אים אַז פון זשורנאַל נאָך גאָרניט געלייענט !.. צום גליק האָט אים איינער אַ שושקע געטאָן וואָס אין אויער, און ער איז באַלד ניט געוואָרן. ענטפערט חיליק:

— מיסטער ניקל, איר פרעגט וועגן דעם פּאָעט ? ער איז שוין געווען היינט ביים רעדל, און איז פלוצלינג אַוועק. מען האָט געזאָגט, אַז צו אייער אָפּיס.

— צו תמרן... — לאָזט שוין גיטל פאַלן אַ וואָרט — ער האָט זיך גענומען אַזוי פּוצן. און זי ווייס דאָך פון זיינע משוגעתן ; און די אַמאָליקע קרענק זיינע, די פאַליקע...

— דער כוח פון דעם נאָמען שרייבער, פּאָעט !.. — שאָקלט צו אַדירי מיטן קאָפּ.

אומדערוואַרט נעמט ניקלען ווערן קלאָר די באַגעגעניש היינט מיט אָט דעם פליגלען, בעת ער, דער דירעקטאָר, האָט געהאַט אַרויסבאַגלייט תמרן, די באַאַמטין, פון זיין קאַבינעט... ער וווּנדערט זיך אָבער אויך אויף אָט דער גיטלען. ווי צעוויטאָגט און אומטרייסטלעך איז זי פאַר אַ ווילע אַרויס

פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, און שוין מיט ווייבערשע רכילות!.. און אָט איז זי שוין ווידער טויט בלאַס, און חיליק נעמט ווידער מוסרן:

— אַ מענטש האָט זיך פאַרעקשנט און איז פאָרט אַוועק אין דער היס־טאָרישער קאָמיסיע! מיר האָבן דאַכט גערעדט אַז דו גייסט ניט. ערשט ביים רעדל זיך דערוווּסט. ביסטו שוין געווען אינעווייניק!

— היסטאָרישע קאָמיסיע... — איז רירנדיק אַדיריס שטים און איז גע־ווענדט דער עיקר צו ניקלען, וואָס ווייס נאָך מסתמא ניט פון אַ לעבנס־טעטיקייט פון דעם מענטשן וואָס זיצט לעבן אים — די קאָמיסיעס אויפ־צונעמען גבית־עדותן, פאַרצייכענען און זאַמלען כתבים און אַנדערע היס־טאָרישע מאַטעריאַל פון יִידישן חורבן אין דער צווייטער וועלט־מילחמה... דער גאַנצער פּלאַן איז דאָך מיינער!

די ווערטער, אַזוי אָנגעזאַפּטע מיט פּאַרדראָס, ברענעגן אַריין חיליקן אין אַ געמיטלעכקייט. פּאַר דער צייט וואָס אָט דער שליח איז דאָ אין לאַגער האָט ער שוין וויפל מאָל דערציילט אויף פון דעם פּלאַן זיינעם. ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּראָספּעקט, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעלאָזט אין עטלעכע שפּראַכן, וועגן פאַראייביקן די מיליאָנען אומגעקומענע יִדן. איז פאַראַן אין דעם שריפט טאַקע אַ באַזונדער קאַפּיטל מיטן נאָמען „ספּעציעלע קאָמיס־יעס אויף פאָרשן דעם אומברענג־פּראָצעס און די פאָלגן פון חורבן”. נאָך אַ קאַפּיטל רעדט וועגן גרינדן אַ פאַרלאַג אויף אַרויסגעבן טאָגביכער און אַנדערע וויכטיקע זכרונות פון דער צייט. אויך אַ קאָמיטעט איז שוין געווען אָרגאַניזירט און עס איז נאָך געבליבן אַ פּראָטאָקאָל פון אַ זיצונג מיט דער דאַטע פון פינפטן פעברואַר 1942. אויף דער זיצונג גיט אַדירי אָפּ אַ באַריכט וועגן די שריט צום שטעלן אַ מאָנומענט לזכר די קרבנות. אַ קאָלאָסאַלער דענקמאָל וועט עס זיין; און צוזאַמען מיט אַ באַזונדער קוראַטאָריום שטייט ער שוין אין פאַרבינדונג מיט אַרכיטעקטאָרן און קינסטלער; און עס איז שוין דאָ אַ באַשלוס וועגן אַ גרויסן געלטפאָנד... אַלץ איז אַריין אין אַדיריס פּלאַן!.. די אַנקעטעס וואָס די היסטאָרישע קאָמיסיעס באַנוצן איצט, טענהט ער, זיינען דאָך אַפילו אין זיי זעכציק פּראָצענט פראַגעס פּשוט אָפּגעשריבענע פון זיינע; און די בראָשורן פון די קאָמיסיעס זיינען פול מיט זיינע געדאַנקען. האָפט ער אַלץ אויף דעם געזעלשאַפטלעכן מישפּט, וואָס ער האַלט אין פאָ־

דערן. זאָל וויסן די עפנטלעכקייט מיט וועלכע וועגן ווערן עס דורך באַרופע־נע פּערזענלעכקייטן איבערגעכאַפּט יענעמס אַ פּלאַן און פאַראייגנט פרעמדע אידעען !..

אַ טראַכטעניש גאָר אַן אַנדערע האָט זיך צעגאַגט אין גיטלען. אַדירס זאָג וועגן היסטאָרישע מאַטעריאַל פון חורבן — האָט איר באַלד אַ שלאָג געטאָן מיט נייער ערגערניש. שמוליק, איר זון, האָט דאָך געפירט אַ טאָג־בוך !.. זי קומט אָט פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, דאָרט דערציילט און דערציילט, און דער מענטש האָט פאַרשריבן — איז איר אַזאַ זאַך גאָר אַרויס פון זינען !.. ווי די דייטשן זיינען אַריין אין שטעטל האָט דער בחור גענומען פאַרצייכענען די פּאַסירונגען, אַלץ גענוי. דיקע העפטן מיט בלויע טאָוולען זיינען עס געווען. ווי נאָר געענדיקט אַ העפט, פלעגט ער אים באַ־גראָבן אין אַ ווינקל גאָרטן ; און אין יעדן איינעם איז געווען אַריינגעלייגט דער אַדרעס פון זיין טאַנטע אין אַמעריקע, פון דער שוועסטער אירער, גי־טלס. אויפן לעצטן פאַל, זאָל מען אַהין אַריבערשיקן די טאָגביכער... און אַז עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און זי נאָר איינע איז געבליבן פון דער פאַמיליע, האָט זי די טאָגביכער ניט געפונען. צעגראָבן איז געווען דער גאַנצער גאָרטן ; שטעטלשע קריסטן האָבן פאַר די דריי יאָר געהאַלטן אין זוכן... טאָ ווו איז היינט איר קאָפּ ? זיי זאָגן דאָך אין היסטאָרישער קאָמיסיע אַז עס וועלן אַרויסגיין גרויסע פּינקסים פון חורבן ; זאָל ווערן וועגן שמוליקן דערמאָנט אויך זיינע טאָגביכער ! און אפשר קאָן מען נאָך פאָרט געפינען ; זאָלן זיי העלפן !.. בייסט זי זיך די ליפּן, גיטל, צוקן לויפן איבערן פּנים. זי גיט זיך אַ שטעל פון דער באַנק, נעמט ברעכן די פינגער און איר קוק פלאַ־טערט ווייט־ווו. זי איז שוין אין געאייל :

— אַזוי צו פאַרגעסן ! אין דער קאָמיסיע אַ וואָרט ניט דערמאָנט פון שמוליקס טאָגביכער... מען וייס דען וואָס פאַר אַ קינד ?... אַ מאַמע ! אַזוי צו פאַרגעסן...

— איז היט אָבער דיין געזונט ; די פּאָר ווערטער, און גלייך צוריק !.. — שרייט נאָך חיליק און זיינעביידע אויגן באַגלייטן מיט זאָרג גיטלען ביז דעם אַריינגאַנג וואָס פירט אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע.

— מען פאַרגעסט, מען פאַרגעסט פון חורבן ; און אַפילו אַזאַ מאַמע... —

ווינקט אַדירי צו ניקלען מיט דערוויז — די מורא פאַר פאַרגעסן איז דאָך געווען דער אויסגאַנגפּונקט פון מיין פּלאַן !

אַ הויכער רעפּרעזענטאַנט און אָקערשט געקומענער, האַלט זיך אָפּ ניקל מיט אַ וואָרט, ער פילט אָבער אַז דאָס ניט לאָזן דאָ פאַרגעסן דעם חורבן און נאָך אַלץ ווען פאַראייביקן יעדן פּרט פון דעם אומקום — וועט אים ניט פאַרלייכטערן זיין אויפגאַבע. די מענטשן קאָנען שוין ווערן אין גאַנצן גלייכגילטיק צו זייער גורל און זיך שוין גאַרניט וועלן רירן פון אָרט און פאַרלאָזן דייטשלאַנד און זיך נעמען בויען ווו פון דאָס ניי אַ לעבן...

חיליק קוקט אַלץ מיט אַ שמייכעלע אויף אַדירין. פּאַר מענטשן אין די אויגן באַמיט ער זיך צו שאַנעווען זיין כבוד. אַ כשרע נשמה, האַלט ער, איז בעצם אָט דער אַלטער קיבוצניק וואָס ציט זיין וועלטל מיט זיינע אַמאָ־ליקע פּרינציפּן און מיט זיינע איינפאַלן און חלומות. פּיפּיקע פאַרשוינען ווייסן אָבער אויסצונוצן די תמימות פון אזוינעם און שלעפּן אים אָפּט אַריין אין פּאַרטיי־מאַכינאַציעס און קאָמבינאַציעס... כמעט ביחידות דאָ אויף דער באַנק, קאָן זיך שוין דער פאַרן־אמת ניט אָפּהאַלטן :

— פּאַטענטן אויף פּלענער צום פאַראייביקן, און חזקות אויף די מיליאָ־נען אומגעקומענע יידן, און געלטפאָנדן פון מיליאָנען, מיט חורבן־גבאים, און אפילו חורבן־מיליאָנערן... אַלץ לאָזט זיך נאָך ביי היינטיקע צייטן פאַר־שטיין. איר ווייזט אָבער אויף, חבר אַדירי, אַז אין יאָר 1941 האָט איר אָנ־געהויבן טאָן וועגן דער פאַראייביקונג פון די אומגעקומענע און אָנהייב 1942 איז שוין ביי אייך די אַרבעט געגאַנגען מיט פולן שוווּנג. אָבער אויך אַפילו אין דעם יאָר, אין דעם יאָר 1942, איז דאָך נאָך כמעט די גרעסטע מערהייט יידן וואָס זיינען געווען אונטער די דייטשן, — זיי זיינען דאָך נאָך געווען ביים לעבן !

— מען האָט שוין געזען צו וואָס עס פירט ! — איז אַדירי גאָר בייז — די לאַגע איז געווען קלאָר, דער ביטערער סוף !

— חברה־קדישא ?.. — פאַרשטייט שוין גאָרניט חיליק — אין שטעטל, ווי נאָר אַ קלאַנג אַז דער גביר איז עפּעס ניט אין גאַנצן, איז שוין געזעסן די חברה־קדישא און זיך באַראָטן וועגן דעם אָרט פאַרן ניפטר, וואָס פאַר אַ לוויה אים מאַכן, און וויפל וועט זיך לאָזן רייסן אַ פּאַס...

ניט באַמערקט, שטייט גיטל ווידער ביי דער באַנק. דאָס רויט־אויפגע־לאָפענע פּנים ברענגט נאָך מער אַריין אין נייגער די דריי וואָס זיצן איר אַנטקעגן. שטיל איז געווען איר גאַנג און פאַרשטיקט איז איר ריידן:

— געגעבן איין מאָל אַ לייען, אָט דער מיטן־חורבן־אין־האַנט, דער מענטש פון קאָמיסיע, און ווידער אַ מאָל האָט ער געגעבן אַ קוק... עס איז אַרויס אַזוי גוט, זאָגט ער, און דער מאַסן־קבר און ליימגרוב, וואָס איך האָב אים געהאַט דערציילט, איז ממש בילדעריש. איין וואָרט אַפילו אַז מען זאָל צוגעבן, הרגעט מען אים אַוועק די גאַנצע אַרבעט!..

— טאַקע חברה־קדישא!.. — שיסט אויס ניקל און באַלעקט זיך פאַרט מיט אַ ווערטל, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אויף זיך אַליין ביים אַריינלויבן גאָר שטאַרק זיינע צונויפגעשטעלטע פּראָטאָקאָלן פון אַ פּאָגראָם — אַ וויב־טערטאָג אין שטעטל. איז פאַרגעקומען אַ לוויה פון אַ גרויסן ניכבד און בעל־ייחוס. צעבורטשעט זיך ביים אָפענעם קבר דער אַלטער קברן מיטן רידל אין האַנט: „אַזוי פיל הספּדים דאָ געהאַלטן, און אַ וואָרט וועגן מיר האָט אָבער קיינער ניט געזאָגט. אַזאַ פּראָסט, די ערד ווי איין גוס אייזן, און קוקט אָן אַ קבר אַ צאַצקע!"

אַ פּאַגראַמשטשיק

דער זייגער רוקט זיך און ניקל איז אַריינגעטאָן אין שמועס. ער רירט זיך ניט פון דער באַנק לעבן דעם לאַגער־קאָמיטעט. דאָ הערט ער מיינונגען און ער באַמיט זיך צו דערגיין די אָרדענונג אין דעם לאַגער און אַרויסצוהאָבן דעם געדאַנקן־גאַנג פון די היים־אויסגעוואָרצלטע. ער גרונטעוועט זיך, דער נייער דירעקטאָר, מיט דעם ציל צו וויסן אויף ווי ווייט אים וועט זיך לאָזן אויספירן די שטרענגע אינסטרוקציעס פון זיינע הויפּט־דירעקטאָרן אין ניו־יאָרק. ניט לאָזן די מענטשן צו זיצן אַזוי לאַנג אין דעם לאַגער, פאַרגעסט ער ניט זייער נאָכאַנאַנדיקע פאָדערונג... האַלט ער זיך ניט אָפּ, ניקל, אָנצו־ציִען אַ רייד אויך מיט גיטלען, מיט דער פרוי וואָס איז אַרויס פון דער היסטאָ־

רישער קאַמיסיע און דאָרט געהאַט דערציילט אַזוי פיל פון אירע איבערלעבע־נישן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילחמה, און ווי זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן געזען אויך דעם אויסמאָרד פון איר פאַמיליע. זי איז נאָך אין שווידער; קליגלט ער זיך מיט אַ טאָן וואָס דאַרף צעשטרייען איר צער:

— ייִדן זיינען דאָך אַזאַ צעשפּרייט פאָלק. און אויך מענטשן פון דעם לאַגער האָבן נאָך מסתמא ווו קרובים, מישפּחה. פרעגט זיך, פאַר וואָס זיצט מען נאָך דאָ? אַזאַ אָרט איז דאָך ניט מער ווי אַן אַזיל, אַ מין דורכגאַנגס־פּונקט... און עס ווערט דאָך יעדן איינעם געגעבן ברייטע הילף ביים עמיגרירן און ביים איינאָרדענען זיך אין דער נייער היים.

— אַ היים, אין דער נייער היים... איך האָב אַ שוועסטער אין שיקאַגאָ, שרייבט זי מיר...

פאַרריסן זיינען גיטלס אויגן און איר בליק גליווערט ערגעץ ווייט. ניין, זי וועט ניט אויסדערציילן פון דער שוועסטערס בריוו. כסדר גיט זי איר אָנ־צוהערן אַז אַמעריקע איז ניט פאַר איר. דאָס לעבן איז דאָרט אָנגעשטרענגט, האַלט זי אין שרייבן, און דער מענטש מוז האָבן כוחות אָן אַ שיעור. היינט נערוון! איין בריוו איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט אַ גאַנצער סטאַטיסטיקע פון געפאַלענע אַמעריקאַנער מענער אין דער מילחמה, און וויפל עס זיינען געבליבן אַלמנות, און וויפל כלות אָן זייערע חתנים, און וויפל סתם פאַרזע־סענע מוידן... און אָט פאַריקע וואָך עפּנט זי דעם קאָנווערט פון אַ בריוו און זעט עפּעס אַ פייערלעכע פאָטאָגראַפיע. אויסגעפּוצטע מענער און פרויען און קינדער; פנימער אין גאַנצן אומבאַקאַנטע. ערשט דאָס איז אַן ענטפער אויף אירן, גיטלס, אַ בילד. די שוועסטער מוסרט איר פאַר דער „אומעטיקער מינע" און הייסט קוקן אין דער פאָטאָ וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביי אַ לוויה. זאָל זי זען ווי אויך די אַלמנה מיט די יתומים שמייכלען אַזוי סימפּאַטיש און מונטער!.. ניין, פון די אַ אינפאָרמאַציעס און לערע דאַרפן זייטיקע מענטשן ניט וויסן. שליסט זי נאָר אָפּ מיט געציילטע ווערטער, גיטל:

— אַ היים, אַ נייע היים... צו אונדזער ברודער קיין ארץ־ישראל זאָל איך פאָרן, שרייבט מיין שוועסטער פון אַמעריקע. זי זאָגט צו געלט און די שענסטע פּאַקעטן.

— אייער שוועסטער מיינט גוט — שטעלט פעסט באַלד ניקל — האָט

איר טאַקע געדאַרפט פאַרן קיין ארץ־ישראל, צום ברודער. אַוודאי מיינט די שוועסטער גוט!

— גוט מיינט ניט נאָר מיין שוועסטער. איך האָב זיך שוין געזען מיט מיין ברודער. פון ארץ־ישראל איז ער געפאָרן אין אַ שליחות און זיך אַרונ־טערגעכאַפּט אַהער אין לאַגער... האָט ער זיך מיט מיר אַנידערגעזעצט און איך האָב אים דערציילט פון דעם אומקום אין שטעטל, פון דעם טאַטן אונד־זערן און פון דער גאַנצער מישפּחה. ווי אַ קינד האָט ער געוויינט, מיין ברו־דער... נאָך אַ פיר שעה גיט ער זיך אַ שטעל, אָן קיין וואָרט, נעמט אויסווישן האַסטיק די אויגן, כאַפּט זיך אָפּוואַשן דעם גאַנצן פּנים. אין טיפן שווייגן זעצט ער זיך ווידער קעגן מיר, און מיט אַ שאַרפן שניט פון זיין האַנטפלאַך אין דער לופט אַריין פאַרביי מיין מויל קומט מיר אַ וואָרענונג: ניט ריידן!..

— די שואָה, ווי מען רופט ביי אונדז דעם חורבן — איז מסביר אַדירי, דער ארץ־ישראל־שליח — אָט די שואָה האָט אויף דעם יישוב גרויזאַם געווירקט; מען איז זייער פּילעוודיק!..

— נאָך ווי... — איז גיטלס טאָן נאָך מער פאַרביטערט — יע, זיץ איך קעגן מיין ברודער און שטום. מינוטן גייען פאַרביי, און פון זיינע פאַרהאַקטע ליפּן נעמען זיך דורכרייסן ווערטער, ווי פון אַ פּסק־דין. „מיין שוועסטער, אַלץ וועל איך טאָן פאַר דיר. אין חיפה האָבן מיר אַ פריינד זייער אַ ווילן, אַן אַלמן און די קינדער אויסגעגעבן. קאָן ער זיין פאַר דיר זייער צוגעפּאַסט. אַלץ וועל איך טאָן אַז דיר זאָל זיין גוט.. איין תנאי אָבער, אַ באַוואָרעניש קלאָר און בפירוש: פון דעם וואָס דו האָסט דאָ דערציילט — הערט מען ניט מער פון דיין מויל. אַ וואָרט ניט. געענדיקט!.. מיין ווייב און קינדער טאָרן אַפילו ניט מערקן אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיט אַזוינע גרויליקייטן. און ווער רעדט נאָך אַ מאַן! די שוועל וועט מען דיר ניט וועלן אַריבער־לאָזן... מיינט מיין ברודער דאָך אויך גוט. און וועלכער לייטישער מענטש וויל עס ניט נאָר גוט פאַר אונדז, די חרובע און אויסגעוואָרצלטע?..

— גייען צוויי מתים טאַנצן, אָט מיר ביידע, אם ירצה השם... — צע־שפּיגלט זיך חיליק פאַרן־אמת אין גיטלס טרייסטלאָזע אויגן — מיט קו־ליעס קאָן אָבער אויך אַ מת ניט גיין אַ ריקודל. שטעל איך זיך אויף די פיס און ווער פריי פון שפּיטאָל, פליען מיר ביידע מיט אַ טאַנץ טאַקע קיין יש־

ראַל... איין חיסרון אָבער מיט גיטלען, זי מישט זיך מיר אין קיך!..

ווי שוין זיין שטייגער, פֿאַרלויפֿט חיליק דאָס וואָס אַנדערע קאָנען זאָגן אויף אים. ווייס ער וואָס לעצטנס האָט זיך געגומען טראָגן איבערן לאַגער די „בייס", אַז ער קומט אַלץ אָפטער אַריין צו גיטלען און מען האָט שוין געזען זייביידן עסנדיק צוזאַמען אוונטברויט...

אַ רעדע אַ גאַנצע גיט אַ קוועל ביי אַדירן. גיטל און חיליק, וואָס יעדער פֿון זיי האָט טראַגיש פֿאַרלוירן זיין פֿאַמיליע און היים, און דורכגעמאַכט אַזאַ היטלער־גיהינום; און חיליק איז פֿון קאַצעט נאָך אַלץ אַן אינוואַליד, און פֿון אַ מאָל נאָך אַ קנאַפּער חסיד פֿון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל; און די גיטל איז נאָך מבולבל פֿון אירע חורבן־איבערלעבענישן און ווייס בכלל ניט אויף וועלכער וועלט זי איז. און דאָך פֿירט זייער ביידנס וועג קיין ארץ־ישראל. וויפֿל מסקנות לאָזן זיך דאָ מאַכן!.. דאָס וויל ער, אַדירי, טאַקע באַזונדער באַטאָנען פֿאַר דעם מיסטער ניקל. אין עמיגראַציע־ענינים האַלט זיך דאָך זיין אַמעריקאַנער הילפֿס־אָרגאַניזאַציע ביי איר אַלטער „נייטראַלער ליניע" און אירע מענטשן ריידן נאָך צו די לאַגער־יידן אַוועקצוּוואַנדערן אַפֿילו הינטער די הרי־חושך... ער וועט אָבער גיין נאָך ווייטער אין זיינע רייד, אַדירי. ניין, דער ברודער פֿון ארץ־ישראל, גיטלס ברודער, איז ניט אומגערעכט. דער חורבן פֿון יידישן פֿאָלק איז טאַקע געווען שרעקלעך. ווייַנט מען זיך אויס, און ווייטער בויען. אַ מדינה איז בויען — עתיד!..

די אַלע רעיונות בלייבן אָבער ביי דעם אַלטן שליח אין בויך. אין זיין לאַנגזאַמען מסדר זיין זיך — לויפֿט אָן האַסטיק דער קול פֿון פֿליגלען:

— אַהאַ, אָבער איך שטעל אַלעמען אין שאָטן!..

חיליק, צו אים זיינען עס געווענדט די ווערטער. ער האָט אָבער נאָך ניט באַוויזן אַריינצוקוקן אין דעם דיקן זשורנאַל וואָס דער פּאָעט האָט אים געהאַט אַריינגעוואָרפֿן היינט פֿרי, און אַט פֿאָדערט ער שוין אַ באַשטעטיקונג אַז זיין לידל שטייגט דאָרט אַריבער די אַלע אַנדערע שרייבער... פֿליגל דאַרף אָבער גאָרניט וואַרטן אויף אַ הסכמה. צו ניקלען שיסט ער שוין:

— ביי אייך אין אַמעריקע, שרייט איר דאָך, געפֿינען זיך די בעסטע־גרעסטע יידישע ליטעראַרישע כוחות. מען זעט עס טאַקע פֿון דער שרעק־

לעכער טאַלאַנטלאָזיקייט אין אייערע זשורנאַלן און ביכער. קריג איך אַ פּעקל פון דעם מיסט, גיי איך אַרום אַ קראַנקער!

נעכטן האָט שוין ניקל געזען דעם פּאָעט אין אַ קאָכעניש און רייסע־ניש מיט מענטשן און ער האָט געהערט ווי מען רופט אים „קלאַסיקער". נאָכן אומקום פון אַזוי פיל יידישע שרייבער, פאַרשטייט ניקל, האַלט זיך שוין אַזאַ געוויס ווי אַ בן־יחידל אין דער ליטעראַטור און עס וואַקסן זיינע פּרעטענזיעס קעגן דער גאַנצער יידישער וועלט. על־כל־פּנים אין וועלטל פון דעם לאַגער פירט ער יע אַ ביסל אויס, ווי עס מערקט זיך; ניט אַלע ווילן זיך דאָ מיט אים איינרייסן און די אָנפירער זעען אים גאַנץ פיין צו. נעמט זיך שוין אַזאַ אויך מוט צו שדכנען זיך צו תמרן, דער וווּנדערלעכער באַאַמטין אין אָפיס; און ער זעט שוין אין איר נייעם דירעקטאָר, אָט אין אים, ניקלען — אַ קאָנקורענט!.. ענטפערט ניקל נאָר אויף די ליטעראַטור־טענות, וואָס דער פּאָעט גייט עס אַרום אַ קראַנקער פון די טאַלאַנטלאָזע שרייבער:

— קינדער. פלעגן מיר זיך זומערצייט פאַרגנבענען אין סאָד פון שטע־טלשן גלח אָדער פון פריץ און רייסן פון דיביימער וואָס האָט זיך געלאָזט. שפּעטער פלעגן מיר זיך דרייען אין שטוב פון ווייטאָגן און אויך מייקענען. פלעגט די מאַמע קרעכצן און זיך צעבייזערן: „מען פרעסט זיך אָן מיט אַלע אומצייטיקייטן און כאָליערעס. און נאָך דעם: גוואַלד, דער בויך!"..

— מיין שמוליק — זיפצט אָפּ גיטל ווי נאָר זי הערט פון קינדער און מאַמעס — שמוליקל איז קיין מאָל ניט געווען פון די אַרומלויפער און ניט פּאַסירט האָט, ער זאָל נעמען וואָס אין מויל אָן דער מאַמעס וויסן...

אַדירין געפעלט ביז גאָר דער משל פון אומצייטיקע פרוכט און בויכ־ווייטאָג. ווי נאָר ער באַקומט אַ פּאַקעט צייטונגען און ליטעראַטור פון ארץ־ישראל, איז פליגל דער ערשטער צום לייענען. אַ שלונג, און שוין מיט אַ סקאַנדאַל: „אַ מגיפה פון גראַפאָמאַניע, אָן אומקום!".. דער אַלטער פאַרשטייט אָבער ניט, וואָס פאַרא טענות צו דעם גאַסט קאָן שוין דאָ האָבן דער פּאָעט. עפּעס ווי פערזענלעכע תרעומות הערט זיך אַרויס פון זיין שרייען. פּרוווט ער אים באַרויקן און דערקלערן:

— מיסטער ניקל קומט טאַקע פון אַמעריקע, אָבער ער טראָגט ניט קיין אַחריות פאַר דער בעלעטריסטיק וואָס ווערט דאָרט געדרוקט. ווי דער

ניי־באַשטימטן דירעקטאָר פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע, דאַרפן מיר אים געוויס באַגריסן. געגנוג צו לייענען אין היינטיקן בלאַט פון זיין לאַנגיאָריקער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט!

צום אַלטן אַדירין האָבן עס אין דעם בלאַט באַזונדער אַ רייד געטאָן די בילדער. אַ פאָטאָ פון 1912 אין קיִעוו, זעט מען די מענטשן פון דעם ייִדישן קאָמיטעט צו העלפן די פאָגראָמירטע קהילות אין יענע יאָרן. איז דאָ אויך ניקל, נאָך גאָר אַ ייִנגל. און פון זעלבן יאָר אַ ריי בילדלעך פון זיינע נסיעות איבער די געליטענע מקומות. און אַ בילד ווידער פון קיִעוו ענדע 1913. אין סאַמע מיטן זיצט מענדל בייליס און לעבן אים אַדוואָקאַט גרוזענבערג און ראַבינער מאַזאָ און נאָך וויכטיקע פערזענלעכקייטן און גרויסע כלל־טוער. געוועזן איז עס באַלד נאָך דעם גרויסן פראָצעס פון עלילת־דם. שטייט דאָ ביי דער זייט צווישן עטלעכע יוגנטלעכע אויך ניקל, און אין אַ ווינקל בילד לייענט זיך נאָך קלאָר דער צושריפט פון בייליסן, וואָס דאַנקט אים פאַר זיין איבערגעגעבענער און נוציקער אַרבעט אין דעם קאָמיטעט לטובת זיין באַ־פרייִונג. און אָט פון דער ערשטער וועלט־מילחמה; שטייט ניקל אין אַ שטע־טל ביים פראָנט צווישן ייִדן מיט צעשראָקענע און פאַרזאָרגטע פנימער — אַ שפּיאָנאַזש־בילבול! אין שליחות פון די ייִדישע רעטונגס־קאָמיטעטן זעט מען אים אין דעמאָלטיקע בילדער ביי די גירושים פון פראָנט־ייִשובים און מיט עשאַלאָנען פּליטים. אַ גאָר אָנפּירנדיקן אָנזען האָט ניקל אין די ביל־דער פון 1919; ער ברענגט הילף די קרבנות פון די אוקראַיִנער פּאָגראָמען, אָרגאַניזירט אַן עמיגראַציע. אַליין קומט ער אויך בראש פון אַ גרופּע קיין ארץ־ישראל און איז מיט זיינע מענטשן פאָטאָגראַפירט אויפן ים־ברעג אין יפו.

אין די בילדער פון ארץ־ישראל קען שוין אַדירי אַ סך פערזענלעך פון די מענטשן וואָס ניקל האָט מיט זיי מיטגעאַרבעט. מען זעט אים צוזאַמען מיטן קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון די אַראַבישע אומרוען אין ירושלים אין יאָר 1920. אין אַ יאָר אַרום איז ער מיט אַ הילפס־קאָמיסיע אין יפו און אין נאָך פונקטן פון ארץ־ישראל. אַ פאָטאָ פון 1929 ווייזט ווי ער געזעגנט זיך ביים אַרויספאָרן זאַמלען געלט לטובת די קרבנות פון חברונער שחיטה. און ווידער בילדלעך ווי ער פירט אָן אין אַמעריקע אַ ברייטע טעטיקייט, און נעמט אַרבעטן פאַר די ייִדן אין דייטשלאַנד, און פאַר די קרבנות פון דער

צווייטער וועלט־מילחמה, און נאָכן גרויסן חורבן איז ער אַריינגעטאָן אין דער שארית־הפליטה. זעט מען ווי דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע דריקט אים די האַנט ביי זיין נסיעה איצט קיין איראָפּע און ווינטשט עס אים הצלחה אין זיין נייעם אַמט אַלס דירעק־טאָר אין דעם לאַגער. ער געזעגנט זיך אויך מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, און שטייט אויך פאָטאָגראַפירט ביי דער מצבה פון זיין ניט לאַנג פאַר־שטאָרבענער פרוי.

קאָן ניט פאַרשטיין אַדירי דעם קבלת־פּנים און בכלל די בייזע באַציִונג פון דעם פּאָעט צו אַ מענטשן מיט אַזאַ רייכן געזעלשאַפטלעכן עבר. פאַר־לויפט אים פליגל מיטן זעלבן בלאַט. אויך ער האָט געלייענט און געזען די בילדער. אָבער ער האָט זיין גאָר אַנדערן קוק אויף דעם גאַנצן לעבנסוועג פון אַזאַ ניקל און נאָך פון זיין גלייכן:

— אַ פּאָגראָמשטשיק!.. באַקאַנטע פאַרשוינען, מיטן פאָרטפעלכל פון פּאָגראָם צו פּאָגראָם, און מיט קרבנות־גרייטן אָנשטעל, און מיט פיינעם האָנאָראַר, און נאָך מיט דעם האָנאָר פון גרויסער עסקנות... איצט איז זיי צוגעפאַלן די שארית־הפליטה, וואָס איז פאַר זיי ניט מער ווי עפּעס אַ שארית־הבלאָטע. יאָרן וועלן זיי נאָך אַרומטאָפּטשען אַרום אונדז, די הייפלעך לעבן־געבליבענע, און מאַכן גאָלד!..

אַ גליקלעכע

— חבר אַדירי, ווי האַלט עס מיט די בילדער?

גיטל, זי באַמיט זיך עס מיט איר פלוצלינגער פראַגע אַרויסצושלעפּן די מענער פון זייער פאַרקראָכענעם שמועס, פון באַליידיקונגען און פאַרלוירע־נעם גלייכגעוויכט. און שוין איז דער אַלטער ארץ־ישראל־שליח אין אַן אַנ־דער וועלט. אויפגעשטראַלט, און גאָר ניט לאַנגזאַם אין זיינע רייד:

— מיין פּלאַן פון שאַפן אַ קונסטמוזיי אין אונדזער קיבוץ נעמט שוין ווערן רעאַל. געלט וועט אויך זיין. אַחוץ ארץ־ישראל האָב איך די הסכמה פון פּערזענלעכקייטן צו זיין מיטגלידער אין דעם קוראַטאָריום. מאָרגן האָט דאָך

אונדזער אָרטיקע קאָמיסיע אַ זיצונג. איך האָב געזען אין מינכען עטלעכע גאָר זעלטענע בילדער; דאַרפֿן מיר דאָ ברייטער אָרומריידן.

צופֿרידן איז גיטל וואָס די בלאָסקייט נעמט אָפּלאָזן ניקלס פּנים. אַדי־ריס רייד אינטערעסירן אים. ווי אַ פֿרישער דאָ אין לאַגער איז אים געוויס אומבאַקאַנט דער גאַנצער פּלאַן פֿון דעם אַלטן, און אפֿשר קען ער אים נאָך בכלל ניט און ווייס ניט פֿון זיינע כלערליי פּאַרטראַכטונגען און פּראָיעקטן... גייט שוין איצט אָן גיטלען דווקא אַ גראַבל צו טאָן פֿליגלען און אַרויסצוהאָבן גאָר קלאָר די סיבה פֿון זיין אָנפֿאַלן אויף ניקלען. דער מענטש האָט זיך דאָך נאָר ערשט באַוויזן אין לאַגער. זאָל טאַקע זיין וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערן אינטערעס צו תּמרן? אַזוי דערציילט מען פֿון דער באַגעגעניש וואָס ער, דער נייער דירעקטאָר, האָט געהאַט מיט זיינע אָפּיס־באַאַמטע. און היינט אין בלאַט איז צו זען אַז ער איז אַן אַלמן... דאַנקט גיטל אַדירין:

—גוט וואָס איר האָט מיר דערמאָנט פֿון דער זיצונג; איך וועל שוין ניט לאָזן פֿאַרגעסן אויך תּמרן און מיר קומען צוזאַמען.

ווי רויט פֿליגל איז געוואָרן! יע, זי זעט שוין גיטל... דאָס מויל עפֿנט אָבער חיליק. ער, דער פֿאַרן־אמת, איז מיט אַ טענה קעגן דעם גאַנצן פּלאַן:

— אַ מוזיי מאַכט מען אין אַ גרויסער שטאָט, אין אַ צענטער; אין ארץ־ישראל, פֿאַרשטיי איך, דאַרף עס זיין אין ירושלים, אין אַ תּל־אביב. אָבער אין אַ קיבוץ?.. חבר אַדירי דערציילט אונדז אַלץ, אַז אין אַ קיבוץ איז קונסט ניט סתּם אַ לוקסוס און אַז אַ קיבוצניק קאָן זיך ניט באַנוגענען אָנצו־קוקן אַ גוטן בילד נאָר ביי אַ געלעגנהייט. „כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם”, ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש!

— געוויס!.. — רעדט שוין פֿליגל, דער פּאָעט — אין דער פֿרי גייען אַרויס די קיבוצניקעס צו דער אַרבעט. נעמט איינער פֿליקן אָראַנזשן אין פּרדס, ערשט די פּרוכט פֿאַלט אים פֿון די הענט, צעקלאַפּט זיך אָן באָדן און טויג שוין ניט. עס ברעכן זיך ביי אים אויך די צווייגן און דער בוים נעבעך געשעדיקט. אַ צווייטן קיבוצניק גייט אים עפּעס היינט ניט אין שטאַל. צרות ביים מעלקן די קי; די מילך צעגיסט זיך. ביי אַ דריטן איז אין פֿעלד צע־לאָפֿן די סטאַדע. און ניט ווייט פֿון אים האָט זיך ביים טראַקטאָריסט געגעבן

אַ דריי די מאַשין און זיך איבערגעקערט און דער מענטש האָט קוים באַוויזן אַרויסצושפּרינגען אַ לעבעדיקער... וואָס האָט דאָ היינט פּאַסירט מיט די חברים? נעמט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאָרשן און הערט ניט וואָס באַזונדערש. די נאַכט זיינען די פיר חברים געשלאָפן נאָרמאַל; פאָרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט האָבן זיי אויך, ווי יעדן מאָרגן, געטרונקען קאַפע און צוגעביסן; אויפן געזונט האָט זיך קיין איינער פון זיי ניט געהאַט געקלאָגט. אָבער נאָך אַ טיפערער פאָרשעניש לאָזט זיך אויס, אַז איין חבר האָט פאַר דער אַרבעט ניט באַוויזן צו זען אַ געמעל פון רעמבראַנדט, אַ צווייטער האָט נאָר אויבנאויפיק געוואָרפן אַ קוק אויף אַ וואַן־גאָך, און די אַנדערע צוויי קאָנען ניט לעבן אָן די סקולפּטורן פון ראָדען!..

צווייפלט שוין ניקל גאָר שטאַרק אין דער מיינונג פון זיין ניו־יאָרקער הילפס־אָרגאַניזאַציע. ביי די הויכע אָדונים זיינען די יידן וואָס זיצן נאָך אין די לאַגערן פאָררעכנט ניט מער ווי פּאַראַזיטן, ווי שוין איינגעפּרעסענע אין דעם אָרט. אַ האַרטע קאָרע. וויסן ווילן זיי ניט, די אַמעריקאַנער, פון די באַזונדערע פּראָבלעמען, אומגעהייער טראַגישע, פון כמעט יעדן איינעם דאָ. און געוויס פאַלט זיי דאָרטן ניט איין אַז אויך דאָ גייען אַרום מענטשן מיט העכערע געפילן און האָבן אינטערעס אַפילו פאַר א קונסטזאַמלונג אין ארץ־ישראל. אויך די קעגנער פון דעם פּלאַן פּלאַפּלען ניט סתם. און די פאַנטאַזיע פון דעם פליגלען און זיין שילדערן!.. טראַכט ער שוין ניט, ניקל, פון די בייזע ווערטער וואָס אָט דער פּאָעט האָט פריִער אַ וואָרף געטאָן קעגן אים. דער נייער דירעקטאָר וויל דווקא ניט זיין מיט אַזאַ איינעם אין שלעכטע באַציִונגען. שמייכלט ער צו אים, און מיט אַן אייגל אויך צו אַדירין, ווי צו אַן אח־לצרה, וויביידע פון דער זעלבער מערכה:

— פון ארץ־ישראל אַ מענטש שטויסט זיך דאָ אויך אָן אויף אַ התנגדות... בכלל, ווי קוקן די לאַגער־יידן אויף די ארץ־ישראל־שליחים?

— פּאַזשאַרנע פערד... — טאַנצט אַריין חיליק פאַרן־אמת — ביי די פייערלעשער פלעגן די סוסים אָפּשטיין טעג גאַנצענע און דרעמלען. אָן אַלאַרם אָבער, אַ שריפה, זיינען זיי אין גאַלאָפּ. די קאַפּיטעס קנאַלן מיט פייער און די גריוועס אין דער לופטן!.. אַ סך פון די שליחים האָבן אומדערשראָקן אַריבערגעפירט אונדזערע מענטשן איבער גרענעצן, ווי העלדן זיך דורכ־

גערימען קיין ארץ־ישראל מיט שיפן אומלעגאַלע עולים און מיט געווער. אין דער וואָכעדיקער אַרבעט אָבער, אין דער טאָג־טעגלעכער, האָבן מיר דאָ ניט געזען זייערע גרויסע אויפטוען. מוחל די אָנגעבראַכטע פּאַרטיי־מעשיות און בטלנישע אַגיטאַציע!.. און צוריק אַהיים, פאַלן דאָס רוב שליחים ווי־דער אַריין אין די אידעאָלאָגיעס, חלומות. און אין די קיבוצים קייען זיי אויך ווייטער די שטרוי פון צורת־חיים, דאָס זוכן אַ לעבנס־פאָרעם...

ניטאָ קיין קשיות אויף פליגלען. חיליק האַלט נאָך אין ריידן, גיט ער זיך אַ ריס פון דער באַנק. וואָס גאָר פלוצלינג, וווהין טראָגט עס אים, — פרעגן ניט די וואָס קענען אים. ניקל אָבער שרייט נאָך :

— אַ פּאַראיבל ?.. אויף מיר דער פּאַראיבל ?..

— אַפילו דאָס אויך ניט !.. — קערט דער פּאָעט ניט אום דעם קאָפּ און איז שוין אין האַסטיקן גאַנג.

— נאָר ניט נתפּעל... — זוכט אַדירי אַ וואָרט פאַר ניקלען — אַ מתנה, מיט אַ פיינער מתנה קומט מען דורך מיט דעם קלאַסיקער, און גאַנץ אָפט...

באַלד זעט מען פון דער באַנק, אַז פליגלען האָט דאָ געגעבן אַ צי גאָר צו אַן אַנדער מתנה. תמר גייט ; מיטאָגצייט אין אָפיס. פליגל פאַרנעמט זיך צו דעם שטעג וואָס פירט צו איר צימער. דערזען אָבער די מענטשן אויף דער באַנק, נעמט זי זיך נענטערן אַהער. גראָד איז איר בליק און שמייכלדיק. זי ווענדט זיך צו ניקלען מיט אַ שטים וואָס קלינגט ווייט ניט מיט דער אומטערטעניקייט פון אַ באַאַמטן צו אַ שעף :

— וויפל מען צעזוכט אייך, מיסטער ניקל. און נייע פּאַפּירן אויף אייער טיש. אַ דירעקטאָר זאָל שוין דעם ערשטן טאָג ניט קאָנען איינזיצן !..

זי האָט בפירוש געזען פליגלען, איז ניקל זיכער. צוגעגאַנגען איז זי אָבער אַהער, צו אים. און אוודאי פאַרשטייט זי אויך, אַז יענער לויערט פון ווייטן... פילט זיך שוין ניקל אַ ביסל פאַמיליאַריש צווישן די מענטשן און זיין קוק איז דער עיקר אויף דיביידע פרויען. גיטל און תמר, ער ווייס שוין פון זייערע פערזענלעכע טראַגעדיעס ; און ביי יעדער פון זיי איז דאָס שרעק־לעכסטע פאַרבונדן מיט קינדער. ביי איינער האָבן די דייטשן דערהרגעט איר בן־יחיד און ביי דער צווייטער האָבן זיי אומגעבראַכט איר לעצטע

האפענונג אויף אַ קינד. ענלעך מסתמא אויך מיט אַנדערע פרויען וואָס זיצן נאָך אַלץ אין דעם לאַגער... לאָזט זיך שוין ניקל אין מאַכן אַן אויספיר:

— אַ בשותפותדיקער גורל, מיין איך, בינדט דאָ צוזאַמען, מיין איך, די פרויען. יעדערע מיט איר פיין; און הערצער צוזאַמען פילן זיך לייכטער, פאַרשטייען זיך... אַ בשותפותדיקער גורל, מיין איך...

— מיסטער ניקל — האַקט אים איבער תמר — אויך אין אַ שותפות פלייסט זיך אָפט יעדער איינער צו באַטאָנען זיין באַזונדערקייט, אַרויסשטעלן דער עיקר זיך און אַרונטערקוקן אויף דעם צווייטן... ווי באַלד אַז איך האָב ניט זוכה געווען צו האַלטן אַן אייגן קינד אין מיינע אָרעמס, און דערצייל ניט כסדר ווי מיינע קינדער זיינען געווען געראָטן און ווי זיי זיינען אומגעקומען, הערן מיר דאָ ניט אויף די געוועזענע מאַמעס אויפצוואַרפן, אַז איך בין סתם אַ גליקלעכע. יע, אַ גליקלעכע... נאָך נעכטן האָט מיר אַ גאַר נאָענטע פריינ־דין געזאָגט — און תמר קערט אַוועק די אויגן פון גיטלען — פילאָסאָפיש האָט זי מיר געוואָלט דערקלערן, אַז מיין אומגליק איז אַ „ניט־קאָנקרעטס״; יע אַ צרה, אָבער אַ „ניט־קלאָגבאַרע״. שטיק איך און שטיק אין זיך, איך די גליקלעכע...

ניקלס אָפן מויל, אין וואַרטן אויף נאָך רייד פון תמרן, שליסט זיך מיטן געריטש וואָס גיט זיך אַ שניט פון לעבן אַ באַראַק. אַ געלאַף מיט אַ טומל:

— אַ פאַל געטאָן דער פאָעט!.. אַזאַ צאַפּל און כאָרכל!.. ווי אַ טויטער!..

— די גוטע פאַליקע, און ווידער וועגן אַ פרוי, זיין אַלטע געשיכטע!..

— שפרינגט אויף גיטל פון דער באַנק, און מיט איר חיליק.

אין סעקונדע איז ניקל נאָר אַליין. אויך אַדירי אין געלאַף. ווי תמר איז ניט געוואָרן, האָט ער אַפילו ניט באַמערקט. אַזוי טרייסלדיק איז זי אָט אין לויפן און דאָס פנים קאַלך. און אָט קניט זי זיך איבער פליגלען... טריט נאָר געציילטע זיינען פון דער באַנק גיטל און חיליק. אין האַסט האָט זיך ביי דעם אינוואַליד אַ רוק געטאָן די קוליע און ער איז צוזאַמען מיט איר אומ־געפאַלן. צוריק זיך געשטעלט, הערט זיך זיין קול:

— אַ פּאַגראָמשטשיק. טאַקע פאַר פליגלען... ס'האַרץ אים געזאָגט!

ניקל קוקט נאָך ווי די צווײ ציִען זיך צום באַראַק. און זיי וועלן ביידע חתונה האָבן, איז ער זיכער. „צווײ מתים גייען טאַנצן" — זאָגט עס חיליק אויף זיך אַליין מיט גיטלען. האָט ער, ניקל, אויך אַרייגעטאַנצט אין דער מתים־קאַפּעליע פון לאַגער און — פּאַגראַמירט. צונעמען וויל ער דאָך פון איינעם אַ קלאַסיקער זיין גליקלעכע !..

אינהאַלט

שער־האריות	9
שקר והבל	21
אַ ספר אַן גרייזן	66
ציגיינער־ווייזען	85
זשורנאַליסטיש בלוט	88
תשליך	91
איך שעם זיך	95
בוך און ביקס	99
פרעמדלינג און העפטלינג	106
האָנאָראַר	114
דיווידענדן	119
לאַגער שטעכינהאַרץ	125
איאַ אַ שטעטל ?	128
בלומען, בלומען	133
מוזיקאַנטן שטורעמען	138
אַ צייטונג, אַ צייטונג	151
דאָך ניט קיין מומיעס	154
קאָנגרעסיש	157
אין שול אַריין	164
זאַמלען און פאַרצייכענען	170
סובּ־היסטאַרישע קהילות	176
אונדזער משיחיזם־גאַסט	181
נבואה אויפן שנירל	189
אַן אַ שטערן	193
טויטער גערανגל	198
ביטול האש	210
האַרטע קאָרע	221

פון זעלבן מחבר:

אין דער טאָג־טעגלעכער היסטאָרישער אַרבעט

מינכען 1947

דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם

מינכען 1949

שלאַך און אומוועג

תל־אביב 1964

רעדאַקטירט:

"פון לעצטן חורבן"

צייטשריפט פאַר געשיכטע פון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים

מינכען 1946—1948